STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06450

ZINGERS UN ZOGERS

Yitshak Goldkorn

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יצחק גאָלדקאָרן

☆

זינגערס און זאָגערס



יצחק גאלדקארן

יצחק גאָלדקאָרן

זינגערס און זאָגערס

עסייען

פאַרלאַג „המנורה" תל־אביב
תשל"א — 1971

ITZCHAK GOLDKORN

SINGERS AND SAYERS

ESSAYS

י. גאָלדקאָרן / זינגערס און זאָגערס

פאַרלאַג „המנורה", רח' זנגביל 24, תל־אביב, ישראל
"Hamenora" Publishing House,
24, Zangwill St. Tel-Aviv, Israel

©

Printed in Israel 1971 — נדפס בישראל, תשל"א

דפוס „אור" בע"מ, טעל.: 822481. שדר' הר־ציון 104

א י ר ע נ ע ן

מיינע ליבע פריינט,
אברהם און לעאָנאַ פינקלער —
מיט דאַנק פאַר זייער מיטהילף
ביים אַרויסגעבן דאָס בוך.

אינהאַלט:

שרייבערס און ווערק

ערַאזמוס און די מאָדערנע וועלט 11
שעקספּיר פון אַלע צייטן 24
וואָלטערס „הומאַניסטישער" אַנטיסעמיטיזם 35
שעלי — די שוואַלב פון פרייהייט 54
די גאָנקורס — מייסטערס פון ליטעראַרישן לשון־הרע 63
ראָמען ראָלאַן אינמיטן קאַמף 73
גאַבריעלע ד'אנונציאָ — „דער יוחנן המטביל פון פאַשיזם" . . 100
דאָסטאָיעווסקי אין ליכט פון זיינע בריוו 108
ב. טראַווען און זיין עקזאָטישע דזשונגל־וועלט 120
סטיינבעק — עפּיקער פון די גראָע מענטשן 130
אַנדרעי מאָרואַ — דער ראָמאַניסט־ביאָגראַף 135

ליטעראַטור־ און קולטור־פּראָבלעמען

די פּראָבלעמאַטיק פון פּלאַגיאַט 151
וועגן שרייבער־האָנאָראַר 159
אַן אַלטער מחבר וועגן סטיל 163
די עפּאָכע פון אַנטי־אוטאָפּיע 168
ווידערשפּרוכן צווישן אַ שרייבערס ווערק און זיין לעבן . . . 176
פּעסימיסטישע טענדענצן אין דער וועלט־ליטעראַטור 183
וועגן רום און אייביקייט 191
די קללה פון גערויש 196
מאָדערניזם, מאָדע — און פאַלשער „אַוואַנגאַרד" 200
דער קריטיקער ווי אַ ליטעראַטור־ריכטער 206
דער ווערט פון ליטעראַטור־קריטיק 212
איבערפּראָדוקציע פון ליטעראַטור 218
בריוו און טאָגביכער 224
דער עסיי 243
די ליטעראַטור פון אַבסורד 249

פּאָלעמיש

סוזאַן זאָנטאַגס „קרייצצוג" קעגן דער ווייסער ראַסע 259
צו דער דיסקוסיע אַרום יעזשי קאָשינסקיס „דער געפּאַרבטער פויגל" 265
אַ ליבערום וועטאָ 272
דעם פּאָגראָם אויף יידיש און יידיש־שפּעררס אין ראַטנפאַרבאַנד . 274
אונדזער ווידערשטאַנד 277
אַ גוטע נאַכט! 287
אַ קולטור פון קאָנגרעסן 290
פון דאָ און דאָרט 295
פון נאָנט און ווייט 297
ניואַנסן און וואַריאַציעס 301
אַ שרייבנדיקער „פּיליבוסטער" 303
דער „צדיק אין פּעלץ" 305

רייזע־באַשרייבונגען

אַ באַזוך אין טאָראָס הויז 309
הינטערן גלאַנץ פון אייראָפּעאישע פּאַלאַצן 314
צו גאַסט ביי שפּינאָזאַן 320

רעפעראַטן

סאָציאַל־משיחישע טענדענצן אין דער וועלט־ליטעראַטור . . 331
שלום־עליכמס פאַרכישופטע וועלט 366
יידיש: היינט און מאָרגן 383

שרייבערס און ווערק

עראַזמוס און די מאָדערנע וועלט

א

דעזידעריוס עראַזמוס, באַקאַנט אַלס עראַזמוס פון ראָטערדאַם, וועמענס 500סטער געבוירנטאָג איז לעצטנס געפייערט געוואָרן, איז געווען אַ קאָמ־פליצירטע פּערזענלעכקייט און שרייבער, וואָס האָט אָפּגעשפּיגלט אין זיך די איבערגאַנג־עפּאָכע אין וועלכער ער האָט געלעבט און געשאַפן.

אַ קאַטוילישער גייסטלעכער, טעאָלאָג, פאָרשער און קאָמענטאַטאָר פון די קריסטלעכע טעקסט־ביכער, קלאַסישער פילאָלאָג, עסייִסט, מאָראַ־ליסט און סאַטיריקער — דאָס זיינען די הויפּט־אַספּעקטן פון זיין רייכער און פילפאַרביקער פּערזענלעכקייט. וואָס שייך זיין באַדייטונג אַלס טעאָלאָג און קריטיקער־קאָמענטאַטאָר פון דער קלאַסישער קריסטלעכער ליטעראַטור, האָט דאָס פאַר אונדז בלויז אַ באַדייטונג אין דעם וואָס ער איז געווען אַ פּרייזינ־קער מאָנאַך און אַנטי־קלעריקאַלער טעאָלאָג. די סתירות פון אַזאַ באַצייכע־נונג קענען דערקלערט ווערן סיי מיט ספּעציפישע באַדינגונגען פון דער עפּאָכע און סיי מיט זיין קירכלעכער דערציִונג פון אַ „תינוק שנשבה״. קודם כל האָבן אין די קריסטלעכע אינסטיטוציעס פון מיטלאַלטער, אונטערן אַש פון יאָרהונדערטער — אַלטע דאָגמעס און אָבערגלויבן, געטליעט פונקען פון געלערנטקייט. אויך האָט אַפילו אַזאַ פרייער גייסט ווי דער האָלענדישער הומאַניסט, נאָך אַלץ זיך נישט אין גאַנצן געקאָנט באַפרייען פון זיין צייט און סביבה. וואָס שייך זיינע סוביעקטיווע באַדינ־גונגען, איז ער, אַלס יתום, דערצויגן געוואָרן קעגן זיין ווילן אַלס מאָנאַך און גלח. ערשט אין זיינע מיטעלע יאָרן האָט ער זיך באַפרייט פון דעם גייסטלעכן שטאַנד דורך אַ ספּעציעלער דערלויבעניש פון פּויפּסט.

באַשרייבנדיק שפּעטער מיט כאַראַקטעריסטישער שאַרפקייט זיינע יוגנט־יאָרן, האָט עראַזמוס זיך אויסגעדריקט, אַז זיינע אַפּוטרופּסים האָבן געזיגט אַ דאַנק זייערע נידעריקע מעטאָדן. „מיט עקל אין האַרץ און מיט פּראָטעסט־ווערטער איז דער יונגערמאַן (מיינענדיק זיך) געצווונגען גע־וואָרן אָנצוטאָן דעם מאָנאַכן־מאַנטל, פּונקט ווי געפאַנגענע אין קריג שטרעקן אויס זייערע הענט צום זיגער געבונדן צו ווערן... דער יונגערמאַן האָט געטאָן דאָס זעלבע וואָס מענטשן טוען אין אַ תפיסה — ער האָט זיך געטרייסט מיט שטודירן״...

ווי דער אָנגעזעענסטער און איינפלוסרייכסטער פאָרשער און קאָמענ־טאַטאָר פון אַלטערטימלעכע שפּראַכן און ליטעראַטורן, קירכלעכע און וועלטלעכע, און „פּראָטעזשע״ פון קעניגן און פּויפּסטן — האָט דאָך עראַזמוס געמוזט כסדר פירן אַ פאַפּירענע מלחמה קעגן די קאַטוילישע און שפּעטער פּראָטעסטאַנטישע, קרייזן, וואָס האָבן אים באַשולדיקט אין אַפּיקורסות.

אין איינער פון זיינע פאַרטיידיקונג־שריפטן האָט ער, ווי דער שטייגער, זיך דערקלערט ווי אַ שטרענג־גלויביקער קריסט און אין דער זעלבער צייט געוואָגט זיך אויסצודריקן, אַז „דער נאָמען פון רעליגיע ווערט באַנוצט ווי אַ מאַסקע פאַר אָבערגלויבן, גאָטלאָזיקייט, שטות און ריקזיכטלאָזיקייט״.

עראַזמוס האָט אין זיינע ווערק, אויך אין די וועלטלעכע, זיך כסדר באַוואָרנט קעגן דער געפערלעכער באַשולדיקונג אין אַפּיקורסות, וואָס איז דאַן געווען אַ שפּיל מיט פייער, נישט אין „מליצהשן״ זין, נאָר טאַקע בפועל ממש. און זייט ביי זייט מיט זיינע שאַרפע אַנאַליטישע אויפלייזונגען פון די פאַרשיידענע דאָגמאַטישע סובסטאַנצן, האָט ער זיך פאָרמעל גע־שטעלט אין דער ראָל פון אַ פיעטעטפולן קריסט, מיט האַרץ און נשמה איבערגעגעבן צו די עיקרים פון דער קריסטלעכער אמונה. מען דאַרף אָננעמען, אַז דער אַני־מאמין איז געווען סיי אַ רעזולטאַט פון זיין דאגה פאַר פערזענלעכער זיכערקייט און סיי אַן אמתער אויסדרוק פון אַ פינטעלע גלויבן, הגם דאָס „פינטעלע״ איז וואַרשיינלעך געווען אַ געמיש פון דעיִסטישע און אַגנאָסטישע פּרינציפּן, מיט וועלכע עס האָבן שפּעטער

זיך געראַנגלט אַזעלכע קאָמפּליצירטע פּערזענלעכקייטן ווי, וואָלטער, רוסאָ און טאָלסטאָי. מען קאָן אגב אין דעם זין לגבי עראַזמוסן פּאַראַ־פראַזירן זיין אייגענעם שאַרפן זאָג:

דער נאָמען קריסטנטום איז ביי אים געווען אַ נויטווענדיקע מאַסקע פאַר אַן אומבאַשטימט פינטעלע גלויבן אין אַ העכערער קראַפט און פאַר אַ באַרג מיט „אַפּיקורסות״: הומאַניסטישע וויזיע, שאַרף־סאָציאַלע סאַטירע און ראַציאָנאַליסטיש־פּראָגרעסיווע געדאַנקען וועגן וועלט און מענטש.

ב

עראַזמוס׳ טיפער הומאַניזם און סאָציאַל־פּראָגרעסיווע אידייען זיינען געקומען צום אויסדרוק אין זיינע וועלטלעכע ווערק: „אין לויב פון שטות״ (אָדער לייכטזין), „אַדאַגיאַ״, (שפּריכווערטער), „קאָלאָקוויאַ״ (שמועסן, דיאַלאָגן) און פאַרשיידענע קלענערע ווערק.

(עראַזמוס האָט זיינע ווערק געשריבן אויסשליסלעך אין לאַטיין, וואָס איז אין זיין צייט און אויך שפּעטער געווען די אינטערנאַציאָנאַלע שפּראַך פון וויסנשאַפטלערס און קולטור־מענטשן).

„אין לויב פון שטות״ איז הויפּטזאַכלעך אַ שאַרפע סאַטירע אויף די אייביק מענטשלעכע שוואַכקייטן, ווי זיי האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין די ספּעציפישע באַדינגונגען פון זיין עפּאָכע. באַזונדערס האָט ער נישט געזשאַלעוועט קיין בייסיקע ווערטער אויף דעם סכאָלאַסטישן שפּינוועב, וואָס האָט זינט יאָרהונדערטער „געבליט״ אויף די חורבות פון פרייען געדאַנק.

אין די „שמועסן״ קומען צום אויסדרוק בילדער און סצענעס פון טאָג־טעגלעכן לעבן און ס׳ווערן באַהאַנדלט פאַרשיידענע רעליגיעזע, סאָציאַלע און קולטור־פּראָבלעמען. מען געפינט דאָרט דיאַלאָגן, וואָס באַ־האַנדלען אַזעלכע ענינים ווי חתונה און געשלעכט־פּראָבלעמען (די „פיקטיווע חתונה״, „פלירט״, „די נייע מוטער״, און ענלעכע) סאַטירע אויף קריסטלעכן דאָגמאַטיזם, גייסטלעכקייט און גאָר באַזונדערס, די פאַרשיידענע מאָנאַכן־אָרדנס („די פרומע סעודה״, „די לוויה״ א״אַ);

אינטערעסאַנטע שילדערונגען פון שטייגער לעבן אין 15טן און 16טן יאָרהונדערט („גאַסטהייזער", „ספּאָרט", „אַלכעמיע", „דער שווינדלע־רישער פערד־הענדלער" און אַנדערע). אין די אַלע שאַפונגען, וואָס זיינען אייגנטלעך עסייען אין דראַמאַטיזירטער פאָרם, קומט צום אויס־דרוק דער הומאַניזם פון דעם מחבר און זיין באמת מאָדערניסטישער ליבעראַלער בליק, וואָס איז ווייט פאָרויסגעגאַנגען זיין עפּאָכע.

באַזונדערס אינטערעסאַנט פאַר דעם סאָציאַליסטישן אַספּעקט פון עראַזמוס׳ שאַפן איז זיין „אַדאַגיאַ". אין דעם ווערק האָט דער געוואַלדיקער ערודיט צונויפגעזאַמלט אַרום 4 טויזנט שפּריכווערטער, אַפאָריזמען פון די קלאַסישע ליטעראַטורן — לרוב גריכיש און לאַטיין — און זיי באַנוצט ווי אַן אידיישע קאַנווע, אויף וועלכער ער האָט אויסגעהאָפטן זיינע סטיליסטיש־שיינע און מאָראַליש־דערהויבענע געדאַנקען און געפילן. שוין די אָריגינעלע אַפאָריזמען אַליין זיינען ווונדערלעך אין זייער באַחנטער קאָנדענסירטער פאָרם, פאַרשטעלנדיק מיט זיך דעם קווינטעסענץ פון טויזנט־יאָריקער חכמה, סיי ווי אַ פּראָדוקט פון קאָלעקטיווער שאַפונג, אויסגעדריקט דורך דעם „פאָלקס מויל", און סיי ווי געדאַנקלעכע בליצן פון די אַלטע קלאַסישע מחברים, לרוב גריכישע און רוימישע.

אָבער אויף דער באַזע האָט עראַזמוס אויפגעבויט זיינע אייגענע בנינים אין דער פאָרם פון טרעפלעכע קאָמענטאַרן — עטימאָלאָגישע און מאָראַלישע — וואָס באַשטייען מערסטנטיילס פון עטלעכע פּאַראַגראַפן. עס זיינען אָבער דאָרט אויך פאַראַן גרעסערע אָפּהאַנדלונגען, וואָס פאַר־נעמען צענדליקער זייטן, און יעדע עסיי איז אַ „פירוש" אויף איין אַפאָריזם.

סאָציאַלע גערעכטיקייט, פרייהייט און שלום — דאָס זיינען די הויפּט־מאָטיוון אין די „שפּריכווערטער" און אויך, אין אַ באַדייטנדיקער מאָס, אין זיינע אַנדערע וועלטלעכע ווערק.

קאָמענטירנדיק אַ ווערטל פון סענעקאַ, אין זיין סאַטירע קעגן קלאַודיוסן — „אַ קעניג אָדער אַ נאַר ווערט מען געבוירן" — ברענגט עראַזמוס געשיכטלעכע אילוסטראַציעס, וואָס באַשטעטיקן דעם „סמיכת הפרשות" פון דעם אַפאָריזם. ער הייבט אָן פון דעם פּערסישן קסערקסעס, וואָס האָט באַפעלט צו געבן „מלקות" דעם... העלעספּאָנט (די דאַרדאַנעלן),

צוליב אַ שטורעם אין וועלכן ס׳איז באַשעדיקט געוואָרן דער פּערסישער פלאָט, און רעכנט אויס די „שטיק״ פון אַלעקסאַנדערן, „לאַזנדיק אין אַ זייט די דיאָניזאָסעס, פּטאָלעמיס, יוליוסעס, נעראָס, טיבעריוסעס, קאַלי־גולאַס... פון וועלכע איינער האָט זיך באַצייכנט ווי אַ גאָט, אין דער צייט ווען ער איז געווען אומווירדיק צו טראָגן דעם נאָמען מענטש. אין משך פון פיל יאָרהונדערטער זייגען ס״ה געווען 1 אָדער 2 מאָנאַרכן, וואָס האָבן נישט צוליב טיפּשות געברענגט אומגליק צו די מענטשן...

אין אַ קאָמענטאַר אויף דעם ווערטל, „באַלאַסטן מיט שטיינער אַ טויטן״, שרייבט ער קעגן אָנזאַמלען רייכטום דורך אַלע מעגלעכע מיטלען, באַזונדערס פון די קירכלעכע און וועלטלעכע דיגניטאַרן. ער אילוסטרירט דעם אַפאָריזם, וואָס שטאַמט פון אַריסטאָטלעס „רעטאָריק״, מיט וועספּאַ־זיאַנס באַרימטן זאָג: „געלט ׳פּילט׳ זיך נישט״, וואָס ער האָט געגעבן אַלס ענטפער אויף דעם פאָרוווּרף פון זיין זון טיטוס, אַז ער האָט איינגעפירט אַן אָפּצאָל פאַר באַנוצן די ציי־אויפגעבויטע עפנטלעכע קלאָ־זעטן. עראַזמוס דערציילט דערביי, ווי אַ ביישפּיל פון ריקזיכטלאָזער עקספּלואַטאַציע, פון זיין פּערזענלעכער דערפאַרונג, ווען ער האָט געלעבט אויפן לאַנד, לעבן באָלאָניאַ, איטאַליע, וואָס האָט זיך געפונען אונטער דער הערשאַפט פון פּויפּסט יוליוס דעם 2טן. ער ברענגט דעם פאַקט, וואָס ער האָט בייגעוווינט, ווען אָרעמע פּויערים, וועמענס גאַנצער פאַרמעגן איז געווען — 2 אָקסן, און האָבן נישט געהאַט גענוג צו שפּייזן זייערע פאַמיליעס, האָבן נאָך געמוזט צאָלן שטייערן, צו אַ דוקאַט פאַר יעדן אָקס.

אין אַ קאָמענטאַר אויף דעם שפּריכוואָרט, „דער אינסעקט זוכט דעם אָדלער״, פאַרגלייכט ער דעם מערדערישן אַפּעטיט פון דעם רויב־פויגל מיט די דרכים פון קעניגן:

„דער קעניג פון די פייגל האָט בלויז 2 אויגן, 1 שנאָבל, עטלעכע רייס־נעגל און 1 מאָגן... אָבער אונדזערע „אָדלערס״ האָבן פיל אויערן (אונטער־הערערס), אויגן (שפּיאָנען), נעגל (פון באַאַמטע)״...

ווען מען שטעלט אַריין דעם נאָמען „דיקטאַטאָרן״ אַנשטאָט „קעניגן״, באַקומט זיך אַ גאָר טרעפלעכע און אַקטועלע סאַטירע אויף דעם מיסברויך פון מאַכט, וואָס איז באַזונדערס פּאַסיק פאַר אונדזער יאָרהונדערט.

אַ באַזונדערס שאַרפֿן אָנגריף קעגן פּאָליטישער אונטערדריקונג און אַ פֿייערדיקן רוף פֿאַר סאָציאַלע גערעכטיקייט געפֿינען מיר אין זיין פּירוש־עסיי אויף דעם שפּריכוואָרט, „ווי אַ גערשטנקאָרן איז פֿאַרבונדן מיטן אויג" ווו ער דונערט קעגן — פּרינצן און דיגניטאַרן, וואָס זיינען — „אומדערזעטלעך אין זייער גיריקייט, קאָרומפּירט אין זייערע אַפּעטיטן, בייזוויליק אין זייער אַכזריות, אוממענטשלעך אין זייער דעספּאָטיזם — אמתע שונאים פֿון עפֿנטלעכן ווילזיין און שאָסיי־רויבערס, באַוואָפֿנטע פֿאַר דער צעשטערונג פֿון דער געזעלשאַפֿט נישט בלויז מיט געוויינלעכע כלי־זיין, נאָר מיט נייע טעכנישע דערפֿינדונגען, וואָס קיין דיאָניזאָס און קיין פֿאַלאַריס האָט פֿריער נישט דערפֿונדן... ס'איז פֿאַרבליבן נאָר איין וועג צו ראַטעווען די וועלט פֿון שיפֿברוך — אַז די טיראַניי פֿון די אין מאַכט זאָל געהאַלטן ווערן אין צוים דורך אַ געהעריקן אָפּמאַך און קעגנזייטיקער פֿאַרשטענדיקונג צווישן בירגער און מלוכות. ס'איז אַ זאַך פֿון ערשטראַנגיקער וויכטיקייט צו צעשטערן אָט די טיראַניי".

האָבן מיר אין דעם פּאַראַגראַף אַ רירנדיקן דאָקומענט פֿון הומאַניס־טישן פּיאָנערנטום פֿון קרוב 500 יאָר צוריק, אַן אויסדרוק פֿון דעמאָקראַ־טישע אידעאַלן און פֿון אומגעוויינלעך־דרייסטע פֿאָראורטיילונג פֿון דעס־פּאָטישע רעזשימען. עראַזמוס דערשיינט דאָ ווי אַ באַגייסטערטער פֿאָר־לויפֿער און אָנזאָגער פֿון די פּרינציפּן, וואָס זיינען געוווען די אידייִשע זוימען פֿון די גרויסע פֿראַנצויזישע און אַמעריקאַנער רעוואָלוציעס און זיינען געבליבן די ווינקלשטיינער פֿון דער דעמאָקראַטישער געזעלשאַפֿט: אַז די מאַכט פֿון די הערשערס מוז קאָנטראָלירט ווערן דורך די בירגערס. און נישט נאָר זעט מען אין די שורות אַזאַ אמת־הומאַניסטישן און מאָדערן דעמאָקראַטישן גייסט; עס שטראַלן אויך אויס פֿון זיי אילוזיעס, אָנונגען, וואָס זיינען גאָר באַזונדערס נביאיש פֿאַר אונדזער „משקולת"־וועלט, ווען דער גורל פֿון דעם כדור־הארץ מיט זיינע ביליאָנען איינוווינערס איז באַדראָט נישט אַזוי פֿון די „קאָנווענציאָנעלע" וואָפֿן, נאָר פֿון די „נייע טעכנישע דערפֿינדונגען" — די שווידערלעכע אַטאָמישע מעגאַטאָנען.

עראַזמוס האָט באַגריפֿן דעם דעמאָקראַטישן אידעאַל נישט בלויז ווי

אַ פּרינציפּ פון פּאָליטישער פרייהייט, נאָר אויך פון סאָציאַלער גערעכטי־קייט אין דער פאָרם פון אַ „פעיר דיל״ פאַר די אָרעמע פאָלקסמאַסן.

ער קריטיקירט דעם קאָמערסאַנטן־קלאַס פון זיין צייט, וואָס האָט, לויט אים, גאָרנישט הייליקס, „סיידן פינאַנציעלן פּראָפיט, צו וועלכן זיי גיבן זיך איבער מיט לייב און לעבן ווי צו אַ גאָט. דורך דעם (געלט) מעסטן זיי פרומקייט, פריינדשאַפט, כבוד, רעפּוטאַציע״...

אין איינעם פון זיינע פריסטע ווערק, „אינסטרוקציעס פאַר אַ קריסט־לעכן פּרינץ״, אַ מין מאָראַלישער וועגווייזער פאַר דעם יונגן קעניג קאַרל פון שפּאַניע (שפּעטער, אַלס קאַרל דער 5טער — הויפּט פון דער „הייליקער רוימישער אימפּעריע״), האָט דער גרויסער הומאַניסט זיך באַזונדערס אָפּגעשטעלט אויף סאָציאַלער גערעכטיקייט אין שייכות מיט דער מאַטע־ריעלער לאַגע פון דער אָרעמער באַפעלקערונג. ער האָט געוואָרנט דעם קעניג, אַז „צווינגען די אָרעמעלייט צו הונגער און צו דער תליה איז נישט בלויז אוממענטשלעך, נאָר אויך געפערלעך... עס דאַרף אויסגעמיטן ווערן אַ צו גרויסע אומגלייכהייט פון פאַרמעגן... עס מוז געזאָרגט ווערן, אַז דאָס פאַרמעגן פון דער גאַנצער באַפעלקערונג זאָל נישט קאָנצענטרירט ווערן ביי עטלעכע יחידים״...

ענלעכע פאָרגעשריטענע פּאָסטולאַטן געפינט מען אויך אין זיינע אַנדערע ווערק, וואָס שטעלן אַרויס דעם אויפגעקלערטן הומאַניסט ווי אַ פאַרטיידיקער פון די פאָלקסמאַסן — נישט בלויז אין פּאָליטיש־קולטורעלן זין, נאָר אויך אין סאָציאַל־עקאָנאָמישן.

ג

צווישן אַלע זיינע הומאַניסטישע אידעאַלן פון קולטורעלן און סאָציאַלן פּראָגרעס, איז ביי עראַזמוסן דער צענטראַלער פּונקט — די וויזיע פון אוניווערסאַלן שלום און דער קאַמף קעגן דעם מלחמה־געשפּענסט. עס וועט אפשר נישט זיין קיין גוזמא צו זאָגן, אַז ער געהערט צו די גאָר־זעלטענע שרייבערס און דענקערס אין דער וועלט־ליטעראַטור, ביי וועמען דאָס פּראָבלעם פון שלום פאַרנעמט אַזאַ וויכטיקן פּלאַץ אין זייערע שריפטן.

נישט פאַראַן כמעט קיין ווערק, ווו ער זאָל נישט באַרירן אָט־דעם פּראָבלעם. ער האָט געשטורעמט מיט נביאישן פייער קעגן די גרוילן פון די לעגאַליזירטע מאַסן־רציחות און נישט דורכגעלאָזן קיין געלעגנהייט זיך צוריקצוקערן צו דער פראַגע. אַחוץ דער ספּעציעלער אַנטי־מלחמה־בראָשור, „די אָנקלאַגע פון שלום", האָט ער דער „אייביק־ברענענדיקער פראַגע" אויך געווידמעט זיינע גרעסטע עסייען אין די „אַדאַגיאַ". אין דער אויבן דערמאָנטער בראָשור, „אינסטרוקציעס פאַר אַ קריסטלעכן פּרינץ", האָט ער דערקלערט דעם יונגן קעניג, אַז אַ גוטער הערשער מעסט אַלע זאַכן לויט זייער נוצן פאַרן פאָלק, און אַז „אויב עס אַנטשטייען סכסוכים צווישן מאָנאַרכן, פאַר וואָס זאָלן זיי זיך נישט ווענדן צו פאַרמיטלערס?... ס'זיינען פאַראַן אַזוי פיל העכערע גייסטלעכע, געלערנטע, ריכטערס, דורך וועמענס אורטייל אַזאַ ענין קאָן פיל אָנשטענדיקער געלייזט ווערן, ווי דורך אַזוי פיל מאָרד, פלינדערונג און אומגליק פאַר דער וועלט".

אין דער ווענדונג קלינגט באַזונדערס דערפרישנדיק און הייגטצייטיק אַקטועל די וויזיע פון אַן אינטערנאַציאָנאַלער אַרביטראַזש־אינסטאַנץ, וואָס זאָל לייזן אויף אַ פרידלעכן אופן די שטרייטיקייטן צווישן מלוכות מען זעט דאָ אויך דעם גרויסן דענקער־מאָראַליסט און סאָציאַל־עטישן קעמפער, וועמענס בליק אַנטפּלעקט ווייטע האָריזאָנטן און וואָס קומט מיט לייזונגען, וועלכע זיינען איצט פאַקטיש די איינציקע פאַרהיטונג־מיטלען קעגן אַלגעמיינעם „שיפברוך".

אין אַ קאָמענטאַר צום ווערטל, „די פריגיער זיינען קלוג צו שפּעט", ציטירט ער פּלוטאַרכן, אַז די אַטענער האָבן קיין מאָל נישט געשלאָסן קיין שלום, אויסער אין פאַל פון אַ נאַציאָנאַלן אומגליק. ער באַמערקט דערביי: „וויפל זיינען מיר מער חסר־דעה פון די אַטענער, ווייל אַפילו נאָך די לעקציעס פון אַזוי פיל יאָרן פוןליידן, האָסן מיר נישט דעם קריג, און מיר טראַכטן אַפילו נישט צו דענקען וועגן פרידן, וואָס דאַרף זיין אַ פּערמאַנענטער". אַרומנעמענדיק דעם אויסדרוק, „מלחמה אָן מורא", דערקלערט ער, אַז דאָס מיינט אַ וואָרט־שטרייט, וואָס איז דער איינציקער אופן פון פירן מלחמה צווישן קלוגע מענטשן. וואָס שייך באַוואָפנטע

קאָנפליקטן זיינען זיי פּאַסיק פּאַר בעסטיעס און געצאָלטע סאָלדאַטן, וועלכע ער האַלט נאָך נידעריקער פון ווילדע חיות.

דער אַפאָריזם, „האָסט געקריגן ספּאַרטאַ, באַציר זי" דינט דעם אומ־דערמידלעכן שלום־מבשר ווי אַ געלעגנהייט צו וואָרענען, אַז די אויפגאַבע פון אַ הערשער איז אָנצוהאַלטן אַלגעמיינע פרייהייט און צו זוכן שלום. ער דערקלערט אַז דער אַפאָריזם דאַרף דינען ווי אַ דערמאָנונג יעדעס מאָל, ווען אַ מאָנאַרך פאַרנאַכלעסיקט זיין אייגן לאַנד און גלוסט צו געביטן פון אַנדערע; ווען ער שלעפּט אַריין זיין אייגן פאָלק אין אַ געפערלעכער לאַגע, דערשפּירנדיק זיינע כוחות און ריזיקירנדיק דעם קיום פון אַלע דורך זיין מלחמה־שפּיל.

אויסרעכענענדיק אַ גרעסערע צאָל פון אַלטערטימלעכע און קעגנ־ווערטיקע קעניגן און פירשטן, וואָס האָבן געבערענגט אומגליק אויף זיך און אויף זייערע פעלקער, רופט ער אויס:

„וואָס האָט איר צו טאָן מיט קריג, דעם נאַרישסטן פון אַלע געטער פון די פּאָעטן?... איז דאָ ווייניק אויפצוטאָן אין דער היים, וואָס מען מוז דאָס זוכן אין אויסלאַנד? אומעטום איז פאַראַן שמוציק פאַרברעכן... אַזוי פיל רויב און גוואַלט־טאַטן... קאָרופּציע פון די באַאַמטע... אַזוי פיל געזעצן פאַרמולירט דורך טיראַנען, אָדער „צוגעשניטן" צו דינען טיראַניי... שוין נישט רעכענענדיק קלענערע ענינים, ווי פאַרנאַכלעסיקטע גאַסן... איר פאַרברענט די פאַרמס, צעטרעט די תבואה... מאָרדעט די מענטשן און דאַן רופט איר זיך „גרויס"; אַ פיינע דערגרייכונג אויב איר וואָלט זיך פאַרמאָסטן מיט רויבערס".

דעם גרעסטן און קאָנצענטרירטסטן אָנגריף אויף מלחמה און מיליי־טאַריזם האָט עראַזמוס געמאַכט אין זיין קאָמענטאַר אויף דעם שפּריכ־וואָרט, „דולקע בעלום אינעקספּערטיס" („דער קריג איז זיס פאַר די, וואָס האָבן אים נישט מיטגעמאַכט"), וואָס איז אַן עסיי פון אַרום 50 זייטן.

אין איינקלאַנג מיט זיין גרינטלעכן וויסנשאַפטלעכן מעטאָד, ווייזט ער אָן אויף די מקורות פון דעם אויסדרוק (ביים גריכישן דיכטער פּינדאַר א"א). דאַן פאַרנעמט ער זיך מיטן עטימאָלאָגישן אַנאַליז, דערקלערנדיק

אַז אַ טייל פילאָלאָגן האַלטן דעם אויסדרוק „בעלום״ (קריג), וואָס באַדייט אויך: שיין, ווי אַן „אַנטי פראַזיס״ (פון גריכישן „אַנטיפראַזעין״, באַצייכענען אַ זאַך מיט איר היפוך, אָדער, אין דעם פאַל, אַ מין לשון „סגי־נהור״), ווייל אין מלחמה איז נישטאָ קיין שום גוטס און שיינס. אַנדערע האַלטן אַז „בעלום״ שטאַמט פון לאַטייניש „בעלואַ״, אַ ווילדע חיה, ווייל ס׳איז די אייגנשאַפט פון בעסטיעס, און נישט פון מענטשן, זיך אויסצוראָטן קעגנזייטיק.

עראַזמוס דערקלערט, אַז קיין שום זאַך דאַרף נישט אַזוי אויסגעמיטן ווערן, ווי מלחמה, ווייל דאָס איז די פאַרדאָרבנסטע, עקלהאַפטסטע און צום מערסטנס צעשטערנדיקע זאַך. און קריטיקירנדיק די טעאָלאָגן און יוריסטן, וואָס גיסן צו אויל צום פייער, רופט ער אויס:

„יעדער ווייס, אַז די אַלגעמיינע דעמאָראַליזאַציע פון לעבן איז אַ רעזולטאַט פון קריג, וואָס איז גורם אַ פאַראַכטונג פון פליכטן און אַ גרייטקייט צו וואָגן יעדן מין פאַרברעכן. און דאָס ערגסטע איז, וואָס די טויטלעכע פעסט קאָן נישט געהאַלטן ווערן אין אירע אייגענע גרענעצן...״

ער דריקט אויס די מיינונג, אַז פיטאַגאָראַס האָט דאָס אַלץ פאָרויס־געזען, און דעריבער גערופן נישט צו טויטן קיין לעבעדיקע באַשעפענישן, ווויסנדיק, אַז די וואָס האָבן זיך צוגעוווינט צו פאַרגיסן דאָס אומשולדיקע בלוט פון אַ בהמה, וועלן נישט האָבן קיין באַוואָרעניש צו טויטן אַ מענטש.

באַטאָנענדיק, ווי זיין שטייגער, אַז שלום איז די בעסטע און פריידיק־סטע זאַך, און מלחמה — די ערגסטע און אומגליקלעכסטע, שטעלט ער די רעטאָרישע פראַגע, אויב מען קאָן באַטראַכטן ווי נאָרמאַל די מענטשן, וואָס זיינען בכוח צו דערגרייכן שלום דורך קליינע אָנשטרענגונגען און דאָך קלייבן זיי אויס מלחמה דורך די גרעסטע שוועריקייטן.

ער דערמאָנט אויך ביי דער געלעגנהייט, אַז שלמה („דער שלום־מאַכער״) איז אויסגעקליבן געוואָרן צו בויען דעם בית־המקדש, און נישט „דוד, וואָס איז געווען אַ מאַן פון בלוט״.

אָנווייזנדיק אַז קסערקסעס און אַלעקסאַנדער זיינען געווען אומנאָר־מאַל, באַטאָנט ער, אַז די זעלבע מענטשן וועמען סענעקאַ האָט באַצייכנט

ווי „משוגענע רויבערס", האָבן דאָך געפירט מלחמה אויף אַ מער הומאַנעם אופן ווי זיינע מיטצייטלער.

עראַזמוס ווענדט זיך דאַן מיט אַ פּאַטעטישן רוף צו די אייראָפּעיִשע פעלקער: „ס'איז נישט פּאַסיק פאַר קריסטן צו קעמפן, אַחוץ קעגן געלט־גייציקייט, קעגן כעס, קעגן אַמביציעס. דאָס זיינען אונדזערע פלשתים און נבוכדנאצרס... און מיט די טאָרן מיר נישט מאַכן קיין וואָפנשטיל־שטאַנד... אַזוי לאַנג ווי מיר וועלן זיי נישט אונטערטעניק מאַכן, קאָן נישט זיין קיין אמתער שלום, סיי מיט אונדז זעלבסט און סיי מיט אַנדערע".

פון דעם דערהויבענעם מאָראַלישן טאָן, וואָס רופט צו אַ פּסיכאָ־לאָגישער רעוואָלוציע אין דעם מענטש, גייט דער גרויסער הומאַניסט איבער צו אַ שאַרפן סאָציאַל־פּאָליטישן אַנאַליז, וואָס איבערראַשט מיט זיין טיפקייט און דורכויס מאָדערנער דעמאָקראַטישער קאָנצעפּציע:

„אין אונדזערע טעג זעען מיר, אַז כמעט יעדע מלחמה אַנטשטייט פון אַזאַ אָדער אַנדערער פּרעטענזיע און פון די עגאָיִסטישע אָפּמאַכן פון די מלוכה־הויפטן... חוץ דעם באַצייכענען מיר אַלס הערשאַפט דאָס וואָס איז איז באמת אַדמיניסטראַציע. קיינער קאָן נישט האָבן די זעלבע רעכט איבער מענטשן, פרייע פון נאַטור, ווי איבער פי־סטאַדעס. אַט דאָס רעכט, וואָס איר (הערשער) האַלט, איז אייך געגעבן געוואָרן מיט דער הסכמה פון פאָלק... די האַנט וואָס האָט געגעבן, קאָן דאָס אויך אַוועקנעמען".

גאָר אינטערעסאַנט זיינען זיינע פייערדיקע שטראָפרייד קעגן דער קריסטלעכער וועלט, וואָס ער ענדיקט מיט אַ שאַרף־פאָרמולירטן לאָגישן „צודריקן צו דער וואַנט":

„אויב קריסטוס איז אַ פיקציע, פאַרוואָס זאָלן מיר נישט אָפּנהאַרציק אים אָפּוואַרפן?... אויב ער איז ווירקלעך „דער וועג, דער אמת און דאָס לעבן", פאַרוואָס איז פאַראַן אַזאַ גרויסער קאָנטראַסט צווישן אונדזער אופן פון לעבן און דעם ביישפּיל?"

ד

אין די „אַדאַגיאַ", „קאָלאָקוויאַ" און אַנדערע שריפטן דערשיינט פאַר

אונדז עראַזמוס ווי איינער פון די גרעסטע הומאַניסטישע גייסטער פון אַלע צייטן. ער איז סיי וועלטלעך און סיי רעליגיעז — אין דעם בעסטן זין פון די ביידע „עלאַסטישע" באַגריפן. זיינע פאַרשיידענע אָפּהאַנדלונ־גען, קאָמענטאַרן און ספּעציעל די דיאַלאָגן דערמאָנען, מיט זייער בייעם וועלטלעכן צוגאַנג און טעמאַטיק, אין די בילדער פון זיין צייט־חבר קווינטען מאַסיס און אין די מאַלערייען פון די קינסטלערס פון 17טן יאָר־הונדערט — יאַן סטעין, פראַנס האַלס, ווערמעער וואַן דעלפט, אַדריאַן וואַן אָסטאַדע און אַנדערע. דאָס זיינען סצענעס און מאָטיוון פון פּשוטן לעבן, אַנשטאָט די מיטלאַלטערלעך־ביזאַנטישע טראַדיציע פון „פּאַרגלאָצן" די אויגן צו מלאכים, גייסטערס און הייליקע. ער איז אָבער אויך געווען רעליגיעז אין זיין וועלטלעכקייט, ווי אַ מוכיח, מאַנער און קעמפער פאַר סאָציאַלן יושר, פאַר שלום און פרייהייט — פאַר הומאַניזם אין דעם אינטעגראַלסטן זין פון דעם וואָרט.

ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, איז דער קאַמף קעגן מלחמה און דער רוף צו שלום געווען דער צענטראַלער פּונקט פון עראַזמוס' סאָציאַל־עטישן אני־מאמין. אַלס „מלאך השלום", מיט זיין אויסשטראַלנדיקער קאָסמישער ליבשאַפט און מיט זיין פייערדיק־רעליגיעזער בענקשאַפט צו אוניווערסאַלן שלום, געהערט ער צו די גרויסע געשטאַלטן אין דער גע־שיכטע, ווי אַ ישעיהו, רוסאָ, שעלי, טאָלסטאָי און אַנדערע „בני אור", וועמענס הערלישע לעבנס און שריפטן זיינען ליכט־שטראַלן אין די טונקעלע לאַבירינטן פון דער מענטשלעכער געשיכטע.

און אויב ער איז אין פּריוואַטן לעבן געווען אַ „שווערער", געררייצטער מענטש, מיט אַ קרענקלעכער עגאָצענטרישער עמפּינדלעכקייט, איז דאָס מן־הסתם געווען אַ רעזולטאַט פון זיין טראַגישער יוגנט און זיינע קערפּער־לעכע מיחושן. איבעריקנס, אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא — איז אַ גוטער כלל. און קיין פּערפעקטע מענטשן זיינען אפשר איבערהויפּט נישט פאַראַן.

עראַזמוס איז געווען די שוואַלב פון דעם געשיכטלעכן פרילינג, דעם באַגינען פון רענעסאַנס, פון גייסטיקער באַנייונג און פאַריינגערונג פון דעם פינצטערן מיטלאַלטער. אָבער „איין שוואַלב קאָן קיין זומער נישט

מאַכן". און די מענטשהייט האָט זיך דערקייקלט צו דער „קנעפּלדרוק"־ציוויליזאַציע, ווען אַ באַוועגונג מיטן פינגער קאָן באַדייטן דער אונטערגאַנג פון דער וועלט.

אין דער איצטיקער קריטישער אַטאָם־עפּאָכע איז באַזונדערס וויכטיק און באַלערנדיק דער מעסעדזש פון דעם גרויסן האָלענדישן הומאַניסט, עראַזמוס פון ראָטערדאַם, וואָס ווייזט אָן אויף אוניווערסאַלן שלום ווי די איינציקע אַלטערנאַטיווע צום אונטערגאַנג פון דער מענטשהייט און וואָס דערמאָנט מיט זיין פייערדיקן, וואָרנענדיקן רוף אין אונדזער אַלטן:

„ראה, אנכי נותן לכם היום את הברכה ואת הקללה"...

שעקספּיר פון אַלע צייטן

ביאָגראַפישע פּרטים

וויליאַם שעקספּיר איז געבוירן געוואָרן דעם 23סטן אַפּריל 1564 אין סטראַטפאָרד אָן עוואָן, ענגלאַנד. זיין פאָטער, דזשאָן שעקספּיר, איז געווען אַ פּאַרמעגלעכער סוחר און גוטבאַזיצער און האָט אויך פּאַרנומען אין שטאָט די אַמטן פון אַ „בעיליף" (בירגערמייסטער) און פרידנסריכטער. עס ווערט אָנגענומען, אַז וויליאַם האָט צו 7 יאָר אָנגעהויבן גיין אין דער לאָקאַלער שול, ווו מען האָט הויפּטזאַכלעך געלערנט קלאַסיש־לאַטיינישע לימודים. פון אָפיציעלע אַקטן איז באַוווסט, אַז ער האָט חתונה געהאַט צו 18 יאָר, אין יאָר 1582, מיט ען האַטעוועי. זיי האָבן געהאַט צוויי טעכטער און איין זון, וועלכער איז געשטאָרבן אַלס יינגל. פאָרשערס האַלטן, אַז ביז צו זיין חתונה האָט וויליאַם שעקספּיר געוווינט אין סטראַטפאָרד. עס קומט דאַן אַ פּעריאָד, פון 1585 ביז 1592, וואָס ווערט באַצייכנט ווי דער „טונקעלער פּעריאָד" אין זיין לעבן, ווייל פון דער צייט ווייסט מען וועגן אים איבערהויפּט גאָרנישט. אין אַ געוויסן זין קאָן מען, אייגנטלעך, זיין גאַנץ לעבן אָנרופן אַ טונקעלער פּעריאָד, ווייל מען ווייסט בכלל זייער ווייניק וועגן אים. אויסער די געציילטע פאַקטן וועגן זיין געבורט און חתונה, איז באַקאַנט, אַז לערך אין 1592 איז ער אַריבערגעקומען קיין לאָנדאָן, ווו ער איז באַוווסט געוואָרן אַלס אַקטיאָר. ער האָט מיטגעאַרבעט מיט פאַרשיידענע אַרטיסטן־טרופּעס ביז 1594, ווען ער איז אָנגעקומען צו דער טרופּע אונטערן פּראָטעקטאָראַט פון לאָרד־טשעמבערלעין (פינאַנץ־מיניסטער) און שפּעטער פון קעניגלעכן הויף. מיט דעם דאָזיקן טעאַטער איז ער געווען פאַרבונדן ביז אַרום 1612, ווען ער האָט זיך צוריקגעצויגן קיין סטראַטפאָרד.

שעקספּיר איז, אַחוץ אַן אַקטיאָר, אויך געווען אַ „האַנט" אין טעאַטער.

עס ווערט אָנגענומען, אַז ער איז געווען אַ מין געהילף בינע־דירעקטאָר, וואָס האָט געהאַט די אויפזיכט איבער פאַרשיידענע טעאַטער־ענינים. שעקספירס טרופּע האָט געהאַט אין לאָנדאָן צוויי טעאַטערס — „גלאָוב" און „בלעקפרייערס". די ביידע טעאַטערס זיינען געווען אָרגאַניזירט אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות און די אַרטיסטן האָבן דאָרט געהאַט זייערע אַקציעס.

פון אָט דעם רייפן און אויסערגעוויינלעך שעפערישן פּעריאָד — 1612־1592 — זיינען באַקאַנט אַ צאָל פּרטים וועגן שעקספּירן, דעם בירגער.

אין יאָר 1597 האָט ער אָפּגעקויפט דאָס גרעסטע הויז אין סטראַטפאָרד, „ניו־פּלעיס". ער האָט אויך אָפּגעקויפט לאַנד אין דער אומגעגנט, און שפּעטער — הייזער אין לאָנדאָן. אין מאָדערנעם ענגליש וואָלט מען געקאָנט זאָגן, אַז ער איז געווען, אין אַ געוויסער מאָס, אין די „ריעל עסטעיט ביזנעס". ער האָט זיך אויך געלעגנהייטלעך פאַרנומען מיט מסחר. וועגן שעקספירן, דעם בירגער און סוחר, איז באַקאַנט, אַז ער האָט אָנגעקלאָגט אין געריכט, אין יאָר 1604, אַ געוויסן פיליפ ראָדזשערס פאַר אַ חוב פון 1 פונט און 15 שילינג. אין יאָר 1600 האָט ער אָנגעקלאָגט אין געריכט איינעם אַ דזשאָן קלעיטאָן פאַר אַ חוב פון 7 פונט.

וויליאַם שעקספּיר איז געשטאָרבן אין סטראַטפאָרד דעם 23סטן אַפּריל 1616. אין משך פון זיין שעפערישן פּעריאָד, אין די 20 יאָר פון 1592 ביז 1612, איז שעקספּיר געווען גאָר טעטיק אין טעאַטער, הגם ער האָט נישט געשפּילט קיין הויפּט־ראָלעס און לויטן מחבר פון „היסטאָריאַ היסטריאָניקאַ", איז ער „געווען אַ פיל בעסערער פּאָעט, ווי אַקטיאָר". צווישן אַנדערע קלענערע ראָלן, האָט שעקספּיר אויך געשפּילט די ראָל פון דעם גייסט אין „האַמלעט".

אין דעם פּעריאָד האָט שעקספּיר אָנגעשריבן 37 דראַמעס (קאָמעדיעס, טראַגעדיעס, טראַגי־קאָמעדיעס און היסטאָרישע דראַמעס); איבערגעאַרבעט 14 פון די דראַמעס און אָנגעשריבן אַ באַדייטנדיקע צאָל לידער און פּאָעמעס. עטלעכע פון זיינע דראַמאַטישע ווערק זאָלן זיין דער פּראָדוקט פון אַ שרייבערישער שותפות מיט באָמאָנט און פלעטשער א״אַ.

אין שעקספּירס צייטן זיינען נישט געשריבן געוואָרן וועגן אים קיין

ביאָגראַפיעס. זיין ערשטע לעבנס־באַשרייבונג איז דערשינען לערך 100 יאָר נאָך זיין טויט, הויפּטזאַכלעך אויפן סמך פון מינדלעכע פּרטים צונויפגעזאַמלט ביי די עלטערע איינוווינער פון סטראַטספאָרד און אומגעגנט.

אויך די צוויי אויטענטישע פּאָרטרעטן פון אים זיינען געמאַכט געוואָרן נאָך זיין טויט. דאָס זיינען — דער ביוסט אויף זיין מאָנומענט און אַ גראַוויור, צוגעגעבן צו דער ערשטער פאָליאָ־אויסגאַבע פון זיינע דראַמעס. די גראַוויור איז געליבט געוואָרן פון זיין צייט־חבר, סעם דזשאהנסאָן, ווי זייער געלונגען און געטריי אויסגעפירט.

אַ קולטור־היסטאָרישער „תּיקו"

איינע פון די מאָדערנסטע ליטערארישע קוריאָזן איז די פּלוגתּא, וואָס גייט אָן צווישן פאָרשערס — איבערהויפּט ענגלישע — וועגן דעם, צי דער אַקטיאָר און „פּאַרט־טיים ביזנעסמען", וויליאַם שעקספּיר, איז טאַקע געווען דער מחבר פון די באַרימטע דראַמעס און אַנדערע ליטעראַרישע ווערק. די פּלוגתּא האָט זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1786 און ציט זיך ביזן היינטיקן טאָג.

וועגן שעקספּירן, דעם געניאַלן דראַמאַטורג און דיכטער, איז בכלל פאַראַן אַ ריזיקע ליטעראַטור. שעקספּיראָלאָגיע איז אַ וויסנשאַפט, אין וועלכער עס באַטייליקן זיך אומצייליקע פאָרשערס. לעגיאָנען וויסנשאַפטלעכע מוראַשקעס ראַיען צווישן די אייביק גרינע בלעטער פון דעם מאַיעסטעטישן שעקספּיר־בוים. און אַ באַזונדערע צווייג פון דער ריזיקער שעקספּיר־ביבליאָטעק איז די ליטעראַטור וועגן שעקספּיר־אויטענטישקייט. עס זיינען דערשינען און עס דערשיינען נאָך אַלץ וועגן דעם ענין אַ סך ביכער פון ערנסטע פאָרשערס, און דער לייענער שטייט פאַר דער געפאַר צו פאַרלירן זיך אין אַ ליטעראַטור־היסטאָרישן לאַבירינט פון פּראָס און קאָנטראַס, וואָס פירן אַלע אין טונקלענישן פון השערות און סברות. איז גענוג צו זאָגן, אַז ביז איצט זיינען שוין „פאַראַן" 57 (!) פּסיידאָ־שעקספּירישע קרוין־„פּרעטענדענטן", וואָס ווערן אַרויסגעשטעלט פון אַ סך

שעקספּיר־פּאַרשערס. מיר זאָגן: „פּסיידאָ־שעקספּירישע", ווייל 56 פון זיי זיינען דאָך זיכער נישט געווען שעקספּיר, און דער 57סטער — מן הסתם אויך נישט.

צו די באַקאַנטסטע פון די „פּרעטענדענטן" געהערן: פראַנסיס בעקאָן, דער באַרימטער ענגלישער עסייִסט, דענקער און שטאַטסמאַן; עדוואַרד דע וויר, גראַף פון אָקספאָרד; וויליאַם סטענלי, גראַף פון דוירבי; ראַדזשער מענערס, גראַף פון רוטלענד; און דער דיכטער און דראַמאַטורג קריסטאָפער מאַרלאָו.

די שרייבערס, וואָס צווייפלען אַז שעקספּיר איז געווען דער מחבר פון די דראַמעס, האַלטן אַז דער אמתער מחבר האָט פּשוט זיך „געבאָרגט" דעם נאָמען ביי דעם אַקטיאָר שעקספּיר און אים דערפאַר גוט באַצאָלט. עס ווערן וועגן דעם אַרויסגערוקט פאַרשיידענע סברות: 1) פאַר די אַמאָליקע אַדלליים איז עס געווען אונטער זייער כבוד צו זיין אַן אויטאָר פון אַ טעאַטער־שטיק; 2) מורא פאַרן צאָרן און רעפּרעסיעס פון ענגלישן קעניגלעכן הויף צוליב די אַרויסגעזאָגטע און ברמיזה־געגעבענע פּאָליטישע אידייען אאַז"וו.

די צווייפלערס אין שעקספּירס אויטענטישקייט רוקן אַרויס אויך אַנדערע מאָטיוון פאַר זייערע חשדים און זיי „באַווייזן" די אומוואַרשיינ־לעכקייט און אַפילו אוממעגלעכקייט, אַז דער פּראָווינציאַל און אַקטיאָר שעקספּיר זאָל האָבן געווען דער אומשטערבלעכער דיכטער און דראַמאַטורג.

ס'איז אוממעגלעך צו ציטירן אין דעם אַרטיקל די אַלע חשדים און „באַווייזן". מיר וועלן בלויז דאָ ברענגען עטלעכע פון זיי. די „קעגנערס" פון שעקספּירן ווייזן אָן, אַז ס'איז נישטאָ קיין שום דאָקומענט, אַז ער האָט באַזוכט די לאַטיין־שול אין סטראַטפאָרד; אָבער אין שעקספּירס ווערק זיינען פאַראַן ברייטע ידיעות אין פאַרשיידענע געביטן: אין קלאַסישער מיטאָלאָגיע, געשיכטע און ליטעראַטור; אין יוריספּרודענץ, ים־נסיעות, יאַגד און ספּאָרט, שפּראַכן און אַנדערע. זיי טענהן דעריבער, אַז ס'איז אוממעגלעך, אַז אַן אומגעבילדעטער אָדער ווייניק־געבילדעטער פּראָווינציאַל זאָל האָבן אַזוי פיל ידיעות.

די סקעפּטיקערס ווייזן אויך אָן, אַז שעקספּיר האָט אונטערגעשריבן

זיין נאָמען אין 16 פאַרשיידענע וואַריאַציעס, צווישן וועלכע עס זיינען געווען אַזעלכע ווי: „שאַקספּור״, „שאַקספער״ און אַנדערע; אַז 5 פון זיינע דראַמעס זיינען דערשינען אַנאָנים און 4 מיט דעם נאָמען „שאַקע־ספעאַרע״ (שפּיז־שאָקלער). עס איז דעריבער נישט מעגלעך — טענהן זיי — אַז אַ שרייבער זאָל אַזוי פיל וואַריאירן זיין נאָמען און זאָל נישט זיין פאַר־אינטערעסירט אין דעם אויסלייג און קלאַנג פון זיין נאָמען. זיי ווייזן אויך אָן, אַז ס׳איז פּשוט פיזיש נישט מעגלעך געווען, אַז אַ מענטש וואָס איז געווען אַן אַקטיאָר, אַ בינע־דירעקטאָר און אַחוץ דעם אויך אַ סוחר און „ריעל עסטעיט מען״, זאָל האָבן געקאָנט שאַפן אין אַזאַ לערך קורצן פעריאָד אַזוי פיל גראַנדיעזע, בכמות און איכות, ווערק.

אויף דעם ענטפערן די „סטראַטפאָרדיאַנער״ (די אָנהענגער פון שעקס־פּירן), אַז די אַנגעוויזענע ידיעות זיינען יאָ אין דער קאַפּאַציטעט פון אַ מענטש מיט אַ באַדייטנדיקער, אָבער נישט צו הויכער בילדונג און קולטור, וואָס שעקספּיר האָט יאָ געהאַט. זיי ווייזן דערביי אָן אויף די מערערע טעותים, וואָס געפינען זיך אין שעקספּירס דראַמאַטישע ווערק — געאָ־גראַפישע, היסטאָרישע און אַנדערע. מען דערמאָנט, למשל, דעם פאַקט, וואָס אין שעקספּירס „יוליוס צעזאַר״, רעדט זיך וועגן דעם זייגער וואָס האָט אויסגעשלאָגן די שעה אין אַלטן רוים, בעת ס׳איז באַקאַנט, אַז אין יענער צייט זיינען נאָך קיין מעכאַנישע זייגערס נישט געווען. אין זיין „ווינטערס מעשהלע״ רעדט זיך וועגן אַ קריסטלעכן קעניג, וואָס שיקט שליחים צום (אַלט־גריכישן) דעלפישן אָראַקל, וואָס האָט שוין לאַנג נישט עקזיסטירט. עס רעדט זיך דאָרט אויך וועגן דעם ים־ברעג פון „באָהעמיע״ (דאָס היינטיקע טשעכאָסלאָוואַקיע, וואָס ליגט זייער ווייט פון ים). אַזעלכע נישט ריכטיקע פאַקטן און אַנאַכראָניזמען זיינען פאַראַן אַ סך ביי שעקספּירן.

די אַנטי־„סטראַטפאָרדיאַנער״ איגנאָרירן די דאָזיקע טענות מיט דער דערקלערונג, אַז שעקספּיר האָט געגעבן אַ צייטמעסיקן „עליזאַבעטיאַנער״ לבוש פאַר די היסטאָרישע געשטאַלטן און פּאַסירונגען — נישט בלויז מיט די מאָדערנע קאָסטיומען, נאָר אויך דורך מאָדערניזירן די פאַרשיידענע פאַקטן אאַז״וו. די אַלע מחברים ברענגען אויך אַרויס פאַרשיידענע קריפּטאָ־

גראַפֿישע באַווייזן און „שיפערס״, וואָס זאָלן כלומרשט זיך געפֿינען אין די דראַמעס, און וועלכע ווינקען אָן אויפֿן „ווירקלעכן״ מחבר.

צו אַט דעם אינטעלעקטועלן נאַציאָנאַל־ספּאָרט פֿון די ענגלענדער דאַרפֿן מיר זיך באַציִען גאַנץ סקעפּטיש. עס איז אַ קולטור־היסטאָרישע „תּיקו״ און עס האָט נישט קיין צוועק זיך אָפּצושטעלן לענגער אויף דעם.

מיר פֿערזענלעך ווייזט זיך אויס, אַז צווישן אַלע אומצייליקע „באַווייזן״ איז גראָד אַ קליינער עפּיזאָד מטיל בספק דעם גאַנצן שעקספּיר — דאָס איז דער עפּיטאַף אויף זיין מאָנומענט אין דער סטראַטפֿאָרדער קירכע:

„גוטער פריינט, אין יעזוסעס נאָמען האַלט זיך אָפּ
צו גראָבן דעם שטויב, וואָס איז פֿאַרשלאָסן דאָ;
געבענטשט זאָל זיין דער מענטש, וואָס וועט שוינען
די דאָזיקע שטיינער
און פֿאַרשאָלטן דער, וואָס וועט רירן מיינע ביינער״.

עס בלייבט די גרעסטע רעטעניש, וואָס דער גאוניִשער דיכטער און קינסטלער, וועמענס מינדסטע פּערסאָנאַזשן קאָנען רעדן אַזוי טיפֿזיניק און באַפֿליגלט, — זאָל אַליין האָבן איבערגעלאָזט ווי אַ סומא סומאַרום פֿון זיין „מעסעדזש״ צו דער נאָכוועלט — אַזעלכע גאָרנישט־זאָגנדיקע, באַנאַלע שורות!

מיר וועלן אָבער אין דעם פֿאַל זאָגן: „אחרי רבים להטות״. און מיר וועלן אָננעמען אַז שעקספּיר איז — שעקספּיר. און אויב אַפֿילו נישט, פּאַסט דאָ אָנצווענדן זיין באַרימטן זאָג:

„וואָס איז אין אַ נאָמען? — דאָס וואָס מיר רופֿן אַ רויז
וועט אונטער אַן אַנדערן נאָמען שמעקן אַזוי זיס״.

שעקספּירס פּאָעזיע און דראַמאַטישע ווערק

שעקספּירס פּאָעטישע דראַמעס ברענגען נישט בלויז אַרויס דאָס דראַמאַטישע פֿון וועלט און מענטש; זיי הויכן אויך אויס דעם אָראַמאַט

פון עכטסטער פּאָעזיע. אָבער אַ באַזונדערער חן איז פאַראַן אין זיינע לידער, באַלאַדן, סאָנעטן און אַנדערע.

אין זיין סאָנעט, דער וועלטס דרך, מאַכט דער דיכטער אַ סך־הכל פון די פינצטערע כוחות, וואָס באַהערשן די וועלט. ביי אַזאַ „אומדיכטע־רישער" טעמע איז פאַראַן די געפאַר פון אַריינפאַלן אין דעם וואָס מיר באַצייכענען „פּובליציסטיק". אָבער ווי אַ געניאַלער קינסטלער זעט שעקס־פּיר אַלץ דורך דער פילפאַרביקער פּריזמע פון זיין אומענדלעך־רייכער פאַנטאַזיע און יעדע מחשבה ווערט דערהויבן צו הויכער פּאָעזיע אַדאַנק זיין באַלעבן יעדעס וואָרט מיט טיפן מיין, רייכער בילדלעכקייט און עקספּרעסיע. ער זעט ווי:

„...קונסט ווערט געמאַכט צונג־געבונדן דורך מאַכט
און טיפּשות, מעשה־דאָקטאָר, קאָנטראָלירט פעיקייט,
און פשוטער אמת ווערט באַצייכנט איינפאַכקייט,
און געפאַנגען גוטס באַדינט קאַפּיטאַן בייז..."

עס וואָלט געווען אויסער די ראַמען פון אַ קורצן עסיי אַרויס־צוברענגען אַלע פּערל פון שעקספּירס פּאָעטישן וווּנדער־קעסטל. מיר מוזן זיך באַגרענעצן און זאָגן, אַז אין שעקספּירן האָבן מיר אויך אַן אויסערגעוויינטלעכן דיכטער, וואָס האָט איינגעזאַפּט אין זיך אַלע זאַפטן פון דער ערדישקייט און דאָס איבערגעאַרבעט אין זיין פּאָעטישן האָניק — אין זיינע פאַרביקע, דראַמאַטישע און גינגאָלדענע דיכטערישע שורות, פון וועלכע עס וועלן טועם זיין אומציילעכע דורות.

שעקספּיר, איינער פון די גרעסטע — אויב נישט דער גרעסטער — דראַמע־דיכטער פון אַלע צייטן, איז אויך געווען איינער פון די גרויסע „פּלאַגיאַטאָרן", אין זין פון „אויסבאָרגן" זיך טעמעס און שטאָף פאַר זיינע דראַמעס.

עס ווערט געהאַלטן, אַז ער האָט זיך „געבאָרגט" מאַטעריאַלן ביי 46 פאַרשיידענע מחברים — אַלטערטימלעכע, מיטלאַלטערלעכע און רענע־סאַנס־שרייבערס. ס'איז אָבער וויכטיק וואָס שעקספּיר האָט פון די אַלטע מאַטעריאַלן געמאַכט. ס'איז אָנגענומען, אַז דער סטראַטפאָרדער גאון האָט באַנוצט אַן ערך פון 15,000 ביז 24,000 ווערטער אין זיינע ווערק. מען

דאַרף דערביי געדענקען, אַז דער גרויסער מילטאָן האָט געברויכט בלויז 7,000 ווערטער.

דער כישוף און די גרויסקייט פון שעקספּירס דראַמעס באַשטייט נישט אין דער אַקציע, וואָס הינקט אָפט אונטער מיט אומוואַרשיינלעכקייטן און קאָנווענצן, נאָר אין די דיאַלאָגן און מאָנאָלאָגן, און אויך אין זייַנע העלדנס אינערלעכע „דיאַלאָגן״ מיט זיך אַליין — די אינערלעכע „אַקציע״ אויף דער בינע פון זייער געמיט.

אַריסטאָטלס דעפיניציע פון קונסט ווי אַ נאָכאָמונג פון נאַטור באַקומט דאָ אַ נייע דימענסיע: קונסט, וואָס איבערשטייגט נאַטור, ווי עס זאָגט דער העלד אין שעקספּירס טימאָן פון אַטענס: „קינסטלעכער גערענגל לעבט אין די שטריכן — לעבעדיקער, ווי לעבן״.

אין שעקספּירס טעאַטער האָבן מיר אַ גאַנצע וועלט: פּרינצן, מיליטער־פירער, אַדללייט, בירגערס, באַאַמטע, פּאַיאַצן, שיכורים, צאַרטע יונג־פרויען, גאַסן־פרויען און אַנדערע. מיר האָבן דאָרט דעם סאָציאַלן, מאָראַ־לישן און אינטעלעקטועלן קווערשניט פון דער מענטשהייט: פון די נאָבעלע געשטאַלטן און קרימינעלע טיפּן: טיף־פילנדיקע און טיפזיניקע פּערזענלעכקייטן און נישטיקע פיגורן; פאַלסטאַפס און קאַליבאַנס, האַמ־לעטס, לירס און אָטעלאָס. דאָס איז אַ רעאַליזם, וואָס שפּיגלט אָפּ נישט בלויז דאָס רעאַלע אין די מענטשן, נאָר אויך דאָס טיף־אַנונגספולע, דאָס אונטערבאַוווסטזיניקע און דאָס געהיימנישפולע פון מענטשלעכן מיקראָ־קאָסמאָס. האַמלעטס זעלבסט־טאָרטורן און זיין „ספּליט־פּערסאָנאַליטי״, ווי מען וואָלט דאָס באַצייכנט לויט דער מאָדערנער פּסיכאָלאָגיע; זיין טיף נאָבל עמפּינדן און זיין איראַציאָנעלע שטעלונג צו דער ווירקלעכקייט; קעניג לירס תהומישער ווייַ, קולמינירט אין משוגעת, אויפן פאָן פון דער שטורעמדיקער נאַכט; מאַקבעטס שוואַרצע רעיונות און גייסטיקע גסיסה; די אַלע אַנגסטן, נשמה־קאָנוולסיעס, זעונגען, דערהויבונגען, דורכפאַלן, געראַנגלען פון זייַנע העלדן — דאָס אַלץ קומט צום אויסדרוק דורך דעם אומגעהויערן מאַגישן כוח פון שעקספּירן. „אױט, אױט, בריף קענדל״ (פאַר־לעש, פאַרלעש, קורץ ליכטל״) — רופט אויס דער מערדער־אוזורפּאַטאָר

מאַקבעט. און מיר פילן דעם אָטעם פון דעם שרעק־ווינט, וואָס בלאָזט אויס דאָס קליינע לעבנס־ליכטל.

די ווערטער פון די העלדן פון די שעקספּירישע דראַמעס אַפּעלירן נישט בלויז צו דער פאַנטאַזיע; זיי דרינגען אַריין אין געמיט מיט זייער בליציקייט, מיט דער סוגעסטיווער קראַפט פון זייער אומגעריכטקייט, מיט זייער איבערפולטקייט און אָפּגעהאַקטקייט, מיט די ווערטער־דעלע־גאַטן, וואָס ווייזן אָן, אַז זיי האָבן נאָך נישט אַלץ אויסגעדריקט; מיט דער מוזיק פון נאָכן טאָן. מיט דער העכסטער מדרגה פון אויסדרוק־קונסט.

איינער פון די סודות פון שעקספּירס ווירקונג ליגט אין זיין גראַנדיעז־זער בילדערישקייט, אין זיינע בליציקע מעטאַפאָרן און פאַרגלייכן, אין זיין אומאיבערטראָפּענער קונסט פון געשטאַלטיקן דעם גאַנצן ראַדיוס פון מענטשלעכע געפילן, שפּירונגען, געדאַנקען און אַריינהויכן אין זיי דעם שעפערישן לעבנס־אָטעם פון זיין כישופדיקן פערז.

ווען אַגאַמעמנאָן וויל אין טראָילוס און קרעסידאַ אויסדריקן אַזאַ פּשוטן געדאַנק, אַז שטאָלץ און באַרימערײַ זיינען מיאוסע אייגנשאַפטן, זאָגט ער דאָס אין דער פּערפעקטסטער מעגלעכער פאָרם:

„דער וואָס איז שטאָלץ, עסט זיך אַליין אויף... ווער נאָר לויבט זיך אַליין... עסט אויף די טאַט אין דער לויב".

יוליוס צעזאַר, נישט קוקנדיק אויף די בייזע פאָרצייכנס, גייט צו זיין גורל זאָגנדיק:

„פּחדנים שטאַרבן פיל מאָל פאַר זייער טויט".

אין אַ סך גערודער וועגן גאָרנישט זאָגט דער העלד:

„לאָך נישט אויס מיר צוליב דעם וואָס איך האָב געזאָגט, ווייל דער מענטש איז אַ שווינדלדיקע זאַך".

אין דער דראַמע קאָריאָלאַנוס, ווו דער רוימישער אַרמיי־פירער פאַר־לירט דעם צוטרוי פון דעם רוימישן המון, צוליב זיין אומגעצוימטן סנאָבישן שטאָלץ, זאָגט צו אים זיין מוטער וואָלומניאַ:

ס׳וואָלט פאַר דיר גענוג געווען צו זיין דער מאַן, וואָס דו ביסט
און שטרעבן ווייניקער צו זיין אַזוי".

דאָס זיינען בלויז עטלעכע פון די אומצאָליקע פּסיכאָלאָגישע, טאַקע

מאָדערן־פּסיכאָלאָגישע, דערקענטעניש, וואָס ווערן קאָנדענסירט אין שעקספּירס קורצע, אָבער וווּנדערלעך שיינע און טיפזיניקע שורות.

די ליטעראַרישע פּערל און אבנים טובות פון דעם סטראַטפאָרדער באַרד זיינען פון פאַרשיידענעם ווערט. אָפט מאָל זיינען דאָס אַפאָריזמען, וואָרטשפּילן, רעטאָרישע אָרנאַמענטן, אין וועלכע ער איז אַזאַ גרויסער מייסטער. אָבער אַפילו אין דער ווייניקער ווערטפולער וואָרט־ביזשוטעריע איז ער שטענדיק עכט, גלאַנצנדיק און טיף־געפּאַסט.

גאָר פאַרבליפנדיק איז די טיפקייט און נשמה־רייכקייט, וואָס אַנט־פּלעקט זיך אין שעקספּירס אויסערגעוויינטלעכע שילדערונגען פון דעם אויסערגעוויינטלעכן. אין זיינע גרויסע טראַגעדיעס האָט ער סאָנדירט די תהומות פון מענטשלעכעליידנשאַפטן, די טיפקייטן פון זייערע עמאָציעס און דעם אינטויציוון איינבליק אין דעם וועזן פון דער מענטשלעכער נשמה און אירע אומצייליקע אינדיווידועלע וואַריאַציעס.

אויב „די וועלט איז אַ בינע און די מענטשן — אַקטיאָרן", איז שעקס־פּיר געווען דער רעזשיסער וואָס האָט זיי, די מענטשן־אַקטיאָרן, „איינ־סצעניזירט" און געוויזן זיי אין זייערע פאַרשיידענע ראָלן.

פון דור צו דור...

שעקספּירס געניאַלע ווערק דערשיינען אין נייעם גלאַנץ און פראַכט, און אין נייע דימענסיעס, פאַר יעדן נייעם דור. די גרויסע רעטענישן פון וועלט און מענטש ווערן נישט בטל מיט די אַלץ־נייערע אַנטדעקונגען פון די נאַטור־כוחות, זיי ווערן טייל מאָל נאָך קאָמפּליצירטער. יעדער דור געפינט אין שעקספּירן נייע טיפקייט־אַנטפּלעקונגען, נייע פּראָבלעמען און פראַגן. און ריכטיק האָט סעמועל דזשאָהנסאָן באַמערקט אין זיין פאָררעדע צו דער אויסגאַבע פון שעקספּירס ווערק:

„זיי זיינען דערגאַנגען דורך ענדערונגען פון געשמאַק און ענדערונגען פון זיטן, און איבערגייענדיק פון איין דור צום אַנדערן, האָבן זיי געקריגן נייע כיבודים ביי יעדן איבערגאַנג".

צום 400־יאָריקן געבורטסטאָג פון אָט דעם לעגענדאַרן דיכטער־פּרינץ,

וואָס אַלע פּאָרעס פון זיין וועזן האָבן אויסגעהויכט דאָס טיפסטע געזאַנג פון וועלט און מענטש־אינטויציע און וועמענס פעדער האָט איבערגעלאָזט פאַר דער וועלט די רייכסטע ירושה פון חלום און שאַרפזין, פון טיפער זעונג און גראַציעזער עלעגאַנץ — וועט זיין פּאַסיק צו באַצייכענען די גראַנדיעזע דערשיינונג מיט זיינע אייגענע שורות פון „שטורעם":

Nothing of him that doth fade
But doth suffer a sea-change
Into something rich and strange.

וואָלטערס „הומאַניסטישער" אַנטיסעמיטיזם

לאראשפוקאָ, דער גרויסער מענטשנקענער, האָט געהאַלטן, אַז דאָס געפיל, די עמאָציע איז די הויפּט־טרייבקראַפט פון די מענטשלעכע מעשים און אַז דער אַ״ג שכל הישר ווערט געלענקט דורך אָט די טריבע כוחות. מען דאַרף נישט זיין קיין אויסגעשפּראָכענער ציניקער ווי דער פראַנצויזישער דענקער־אַריסטאָקראַט, כדי איינצוזען, אויפן גרונט פון באַאָבאַכטונגען, אַז די געפילן־וועלט איז די מערהייט פּאַרטיי, די געזעצגעבנדיקע אינסטאַנץ פון דער אינדיווידועלער מלוכה, און אַז דער פאַרשטאַנד פּילט לרוב אויס די ראָל פון אַ צווישן־רופער און אינטערפּעלאַנט.

אויב די עמאָציע דאָמינירט אין דער פּסיכאָלאָגיע פון יחיד, איז עס אַוודאי דער פאַל אין דער פּסיכאָלאָגיע פון כלל. און עס איז אַן אַלטער אמת, אַז דער כלל איז דורכגעדרונגען מיט אַן עקספּלאָזיווער אַטמאָספערע. וואָס יעדער פונק קאָן זי אויפרייסן.

איינע פון די אילוסטראַציעס פון עמאָציאָנעלער דאָמינירונג איז אונדזער איצטיקע שטעלונג לגבי דער נישט־יידישער וועלט. אויך דאָ זעען מיר דערשיינונגען פון בלינדער עמאָציע. אין משך פון לערך 150 יאָר — פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע ביז דער גיהנומדיקער נאַצי־עפּאָכע — האָבן מיר געקריגן אַ שטויס אויף לינקס און מיר האָבן זיך געווענדט מיטן פּנים צו דער וועלט. מיטן אָנקומען פון דער שענדלעכער היטלער־באַרבאַריי און אירע אימהדיקע גרוילטאַטן, איז געקומען דער שטויס אויף רעכטס, און מיר האָבן זיך אָפּגעווענדט פון דער וועלט.

איינע פון די אָפּווענדונג־פאָרמען איז די „טשיסטקע" אויף אַנטיסעמיטן אין דער ליטעראַטור און אַנדערע קולטור־צווייגן.

איך האָב שוין ביי אַ געלעגנהייט דערמאָנט דעם פאַל טשעכאָוו. פון צופעליקע לאַפּידאַרע באַמערקונגען אָדער שילדערונגען פון טיפּן, האָט

מען געוואָלט דרינגען וועגן זיין אַנטיסעמיטיזם, וואָס איז לחלוטין אומ־באַגרינדעט. און ענלעכע פאַלן זיינען פאַראַן גענוג.

עס איז אָבער מאָדנע וואָס אונדזערע „נאמנים" האָבן ביז איצט נישט געמאַכט קיין פּרוּוו בודק צו זיין די כשרות פון דעם באַרימטן פראַנצויז וואָלטער. און אין דעם אַרטיקל וויל איך אָנווייזן אַז ביי דעם גרויסן שרייבער איז פאַראַן גאָר אַ סך נבלה וטרפה...

*

וואָלטער איז בכלל אַ רעטעניששפולע, קאָמפּליצירטע געשטאַלט. און נישט דאָ איז דער פּלאַץ צו באַהאַנדלען זיינע אַלע סתירות, סיי אַלס שרייבער און סיי אַלס מענטש. אָבער וואָלטער אַלס אַנטיסעמיט און ביטע־רער באַקעמפער פון יידן און יידנטום — איז אַ פענאָמענאַלע דערשיינונג אין דער גייסטיקער געשיכטע פון דער מענטשהייט.

עס האָבן קיין מאָל נישט געפעלט קיין אַנטיסעמיטן וואָס זיינען הויך־באַגאַבטע מענטשן. אָבער אין פאַל פון וואָלטער האָבן מיר אַ דערשיינונג פון אַ הומאַניסטישן קעמפער פון אוניווערסאַלן פאַרנעם און איינפלוס, וואָס איז געווען אַ פאַרביסענער פאַנאַטיקער אין זיין האַס און פאַראַכטונג צו יידן און יידנטום.

וואָלטער האָט זיך געטראָגן ווי אַ שטורעם איבער דעם פעאָדאַל־קלע־ריקאַלן פראַנקרייך פון 18טן יאָרהונדערט. דער דונער פון זיין געלעכטער און דער בליץ פון זיין עספּרי האָבן אָפּגעהילכט און געלויכטן איבער גאַנץ אייראָפּע — פון די קעניגלעכע הויפן ביז די אָרעמע פּויערישע כאַטעס.

אָבער אָט דער אויפקלערער, הומאַניסט, קעמפער פאַר טאָלעראַנץ און גערעכטיקייט און טשעמפּיאָן פון אַלע פאַרפאָלגטע — איז געווען אַ ווילדער פאַנאַטיקער וואָס האָט נישט געוווּסט קיין גרענעצן אין זיין שנאה צו אַלץ וואָס איז יידיש.

וואָלטערס גיפטיקע אַנטיסעמיטישע באַמערקונגען זיינען דער עיקר קאָנצענטרירט אין זיין ווערק: „פילאָסאָפיש ווערטערבוך" (דערשינען אין 1769). דאָס איז אייגנטלעך מער אַ פּובליציסטיש־דידאַקטיש ווערטער־

בוך, וואָס באַהאַנדלט אַ גרויסע צאָל קעגנשטאַנדן און באַגריפן פון מענטש־לעכן אינטערעס אויף זיין ספּעציפיש־וואָלטעריאַנישן אופן, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש מיט זיין פּרעציזער קלאָרקייט, ניכטערער לאָגיק און שניידנדיקן סאַרקאַזם. דאָס פילאָסאָפישע ווערטערבוך איז טאַקע געשריבן אין דער פאָרם פון אַ לעקסיקאָן, איינגעטיילט אין קאַפּיטלען לויט אותיות, ווו יעדער באַהאַנדלטער קעגנשטאַנד און באַגריף ווערט באַלויכטן אין אַן אַנטשפּרעכנדיקן סדר.

עס וועט כדאי זיין צו ברענגען אַ צאָל ציטאַטן פון דעם אויבן דער־מאָנטן ווערק, כדי צו זען דעם אומגעהויערן אַנטי־יידישן פאַנאַטיזם פון דעם פראַנצויזישן נביא פון טאָלעראַנץ.

אָט איז אַ „פּערל" פון וואָלטערס ליטעראַרישער שאַצקאַמער:

„איר געפינט קיין מאָל נישט קיין גרויסמוטיקע טאַט... זיי קאָנען נישט קיין גאַסטפריינדלעכקייט... זייער העכסטע פרייד איז צו פּראַקטי־צירן וווכעריי מיט אויסלענדער... זייער רום איז אויסצושלאַכטן די קליינע דערפער, וואָס זיי קענען דעראָבערן... זיי זיינען די שונאים פון מענטש־לעכן מין". אין דעם קאַפּיטל „יפתח" פון זיין פילאָסאָפישן ווערטערבוך דערגייט וואָלטער אַזוי וויט ווי צו באַשולדיקן אָפן די אַמאָליקע יידן אַז זיי זענען געווען קאַניבאַלן. ער פאַררופט זיך אויפן קאַפּיטל כ"ז, פון ויקרא, פסוק 27 (אך כל חרם אשר יחרים איש ליהוה מכל אשר לו מאדם ומבהמה ומשדה אחזתו לא ימכר ולא יגאל כל חרם קדש קדשים הוא ליהוה), וואָס פאַרבאָט אויסצולייזן מענטשן, וואָס זענען באַשטימט געוואָרן אַלס קרבנות. אויפן קאַפּיטל 39 פון יחזקאל, פסוק כ"א (ושבעתם על שלחני סוס ורכב גבור וכל איש מלחמה נאם אדני יהודה), וואָס זאָל, לויט אים הייסן, אַז גאָט האָט איינגעלאַדן די יידן עסן נישט נאָר די פערד פון זייערע שונאים, נאָר אויך די רייטערס. אַ „קאָרפּוס דעליקטי" געפינט וואָלטער אין דער מעשה יפתח, דער ביבלישער טראַגעדיע פון דעם זיגנדיקן גענעראַל, וואָס האָט מחרים געווען פאַר אַ קרבן די ערשטע פּערזאָן וואָס ער וועט באַגעגענען, וואָס איז גאָר געווען זיין אייגענע טאָכטער. ער ציטירט אויך די שטעלע פון תנ"ך ווו שמואל האָט צעהאַקט אויף שטיקער דעם מלך אגג. און ער רופט אויס מיט טריומף:

„אַט זיינען קרבנות פון מענטשנבלוט קלאָר פעסטגעשטעלט... מען קאָן נישט אורטיילן קיין פאָלק, נאָר ווי לויט זיינע אַרכיוון און דורך דעם ווי עס באַשרייבט זיך אַליין״.

משלי איז פאַר אים — אַ „זאַמלונג פון טריוויאַלע נידעריקע סענטענצן אָן געשמאַק״, און די יידן זיינען אים דערווידער, שרייבט ער אין קאַפּיטל „שלמה״ פון ווערטערבוך. און וואָס שייך טאָלעראַנץ, זאָגט ער אין דעם קאַפּיטל וועגן אָט דער גוטער מידה, אַז די יידן זיינען דאָס אומטאָלעראַנטסטע און גרויזאַמסטע פאָלק פון גאַנצן אַלטערטום. אין דעם זעלבן קאַפּיטל באַמיט זיך וואָלטער אויף זיין עלאָקווענטן שטייגער צו ווייזן, אַז די יידן זיינען מחוץ למחנה:

„איך וועל זאָגן צו מיין ברודער דעם טערק: לאָמיר עסן צוזאַמען... צו מיין ברודער דעם כינעזער: לאָמיר צוזאַמען עסן אָוונטברויט... אַזוי וועל איך זאָגן צו מיין ברודער דעם הינדו. אָבער וואָס וועל איך זאָגן צו מיין ברודער דעם ייד? זאָל איך אים געבן אָוונטברויט? יאָ, אָבער נאָר אַז בלעמס אייזל זאָל נישט אָנהויבן צו ברומען אין מיטן עסן. אַז יחזקאל זאָל נישט אויסמישן זיין פרישטיק מיט מיין אָוונטברויט, אַז אַ פיש זאָל נישט איינשלינגען עמעצן פון די געסט; אַז אַ ייד זאָל נישט אַרומקרייזן מיין הויז, בלאָזנדיק שופר, זאָל נישט מאַכן איינפאַלן די ווענט און זאָל מיך נישט דערווערגן, מיך מיט מיין פאָטער, מיין מוטער, מיין פרוי, מיינע קינדער, מיין קאַץ און מיין הונט, לויטן אַלטן מנהג פון די יידן״...

אין קאַפּיטל „משיח״ ווערט וואָלטער, דער גרויסער אַפּיקורס, גאָר אַ פאַרטיידיקער פון קריסטוסן. און ער גיסט צו פייער צו דער קריסט־לעכער יידן־שנאה, וואָס האָט אין 18טן יאָרהונדערט נאָך געברענט אין פשוטן זין פון דעם וואָרט.

„אויב די יידן האָבן באַשטריטן יעזוס קריסטוסעס קוואַליטעט פון אַ משיח און פון זיין געטלעכקייט, האָבן זיי אויך נישט פאַרנאַכלעסיקט צו מאַכן אים פאַראַכטונגסווערט, צו וואַרפן אויף זיין געבורט, זיין לעבן און טויט די גאַנצע לעכערלעכקייט און שאַנד, וואָס זייער פאַרברעכע־רישע ליידנשאַפטלעכקייט האָט געקאָנט אויסקלערן״.

אַנגעמענדיק פאַר אַ גוטער מטבע יעדע פאַנטאַסטישע שטעלע אין תנ"ך, וואָס איז לגנאי פאַר יידן, ווייזט אָבער וואָלטער אַרויס סקעפּטיציזם צו די פּאָזיטיווע שטעלן. אין דעם קאַפּיטל „משה" שטעלט ער אַ רעטאָרישע פראַגע:

„איז איבערהויפּט אמת, אַז עס האָט עקזיסטירט אַ משה?... וואָס! דער ניל וואָלט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין בלוט און קיין אויטאָר וואָלט נישט גערעדט דערפון?... בלויז אַ קליין פאָלק פון באַרבאַרישע שקלאַפן וואָלט אונדז דערציילט דערפון?..."

דאָס ווייזט ווידער וואָלטערס דעמאַגאָגישע פּאַרטייִישקייט. ער גלויבט אַז די יידן האָבן באַרויבט די מצריים, אַז זיי זיינען אַרויס פון געפאַנגענ־שאַפט, אָבער אַז עס איז געווען אַ באַפרייער משה — דאָס גלויבט ער נישט... עס לוינט זיך אים נישט צו גלויבן, אַז ביי יידן איז געווען אַזאַ מאַיעסטעטישע געשטאַלט...

אַז וואָלטער קאָן דרייען מיט דער פעדער, ווי עס לוינט זיך אים — איז אַ באַשיימפערלעכער פאַקט, וואָס קומט כסדר צום אויסדרוק אין זיינע פילאָסאָפישע — לייען: פּובליציסטישע — שריפטן. האָבנדיק געוואָרפן אַזוי פיל שווערע באַשולדיקונגען אויף דער יידישער תורה און אויף די יידן, באַזונדערס די אַמאָליקע יידן, קאָן ער אויך אַ מאָל געפינען אַ וואָרט פון לויב — ווען עס לוינט זיך אים.

אין דעם אויבן דערמאָנטן קאַפּיטל וועגן טאָלעראַנץ זאָגט ער:

„יעקב האָט נישט געצווייפלט חתונה צו האָבן מיט די טעכטער פון געצנדינערס... אָט זיינען ביישפּילן פון טאָלעראַנץ ביי דעם אומטאָלע־ראַנטסטן און אַכזריותדיקסטן פאָלק פון גאַנצן אַלטערטום: מיר האָבן אים אימיטירט אין זיינע אַבסורדן, צאָרן און נישט אין זיין נאַכזיכטיקייט".

וואָס שייך דער אידייע אַז יידן זיינען געווען דאָס ערשטע פאָלק וואָס האָט געגלויבט אין איין גאָט אַאַז"וו האָט וואָלטער אויך דאָ אַריינ־געוואָרפן זיינע ספּעציפישע באַמערקונגען:

„די יידן האָבן געמאַכט פון דער געשיכטע און לעגענדע דאָס וואָס זייערע טענדלערס מאַכן פון זייערע אַלטע קליידער; זיי איבערניצעווען זיי און פאַרקויפן זיי ווי נייע צום טייערסטן פרייז וואָס זיי קאָנען נאָר!

עס איז אַ באַזונדערער ביישפּיל פון מענטשלעכער נאַרישקייט, וואָס מיר האָבן אַזוי לאַנג באַטראַכט די יידן ווי אַ פאָלק וואָס האָט אַלץ געלערנט צו אַנדערע״.

אין דעם קאַפּיטל „יידן״ גיט דער מחבר איינעם פון זיינע אומצייליקע „קאָמפּלימענטן״ דעם יידישן פאָלק, וואָס ער ווערט נישט מיד איבער־צוחזרן אויף טריט און שריט:

„די העברייער זיינען כמעט שטענדיק געווען... רויבערס... שקלאַפן... בונטאָוושטשיקעס: זיי זיינען נאָך היינט וואַגאַבונדן אויף דער ערד, און אין אָפּשיי ביי די מענטשן, פאַרזיכערנדיק אַז הימל און ערד און אַלע מענטשן זיינען באַשאַפן געוואָרן בלויז פאַר זיי״.

מיר וועלן שליסן דעם צעטל פון די טענות קעגן יידן מיט צוויי פון וואָלטערס אַנטיסעמיטישע באַשולדיקונגען. אין דעם קאַפּיטל, וואָס איז געווידמעט צו די „גערדאַנקען״ פון פּאַסקאַל, שרייבט ער, אַז די יידן זיינען נישט פאַרהאַסט געווען צוליב זייער גלויבן אין איין גאָט, נאָר ווייל זיי האָבן אָן רחמנות אויסגעמאָרדעט זייערע באַזיגטע שונאים.

די צווייטע באַשולדיקונג איז, אַז צרעת איז געווען אַ ספּעציפישע יידישע קראַנקהייט. יידן זיינען פון איר געווען אָנגעגריפן מער ווי יעדער אַנדערער פאָלק, ווייל זיי האָבן נישט געהאַט קיין וועש און נישט קיין הויז־בעדער. דאָס יידישע פאָלק איז געווען, הייסט עס, אַזוי שמוציק, אַז זיינע געזעצגעבער זיינען געצוווּנגען געווען צו מאַכן אַ געזעץ פון וואַשן זיך די הענט. און וואָלטער פירט אויס:

„צרעת, ווי דער פאַנאַטיזם און די וווכעריי, איז געווען דער באַזונ־דערער קענצייכן פון די יידן״.

*

די אויבן דערמאָנטע ציטאַטן גיבן אַ בילד פון וואָלטערס פאַרביסע־נער פיינטשאַפט צום יידישן פאָלק און צו דער יידישער רעליגיע, וואָס שיינט צו זיין אומדערקלערלעך ביים אַפּאָסטאָל פון השכלה, דעם אָפּגאָט פון הומאַניסטישן און ליבעראַלן אייראָפּע פון 18טן יאָרהונדערט.

וואָלטער איז געווען אַ ליידנשאַפטלעכער קעמפּער קעגן יעדן מין טיראַניע בכלל און קעגן רעליגיעזער טיראַניע בפרט. זיין קרייצצוג קעגן קאַטוילישן פאַנאַטיזם, מיט זיין קאַמפּסרוף: „עקראַסע ל׳ענפאַם!״ (פאַר־ניכטעט די שענדלעכע; מיט דעם דאָזיקן קאַמפּסרוף פלעגט וואָלטער ענ־דיקן זיינע בריוו) האָט אויפגערודערט די וועלט. עס איז באַקאַנט זיין אָפּענסיווע קעגן די יוסטיץ־מאָרדן איבער קאַלאַ, ל׳עטאַלאַנד און אַנדערע קרבנות פון דעם קלעריקאַל־פריצישן פראַנצויזישן רעזשים. וואָלטער איז אויך געוואָרן אַ מין ווילטעטער פון דער מענטשהייט, פון אַלע פאַר־פאָלגטע און געפּלאָגטע און מען איז געקומען צו אים אין פאַרשיידענע נויטפאַלן, וועגן זיין הילף.

אַזאַ אויפגעקלערטער ליבעראַלער גייסט און הומאַניסט זאָל זיין באַזעסן פון אַ ווילסטן פאַנאַטישן אַנטיסעמיטיזם — דאָס איז טאַקע אַ מאָדנע און באַדויערנסווערטע דערשיינונג, אַ פּסיכאָלאָגישע רעטעניש, וואָס דאַרף קריגן אַ באַשייד.

*

וויל איך דאָ פּרווון אָנוואַרפן עטלעכע מעגלעכע סיבות, וואָס קענען אין גאַנצן אָדער טיילווייז דערקלערן וואָלטערס אַנטיסעמיטיזם.

וואָלטער איז געווען אַ גרויסער שונא פון יעדן רעליגיעזן מיטאָס, פון דאָגמעס, גלויבנס און אָבערגלויבנס. ער איז באַזונדערס געווען אַ שאַרפער קעגנער פון דער קריסטלעכער רעליגיע און קירכע — הגם ער האָט דאָס, אין נויט־פאַלן, געלייקנט — וואָס האָט אין משך פון פופצן הונדערט יאָר — ביז זיין צייט — זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַ כוח פון פינצטערניש, פאַרפאָלגונג און אונטערדריקונג.

האָט וואָלטער, דער שונא נומער 1 פון קירכלעכן ווילקיר, פשוט „געשטראָפט די טאָכטער און געמיינט די שנור״ — דעם פאַנאַטיש־אָבער־גלויבישן פראַנצויזישן קלער, וואָס האָט אויסגעזויגן די גייסטיקע און מאַטעריעלע זאַפטן פון פאָלק. עס איז פשוט געווען אומשעדלעך צו אַטאַקירן די יידישע רעליגיע.

עס איז אויך פאַראַן אַ מיינונג, אַז וואָלטער האָט געהאַסט דאָס יידנטום, ווייל ער איז געווען אַ שונא פון קריסטנטום, און אַזוי ווי דאָס קריסטנטום שטאַמט פון יידנטום, איז זיין שנאה געווען געלענקט צום מקור. (די לעצטע מיינונג האָט, אין אַ בריוו צו מיר אויסגעדריקט פּראָפ. זשאַן לאַנעי, שעף פון דעפּאַרטאַמענט פאַר ראָמאַנישע שפּראַכן ביים „מעקגיל"־אוניווערסיטעט אין מאָנטרעאַל).

די צוויי דערקלערונגען קאָנען אָבער בלויז זיין אַ פּירוש אויף זיין קעגנערשאַפט צו דער יידישער רעליגיע, אָבער נישט אויף זיין קרענק־לעכער שנאה צום יידישן פאָלק. וואָלטער האָט דאָך שטאַרק פאַראַכטעט די קריסטלעכע קירך (הגם ער האָט זיינע פאַרגיפטעטע פיילן אָפט געמוזט איינהילן אין דער וואַטע פון אַנאָנימיטעט, צוליב פאַרשטענד־לעכע טעמים) ; פון דעסטוועגן איז דאָך דאָס פאַר אים נישט געווען קיין גרונט צו האַסן די קריסטן.

אַ ווייטערדיקע סיבה קאָן זיין... וואָלטערס הומאַניזם. דער „פּאַטריאַרך פון פערני" איז געווען אַ גרויסער קעמפער קעגן יעדן רעליגיעזן פאַנאַ־טיזם און גאָר באַזונדערס קעגן יעדן נאַציאָנאַלן שאָוויניזם. און דאָס אַלץ איז נאָך ביי אים געווען צוגעשאַרפט און צוגעשפּיצט מיט זיין ספּעציפישער שטאָל־קאַלטער, מעסער־שאַרפער לאָגיק און באַזונדערן חוש פאַר „קאָמאָן סענס". ער האָט דעריבער אויסגענוצט זיין גאַנצן מעכטיקן אַרסענאַל — זיין שפּאָטישע סאַטירע, שאַרפזיניקן וויץ און קרישטאָלענעם סטיל — קעגן די יידן, וואָס ער האָט באַשולדיקט אין זיין די „שונאים פון מין האנושי". מען דאַרף דאָ אויך נעמען אין באַטראַכט דעם עלעמענט פון דער צייט — פון דער עפּאָכע פון פאַר דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און די אָפּגעשלאָסענע יידישע וועלט פון דער געטאָ. די אויסערלעכע וועלט האָט געקענט דעם ייד בלויז אַלס אַלט־וואַרג־הענדלער און באַנקיר־פּראָצענטניק : דאָס ערשטע אַלס אָביעקט פון פאַראַכטונג און דאָס צווייטע אַלס אָביעקט פון קנאה־שנאה.

איך בין אָבער שטאַרק מסופק, אויב בלויז די אויבן דערמאָנטע מאָמענטן שעפּן אויס די סיבות פון וואָלטערס יידנהאַס, פון זיין אַנטי־סעמיטישן דיבוק. איך האָב אַ שטאַרקן חשד, אַז איינע פון די שטאַרקסטע

טרייב־כּוחות פון זיין קרענקלעכן אַנטיסעמיטיזם איז געווען זיין אייגענע נאַטור פון אַ... שפּעקולאַנט און פּראַצענטניק.

וואָלטער איז געווען אַן אומגעהויער אונטערנעמערישער און זייער דערפאָלגרייכער געשעפטסמענטש. ער איז פון זיינע פריִע יאָרן אָן שוין געווען אַנגאַזשירט אין פאַרשיידענע געשעפטס־מאַכינאַציעס און ספּעקו־לאַציעס. דאָס „מזל", ווי מען רופט אַזעלכע „פאַרעקשנטע" דערפאָלגן, האָט אים צוגעשפּילט און ער איז שנעל גאָר רייך געוואָרן. ער איז געווען אַ מענטש פון פּרינציפּן, אָבער זיין הויפּט־פּרינציפּ איז געווען דער פּערזענלעכער דערפאָלג. איינע פון זיינע ערשטע הכנסה־קוואַלן איז געווען — ווערן אַ ליפעראַנט פאַר דער אַרמיי, נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס ער האָט אַטאַקירט מיליטאַריסטן און מלחמות. ס'וואָלט געווען אויסער די ראַמען פון דעם אַרטיקל אַרומצורעדן אויספירלעך וואָלטערן אַלס... וווכערניק. מען וואָלט געקאָנט אָנשרייבן אַ בוך וועגן וואָלטערן — דעם ספּעקולאַנט, פּראַצענטניק און פינאַנסיסט. אַחוץ די אַלע געשעפטן, איז ער אויך אָפט געווען אין דינסט ביי מלכים און געקראָגן פּענסיעס פון הויכגעשטעלטע שררות.

עס וועט געניג זיין צו ברענגען בלויז עטלעכע פאַקטן אין שייכות מיט דעם.

וואָלטער איז פאַר אַ צייט געווען אַנגאַזשירט ביי דעם פּרייסישן קעניג, פרידריך דעם צווייטן אין זיין שלאָס אין פּאָטסדאַם. ער איז דאָן געווען אַ מין הויף־דיכטער, לערער און ליטעראַרישער „אַרביטער עלעגאַנטיאַרום" ביי פרידריכן, וואָס איז אַליין געווען אַ שריפטשטעלער.

דער מחבר פון „פילאָסאָפישן ווערטערבוך" און פרידריך זיינען געווען אַלטע גוטע פריינד און אין אָנהויב פון זייערע גאַזעלשאַפטלעכע האָניק־חדשים געווען זייער באַגייסטערט איינער פון צווייטן. אָבער די שמחה האָט נישט לאַנג אָנגעהאַלטן. גאָר שנעל האָט דער פילאָסאָף אַרויסגעוויזן זיין אומפילאָסאָפישן טעמפּעראַמענט און כאַראַקטער. ער האָט זיך אַריינ־געלאָזט אין אַ הויף־מחלוקת מיט דער פּרייסישער קעניגלעכער אַקאַדעמיע און אָנגעשריבן אַ סאַטירע קעגן דעם פראַנצויזישן וויסנשאַפטסמאַן מאפּערטי, דעם פּרייסישן קעניגס אַ הויף־מענטש און פּראַטעזשע. דאָס

איז נישט געווען אַלץ; דער ספּעקולאַטיווער פֿילאָסאָף און פֿילאָסאָף־ספּעקולאַנט האָט פֿאַרקאָכט אַ קאַשע מיט אַ מיאוסן ספּעקולאַציע־סקאַנדאַל בשותפֿות מיט אַ בערלינער יידישן סוחר און ספּעקולאַנט, אַ געוויסן הערשל.

וואָלטערס אומגעצוימטער טעמפּעראַמענט, זיין געלט־גיריקייט, ווכערײַ און אַנדערע „מעלות טובות" האָבן ענדלעך באַוויגן פֿרידריכן, אַז ער זאָל זיין לאַנגיאָריקן פֿריינט און ליטעראַרישן אָפּגאָט פּשוט אַרויסטרייבן פֿון פּרייסן, מיט חרפּות און בושות. ער האָט אים אַפֿילו שפּעטער, אין פֿראַנקפֿורט אויפֿן וועג קיין פֿראַנקרייך, געלאָזט אַרעסטירן דורך זיין דיפּלאָמאַטישן פֿאַרשטייער.

אין זיינע בריוו צו די דריי יידישע מחברים פֿון אַן אַפּאָלאָגעטיש ווערק, וואָס וואַרפֿט אָפּ זיינע אַנטי־יידישע באַשולדיקונגען, זשאַלעוועט זיך וואָלטער אויף דעם ייד מעדינאַ, וואָס האָט אים באַשווינדלט אויף 80 פּראָצענט אאַז"וו.

עס זעט אויס, אַז ער, דער כיטרער ספּעקולאַנט, האָט אין זיינע געשעפֿטלעכע מאַכינאַציעס זיך אָנגעטראָפֿן אויף יידישע געשעפֿטסלייט, וואָס האָבן אים איבערגעשטיגן אויף דעם געביט.

עס איז זיך לייכט פֿאָרצושטעלן, ווי די אויבן דערמאָנטע סקאַנדאַלן, ווי געזאָגט, דערפֿירנדיק צו זיין פֿאַרטריבן ווערן מיט חרפּות און בושות פֿון קעניגלעכן הויף האָבן פֿאַרווונדעט ביזן ביין דעם לעגענדאַרן קמצן און אייטעלן מענטש וואָלטער. מען דאַרף נישט פֿאַרגעסן די אויסערגעוויינטלעכע עמפּפֿינדלעכקייט און גערייצטקייט פֿון דעם פֿראַנצויזישן דיכטער־פֿילאָסאָף; זיין גרענעצלאָזן עגאָיזם און זעלבסטגעפֿיל. ביי אַזאַ מענטאַליטעט איז פֿאַרשטענדלעך זיין שטאַרקער ווידערגעפֿיל צו יידן, וואָס האָט זיך ביי אים פֿאַרוואַנדלט אין אַן אומגעצוימטן האַס. אָט די היפּאָטעזע וועט נישט קלינגען אומוואַרשיינלעך פֿאַר די וואָס קאָנען וואָלטערס ביאָגראַפֿיע. עס זיינען באַקאַנט פֿאַלן, ווען דער „פּאַטריאַרך פֿון פֿערני" האָט געפֿירט לאַנגיאָריקע מחלוקתן און פֿאַרפֿאָלגט מענטשן צוליב קליינלעכע געשעפֿטס־ענינים. עס איז, צווישן פֿיל ענלעכע פֿאַלן, באַקאַנט, אַז ער האָט נישט דערלאָזט דערוויילט ווערן צו דער פֿראַנצויזי־

זישער אַקאַדעמיע אַן אַדלמאַן מיטן נאָמען דע־בראַס, ווייל ער האָט מיט אים געהאַט אַ סכסוך וועגן... האַלץ אויף אַ קליינער סומע. און אַזעלכע פאַלן פון קליינער און פאַרביסענער ליידנשאַפטלעכער שנאה פעלן נישט, ווי געזאָגט, אין וואָלטערס ביאָגראַפיע.

מיר קענען געוויסע פּרטים אין דער אַפעריסטישער ספּעקולאַציע מיט די דעוואַלוירטע זאַקסישע ווערטפּאַפּירן, אויסגעפירט צווישן וואָלטער און הערשלען.

וואָלטער און הערשל האָבן אויפגעקויפט זאַקסישע ווערטפּאַפּירן, וואָס זיינען אין רעזולטאַט פון דער מלחמה דעוואַלוירט געוואָרן אויף 50 פּראָצענט. אין זיין שלום־אָפּמאַך מיט זאַקסן האָט דער פּרייסישער קעניג אַריינגעשריבן אַ פּונקט, אַז פּרייסישע אונטערטאַנער זאָלן באַקומען אויס־געצאָלט 100 פּראָצענט פאַר די א״ד ווערטפּאַפּירן. אָט דער פּונקט איז אויסגענוצט געוואָרן דורך די צוויי ספּעקולאַנטן.

שפּעטער איז געקומען אַ סעריע פון קעגנזייטיקע באַשולדיקונגען פון די קאָמבינאַטאָרן. וואָלטער האָט הערשלען באַשולדיקט, אַז ער האָט געגעבן אַלס קויציע — פאַלשע דימענטן און הערשל וואָלטערן — אַז ער האָט געגעבן ווערטלאָזע וועקסלען.

מיר ווייסן נישט ווער עס איז אין דעם פאַל געווען דער שווינדלער, אָדער דער גרעסערער שווינדלער. אָבער עס זעט אויס צו זיין קרוב אל האמת, אַז וואָלטער האָט זיין געקרענקטע אַמביציע, ערגייץ און געלט־גייץ געגעבן אַ פילאָסאָפישע דימענסיע.

מען דאַרף נאָך צוגעבן עטלעכע פאַקטן, וואָס וועלן דערגאַנצן די וואַרשיינלעכקייט פון דער לעצטער היפּאָטעזע.

וואָלטער האָט אין זיין יוגנט געלערנט אין אַ יעזויטישער שול. און עס זעט אויס, אַז ער האָט אין דער „קינדערשטובע" נישט איינגע־זאַפּט קיין געוואַלדיקע אהבת ישראל.

אַ צווייטער אינטערעסאַנטער פאַקט איז, אַז וואָלטער — אַ גרויסער ליבעראַל און הומאַניסט אין זיינע שריפטן און אויך אין מאַנכע פון זיינע אַקטן — איז אין משך פון כמעט זיין גאַנצן לעבן געווען אַ געצאָלטער הויף־מענטש און פאַוואָריט ביי מלכים און שררות. ער האָט זיי אַלעמען

געחנפעט, אָבער ער איז סוף כל סוף, פון אומעטום פאַרטריבן געוואָרן מיט חרפּות און בושות צוליב זיינע מאַכינאַציעס, זיין וויטריאָלישע צונג און פּולווערדיקן טעמפּעראַמענט. דאָס אַלץ ווייזט, אַז וואָלטער איז אין זיין כאַראַקטער און זיינע מעשים געווען דאָס קעגנזעצלעכע פון אַ פילאָסאָף — אַ נוקם ונוטרדיקער, אַמביציעזער און אייטלדיקער מענטש.

און אין דעם ליכט פון די דערמאָנטע פאַקטן און השערות דאַרף מען, וואַרשיינלעך, זוכן דעם פּתרון צו דער כאַראַקטעריסטישער דערשיינונג פון וואָלטער — דעם הומאַניסט־אַנטיסעמיט.

*

וואָלטערס גיפטיקע אָנפאַלן — אין אַ סך פאַלן געבויט אויף האַלבע אמתן און גאַנצע שקרים — האָבן ענדלעך געקראָגן אַ ווירדיקן ענטפער און אָפּלייקענונג אין דער פאָרם פון אַן אַפּאָלאָגעטיש בוך, פאַרפאַסט פון 3 חשובע מיטגלידער פון דער יידישער געמיינדע אין פראַנקרייך: יוסף בן יהונתן, אהרן מאטהאטאי און דוד ווינקער.

עס איז רירנדיק צו לייענען דאָס בוך, וואָס איז דערשינען אַרום 200 יאָר צוריק אין פראַנקרייך, מיט דער דערלויבעניש פון קעניג. די מחברים צעקלאַפּן אין די מערסטע פאַלן וואָלטערס טענות און באַווייזן זייער פאַלשקייט. גלייכצייטיק גיבן זיי אים אַ זייער באַרעכטיקטע פאַרציע מוסר פאַר זיינע אומגעצוימטע אָנפאַלן.

וואָלטער האָט זיך געהאַט פאַרטיידיקט, אַז ער האָט גאָר, אין אַ צאָל פון זיינע ווערק, אַטאַקירט די שפּאַנישע אינקוויזיציע פאַר פאַר־ברענען יידן.

די יידישע אַפּאָלאָגעטן שרייבן:

„דאָס איז ווייט נישט אַלץ, נישט צו פאַרברענען קיין מענטשן: מען פאַרברענט מיט דער פעדער, און דאָס פייער איז אויף אַזוי פיל שרעק־לעכער, וואָס זיין רעזולטאַט גייט איבער צו די צוקונפטיקע דורות. וואָס זאָל מען פאַרלאַנגען פון אַ ווילדן און בלינדן פראָסטאַק... אויב די שענד־לעכע פאַראורטיילן זיינען באַשטעטיקט דורך דעם גרעסטן זשעני פון דעם אויפגעקלערטן יאָרהונדערט?...״

אין די עטלעכע זאַצן האָבן די מחברים אַרויסגעזאָגט טיפֿע אמתן. די פֿייער־פּלאַמען וואָס קומען פֿון דער פֿעדער — און באַזונדערס פֿון אַזאַ שאַרפֿער פֿעדער ווי וואָלטערס — זיינען פֿיל שעדלעכער און צע־שטערנדיקער ווי די אינקוויזיציע־פֿייערן. עס איז בלויז געניג אַ טראַכט צו געבן וואָס פֿאַר אַ גיהנום עס איז געקומען פֿאַרן יידישן פֿאָלק אין רעזולטאַט פֿון די גיפֿטיקע פֿעדערס אין 20סטן יאָרהונדערט.

די מחברים באַרירן דאַן אַן אַנדער „פֿאַרברעכן" וואָס וואָלטער געפֿינט ביי די יידן, אַז זיי זיינען — אַלטוואַרג־הענדלערס:

„...אויב זיי זיינען אַלטוואַרג־הענדלערס, איז דאָס אַ באַשעפּטיקונג ווי אַנדערע... דאָס איז געווען די פּראָפֿעסיע פֿון מאָליערס פֿאָטער (ס׳קומט אַ פּאַראַלעל צווישן די פֿאַרברעכנס פֿון יידן און אַנדערע פֿעלקער)... פֿאַרוואָס באַנוצט איר נישט אייערע טאַלאַנטן צו פֿאַרניכטן אַ פֿאַראורטייל וואָס ברענגט אומכבוד דער מענטשהייט?"

עס ווערט דאַן באַרירט דעם פֿראַנצויזישן פֿילאָסאָפֿס באַשולדיקונג קעגן די יידן פֿון אַמאָליקן ארץ ישראל פֿאַר זייער טאָטאַלער אויסראָטונג פֿון דער אָרטיקער באַפֿעלקערונג ביים איינעמען דאָס לאַנד כנען.

די מחברים גיבן אַ קאָנווענציאָנעלן, אָבער נישט איבערצייגנדיקן ענטפֿער, אַז די אויסראָטונג פֿון דער כנענישער באַפֿעלקערונג איז געווען אַ באַפֿעל פֿון גאָט.

די באַשרייבונג פֿון דער אַמאָליקער „ענדגילטיקער לייזונג" פֿון דער כנענים־פֿראַגע זיינען זיכער אַ גרויסער פֿלעק אויף דעם גרויסאַרטיקן ספר הספרים. און איינס פֿון די גרעסטע אומגליקן פֿון יידישן פֿאָלק איז דאָס, וואָס אָט דאָס גלענצנדיקע סופֿער־בוך האָט נישט געהאַט קיין אויפֿמערק־זאַמען רעדאַקטאָר.

עס קומען דאַן טיפֿזיניקע באַמערקונגען וועגן דעם אורשפּרונג און שורש פֿון נאַציאָנאַלן האַס: „נישט די רעליגיעזע אונטערשיידן זיינען דער מקור פֿון נאַציע־האַס... די אומגליקן פֿון דער מענטשהייט האָבן זייער מקור אין דער מענטשהייט זעלבסט."

עס איז אינטערעסאַנט צו זען, ווי די דריי יידישע מחברים כאַפּן דעם פּאַטריאַרך ביי דער האַנט ביי איינער פֿון זיינע אומציילִיקע סתירות. זיי

ווייזן אויף די באַשיימפּערלעכע סתירה אין דעם, וואָס וואָלטער האָט פון איין זייט באַשולדיקט די עקזאָדוס־יידן, אַז זיי האָבן אויסגעפּלינדערט מצרים און פון דער צווייטער זייט, אַז זיי זיינען געווען אָרעמע שלעפּערס.

אַז וואָלטער לאָזט זיך אַראָפּ צו פּשוטע בלבולים און פעלשונגען אין זיין אַנטיסעמיטישער טענדענץ — איז קלאָר און באַשיימפּערלעך. אין דער באַשולדיקונג, אַז די אַמאָליקע יידן זאָלן האָבן געווען קאַניבאַלן, שטיצט זיך וואָלטער אויפן פּסוק כ״כ״א פון קאַפּיטל ל״ט יחזקאל. אָבער דער שאַרפזיניקער דענקער מאַכט זיך נישט פאַרשטיין אַ זאַך וואָס אַ קינד וואָלט פאַרשטאַנען: די איינלאַדונג צו עסן דאָס פּערד מיטן רייטער איז פּשוט געווענדט צו — די רויב־פייגל און רויב־חיות. אין דעם פּסוק י״ז פון דעם זעלבן קאַפּיטל ווערט קלאָר און דייטלעך געזאָגט וועגן וועמען עס האַנדלט זיך:

„ואתה בן אדם כה אמר אדני יהוה אמר לצפור כל כנף ולכל חית השדה הקבצו האספו מסביב על זבחי אשר אני זבח לכם זבח גדול על הרי ישראל ואכלתם בשר ושתיתם דם״.

און אַזעלכע פאַרדרייונגען פון פאַקטן און זין קאָן מען געפינען אַ סך צווישן וואָלטערס באַשולדיקונגען.

*

אויף אָט דעם טרעפלעכן און לרוב שלאָגפערטיקן אַפּאָלאָגעטישן בוך האָט וואָלטער געענטפערט מיט אַ סעריע „בריוו צו די הערן יוסף בן יהונתן, אהרן מאַטהאַטאַי און דוד ווינקער״.

עס איז מאָדנע: וואָלטער ווערט דאָ פאַרוואַנדלט אין אַ... גוטן פריינט און ברודער... „נישט בלויז בין איך אייער פריינט, אייער ברודער, נאָר אויך אייער גענעאָלאָגיסט... ווי עס זאָל נישט זיין, באַשטעטיק איך, אַז איר זענט פון זייער גוטן אַדל, און אַז איר זענט געווען הערשערס פון ירושלים אַ לאַנגע צייט פאַר דעם, איידער עס איז נאָך געווען אַ פראַגע פון דעם הויז פון שוואָבן, פון אַנהאַלט, פון זאַקסן און בייערן״...

ער דערגייט דאָ אַזוי ווייט, ווי צו קלאַפּן זיך אין האַרץ על חטא:

„איך בין געווען אומגערעכט ווען איך האָב צוגעשריבן צו אַ גאַנץ פאָלק די זינד פון מערערע יחידים".

וויטער נעמט וואָלטער אָן די ראָל פון אַ רודף־שלומניק און שרייבט אין אַ טאָן פון „לאָמיר זיך איבערבעטן".

דער געניאַלער לץ הייבט אָן מיט זיין געוויינטלעכן סאַרקאַזם, דער־ציילנדיק אַ ממזריש־צוגעשפיצטן אַנעקדאָט:

„ווען הער מעדינאַ, אייער גלויבנס־ברודער, האָט מיר באַנקראָטירט אויף 20 טויזנט פראַנק, מיט 44 יאָר צוריק, האָט ער מיר געזאָגט, אַז עס איז נישט געווען זיין שולד, אַז ער איז קיין מאָל נישט געווען קיין בן בליעל, אַז ער האָט שטענדיק געפּרוווט לעבן... ווי אַן אָרנטלעכער מענטש, ווי אַ גוטער ייד". איך בין געריהרט געוואָרן. איך האָב אים אַרומגענומען; מיר האָבן צוזאַמען געלויבט גאָט און איך האָב פאַרלוירן 80 פּראָצענט"...

באַלד גייט ער אָבער איבער אין אַ ערנסטן טאָן און דערקלערט אַז „לא דובים ולא יער".

„איך האָב קיין מאָל נישט געהאַסט אייער פאָלק. איך האָס נישט קיינעם... ווייט פון צו האַסן אייך, האָב איך אייך שטענדיק באַדויערט".

ווי אַן עדות ברענגט וואָלטער אַ ציטאַט פון 21סטן קאַפּיטל „אַנריאַדע", אין וועלכן ער קלאָגט אָן דעם רעליגיעזן פאַנאַטיזם אין פאַרשיידענע צייטן, צווישן אַנדערע דעם פאַנאַטיזם קעגן יידן:

„ער צינדט זיינע פייערן אין ליסאַבאָן, אין מאַדריד,
זיינע פייער־שייטערס, ווו דער אומגליקלעכער ייד
ווערט מיט פּאָמפּע, דורך גלחים געשיקט יאָר־יערלעך,
פאַר האַלטן דעם גלויבן פון זיינע עלטערן טייער און ערלעך".

„...נאָך אַלעמען גלויב איך נישט אַז די ערלה זאָל איצט פּראָדוצירן אַזעלכע עקלהאַפטע גרוילן; איך דענק נישט... אַז מענטשן דאַרפן זיך האַסן... זיך פאַרשעלטן קעגנזייטיק... בעט איך ביי אייך מחילה, ווייל זייענדיק נאָענט צו ענדיקן מיין וועג, וויל איך איבערהויפּט נישט זיך צעקריגן מיט ישראל.

„איך האָב די ערע צו זיין, ווי מען זאָגט, אייער עט סעטעראַ, וואָלטער".

עס וואָלט אָבער געווען אַ טעות צו מיינען, אַז וואָלטער האָט אין גאַנצן אויפגעגעבן זיינע באַשולדיקונגען און בלבולים.

די ווייטערדיקע בריוו זיינען אַראָגאַנט, ציניש און ברענגען אומ־גינסטיקע פֿאַקטן פֿון דער יידישער געשיכטע: באַרבאַרישע מאָרדן, סאַדאָמיע, אָבערגלויבן, מענטשלעכע קרבנות, ברודער־מאָרדן אאַז״וו (יפתח, פלגש בגבעה, אבימלך און אַנדערע).

„אַלע אייערע מלכים זיינען געווען מערדערס, אָנהויבנדיק פֿון דודן, וואָס הרגעט מפיבושתן, זון פֿון יהונתן, זיין צאַרטן פריינט... וואָס הרגעט אוריה... די זויג־קינדער אין די דערפֿער פֿון זיין פּראָטעקטאָר אכיש... ענדיקנדיק מיט הורדוסן, וואָס דערמאָרדעט זיין שוואָגער, זיין פרוי, אַלע קרובים און אַפילו זיינע קינדער״.

איבערגייענדיק צו דער „פֿלייש־פֿראַגע״, זאָגט וואָלטער:

„צווישן אַלע אייערע אומגליקן האָב איך שטענדיק באַדויערט די צרה, וואָס איר האָט געגעסן מענטשלעך פֿלייש. איר זאָגט, אַז נישט אייך האָט דער האַר איינגעלאַדן צום טיש, צו עסן דאָס פערד און זיין רייטער, אַז דאָס זיינען געווען די פֿייגל... איך וויל דאָס גלויבן״.

דאַן קומט די אמתדיקע פֿאַנטאַסטישע און מאָנסטרעזע באַשולדיקונג:

„איר פּרעטענדירט אַז אייערע מוטערס זיינען נישט געשלאָפֿן מיט קיין ציגנבעק און נישט אייערע פֿאָטערס מיט ציגן; אָבער זאָגט מיר... פֿאַרוואָס זענט איר דאָס איינציקע פֿאָלק... ביי וועלכע די געזעצן האָבן ווען־נישט־איז געמאַכט אַן ענלעכן פֿאַרבאָט? אַ געזעצגעבער וואָלט אַרויסגעגעבן אַזאַ ביזאַר געזעץ, ווען דאָס פֿאַרברעכן וואָלט נישט געהאַט געווען אַלגעמיין?״

איבערגייענדיק צו דער פֿראַגע פֿון מענטשלעכע קרבנות, זאָגט וואָלטער:

„איר וואָגט צו פֿאַרזיכערן אַז איר האָט נישט מקריב געווען קיין מענטשלעכע קרבנות צום האַר: און וואָס איז מיטן מאָרד איבער יפתחס טאָכטער?... דער כהן שמואל האָט דען נישט צעהאַקט אויף שטיקער דעם מלך אגג, וועמען שאול האָט געראַטעוועט דאָס לעבן?... אָדער זאָגט זיך אָפּ פֿון אייערע ביכער, אין וועלכע איר גלויבט פעסט, אָדער גיט־צו, אַז

אייערע פאָטערס האָבן געאָפפערט צו גאָט שטראָמען פון מענטשלעכן בלוט, מער ווי וועלכעס נישט איז פאָלק אין דער וועלט".

וואָלטער באַרירט דאָן דעם ענין פון מקריב זיין קינדער. ער רופט אויס:

„איך זאָג אייך, אַז אייערע פאָטערס האָבן מקריב געווען זייערע קינדער... איר גייט מיר זאָגן, אַז נישט צום האַר אדוני האָבן אייערע מוטערס מקריב געווען די פרוכט פון זייערע געדערים... באמת זייער וויכטיק אויב איר האָט אים אָנגערופן מעלכאם, אָדער שד, אָדער בעל, אָדער אדוני... איר זאָגט אַז צו פרעמדע געצן האָבן אייערע פאָטערס געברענגט קרבנות: נו, איך באַדויער... וואָס איר שטאַמט פון קינדער־מערדערס און געצנדינערס"...

עס איז אַ פאַקט, וואָס וואָלטער איגנאָרירט, אַז געצנדינסט איז אין פולשטענדיקער סתירה מיט דער יידישער רעליגיע און איז אַזוי צו זאָגן אימפּאָרטירט געוואָרן פון די שכנותדיקע פעלקער — פעניקיער און אַנדערע, ווו די קולטן זיינען געווען אָפיציעל סאַנקציאָנירט; אַז די עבודה זרהס זיינען זייער שאַרף באַקעמפט געוואָרן פון די אַמאָליקע יידישע רעליגיעזע לערעס און באַזונדערס פון די נביאים.

אין זיין 6טן בריוו צו די דריי יידישע מחברים לייגט וואָלטער פאָר, אַז די יידן זאָלן אַזוי שנעל ווי מעגלעך זיך אומקערן קיין יהודה, און אַז ער וויל בלויז 2־3 יידישע פאַמיליעס אויפן באַרג קראַפּאַק ווו ער וווינט, כדי צו גרינדן אַ קליינעם נויטווענדיקן האַנדל. „אויב איר זענט לעכער־לעכע טעאָלאָגן (און מיר אויך), זענט איר אָבער זייער אינטעליגענטע סוחרים, וואָס מיר זיינען נישט".

אין זיין לעצטן בריוו רעכנט דער מחבר אויס די גרוילטאַטן פון די קריסטן קעגן יידן און קומט צו אַ מין „קוויט־באַלאַנס": „איר זענט געווען מאָנסטערס פון גרויזאַמקייט און פאַנאַטיזם אין פּאַלעסטינע, מיר זיינען דאָס געווען אין אייראָפּע: „זאָלן מיר דאָס אַלץ פאַרגעסן, מיינע פריינט"...

וואָלט מען דעם פּאַטריאַרך געקאָנט פרעגן: „אויב עס איז „קוויט" — טאָ פאַרוואָס האָט ער אַזוי באַשמוצט און פאַרלוימדעט דאָס יידישע פאָלק?

פאַרוואָס האָט ער עס געמאַכט פאַר אַן „אתה בחרתנו־פאָלק" אין נעגאַ־טיוון זין? אויב מען דאַרף דאָס אַלץ פאַרגעסן — פאַרוואָס האָט ער אונ־טערגענומען אַזאַ אינטעלעקטועלן קרייצצוג קעגן אַלץ וואָס איז יידיש און קעגן יידישן פאָלק בכלל?

*

ווי מיר האָבן געזען פון די געברענגטע ביישפּילן, האָט דער פילאָסאָף פון פערני נישט געזשאַלעוועט קיין באַשולדיקונגען קעגן יידישן פאָלק. אַ גרויסע צאָל פון זיי זיינען פשוט בלבולים, ווי די מעשה מיט דער „איינלאַדונג" צו עסן דאָס פערד און דעם רייטער. אַנדערע, ווי די מעשה פון צרעת און סאָדאָמיע, זיינען אומבאַגרינדעט. ווען ער שטעלט אַרויס הורדוסן אַלס ביישפּיל פון יידישער גרויזאַמקייט, איז דאָס אויך פאַלש. עס איז באַקאַנט, אַז הורדוס איז געווען דער זון פון אַ גר, דעם אדומי אַנטיפּאַטער. עס איז טאַקע אמת, אַז הורדוס איז געווען איינער פון די נידערטרעכטיקסטע, געמיינסטע און גרויליקסטע מאָנסטער־טיראַנען פון דער מענטשלעכער געשיכטע, אַ מין „איוואַן גראָזני" פון אַלטערטום, אָבער ער איז געווען אַ פרעמדער, אַ קאָנסעריש געוויקס אויפן יידישן פאָלקס־אָרגאַניזם. וואָס שייך די אומווירדיקע קולטן פון אַלערליי עבודה זרהס, איז אַ פאַקט אַז זיי זיינען געווען כאַראַקטעריסטיש — אין פאַרשיידענע פאָרמען — פאַר אַלע פעלקער פון אַלטערטום. און דאָס „אויסצייכענען" די יידן דערמיט איז נישט באַרעכטיקט.

וואָלטער איז אויסער אַ געוואַלדיקער ערודיט, אויך אַליין געווען אַ היסטאָריקער. ער האָט זעלבסטפאַרשטענדלעך גוט געקאַנט די געשיכטע פון זיין אייגענעם לאַנד, פון די גרויליקע מאָרדן, באַגאַנגענע דורך די פראַנקן־דינאַסטיעס אויפן קעניגלעכן טראָן אין פראַנקרייך, אין פרי־ען מיטלאַלטער.

נאָך מער: אויב אין 18טן יאָרהונדערט — נאָך דעם רענעסאַנס, נאָך די געוואַלדיקע עפּאָכע־מאַכנדיקע אַנטדעקונגען און גייסטיקע רעוואָלוציעס, האָט מען אין פראַנקרייך, „אונטער זיין נאָז", געמאַטערט מיט די שוידער־

לעכסטע טאָרטורן אויף דעם ביין־צעברעכנדיקן „ראָד" אַזוי פיל אומ־שולדיקע קרבנות פון רעליגיעזן פאַנאַטיזם, וואָס פאַראַ זין האָט איבער־היפּט וואָלטערס טשעפּען זיך צו לעגענדאַרע אינדיווידועלע פאַלן? ווערט דאָך אין דער תורה גערעדט בלויז וועגן קרבנות פון חיות, און די נביאים טאָלערירן קוים דאָס לעצטע!

*

אין זיין געוואַלדיקן קרייצצוג קעגן פאַנאַטיזם איז וואָלטער — וואָס שייך דעם יידישן פּראָבלעם — אַליין געשטרויכלט געוואָרן מיט פאַנאַטיזם. ער האָט זיין ווידערגעפיל און האַס געפּרוווט אָפּלייקענען ווען ער איז צוגעדריקט געוואָרן צו דער וואַנט. אָבער דאָס אַלץ שפּריצט אַרויס פון זיינע שורות און זיין „פילאָסאָפיש"־הומאַניסטישע באַגרינדונג פאַר זיינע טענות איז, אין אַ באַדייטנדיקער מאָס, אַ מין „מאַכן פון דער נויט אַ טוגנט". דאָס איז אַ באַווייז אַז אויך גרויסע גייסטער — בפרט ווען זיי זיינען „באַשאָנקען" מיט אַ גרויסער צאָל קליינלעכקייטן און גרויסע חסרונות — זיינען נישט אימון צו פאַראורטיילן און דיקטאַטן פון אינסטינקט. און אַזוי האָבן מיר די פּאַראַדאָקסאַלע דערשיינונג פון וואָלטער — דעם הומאַניסטישן אַנטיסעמיט.

שעלי — די שוואַלב פון פרייהייט

(לייענענדיק די בריוו פון פּוירסי ביש שעלי)

קאַרל מאַרקס איז געווען אַ גרויסער אַנהענגער פון פּוירסי ביש שעלי און ער האָט געשריבן, אַז אויב שעלי וואָלט נישט געשטאָרבן אַזוי יונג, וואָלט ער געווען דער פאָרלויפער פון סאָציאַליזם אין ענגלאַנד. ווען עס אפשר נישט זיין קיין איבערטרייבונג צו זאָגן אַז שעלי איז געווען אַ פאָר־לויפער פון סאָציאַליזם אין ענגלאַנד. זיין ליידנשאַפט פאַר פרייהייט און סאָציאַלער גערעכטיקייט, זיין בענקשאַפט צו אַן אידעאַלן לעבנס־סדר, איז, צוזאַמען מיט אַנדערע נאָבעלע אייגנשאַפטן, געקומען צום אויסדרוק אין זיינע ווערק און אין זיין לעבן, און גאָר באַזונדערס אין זיינע בריוו.

הונדערטער פון שעליס בריוו געפינען זיך אין די אוניווערסיטעטן, ביבליאָטעקן און ביי פּריוואַטע אַנטיק־זאַמלער אין ענגלאַנד, אַמעריקע און אַנדערע לענדער און זיינען אָפּגעדרוקט געוואָרן אין פאַרשיידענע פאָרמען אין אַ צאָל אויסגאַבעס. אָבער אַ גרעסערע אויסגאַבע מיט שעליס 800 בריוו איז לעצטנס פאַרעפנטלעכט געוואָרן פון אָקספאָרדער אוני־ווערזיטעט־פאַרלאַג, רעדאַגירט און פאַרזען מיט אַ מאַסע קריטישע קאָמענ־טאַרן פון פּראָפ׳ ל. דזשאָנס. די בריוו נעמען אַרום דאָס קורצע, אָבער פאַנטאַסטיש־רייכע און שטורמישע לעבן פון דעם פּראָמעטעוס־זינגער — אָנהייבנדיק פון זיינע ייִנגלשע יאָרן, ביז זיין טראַגישן סוף, אין יאָר 1822, אינעם ים־איינגוס פון לאַ ספּעציאַ, איטאַליע.

*

פּוירסי ביש שעלי, דער פּריצישער זון פון פילד פּלעיס, אין סאַסעקס, ענגלאַנד, איז געבוירן געוואָרן אין 1792, אויפן שוועל פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, אַזוי צו זאָגן. די באַפליגלטע אידייען פון דער רעוואָלוציע האָבן דורכגעבליצט אין זיינע ווערק און אין זיין לעבן.

שעלי איז אפשר געווען דער פּייערדיקסטער דיכטער וואָס האָט ווען עס איז עקזיסטירט. זיין לעבן און דיכטונג זיינען אין פיל אַספּעקטן געווען אידענטיש. ער איז נישט בלויז געווען וויזיאָנעריש אין זיין דיכטונג, נאָר אויך אַ וויזיאָנער אַפילו ביז צום פּאַטאָלאָגישן ניואַנס פון דעם וואָרט אין דער ענגלישער שפּראַך — אַ מענטש וואָס האָט אָפט געהאַט האַלוצי־נאַציעס און זעונגען.

צו געבן כאָטש אַ טיילווייזע אָפּשאַצונג פון שעלין און זיין ווערק, דאַרף מען אָנווייזן אויף פיל פּאַסצינירנדיקע און פאַנטאַסטישע אַספּעקטן. ער איז געווען אַ רעוואָלוציאָנער פון וואָרט און טאַט. — ער איז געווען אַ פריידענקער, אַ סאָציאַליסט, אַן אָנהענגער פון פרייער ליבע און אַ פילאַנטראָפּ אין דעם אוניווערסאַלן, גרויסאַרטיקן זין פון דעם וואָרט. ער איז געווען אַ באַפליגלטער דיכטער, וואָס האָט געשוועבט אין די הימלען פון נאָבעלמען זעונגען, און גלייכצייטיק אַ שאַרפער באַאָבאַכטער, קונסט־קריטיקער, עסייִסט און סאָציאַלער פּרעדיקער.

שעלי איז געווען אַ גייסטיקער „זולל וסובא״. זיין לייען־און שטודיר־גיריקייט און אויסדויער זיינען געווען פאַנטאַסטיש. ער איז געווען אַ געלערנטער הומאַניסט, וואָס האָט, אַחוץ זיין אייגענער ענגלישער שפּראַך, באַהערשט גריכיש, לאַטיין, פראַנצויזיש, שפּאַניש, איטאַליעניש און נאָך אַ צאָל אַנדערע שפּראַכן, פון וועלכע ער האָט געמאַכט איבערזעצונגען. גלייכצייטיק איז זיין לעבן געווען רייך אין געראַנגל, קאַמף און שטורעם, און אויך אין טראַגיזם — דעם פּרייז, וואָס אַ גרויסער באַפליגלטער גייסט צאָלט פאַר זיין אַנדערשקייט.

שעליס סאָציאַלע אידייען קומען שוין צום אויסדרוק אין די בריוו זיינע, ווען ער איז אַלט געווען קוים 19 יאָר. אין אַ סעריע בריוו צו אַ געוויסער מיס היטשנער, אין יאָר 1811, שרייבט ער צווישן אַנדערן:

„...ווייניקסטנס אַ סך צרות דאָמינירן אין יעדן סיסטעם פון אומ־גלייכקייט... פּאָליטישע מאָראַל דאַרף אָפּגעשאַצט ווערן אין פּראַפּאָרץ, וואָס זי דערנענטערט זיך צו דעם אידעאַלן פּונקט, ווי אומדערגרייכבאַר ער זאָל נישט זיין...״

און וועגן סאָציאַלע לעבנס־אופנים שרייבט דער זון פון „מעמבער

אָוו פּאַרלאַמענט״ פּאַר סאַסעקס און אַן אייניקל פון „באַראָנעט״ ביש שעלי:
„געמיין ווי ס'איז אַריסטאָקראַטיע, איז נאָך מער פּאַראַכטונגסווערט קאָמערץ, בייטל־שטאָלצע איגנאָראַנץ״...

אין איין בריוו רופט ער אָן וואָירדסוואָירדן „אַן עלנטער נפש״ און וווּנדערט זיך, וואָס אַזאַ מענטש איז אַזאַ פּאָעט.

געטריי צו זיין אויפפאַסונג פון דיכטונג ווי אַ מין רוח הקודש, און אין איינקלאַנג מיט זיין מענטאַליטעט, שרייבט שעלי אין אַ בריוו צו זיין פריינט, דעם שריפטשטעלער ט. פּיקאָק:

„וואָס פאַר אַ ווונדערלעכע שטעלע שטעלע איז פאַראַן אין „פעדרוס״ (פון פּלאַטאָ) אין לויב פון פּאָעטישער משוגעת און אין דער דעפיניציע וואָס פּאָעזיע איז און ווי אַזוי עמיצער ווערט אַ פּאָעט. יעדער... וואָס וויל שרייבן פּאָעזיע... מוז זיך דורכנעמען מיט אָט דעם זאַץ, אויב ער וויל אַריינגערעכנט ווערן צווישן די, צו וועלכע עס זאָל פּאַסן דאָס שטאָלצע, דערהויבענע וואָרט פון טאַסאָ: 'נישטאָ קיינער אין דער וועלט, וואָס זאָל פאַרדינען דעם נאָמען שעפער, אויסער גאָט און דעם פּאָעט'.״

(די שטעלע פון פעדרוס איז די ווו פּלאַטאָ שרייבט: „פאַראַן פאַר־שיידענע מינים משוגעתן, זאָגט סאָקראַטעס. די וועלכע קומט פון די מוזעס, באַהערשנדיק אַ צאַרטע... נשמה, דערוואַכנדיק און באַקכיש איני־ספּירירנדיק זי צו... פּאָעזיע... אָבער דער, וואָס דערנענטערט זיך צו די דיכטונג־טויערן אָן דער מוזע־משוגעת, זייענדיק איבערצייגט, אַז דורך בלויזער קונסט אַליין קאָן ער ווערן אַ פּאָעט, וועט צום סוף זען די „פּאָעזיע״ פון זיין קאַלטער חכמה פאַרשווינדן אין נישטיקייט, אין אָנבליק פון דעם ליכט פון דעם, וואָס איז אַנטשטאַנען פון דער געטלעכער משוגעת״).

נישט קוקנדיק אויף זיין פּאָעטישער „מוזע־באַזעסנקייט״, האָט שעלי נישט אויפגעהערט זיך צו פאַרנעמען מיט סאָציאַלע פראַגן, סיי אין זיינע שטודיעס און סיי אין זיין לעבן און ווערק. אין אַ בריוו צו זיינע פריינט, די דזשיסבאָרנס, אין יאָר 1819, שרייבט ער, אַז ער פאַרלאָזט די בשמימדיקע גערטנער פון ליטעראַטור, כדי צו רייזן איבער דעם גרויסן זאַמד־מדבר פון דער פּאָליטיק... נישט אָן דער האָפענונג צו געפינען עפּעס אַ פאַר־כישופטן גן־עדן.

אין יאָר 1811 אין עלטער פון 19 יאָר, איז שעלי אַרויסגעטריבן געוואָרן פון אָקספאָרדער אוניווערסיטעט צוליב דעם, וואָס ער האָט פאַר־עפנטלעכט און פּאַנאַנדערגעשיקט זיין בראָשור א. ב. די נויטווענדיקייט פון אַטעיזם. דאָס איז געווען נאָר איינע פון די פיל אַקטיוויטעטן, וואָס האָבן אים געבראַכט אַ סך צרות אין זיין קורצן לעבן. און דער אומ־קאָמפּראָמיסלעכער דיכטער האָט באַלד דערפילט די פאָלגן און דעם צאָרן פון זיין רייכן פאָטער, דעם גוטבאַזיצער און דעפּוטאַט, וואָס האָט פאַר־שלאָסן פאַר אים זיין האַרץ און זיין בייטל.

נעמענדיק אַ שטעלונג צום פּראָבלעם פון עטיק און מאַטעריאַליס־טישער וועלט־אויפפאַסונג, שרייבט דער יונגער גאון צו זיין פריינט האָגט:

„איך קאָן נישט באַגרייפן, ווי אַזוי די דערהויבנסטע אומאייגננוציקייט זאָל זיין אומפאַראייבאַר מיט דעם ראַדיקאַלסטן מאַטעריאַליזם. סיי די לערע וואָס באַהויפּטעט אַז ס'איז נישטאָ אַזאַ זאַך ווי מאַטעריע, און סיי די, וואָס באַהויפּטעט, אַז אַלץ איז מאַטעריע — שיינען מיר צו זיין פול־שטענדיק אָן קאָנסעקווענצן אין דער פראַגע פון ווילטעטיקייט און אייגנ־ליבע. איך קאָן נישט באַגרייפן, אַז זיי זאָלן שטערן איינע די אַנדערע...“

אין אַן אַנדערן בריוו (צו מיס היטשנער, אין יאָר 1812), באַקלאָגט ער זיך אויף דעם דיכטער סאַוטהי, וואָס האַלט, אַז „עקספּידיענסי“ (דאָס וואָס לוינט זיך) און נישט די מאָראַל דאַרף ווערן די באַזע פון פּאָליטיק:

„איך האַלט, אַז דער פאַטאַלסטער פעלער, וואָס האָט פּאַסירט אין דער וועלט, איז געווען די פאַנאַנדערטיילונג פון פּאָליטישער און מאָראַלישער לערע, ווייל דאָס ערשטע דאַרף פולשטענדיק רעגולירט ווערן דורך דאָס צווייטע. דאָס, וואָס איז ריכטיק בנוגע דער טעטיקייט פון אַ יחיד, מוז אויך גילטן פאַר אַ קיבוץ פון יחידים, אַז פּאָליטיק איז אַן אָנווענדונג פון מאָראַל“...

ווי געזאָגט, איז שעלי, פון זיין פריסטער יוגנט אָן געווען גלייכצייטיק אַ מענטש אי פון געדאַנק, אי פון טאַט. ער, דער באַפליגלטער דאָן קיכאָט אין דער וועלט־ליטעראַטור, האָט כסדר געמאַכט הומאַניסטישע מלחמה־עקספּעדיציעס קעגן די דעמאָלטיקע „ריזן“ פון טיראַניי, דעספּאָטיזם, אָבערגלויבן און צביעותדיקן פיליסטערטום. אַזוי, למשל, האָט ער, אין

יאָר 1812, פאַרעפנטלעכט אַ בראָשור — „אַ ווענדונג צום אירלענדישן פאָלק". שטעלנדיק זיך אויף דער זייט פון די אונטערדריקטע און הונגערנ־דיקע אירלענדער, האָט ער אָבער נישט באַנוגנט זיך מיט שיין דרשנען. קורץ דערנאָך איז ער געפאָרן קיין דובלין, ווו ער האָט זיינע קאַמף־בראָשורן געוואָרפן פון זיין האָטעל־צימער צו די פאַרבייגייערס. ער האָט זיך אויך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט דער דאָרטיקער באַפרייונגס־באַוועגונג.

*

ווי אַ פלאַם־פייערדיקער רעוואָלוציאָנער האָט שעלי נאַטירלעך געהאַט אַ סך אויסצושטיין מצד די אָפיציעלע פאַרשטייערס ספּעציעל, פון דעם צביעותדיקן און פיליסטעריש־פוריטאַנישן ענגלאַנד אין זיין צייט...

מען מוז אָבער מודה זיין אַז אין איין פּונקט האָט דער חרם קעגן שעלין זיך באַזירט אויף דער „אַכילעס־פּיאַטע" פון דעם געניאַלן דיכטער־נביא. דאָס איז דער טראַגישער פאַל מיט האַריעט וועסטברוק. שעלי, דאַן 13 יאָר אַלט, האָט די 16־יאָריקע האַריעט, אַ וווּנדערלעך־שיין מיידל, איבערגעקערט צום פרייען געדאַנק. אין רעזולטאַט פון דעם האָט זי געהאַט אויסצושטיין פיל צרות אין שול. זי האָט זיך דאַן פאַרליבט אין שעלין. איבערגעבנדיק זיך צו זיין השגחה, איז זי אַנטלאָפן מיט אים, וואַנדערנדיק איבערן לאַנד. שעלי האָט מיט איר חתונה געהאַט, הגם ער איז געווען אַן איבערצייגטער קעגנער פון דער אינסטיטוציע.

נאָכן גליקלעך אָפּלעבן מיט איר 3 יאָר, האָט שעלי, אין 1814, זיך פאַרליבט אין מערי גאָדווין, דער 16־יאָריקער טאָכטער פון סאָציאַלן (אַנאַרכיסטיש געשטימטן) דענקער וויליאַם גאָדווין. קורץ נאָך דעם איז שעלי אַנטלאָפן מיט זיין נייער געליבטער קיין אויסלאַנד, די שיידונג מיט דער וווּנדערלעכער האַריעט האָט אָבער געהאַט אַ טראַגישן עפּילאָג. צוויי און אַ האַלב יאָר שפּעטער איז זי באַגאַנגען זעלבסטמאָרד דורך דער־טרינקען זיך...

אין אַ גאָר גרויסער מאָס צוליב אָט דער טראַגעדיע ווערט שעלי

באַהאַנדלט אין דעם אַריסטאָקראַטיש־באַלעבאַטישן ענגלאַנד ווי אַ פּאַר־שאַלטענער פּאָעט. אין אַ בריוו צו זיין פריינט פּיקאָק באַקלאָגט זיך שעלי:

„איך ווער באַטראַכט פון אַלע וואָס קענען מיך, מיטן אויסנאַם פון 5 יחידים, ווי אַ זעלטענער מאָנסטער פון פאַרברעכן און באַשמוצונג, וועמענס בלויזער בליק קאָן איינעם אָנשטעקן״...

מ׳קען אָננעמען, אַז דער געוויסנביסן צוליב זיין אומדירעקטער שולד אין טויט פון דער אומגליקלעכער האַריעט, האָבן שעלין פאַרפאָלגט אין משך פון די 8 יאָר, וואָס זיינען אים נאָך באַשערט געווען צו לעבן. אַ פאַקט איז, אַז זיין ווּנטש צו שטאַרבן קומט צום אויסדרוק סיי אין זיין דיכטונג („קום טויט שנעל״). דער נאָבעלער מענטש, מיט אַזוי פיל מענטשלעכער וואַרעמקייט און געפילפולקייט, האָט זיכער נישט געקאָנט זיך צופרידנ־שטעלן מיט זיין אייגענעם תירוץ פאַר זיין אָוועקגיין פון האַריעטן — אַז „זי פילט נישט קיין פּאָעזיע און פאַרשטייט נישט קיין פילאָסאָפיע״.

און עס איז איינער פון די פּאַראַדאָקסן פון גורל, וואָס אָט דער צאַרטסטער און הומאַניסטישער פּאָעט און אומאייגננוציקער מענטש איז פאַרוויקלט געוואָרן דורך אַ קאָמפּליצירטן געוועב פון סיבות אין דער טראַגעדיע פון האַריעטס זעלבסטמאָרד. אַ פאַקט איז, אַז עטלעכע וואָכן פאַר זיין אייגענעם דערטרינקען ווערן אין דער ספּעציאַ־ים־בוכטע, האָט שעלי געשריבן צו זיין פריינט טרעלאַני, ער זאָל שיקן אים סם, דער־קלערנדיק „איך האָב איצט נישט בדעה צו באַגיין זעלבסטמאָרד, אָבער... עס וואָלט געווען גוט צו האַלטן אין מיין באַזיץ אָט דעם גאָלדענעם שליסל צו דער קאַמער פון אייביקער רו״.

*

די 8 יאָר וואָס שעלי האָט געלעבט מיט זיין צווייטער פרוי, ביז זיין טויט אין יאָר 1822, האָט ער כסדר געהאַלטן אין איין וואַנדערן — די ערשטע צייט אין ענגלאַנד און שפּעטער אין אויסלאַנד און מערסטנס אין איטאַליע, ווו ער האָט געוווינט און געוואָגלט אין משך פון זיינע לעצטע 4 און אַ האַלב יאָר.

זיינע בריוו פון איטאַליע צייכענען זיך אויס מיט ווונדערלעכע באַשרייבונגען פון דעם שיינעם לאַנד — פון זיינע נאַטור־און קונסט־אוצרות. אין איינעם פון זיינע בריוו באַשרייבט ער זיך אַליין, ווי ער זיצט אַ נאַקעטער אויף אַ באַרג־פעלדז לעבן אַ וואַלד־אַזערע, לייענענדיק העראָדאָטוס, און ווי ער שפרינגט שפּעטער אַריין און טובלט זיך אין דעם קאַלטן, קרישטאָל־קלאָרן וואַסער. און מען זעט פאַר זיך אַ לעבעדיקן דעם אידעאַלסטן דיכטער־טיפּ אין דער וועלט: דעם „טשודאַק", דעם אַנטי־קאָנפאָרמיסט, וואָס האָט געלייענט און שטודירט 16 שעה אַ טאָג. און געלייענט האָט ער אין אַלע ערטער און צייטן, מען זעט אין די בריוו דעם פּראָמעטעיִשן דיכטער, וואָס האָט באַלויכטן די וועלט מיט זיין אייגענעם פייער.

ער האָט אין די בריוו אויך געשילדערט דעם אַרום, נישט בלויז זיך אַליין.

שרייבנדיק, למשל, וועגן דעם עלנטן מצב פון ווענעציע, וואָס איז אַ מאָל געווען אַ גרויסע און רייכע ים־מאַכט, באַמערקט שעלי, אַז די שטאָט, וואָס איז אַ מאָל געווען אַ טיראַן, איז איצט די צווייט־ערגסטע זאַך — אַ שקלאַף.

שעלי איז געווען אין זיין וועזן אויך אַ פּערפעקטער הומאַניסט־פילאַנטראָפּ. ער האָט נישט בלויז שיין געדרשנט נאָר אויך „שיין מקיים געווען". די „מיליאָנען־טראַנזאַקציעס" פון דער מענטשהייט האָבן אים נישט באַפרייט פון די גראָשנדיקע רעכענונגען — די באַציִונג צום יחיד, צום ליידנדיקן מענטש.

וועגן זיין פרייגיביקייט, פאַר באַקאַנטע און אַפילו פאַר אומבאַקאַנטע, זיינען פאַראַן לעגענדע־געוואָרענע געשיכטעס. ער האָט איין מאָל אין ווינטער אַוועקגעגעבן די שיך פון זיינע פיס צו אַן אָרעמער פרוי, וואָס ער האָט געטראָפן גיין באָרוועס איבער שטיינער. ער האָט אַוועקגעגעבן זיין צייט און געלט צו קראַנקע אַרבעטער. ער האָט זייער אָפט געעפנט זיין „פּאָרטמאָנע" און פאַרמאַכט די אויגן, טיילנדיק געלט אויף רעכטס און לינקס — אָפט זייענדיק אַליין אין אַ פינאַנציעל שלעכטער לאַגע.

ער אַליין האָט זיך צופרידנגעשטעלט מיט ברויט און גרינסן — לרוב

בלויז מיט ברויט. אָבער ער האָט געשריבן ווערקסלען און געבאָרגט געלט אויף פּאָסט־אַביט״ (נאָכן טויט) פּאַפּירן, כדי צו שענקען הונדערטער און טויזנטער פונט אויף רעכטס און לינקס (די גרעסטע פינאַנציעלע „פּיאַווקע״ איז געווען זיין שווער גאדווין, וועמען עס איז געגאַנגען אויף דער עלטער שלעכט, און וואָס האָט כסדר געצאַפּט געלט ביי אים).

שעליס זוניקע וויזיע פון „והיה באחרית הימים״, זיין משיחישער לייטמאָטיוו ניגונט שוין אין זיינע ערשטע שאַפונגען אין זיינע יינגלדיק־דאָן קיכאָטישע טאָטן און אין זיינע בריוו. דעם 29סטן יוני 1822, עטלעכע וואָכן פאַר זיין טויט, האָט ער געשריבן צו זיין פריינט האָרעיס סמיט:

דער גורל פון מענטש קאָן נישט זיין אַזוי דעגראַדירט, אַז ער זאָל האָבן געבוירן געוואָרן בלויז אויף צו שטאַרבן. און אויב דאָס זאָל זיין דער פאַל, קאָנען איינבילדונגען — ספּעציעל די ווולגאַרע און אומזיניקע פון די עקזיסטירנדיקע רעליגיעס — נישט דערהויבן אים (דעם מענטש־לעכן גורל).

דאָס ווייזט, אַז אין שעלין האָט ביזן סוף פון זיין קורצן לעבן געלויכטן די נביאישע מענטשהייטס־וויזיע. ער האָט זיך נאָך אַלץ געשלאָגן מיט די רעליגיעס. אָבער מען דאַרף נעמען אין באַטראַכט, נישט די ווערטער, נאָר זייער גייסט. שעלי איז געווען אַ רעליגיעזער אַטעיִסט — ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל נישט קלינגען. ער האָט איבערגעטריבן אין צושרייבן אַל דאָס בייז די רעליגיעס. אָבער באַקעמפנדיק די אינהאַלט־לאָזע און עבודה־זרהדיקע רעליגיע־פאָרמען, און אַפילו אין זיין יוגנטלעך־פּרימיטיוון אַטעיִזם, איז ער אַלץ — אין גייסט — געבליבן איינער פון די גרעסטע רעליגיעז־קאָסמישע דיכטער פון אַלע צייטן. און אויב רעליגיע (פון לאַטייניש רעליגאַרע) באַדייט צוזאַמענבונדן, איז שעלי געווען דער פּאָעט פון אַלמענטשלעכער צוזאַמענגעבונדנקייט.

*

מערי שעליס (זיין פרויס) הספּד־אַרטיקער סטיל פון „מיין הימלישער באַשערטער״ קלינגט אַ ביסל פאַמיליע־מעסיק. עס פעלן אָבער נישט קיין

אָפּשאַצערס וואָס שרייבן וועגן אים אין נוסח פון „המשורר האלהי". איינער פון זיי — באַקסטאָן פאָרמאַן — שרייבט אים צו דירעקטע משיחישע אייגנשאַפטן: „אונטער געוויסע אומשטענדן וואָלט שעלי געקאָנט זיין דער דערלייזער פון דער וועלט".

ווען בייראָן, טרעלאַני און אַנדערע פריינט האָבן פאַרברענט שעליס „ערדישע רעשטן" ביים ים־ברעג, עטלעכע טעג נאָך זיין דערטרינקען ווערן, איז זיין האַרץ — געבליבן אומבאַרירט פון פלאַמען... אַ רירנדיקער סימבאָל פון דער אומצעשטערבאַרקייט פון שעליס האַרץ — פון זיין גייסטיקער ירושה.

די גאָנקורס — מייסטערס פון ליטעראַרישן לשון-הרע

פון אַלע ליטעראַרישע „ברידער פירמעס" אין פראַנקרייך איז די באַרימטסטע די „פירמע" ברידער גאָנקור.

און באַרימט זיינען די גאָנקורס צום מערסטן מיט צוויי אויפטוען: די אַקאַדעמיע און פרעמיע אויף זייער נאָמען, וואָס ווערט יאָר־יערלעך, זינט 1903, אויסגעצאָלט צו יונגע שרייבערס פאַר ליטעראַרישע ווערק פון מאָדערנער ריכטונג; און פאַר זייער טאָגבוך.

די אַקאַדעמיע איז פלאַנירט געוואָרן פון ביידע ברידער (זשיל: 1830 ־ 1870, און עדמאָנד: 1822 ־ 1896). ווען עדמאָנד איז געשטאָרבן, האָט ער איבערגעלאָזן אין זיין צוואה אַ סומע געלט איינצושטעלן די אינסטיטוציע. די אַקאַדעמיע איז געגרינדעט געוואָרן 7 יאָר נאָך עדמאָנדס טויט, אין 1903, און דער יאָר־יערלעכער „פרי גאָנקור", וואָס ווערט פון איר, זינט 60 יאָר, אויסגעטיילט צו יונגע, אָריגינעלע טאַלאַנטן, איז די ערנהאַפטסטע פרעמיע, וואָס אַ שרייבער קאָן באַקומען אין פראַנקרייך.

די גאָנקורס זיינען געווען זייער פרוכטבאַרע שרייבערס. זיי האָבן פאַרעפנטלעכט ראָמאַנען, דראַמען און היסטאָרישע ווערק. דאָס טאָגבוך איז געשריבן געוואָרן אין די יאָרן צווישן 1851 און 1896. די פאַרצייכע־נונגען זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין 9 בענדער אין משך פון 1887 ביז 1896. די טאָגבוך־נאָטיצן פאַר די ערשטע 20 יאָר (פון 1851 ביז 1870) זיינען געשריבן פון יינגערן ברודער, זשיל גאָנקור; פון 1870 ביז 1896 — פון עדמאָנדן. דער געוויינלעכער שאַפונג־פּראָצעס פלעגט זיין אַזעלכער: עדמאָנד פלעגט אָנהויבן דיקטירן אַ זאַך, וואָס איז שפּעטער אויפגעכאַפּט געוואָרן פון זשילן און אָנגעשריבן געוואָרן פון אים. די דאָזיקע שותפות האָט דערגרייכט אַזאַ איינהייטלעכקייט, אַז די נאָטיצן זיינען זייער אָפט געשריבן בלשון „איך", ווי זיי וואָלטן פאַרפאַסט געוואָרן פון איין פערזאָן. די ערשטע פאַרצייכענונג איז דאַטירט: דער 12טער דעצעמבער 1851.

דאָס איז געווען אַ מערקווירדיקע דאַטע אין אַלגעמיינעם לעבן אין פראַנקרייך און אויך אין לעבן פון די גאָנקורס. אין דעם טאָג האָט שאַרל־לוי נאַפּאָלעאָן, פּלימעניק פון נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרט, פאַרכאַפּט די מאַכט אין פראַנקרייך דורך אַ „פּוטש" און געוואָרן דיקטאַטאָר (שפּעטער — קייסער).

אין אַריינפיר צום טאָגבוך (פון אויגוסט 1872) שרייבט עדמאָנד: „מיר האָבן געוואָלט ברענגען אונדזערע בני דור צום לעבן פאַר דער צוקונפט, צו מאָלן זיי אין זייער לעבעדיקער ענלעכקייט. צו דעם צוועק האָבן מיר באַנוצט די לעבהאַפטע סטענאָגראַפיע פון געשפּרעך, די פיזיאָלאָגישע איבעראַשונג, וואָס קוועלט אַרויס פון אַ זשעסט, דעם רעקאָרד פון די יעניקע שנעל־פאַרבייגייענדיקע מאָמענטן פון עמאָציע, אין וועלכער אַ פּערזענלעכקייט אַנטפּלעקט זיך"...

דאָס טאָגבוך, ווי אַלע גרעסערע ווערק פון דעם מין אין דער ליטעראַטור זינט קרוב 200 יאָר, טראָגט אויף זיך דעם העלדישן, גרויסאַרטיקן חותם פון רוסאָס ווידוי. אָבער ס'איז פאַראַן אַ וועזנטלעכער אונטערשייד: רוסאָ האָט הויפּטזאַכלעך זיך מתוודה געווען; די גאָנקורס זיינען הויפּטזאַכלעך — און אפשר אויסשליסלעך „מתוודה"... יענעם, זייערע בני־דור, און קודם כל — זייערע קאָלעגן־שרייבערס און קינסטלערס. זיי באַשרייבן די סאַמע אינטימסטע, אָפט וווּלגאַרע סודות פון זייערע צייט־חברים. זיי האָבן געוואָלט, ווי זיי באַמערקן ערגעץ, שילדערן זייערע פריינט „אין שלאָפראָק און שטעקשיך"; אָבער אָפט בלייבן אַפילו נישט אָט די נעגליזשע־מלבושים. ס'ווערן אַ סך באַשריבן די גלענצנדיקע סאַלאָן־אונטערהאַלטונגען און די מחברים קומען זייער אָפט צום שלאָפצימער.

די ריקזיכטלאָזע „אויסטוערײ" און דער אומברחמנותדיקער רעאַליזם — מיט דעם ספּעציפישן ציניזם פון די גאָנקורס — האָבן אין זייער צייט פאַראורזאַכט גרויסע סקאַנדאַלן. ווען דער ערשטער באַנד פון דעם טאָגבוך איז דערשינען, האָט איינער פון די „אָפּגעמאָלטע", דער באַרימטער קריטיקער היפּאָליט טען פּראָטעסטירט אין אַ בריוו צו עדמאָנדן:

„איך וויל אייך בעטן, אַז אין קומענדיקן באַנד זאָלט איר אַרויסלאָזן אַלץ וואָס האָט אַ שייכות צו מיר. ווען איך האָב גערעדט מיט אייך אָדער

אין אייער קעגנוואַרט, איז עס געווען פּאַרטרווילעך... איך וועל בלויז זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם וואָס כ'האָב געשריבן מיט נאָכטראַכטונג און מיט אַ כּוונה צו פאַרעפנטלעכן".

אַן אמתן סקאַנדאַל האָט פאַראורזאַכט אַ בריוו — דאָס מאָל אַן אָפענער בריוו אין דער פּרעסע — פון דעם גרויסן קולטור־קריטיקער און היסטאָריקער רענאַן:

„אַלע די מעשׂיות פון מעסיע גאָנקור וועגן די מיטאָגן... זיינען פול־שטענדיקע פאַרענדערונגען פון דעם אמת. ער האָט נישט פאַרשטאַנען און שרייבט אונדז צו... איך פּראָטעסטיר אויפן שאַרפסטן אופן קעגן דעם עלנטן רעפּאָרטאַזש".

אויף רענאַנס ענערגישן פּראָטעסט האָט עדמאָנד גאָנקור געענטפערט, אַז ער פילט זיך נישט געטראָפן וואָס ער ווערט אָנגערופן אַן „אומ־דיסקרעטער מענטש", ספּעציעל ווען די אומדיסקרעציעס זיינען נישט קיין אַנטפּלעקונגען פון מענטשנס פּריוואַטן לעבן, נאָר בלויז באַשרייבונגען פון די געדאַנקען און אידייען פון זיינע צייט־חברים, דאָקומענטן פאַר דער אינטעלעקטועלער געשיכטע פון צייט.

אָבער דער תּירוץ שטימט נישט מיטן אמת. די גאָנקורס האָבן נישט בלויז באַשריבן די געדאַנקען, נאָר אויך דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן, די וווּלגאַרסטע פּריוואַטקייטן פון זייערע חברים. און אַפילו ווען ס'גייט וועגן געדאַנקען, האָבן זיי אויך באַשריבן די נישט־דרוקפעיִקע געדאַנקען, וואָס יענע האָבן זיי פאַרטרויט „כּטוב לבם ביין"...

*

די גאָנקורס האָבן געשטאַמט פון אַן אַלטער אַריסטאָקראַטישער פאַמיליע. זיי זיינען געווען שרייבערס מיט אַ גאָר גרויסן קולטור־באַגאַזש, און האָבן זיך געפילט פאַרבלאָנדזשעט אין בירגערלעכן 19טן יאָר־הונדערט.

וואָס און וועמען האָבן די גאָנקורס נישט באַשריבן? פּאַריז; די „גרויסע געזעלשאַפט"; די וועלט פון שרייבערס און קינסטלערס; פאָלקס־טיפּן: פּויערים, פּראָווינץ־מיידלעך אאַז"וו. אַחוץ דעם פאַרנעמען אַן אָרט אין דעם טאָגבוך באַשרייבונגען, איינדרוקן פון רייזעס, לעקטור, און אַנדערע.

זיי פאַרצייכענען אויך פון צייט־צו־צייט אינטערעסאַנטע געדאַנקען אין קורצער אַפאָריסטישער פאָרם. טיילמאָל טראָגן זייערע פאַרצייכענונגען אַ ווידוי־כאַראַקטער. אָבער דעם גרעסטן פּלאַץ גיבן זיי אָפּ פאַר פּאָרטרע־טירן שרייבערס־קאָלעגן (אויך פאַרשטאָרבענע שרייבערס). ספּעציעל — די מענטשן פון דעם „מאַני״־קרייז — די גרופּע שריפטשטעלערס און קינסטלערס וואָס פלעגן זיך צוזאַמענקומען צוויי מאָל אין חודש אין מאַניס רעסטאָראַן. די צוזאַמענטרעפן זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן פון סענט־בעוו און גאָווארני אין יאָר 1862 און זיינען פאַר אַ ריי יאָרן געווען דער צוזאַמענטרעף־פּונקט פאַר דער עליטע פון דער פראַנצויזישער קונסט־ און ליטעראַטור־וועלט.

לויט דעם אינהאַלט, קאָן מען איינטיילן דאָס טאָגבוך אין 4 הויפּט־טיילן: 1) אָבסערוואַציעס און באַשרייבונגען פון דער סביבה, קודם כל פון שרייבערס, קינסטלערס און „געזעלשאַפט״; 2) באַריכטן פון מאַני־מיטאָגן; 3) קורצע ווידויס און זעלבסט־באַטראַכטונגען; און 4) אַפאָריזמען.

זייערע שילדערונגען פון דער סביבה, קודם כל פון פאַרשטאָרבענע און קעגנווערטיקע שרייבערס, זיינען שטענדיק אינטערעסאַנט געצייכנט, שטענדיק צוגעווירצט מיט דער שאַרפזיניקער גאָנקורישער פּיקאַנטעריע. זיי האָבן אָבער דעם חסרון פון מאַנגל אין ישוב הדעתדיקער, באַלאַנסירנ־דיקער אָפּשאַצונג. — ס׳גייט פאַרביי אַ גרויסער פילם מיט אָן אַ שיעור פּילפאַרביקע סצענעס: היסטאָרישע פיגורן פון 18טן יאָרהונדערט; די אינטעלעקטועלע פּאַטריאַרכן — רוסאָ, וואָלטער און דידראָ; פיגורן פון דער רעסטאַווראַציע — שאַטאָבריאַן און אַנדערע. חוץ דעם, געלעגנהייט־לעכע צוזאַמענטרעפן ביי די מאַני־מיטאָגן און די אויפנאַמעס ביי פּרינצעסין מאַטילדע. מיר זעען אַ ביז גאָר פאַרביקע גאַלעריע פּערזענלעכקייטן: לאַמאַרטין, דע ווינִי, הוגאָ, באַלזאַק, באָדלער, פלאָבער, סענט־בעוו, טורגע־ניעוו, פּאַסטער, גאָטיע, רענאַן, הערצען, ביידע דיומאַס, לעסעפּס און פיל אַנדערע. וועגן כמעט יעדן פון די געפינען מיר אין דעם טאָגבוך — אַחוץ אינטערעסאַנטע אַלגעמיינע אָפּשאַצונגען — בייסיקע באַמערקונגען, שלאָפראָק־מאָלעריי און שלאָפראָק־אָבסערוואַציעס.

וועגן דעם באַרימטן ליטעראַטור־קריטיקער סענט־בעוו זאָגט זיך

דאָרט: „דער קליינער שטריך, דאָרט האָט איר דעם רייץ און די קליינ־לעכקייט פון סענט־בעווס געשפּרעך... אַ רעגן פון קליינע פּראַזן... אַ דער־פינדערישער און גייסטרייכער געשפּרעך, אָבער דין... נישט דאָס גע־שפּרעך פון אַ העכערן מענלעכן וועזן״

אָט ווערט באַשריבן אַ צוזאַמענטרעף מיט הערצענען:

„אַ סאָקראַטישע מיאוסקייט, מיט דער וואַרעמער דורכזיכטיקייט פון אַ רובענס־פּאָרטרעט... יעדער געדאַנק, וואָס ער דריקט אויס, איז אינטע־ליגענט... סובטעל״...

און דאַן ווערט איבערגעגעבן הערצענס דערציילן וועגן זיין באַגעגעניש מיט באַקונינען; וועגן די עלף חדשים וואָס ער איז געווען, אַ געשמידטער אין קייטן, אין תּפיסה; וועגן זיין אַנטלויפן פון סיביר דורך דעם אַמור טייך; זיינע וואַנדערונגען איבער קאַליפאָרניע און זיין אָנקומען קיין לאָנדאָן, ווו — האָבנדיק אַפּגעזיפצט אַ רגע אין הערצענס אָרעמס, זיינען זיינע ערשטע ווערטער געווען: „האָבן זיי דאָ אויסטערס?״

די גאָנקורס באַדויערן דאָס לעבן פון שרייבערס, וואָס לעבן ווייניק. מיר זעען דאָרט: „טען, וואָס גייט אין בעט 9 אָוונט און שטייט אויף 7 פרי, אַרבעטנדיק ביז 12, עסנדיק מיטאָג אין אַ „פּראָווינציעלער שעה״, לויפנדיק אין ביבליאָטעקן, פאַרברענגענדיק דעם אָוונט מיט זיין מוטער און זיין פּיאַנאָ. פלאָבער, צוגעשמידט ווי אַן אַרעסטאַנט צו זיין אַרבעט״.

אויף אַ צווייטער שטעל דערציילן זיי אַ קוריאָז וועגן זייער פריינט, פלאָבער:

„פלאָבער האָט באַפוילן זיין דינער, אַז ער זאָל רעדן צו אים נאָר זונטיק, און דאָס נאָר כדי צו זאָגן: „הער, ס׳איז זונטיק״. זיי דערלויבן זיך אויך צו זאָגן וועגן זייער נאָענטן פריינט:

„וואָס עלטער פלאָבער ווערט, אַלץ מער פּראָווינציעל ווערט ער. דער אמת איז, אַז ווען איר רעכנט אַראָפּ פון מיין גוטן פריינט דעם אָקס פון אים, דעם שווער אַרבעטנדיקן... דעם פאַבריקאַנט פון ביכער אין דער פּראָפּאָרץ פון 1 וואָרט אַ שעה; זעט איר פאַר זיך אַ פּערזאָן פון זייער געווינטלעכן טאַלאַנט, פון זייער ווייניק אָריגינאַליטעט״.

פון אַ באַזונדערן אינטערעס זיינען די „סטענאָגראַפישע באַריכטן״ און

אָבסערוואַציעס פון די מאַני־מיטאָגן. די שטאָם־געסט זיינען דאָרט געווען — אַחוץ די גאָנקורס — די עליטע פון דער פראַנצויזישער ליטעראַטור: פלאָבער, טען, רענאַן, גאָטיע, סענט־בעוו און אויך אַ צאָל אָנגעזעענע פובליציסטן, מאָלערס, טעאַטער־ און קונסט־רעצענזענטן און אַנדערע. ביי די מיטאָגן איז, פאַרשטייט זיך, שטענדיק געווען אַן אינטעלעקטועלער „דעסערט": מיינונגס־אויסטוישן וועגן פאַרשיידענע ענינים. די גאָנקורס גיבן איבער אַ סך פון די אינטערעסאַנטע געשפּרעכן, נאָך צוגעווירצט מיט זייער שאַרפזיניקער און פּיקאַנטער — הגם אויסגעשפּראָכן לשון־הרעדיקער — פאָרם.

מיר דערוויסן זיך פון זייער באַריכט, אַז פלאָבער האָט זיך באַגייסטערט מיט ביפאַנס רעדע פאַר דער פראַנצויזישער אַקאַדעמיע: „דער אופן, אין וועלכן אַן אמת ווערט אַרויסגעזאָגט, איז מער נוצלעך פאַר דער מענטש־הייט אַפילו ווי דער אמת אַליין". און פון לאַבריערס זאָג, אַז „די קונסט פון שרייבן איז די קונסט פון דעפינירן און פאָרטרעטירן".

דאַן — אַ „קיבעץ" פון טעאָפיל גאָטיע וועגן פלאָבערן, אַז ער האָט „געוויסן־ביסן", וואָס פאַרסמט זיין לעבן... דער פאַקט, וואָס אין „מאַדאַם באָוואַרי" האָט ער געגעבן צוויי געניטיוון איינעם נעבן צווייטן: „אין קוראָן דע פלעהר ד'אָראַנזשער..."

גאָטיע פאַרטרויט זיך, אַז ער האָט קיין מאָל נישט געפילט קיין באַזונדערס שטורמישע תאווה צו דער „אינטימער גימנאַסטיק". „נישט ווייל מיין פיזישער בוי איז שוואַכער ווי ביי עמעצן אַנדערש. איך בין אַ פאָטער פון 17 קינדער... זיך צו פאַרנעמען מיט ליבע איין מאָל אין אַ יאָר איז גאַנץ גענוג... עס לאָזט מיך פולשטענדיק באַהערשט: איך וואָלט געקאָנט לייזן מאַטעמאַטישע פּראָבלעמען ווען דאָס גייט אָן".

וועגן סענט־בעוון גיבן זיי אַזאַ „פריינטלעכן" באַריכט:

„דער גרעסטער און שאָדנפריידיקסטער געשפּרעך־שאַרפזין, וואָס סענט־בעוו באַזיצט, באַשטייט אין צערייסן אַ מענטש אויף שטיקער אין דעם שלייער פון כלומרשטן פאַרטיידיקן אים. אַ שרעקלעכער פאַרגיפטער פון לויב־געזאַנגען. ער האָט פאַרברענגט דעם רעשט פון דעם מיטאָג אַנט־פּלעקנדיק פאַר מיר אינטימע סודות. לאַנגוויל, לאַנגווייל — ער לעבט

אין אַ פּחד פאַר לאַנגווייל. ער האָט מיר ווידער געזאָגט, אַז ער איז צוריקגעקומען צו דער פילאָסאָפיע פון סענאַק דע מעילאַן. וואָס שייך אים זיינען די פאַרגעניגנס פון די חושים די איינציקע פאַרגעניגנס״...

אין זייער נאָטיץ פון 7טן אַפּריל 1869 פאַרצייכענען די גאָנקורס וועגן דער נביאות פון דעם כעמיקער בערטלאָ, אַז אין 100 יאָר אַרום וועלן מענטשן — אַ דאַנק דער פיזישער און כעמישער וויסנשאַפט — וויסן פון וואָס דער אַטאָם באַשטייט און וועלן פעיִק זיין אויסצולעשן און צוריק אָנצוצינדן די זון, ווי זי וואָלט געווען אַ גאַז־לאָמפּ. אויך אַ דערקלערונג פון קלאָד בערנאַר, אַז נאָך 100 יאָר פון פיזיאָלאָגישער וויסנשאַפט וועט דער מענטש באַשאַפן לעבן אין קאָנקורענץ מיט גאָט.

די גאָנקורס ענדיקן זייער באַשרייבונג:

„קעגן דעם אַלעמען האָבן מיר גאָרנישט אויסגעזעצט; אָבער מיר האָבן דאָס געפיל, אַז ווען די צייט קומט... וועט גאָט מיט זיין ווייסער באָרד אַראָפּקומען אויף דער ערד, שאָקלענדיק מיט אַ בינטל שליסלען, און וועט זאָגן צו דער מענטשהייט, אויף דעם אופן, ווי מען זאָגט דאָס 5 אַ זייגער אין סאַלאָן: „שלוס־צייט, מיינע הערן!״

דאָס זיינען די מער ליטעראַרישע באַריכטן פון די מיטאָגן. מאַנכע פון זיי זיינען צו דראַסטיש אויף איבערגעבן.

*

די געדאַנקען און אַפאָריזמען אין דעם טאָגבוך זיינען לרוב זייערע אייגענע, אָבער אַמאָל ברענגען אויך די גאָנקורס גאַנץ אָריגינעלע מחשבות פון אַנדערע, למשל פון טען: „גרויסע מענטשן זיינען אפשר די וואָס בלייבן אומבאַקאַנט... עקסהיביציאָניזם איז דער קענצייכן פון אונדזער ליטעראַרישער נידערטרעכטיקייט. פאַראַן נאָר איין ווערטפולע זאַך אין דער וועלט — הייליקייט״.

דערפאַר זיינען די אַפאָריזמען פון די גאָנקורס כאַראַקטעריסטיש מיט זייער ספּעציפישן ציניש פּעסימיזם:

„...די רעוואָלוציע פון 1789 האָט פאַרטוישט 5־פראַנק מטבעות

פּאַר ערנהאַפטע נעמען און געבערענגט באַנקירן אויפן אָרט פון אַדללייט און האָט גאָרנישט געטאָן אַחוץ דעם"...

„די צייטונג האָט דערהרגעט דעם סאַלאָן און דער יורש פון דער געזעלשאַפט איז דאָס פּובליקום".

זיי באַטראַכטן די בורזשואַזע קעגנוואָרט מיט אויסגעשפּראָכענער פאַראַכטונג: „די וועלט־אויסשטעלונג, די אַמעריקאַניזאַציע פון פראַנקרייך, אינדוסטריע באַלעבאַטעוועט איבער קונסט, דרעשמאַשינען אַרויסשטויסנדיקע די מאָלעריי — בקיצור, די פּעדעראַציע פון מאַטעריע".

נישט ליכטיקער איז זייער וויזיע וועגן — אַ צוקונפטיקן גאָט, וואָס איז געווען אין דער פאַרגאַנגענהייט — אַ מענטש... „וועגן וועמען ס'וועט זיין אַ סך געשריבן אין דער טאָג־טעגלעכער פּרעסע. יאָ, איך זע פּאָר אַ פאָטאָגראַפירטן גאָט, טראָגנדיק ברילן. אין דעם טאָג וועט די ציוויליזאַציע דערגרייכן איר הויכפּונקט און ס'וועלן זיין מאָטאָריזירטע גאָנדאָלאָס אין ווענעציע".

אָבער די גאָנקורס, ווי אמתע ניהיליסטן, האַלטן אויך נישט פיל פון זייער אייגענעם קלאַס: „פאַראַן צוויי גרויסע שטראָמען אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט: נידערטרעכטיקייט, וואָס מאַכט קאָנסערוואַטיסטן און קנאה, וואָס מאַכט רעוואָלוציאָנערן".

וואָס שייך די זעלבסט־אָבסערוואַציעס פון די גאָנקורס, זיינען זיי געשריבן מיט נישט ווייניקער טאַלאַנט ווי די אַנדערע נאָטיצן; אָבער נישט קוקנדיק אויף פיל ריכטיקע שטריכן, פעלט אין זיי די דרייסטקייט, מיט וועלכער זיי מאָלן אַנדערע. ווען עס קומט צו זיך, ווערן די אומברחמנותדיקע ציניקערס און אולטראַנאַטוראַליסטן — סענטימענטאַל, זעלבסט־באַדויערנדיק און פול מיט עגאָצענטרישער זעלבסט־פאַרטיידיקונג. דאָס פאַרמינערט אָבער נישט דעם פאַקט, אַז ס'איז פאַראַן אַ גרויסער טייל אמת אין די אויטאָפּאָרטרעטן.

אין זייער זעלבסט־פאַנעגיריק דערקלערן די גאָקורס זייער אַבסאָלוטע אומאָפּהענגיקייט פון אַלץ וואָס איז אָפיציעל, פאַרהייליקט, דאָמינירט די רעליגיעס און אָבערגלויבנס פון רעספּעקט. דאַקעגן באַשולדיקן זיי סענט־בעוון, אַז נישט קוקנדיק אויף זיין ליטעראַרישער און גייסטיקער אומאָפּ־

הענגיקייט, האָט ער אָפּט געבּרענגט קרבנות צו דער אַכטונג, וואָס ער געניסט אַלס שרייבער, היסטאָריקער, רעדנער און אַפילו אַלס שמועסער.

זייער זעלבּסט־גלאָריפיקאַציע האָט באַוויזן אַנדרע זשידן צו אַ גאָר שאַרפער מיינונג:

„ס'איז אוממעגלעך צו לייענען זייערס אַ זייט, אין וועלכער די גוטע מיינונג וואָס זיי האָבּן וועגן זיך, זאָל נישט אַרויספּלאַצן פון צווישן די שורות"...

*

די טאָגבּוך־פאַרצייכענונגען האָבּן די מעלות און חסרונות פון זייערע מחברים. פאַראַן דאָרט דער עקסטרעמער אימפּרעסיאָניסטישער סוביעקטי־וויזם, די נייגונג צו פירן די אַנדערע אין... באָד, זיי אויסטאָן נאַקעט און שמייסן. זיי זיינען פול מיט פּעסימיזם, אַנטוישונג; אַ מין שאָדנפרייד פון דעמאַסקירן, אַראָפּנעמען דאָס באַגילדעכץ פון פאַרהייליקטע געטשקעס. פון דער צווייטער זייט איז דאָרט פאַראַן ממש אַן אוצר פון אויסגעצייכנטע שילדערונגען, אַ פילם מיט אומענדלעכע סצענעס פון פּאַריז און פראַנקרייך פון מיטן 19טן יאָרהונדערט. מיר זעען דאָרט די גרויסע שרייבער־געשטאַלטן: פלאָבער, דעם קינסטלער־הערמיט, וואָס האָט זיך לעבּעדיקערהייט אַריינגעוואָרפן אין זיין קונסט; דעם גלענצנדיקן שיינגייסט און העדאָניסט, סענט־בעוו; דעם פּאַראַדאָקסאַלן, רעגנבויגן־פאַרביקן שמועסער, טעאָפיל גאָטיע; דעם פיינעם, מעטאָדישן קריטיקער און „אַנגלאָ־מאַן", היפּאָליט טען. אַחוץ דעם — אַ סך פון זייערע צייט־חברים און פאַרשטאָרבענע גרויסע שרייבערס.

*

עס איז אמת, אַז טייל מאָל ווערט פריקרע דאָס כסדרדיקע אַראָפּנעמען פון פּיעדעסטאַל, דאָס באַווייזן דאָס ספּעציפיש „מענטשלעכע" אין גרויסע מענטשן (וואָס שייך דער אויטענטישקייט פון אַלע פאַקטן, איז נישט אין אונדזער מעגלעכקייט דאָס צו באַשטעטיקן אָדער אָפּצופרעגן).

מיר דאַרפֿן אָבער נישט פֿאַרגעסן, אַז די מערסטע באַשרײַבונגען — און אפֿשר אונדזער גאַנץ עפּנטלעך לעבן — ליידן פֿון פּאַסאַדיזם. מען מאָלט, מען שטעלט פֿאָר, סײַ אין מענטשן, סײַ אין בנינים — די שײנע, אימפּאָזאַנטע און גלענצנדיקע פֿאַסאַדע. מען פֿאַרגעסט, אַז הינטער דער פֿאַסאַדע איז נאָך פֿאַראַן אַ הינטערהויף, אַ „בעקיאַרד״, וווּ ס׳איז ווײַט נישט גלענצנדיק, וווּ ס׳וואַלגערט זיך אַלערלײ אָפּפֿאַל און ברוכשטיקער.

די פֿאַסאַדע איז טאַקע דער רעפּרעזענטאַטיווער טײל פֿונעם „בנין״; אָבער מען דאַרף נישט פֿאַרגעסן אין די קעלערס און אין הינטערהויף — וואָס מער זון און לופֿט, אַלץ היגיענישער.

אין זײער צײַט, ווען די „באַאַרבעטע״ האָבן נאָך געלעבט, איז די אומ־דיסקרעציע פֿון די גאַנקורס געווען ווײַט נישט דזשענטלמעניש; אָבער די צײַט „רעטושירט״ אָט די פֿלעקן פֿון זײער אינטערעסאַנטן בילד. אַראָפּ־רעכענענדיק אַ טײל פֿון זײערע עקסטרעם־אָביעקטיווע און עקסטראַ־וואַגאַנטע אָפּשאַצונגען, באַקומען מיר דאָ אַ ביז גאָר אינטערעסאַנט בילד: „אַ האַלב יאָרהונדערט פֿראַנקרײַך״.

ראָמען ראָלאַן אינמיטן קאַמף

דעם 15טן סעפּטעמבער 1914 — עטלעכע וואָכן נאָכן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה — האָט ראָמען ראָלאַן אָנגעהויבן שרייבן אַ סעריע אַרטיקלען אונטערן כאַראַקטעריסטישן נאָמען: „איבערן געשלעג" (אָ־דעסי דע לאַ מעלעי"), וואָס זיינען עטלעכע חדשים שפּעטער דערשינען אין בוכפאָרם. ווי געזאָגט, איז דער נאָמען באַצייכענענדיק פאַר ראָלאַנס דעמאָלסטיקער שטעלונג: ער איז געווען איבער ביידע קעמפנדיקע לאַגערן — פראַנקרייך און דייטשלאַנד — און האָט געגאָסן עמערס קאַלטן שכל הישר אויף די צעהיצטע קעפּ, וואָס זיינען געווען פאַרכאַפּט פון מלחמה־שגעון — אויף ביידע זייטן.

דער אמת איז אָבער, אַז ראָמען ראָלאַן איז, פון זיינע ערשטע שרייבע־רישע טריט, שטענדיק געווען אינמיטן קאַמף.

און אַפילו ער האָט זיך געשטעלט איבערן קאַמף, ווי ס'איז געווען דער פאַל בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז עס נישט געווען קיין מאָראַלישע נייטראַליטעט אָדער עגאָצענטרישער איזאָלאַציאָניזם; פאַרקערט, זיין שטעלן זיך איבער דעם קאַמף איז געווען אַן אויסדרוק פון קאַמף, צוליב וועלכן ער איז נישט געשוינט געוואָרן פון ביידע קעמפנדיקע לאַגערן.

מען קאָן זאָגן, אַז ראָלאַן איז געווען אַ קעמפערישער שרייבער, וואָס האָט באַהערשט זיינע אינדיווידואַליסטישע נייגונגען און איינגעשפּאַנט זיינע ענערגעטישע כוחות אין דינסט פון סאָציאַלע אידייען.

דער סאָציאַלער טריב, דער סאָציאַליסטישער מאָרגנרויט פון ראָמען ראָלאַן האָט שוין באַשטראַלט זיין יוגנט.

אין 1887, אין עלטער פון 21 יאָר, האָט דער, דאַן אומבאַקאַנטער, פּאַריזער סטודענט געשריבן צו טאָלסטאָיען צוויי בריוו פול מיט ספקות און גלויבן וועגן סאָציאַלע און קינסטלערישע פּראָבלעמען, אויף וועלכער

דער נביא פון יאסנאיא פאליאנא האָט אים געענטפערט מיט אַ בריוו־אָפּהאַנדלונג פון 34 זייטן.

און אין די בריוו זיינען שוין די סימנים פון זיין סאָציאַליסטישן זון־אויפגאַנג.

צום אַנזעעוודיקסטן איז ראָלאַנס סאָציאַליסטישער באַגינען אין זיינע בריוו צו מאלווידא פאָן מאַיזענבוג, אַן אינטערעסאַנטע פּערזענלעכקייט, שריפטשטעלערין און וועלט־דאַמע. ראָלאַן האָט זיך מיט איר באַקענט אין 1889 און געשלאָסן מיט איר אַ נאָענטע פריינטשאַפט אין זעלבן יאָר, ווען ער איז געשיקט געוואָרן פון דער פּאַריזער „עקאָל נאָרמאַל סופּעריער" אויף אַ צוויי־יאָריקער שטודיע פון קונסט און מוזיק־געשיכטע קיין רוים. צווישן דעם 23־יאָריקן ראָלאַן און דער 73־יאָריקער פרוי פאָן מאַיזענבוג האָט זיך אַנטוויקלט אַ זעלטענע אינטעלעקטועלע און פּערזענלעכע פריינט־שאַפט. וועגן דעם זאָגט עדות דער פאַקט, וואָס זיי האָבן זינט דאַן געפירט אַ רעגלמעסיקע קאָרעספּאָנדענץ וואָך־וועכנטלעך — מיט זעלטענע אויס־נאַמען — אין משך פון פיל יאָרן: פון 1890 ביז 1903, ווען מאלווידא איז געשטאָרבן.

קנאַפּע 700 בריוו פון יעדן פּאַרטנער — דאָס איז דער ליטעראַרישער „שניט" פון דער רירנדיקער אינטעלעקטועלער און פּערזענלעכער פריינט־שאַפט.

מאלווידא פאָן מאַיזענבוג (געבוירן אין 1816) האָט געשטאַמט פון פראַנצויזישע פּאָליטישע עמיגראַנטן וואָס האָבן זיך באַזעצט אין דייטש־לאַנד. זי האָט פאַרברענגט איר יוגנט אין לאָנדאָן, ווי זי איז געווען דער־ציִערין אין דער שטוב פון אַלעקסאַנדער הערצען, דעם באַוווסטן רוסישן שריפטשטעלער און סאָציאַליסטישן רעוואָלוציאָנער (1812—1870). אגב, האָט זי שפּעטער איבערזעצט דעם לעצטנס מעמואַרן.

זי איז געווען נאָענט באַפריינדעט מיט די גרעסטע ליטעראַרישע, קינסטלערישע און געזעלשאַפטלעכע פיגורן פון דער צווייטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט, ווי למשל, ניטשע, וואַגנער, מאַציני און אַנדערע. זי איז אין אָנהויב געווען אונטערן איינפלוס פון דעם לאָנדאָנער עמיגראַנטן־קרייז און זייערע פרייהייט־אידעאַלן. שפּעטער האָט זי זיך

געווידמעט צו דער עטיש־עסטעטישער פּאַראַיידעלונג פון דעם יחיד, דורך אירע שריפטן און פּערזענלעכן קאָנטאַקט. די בריוו פון ראָמען ראָלאַן צו מאַלווידאַ זייַנען, אַגב, אַרויסגעגעבן און מיט אַ פאָרוואָרט פון עדוואַרד מאָנאַ־הערצען, אַ זון פון הערצענס טאָכטער, וועמען מאַלווידאַ האָט דער־צויגן, און וועלכע האָט שפּעטער חתונה געהאַט מיט גאַבריעל מאָנאָ, ראָלאַנס געשיכטע פּראָפעסאָר אין דער „עקאָל סיפּעריער".

אין די בריוו צו מאַלווידאַ קומען צום אויסדרוק ראָלאַנס הומאַניס־טיש־סאָציאַלע אידייען, באַפאַרבט מיט דער עמאָציאָנעלקייט פון אַ דיכטער און מיט די „דימדומי חמה" פון סאָציאַליסטישן אידעאַליזם.

ראָלאַן פאַרטרויט דער געטרייער פריינדין זייַנע געפילן און געדאַנקען וועגן פאַרשיידענע סאָציאַלע און קולטור־פראַגן. ער ווייַזט זיך שוין דאָרט אַרויס מיט זיין אייגנאַרטיקן סינטעז פון רעליגיעז־עטישן פייער פון אַ לערער־נביא און דעם שאַרפן אַנאַליז פון אַ קלאָר־ און העל־זעענדיקן גייסט.

ראָלאַן איז ווי באַקאַנט, געווען אַ מוזיקאָלאָג און איז פון זייַן פריסטער יוגנט געווען טיף־באַאייַנפלוסט פון די גערמאַנישע מוזיקאַלישע גאונים — הענדעל, מאָצאַרט, בעטהאָווען און אַנדערע. פאַר דעם לעצטן האָט ער געהאַט אַ לעבן־לאַנגן קולט און נאָך זיין ערשטער בעטהאָווען־ביאָגראַפיע (אין דער צייטשריפט „קאַיע דע לאַ קענזעין") אין יאָר 1903, האָט ער אין די צוואַנציקער יאָרן אָנגעהויבן שרייַבן אַ גרויסן ציקל מוזיקאָלאָגיש־ביאָגראַפישע שטודיעס וועגן דעם מוזיק־גאון, אויף וועלכע ער האָט געאַרבעט ביזן סוף פון זיין לעבן אין יאָר 1944. (6 בענדער פון דעם ריזן־ווערק, אונטערן נאָמען „די גרויסע שעפערישע עפּאָכעס" (בעטהאָ־ווענס) זייַנען דערשינען צווישן 1928 און 1943).

אין קולטורעלן זין פון דעם וואָרט איז ער נאָך דאַן געווען אַ גערמאַנאָ־פיל, דאָס האָט אים אָבער נישט געשטערט צו זען די סכנה פון דערוואַכנ־דיקן פרייסישן מיליטאַריזם און נאַציאָנאַליזם.

ער האָט ליב געהאַט געטעס טיפזיניקן „פאַוסט".

אָבער ער האָט דערזען און געוואָרנט קעגן דעם געשפּענסט פון דער

געפּאַנצערטער „פּאָוסט" פון אַ ביסמאַרק, ווילהעלם דער צווייטער און זייערע נאָכפאָלגערס.

אין איינעם פון די בריוו, אין יאָר 1895 שרייבט ער, אַז ער איז אין כעס אויף ווילהעלמען, וועלכער האָט געשאָנקען ביסמאַרקן אַ שווערד, דערקלערנדיקן דעם „אייזערנעם קאַנצלער", אַז ער האָט נישט געקאָנט געפינען קיין בעסערע מתנה... „דעם סימבאָל פון דער מעכטיקער עפּאָכע פון בוי, פון וועלכער דער צעמענט איז געווען אייזן און בלוט, דאָס מיטל, וואָס ראָסט קיין מאָל נישט אין די הענט פון קעניגן און פּרינצן".

און ראָלאַן באַמערקט דערביי: „דאָס איז ריכטיק! ווער עס וועט אויפהויבן די שווערד, וועט אומקומען פון דער שווערד".

און ער גיט צו:

„אַזוי האָט מען געפייערט דעם 80סטן געבוירנטאָג פון דעם מענטש וואָס האָט געגרינדעט אַן אימפּעריע אויף מיליאָנען טויטע קערפּערס... איך זע פּאַרויס שרעקלעכע אומגליקן אין דער נאָענטער צוקונפט..."

ראָלאַן דערקלערט ווייטער אין דעם בריוו, אַז אַ מענטש וואָס ברענגט אַריין אין דעם ניינצנטן יאָרהונדערט פון די גרויסע הומאַניסטישע דענקערס... ראַסן־ליידנשאַפטן, חשבונות פון מאַטעריעלע גרענעצן, דעם אָטעם פון האַס און מערדערישער ברוטאַליטעט... האָט זיך טועה געווען מיט זיין געבורטס־דאַטע: ער וואָלט געווען גרויס אין מיטלאַלטער, אָבער היינט איז ער אַ מאָנסטער".

ראָלאַן זאָגט, אַז ער מיינט מיט דעם נישט בלויז די ווילהעלמס און ביסמאַרקס, נאָר אַלע וואָס ווילן אויפלעבן דאָס געפיל פון פאָטערלאַנד און נאַציעס... אין אַ שעה, ווען עס איז מער נישט דערלויבט קיין אַנדער חלום, ווי דער פון שילערס ברידערלעכער און פאַראייניקטער מענטשהייט.

אין אַ בריוו פון יאָר 1889 שרייבט ראָלאַן, אַז ער געפינט אין דעם איצטיקן דייטשן געדאַנק: „אַ באַרבאַרישע און ראַפינירטע קראַפט פון אַן־ספּקדיקער מעכטיקייט, אָבער מיט באַצילן פון משוגעת, אַ דעליריום פון שטאָלץ און אַ קראַנקן ווילן".

אין אַ יאָר שפּעטער שרייבט ער צו זיין געטרייער פריינדין וועגן ווילהעלמען: „...וואָסערע האָפענונגען מיר האָבן געלייגט אויף אים —

איצט איז ער פאַר מיר געוואָרן איינס פון די עקלהאַפטסטע וועזנס, וואָס די ערד האָט ווען עס איז געטראָגן".

דער יונגער הומאַניסט איז, חוץ אַלע „נאָבעלע" טאָטן פון דעם קייזער, אויך פאַרביטערט אויף אים צוליב אַן אַקטועלן ענין: זיין וויזיט — אויפן וועג פון ירושלים — ביים „טערקישן מערדער". דאָס איז געווען בעת די ערשטע גרויזאַמע שחיטות פון די טערקישע דעספּאָטן איבער דער אַרמעניער באַפעלקערונג. און ער דערמאָנט, אַז ווילהעלם האָט זיך אָפּגעזאָגט אויפצונעמען אייגעם, וואָס האָט געוואָלט ביי אים אויספועלן, אַז ער זאָל אינטערווענירן לטובת די אַרמעניער. און ער ציטירט מיט גרויל דאָס מאָנסטערהאַפטע וואָרט פון ביסמאַרקן: „וואָס איזט אונס העקובא" (אין „האַמלעט"), וואָס איז איבערגעחזרט געוואָרן פון דער דייטשער פּרעסע (דער זין פון דער פראַזע: „וואָס גייט דאָס אונדז אָן") און ראָלאַן שליידערט מעכטיקע צאָרן-ווערטער אויף דער אוממאָראַלישער „געמיינשאַפט".

די און אַנדערע בריוו זיינען אינטערעסאַנט נישט בלויז מיטן ערשטן שטראָלן־בליאַסק פון סאָציאַליסטיש־הומאַניסטישן נשמה־פייער, וואָס האָט שפּעטער באַלויכטן די אייראָפּעישע האָריזאָנטן; זיי זיינען נביאיש און העלזעענדיק בנוגע די באַצילן פון ריקזיכטלאָזן מיליטאַריזם און אימפּעריאַליזם, וואָס האָבן זיך מוראדיק פאַרשפּרייט אין דעם דייטשן פאָלקס־אָרגאַניזם זינט דער צווייטער העלפט פון ניינצנטן יאָרהונדערט. ער צילט זייבע פיילן קעגן די צוויי הויפּט־טרעגערס און פאַרשפּרייטערס פון די טויטלעכע ווירוסן — דעם דעגענערירטן מאַכט־שיכורן מאַניאַק ווילהעלם דעם צווייטן און דעם ווולגאַרן אידעאָלאָג פון „בלוט און אייזן", ביסמאַרק. ער ווייזט אַרויס אין די בריוו זיין גרענעצלאָזע שנאה און פאַראַכטונג צו די צוויי הויפּט־„אידעאָלאָגן" פון ברוטאַלער מאַכט און ריקזיכטלאָזער פעלקער־פאַרשקלאַפונג. ווייל זיי און זייערע נאַציאָנאַליסטישע נאָכלויפערס האָבן געוואָרפן אַ שאָטן איבער דעם אייראָפּע פון סוף 18טן און אָנהויב 19טן יאָרהונדערט — דער עפּאָכע פון דער פראַנצויזישער און אַמעריקאַנער רעוואָלוציע, פון די דעקלאַראַציעס וועגן מענטשן־רעכט און פון פעלקער־פריילינג און הומאַניזם. זיי האָבן מיט זייער געצנדינעריש־פּאַטריאָ־

טישן און אָרגיאַסטישן מלחמה־מאַרש פאַרטויבט און פאַרשטומט דאָס דייטשלאַנד פון די הומאַניסטישע שוואַלבן — פון די לעסינגס, הערדערס. זיי האָבן צוגעגרייט דאָס פאָלק פון „דיכטער און דענקער" צו ווערן „עס־עס ריכטער און הענקער".

שילערס און בעטהאָווענס איידעלע און דערהויבענע טענער פון „אַלע מענטשן זיינען ברידער", זיינען פאַרהילכט געוואָרן פון דער קאַזאַרמעדיקער פויקן־קלאַפעריי און גולמדיקער שטיוול־שפּאָרן־מוזיק.

דער שווערד־פאַכנדיקער קייזער, וואָס האָט געבערענגט אַלע צרות און טראַגעדיעס פאַר אייראָפּע און דער וועלט, איז געשטעלט געוואָרן צום געשיכטלעכן שאַנדסלופּ אין די שריפטן פון טאָלסטאָי, גאָרקי, בערנאַרד שאָ און אַנדערע שריפטשטעלערס־הומאַניסטן. ער קריגט אויך אַ געהעריקע „אָפּשאַצונג "ביי ראָלאַנען וואָס ווייזט זיין וווּלגאַרן און ברוטאַלן פּרצוף.

אויף אייראָפּע פון סוף 19טן און אָנהויב 20סטן יאָרהונדערט, וואָס איז פאַרזונקען געווען אין אַ שטילקייט פון אַן ערב שטורעם, האָבן זיך געצויגן טריבע, בייז־אָנזאָגנדיקע וואָלקנס.

און דער 30־יאָריקער דיכטער־נביא שרייבט:

„איך וועל ווייטער ליב האָבן די גרויסע דייטשן פון אוניווערסאַלן גייסט... אָבער איך רייס אַרויס פון מיין האַרץ די סימפּאַטיע פאַר אַ פאָלק, וווּ קיין איין שטימע האָט זיך נישט דערהויבן קעגן דער אכזריותדיקער און אוממענטשלעכער שטימע פון דעם שטאַט; וווּ אַפילו די סאָציאַליסטישע ציייטונגען, איינשליסנדיק דעם „פאָרווערטס", האָבן צוזאַמען מיטן פּרייסישן קייזער אויפגעהעצט דעם טערק קעגן גריכנלאַנד".

זעענדיק און וואָרנענדיק קעגן דער טויטלעכער געפאַר פון גערמאַנישן מיליטאַריזם און אימפּעריאַליזם, האָט אָבער דער יונגער שרייבער אויך נישט פאַרמאַכט די אויגן פאַר דער פאַרברעכערישער פּאָליטיק פון אַנדערע אייראָפּעישע לענדער און ער רופט אויס:

„אַ שיכרות שיינט אַרומצוכאַפּן אַלע פעלקער פון אייראָפּע... ווער ס׳וועט אָקופּירן אַ גרעסער שטיק ערד, זאַמד אָדער זומפּ. מען וואָלט געקאָנט דאָס אָנרופן אַ לעכערלעך קינדערשפּיל; אָבער צוקוקנדיק זיך פון נאָענט, איז דאָס שפּיל מאָנסטערהאַפט, ווייל דאָ טיילט מען זיך

מיט פעלקער. און דאָס אין אַ צייט, ווען די אידייען פון מענטשלעכער ברידערלעכקייט, פון סאָציאַלער גלייכקייט פאַרשפּרייטן זיך פון איין עק צום צווייטן פון דער אַלטער געזעלשאַפט".

מאַלווידאַ, מיט איר שאַרפזין און אינטויציע, האָט אין איינעם פון אירע בריוו גאָר טרעפלעך כאַראַקטעריזירט איר יונגן פריינט אַלס „מיסיאָנער", וואָס איז אפשר בכלל די בעסטע באַצייכענונג פון ראָלאַנס לעבנסווערק און פון זיין גאַנצער ליטעראַרישער שאַפונג. אויך ראָלאַן איז מסכים, אַז מאַלווידאַ האָט געטראָפן אין פינטל און ער ענטפערט איר:

„איר רופט מיך אַ 'מיסיאָנער'. דער טיטל פּאַסט מיר זיכער בעסער ווי דער פון 'קינסטלער'. די קונסט איז מיר פאַרהאַסט, ווען זי איז נישט דער אינסטרומענט פון געדאַנק. דער געדאַנק איז פאַר מיר אָפּשטויסנדיק, ווען ער אַרבעט נישט פאַר גאָט".

דעם יונגן ראָלאַנס „מיסיאָנערישקייט" קומט צום אויסדרוק אין די בריוו נישט בלויז דורך זיין שטעלונג בנוגע ערשטראַנגיקע סאָציאַלע פּראָבלעמען, ווי דאָס געשפּענסט פון דער מיליטאַריסטיש אימפּעריאַליס־טישער פּעסט, נאָר אויך אין באַציִונג צו פאַרשיידענע פראַגן פון לעבן, קונסט און ליטעראַטור. שרייבנדיק אין יאָר 1895 וועגן דעם טאַראַראַם אַרום דער לויה פון אַלעקסאַנדער דימאַ (דעם יונגן; מחבר פון דער „קאַמעליען־דאַמע") באַמערקט ער:

„אָט דער פאַלשער קינסטלער, דער היפּאָקריטישער רעטאָריקער... דער אומפעיִקער פאַריזער שטאָטראַט איז געווען מער אינספּירירט ווי די גייסט־מענטשן. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו שיקן אַ דעלעגאַציע צו דימאַס לויה. איינער פון זיי האָט צוגעגעבן: „וואָס האָבן מיר צו טאָן מיט דעם מענטש? מיר זיינען די פאַרטרעטערס פון די פּרויען, וואָס אַרבעטן שטייענדיק, און נישט פון די פרויען, וואָס אַרבעטן ליגנדיק".

ראָמען ראָלאַנס סאָציאַליסטישער באַגינען

ראָמען ראָלאַנס סאָציאַלע און פּסיכאָלאָגישע נייגעריקייט איז אומבאַ־גרענעצט אין איר ראַדיוס: זי נעמט אַרום די פאַרגאַנגענהייט, די קעגנ־וואַרט און די צוקונפט — דעם גאַנצן כדור הארץ. אין אַ בריוו פון 1895 טיילט ער מיט זיין פריינדין זיינע געדאַנקען און אַנונגען אין שייכות מיט די פּאָרויסזעונגען פון וויסנשאַפטלערס און פילאָסאָפן אַז:

„אין 60 יאָר אַרום וועלן די כינעזער, וואָס ציילן איצט 400 מיליאָן, זיין 800 מיליאָן. עס זעט אויס, אַז אַ קליין נעגער־פאָלק פאַרטאָפּלט זיך יעדע 40 יאָר. אויף אַזאַ אופן וועט אייראָפּע, אין אַ יאָרהונדערט אָדער צוויי, זיין געל, איידער זי וועט ווערן שוואַרץ. אַ נייער מיטלאַלטער וועט זיך אָנהויבן, משונהדיקער ווי דער ערשטער... וואָס וועט ווערן פון אונדזער ראַסע ?... איך האָב פאַרטרויען אין גאָט; ס'וועט קומען אַ טאָג, ווען אין דער געלער אייראָפּע וועט די ווייסע קונסט — ווי ביי אונדז די אַנטיקע קונסט — בליען מיט אַן אומשטערבלעכן גלאַנץ".

*

ראָלאַנס פּאָזיציע אין דער דרייפוס־אַפערע, אין די סוף 90ער יאָרן, וואָס האָט צעטיילט פראַנקרייך אויף צוויי קעמפנדיקע לאַגערן, איז אויך געווען אַ מין שטעלן זיך „איבער דעם געשלעג". ער האָט סימפּאַטיזירט מיט דרייפוסן (און אויך דעם קאַמף אַרום דעם געווידמעט זיין דראַמע „די וועלף"), אָבער ער איז דאָך נישט אַרויסגעקומען מיט אַ דירעקטער אונטערשטיצונג און עפנטלעכער סאָלידאַריטעט מיט די דרייפוסאַרן. אין אָנהויב איז ער אַפילו נישט געווען איבערצייגט, אַז ער איז אומשולדיק. אין איינעם פון זיינע בריוו אין דער עפּאָכע האָט ער געשריבן צו מאַלווידאַ:

„איך האָב נישט קיין מיינונג וועגן דרייפוסן, און די אויספאָרשונג

(לטובת דרייפוסן) האָט מיך ווייניקער איבערצייגט, ווי מאסיע מאָנאָ. אָבער שולדיק אָדער נישט, דער אופן ווי ער איז געמשפּט געוואָרן איז מאָנסטערהאַפט..." (ראָלאַן האָט שפּעטער, אין זיינע מעמואַרן, געפּרוווט זיך פאַרענטפערן פאַר זיין אומבאַשטימטער שטעלונג — י. ג.).

וואָס שייך זיין באַציִונג צו יידן, איז זי אויך געווען אַ קאָמפּליצירטע. ער האָט אין זיי געזען ביידע זייטן פון דער מטבע, גרויסע מעלות און גרויסע חסרונות. ער האָט געשעצט דעם יידישן געניוס, און געווען דער שאַרפסטער קעמפער קעגן דעם ברוטאַלן אַנטיסעמיטיזם פון די נאַצישע מאָנסטערס. (ער האָט אַפילו שפּעטער דערמאָנט לשבח דעם איינציקן העלן פּונקט פון דעם שוואַרצן מוסאָליני: זיין נישט פייַנט האָבן יידן און נישט דיסקרימינירן קעגן זיי). ער האָט אָבער אויך גענומען אַ קריטישע שטעלונג צו יידן. דאָס איז, אגב, שפּעטער געקומען צום אויסדרוק אין זיינע ווערק, בעיקר אין זיין קרוין־ווערק „זשאַן קריסטאָף". ווען פּרופ׳ פאָן מאַיזענבוג האָט איין מאָל געמיינט, אַז ער האָט געמאַכט אַן אַנטיסעמיטישע באַמערקונג, באַצייכענענדיק אַלעקסאַנדער הערצען ווי אַ ייד, האָט ראָלאַן דאָס קאַטעגאָריש אָפּגעלייקנט:

„איר גלויבט נישט, שטעל איך מיר פאָר, אַז (איך) דער ליבהאָבער פון ספּינאָזאַ... דענקט צו פאַרקלענערן הערצענען, באַצייכענענדיק אים ווי אַן איזראַעליט! פאַרקערט, איך האָב זייער אַ הויכע אידייע פון דער יידישער אינטעליגענץ. מיר האָט בלויז אויסגעוויזן, אַז הערצען האָט געהאַט עטלעכע פון זייערע בולטע שטריכן: „איראָניע, סקעפּטיציזם..."

צום סוף פון די 90ער יאָרן האָט ראָלאַנס „מיסיאָנערנטום" און מעסיאַניזם זיך אָנגעהויבן אויסקריסטאַליזירן אין אַ באַשטימטער אידעאָלאָגישער פאָרם — אין דער סאָציאַליסטישער וועלט־אַנשויונג. און הגם ער האָט ביז צום אָנהויב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה אָנגעהאַלטן די ראָלע פון אַ קאָמוניסטישן „פעלאָ־טראַוועלער", האָט ער דאָך נישט אויפגעגעבן אַ געוויסע פּרינציפּיעלע און מאָראַלישע אומאָפּהענגיקייט, וואָס האָט געפירט צו אָפּווייכן פון דער „ליניע".

דער אומבאַשטימטער און פּאַראַדאָקסאַלער טאָלסטאָיאַנער פּילאַנטראָפּיזם, דער יאַסנאַיאַ־פּאָליאַנער נעאָ־קריסטלעכער אַנאַרכיזם, וואָס איז

מיט זיין גאַנצער מאָראַלישער גרויסקייט, אָפט נישט ווייניקער אַבסורדאַל ווי זיין אור־קריסטלעך פאָרבילד, האָט שוין אין דעם צייט־פּעריאָד ביי אים געמאַכט פּלאַץ פאַר אַ מער שכל־הישרדיקן און רעאַלן ציל. ראָלאַן האָט שטענדיק געהאַט אַ קולט פאַר זיין גרויסן מייסטער, אָבער מיט זיין רייפער ווערן, האָט ער זיך ביסלעכווייז אין אַ גרויסער מאָס, באַפרייט פון זיין אידעאָלאָגישן דילעטאַנטיזם און בלינדער פאַרערונג. אין תוך איז ראָלאַן געווען אין זיין מענטאַליטעט — ווי עס פּאַסירט אָפט — אַ געמיש פון צוויי קעגנזעצלעכע עלעמענטן — טיף־רעליגיעזן מיסטיציזם און שאַרף־קריטישן אַנאַליז.

*

אין זיינע מעמואַרן, וואָס ער האָט געשריבן אין 40־1939, באַטאָנט ער, אַז טאָלסטאָיס חסרון איז, וואָס ער סימפּליצירט צו פיל דעם יחידישן מענטש, און אַז דער מענטש איז, אייגנטלעך — מער ווי איינער...

אין אַ בריוו צו זיין קאָרעספּאָנדענטין אין יאָר 1987, דריקט ער אויס זיין פרייד צוליב דעם, וואָס די אַלטע געזעלשאַפט פאַלט פאַנאַנדער, הגם אין דער „דעמאָליסיאָן" וועלן אַ סך אומקומען און אויך ער וועט זיין צווישן די קרבנות. ער איז פון פאָרויס מוחל דער „פּוריע" פון סאָציאַליס־טישן גלויבן פאַר האָבן פאַרשלונגען אים. און ער איז מקריב אַלץ וואָס ער האָט ליב: זיין קונסט, „זיין לוווּר" פאַר אַ נייעם לעבנס־פּרינציפּ.

אין יאָר 1901 שרייבט ראָלאַן, אַז ער איז פאַטאַל אַריינגעשלעפּט אין דעם סאָציאַליסטישן לאַגער, און יעדן טאָג אַ ביסל מער... ער פילט די נויטווענדיקייט זיך צו דערנענטערן צו זיי, ווייל ער פילט אינסטינקטיוו אַז זיי פאָלגן נאָך די זעלבע אויפגאַבע; זיי אין פּאָליטיק און ער אין דער קונסט. דאָס איז דער זעלבער עקל פון ליגנס און קאָנווענציעס; די זעלבע באַדערפעניש פון אמת, פרייהייט, און פון שאַפן נייע לעבנס־פאָרמען. גלייכצייטיק דערמאָנט ער, אַז ער קען אַ צאָל יחידים, וואָס זענען „מערקווירדיק מיט זייער גייסטיקער אומאָפּהענגיקייט און זייער פרוכטבאַרן גלויבן: סאָציאַליסטן, וואָס האָבן פיינט פּאָליטיקער... און

לעבן אין אינטימער פאַראייניקונג מיטן פאָלק, מיט די אַרבעטער־סינדיקאַטן און די קאָאָפּעראַטיוון".

ווי די ציטאַטן ווייזן, איז ראַלאַנס וועג צום סאָציאַליזם געווען אַ פּאַמעלעכער און זיג־זאַג־אַרטיקער. ער איז געקומען צום סאָציאַליזם אַ דאַנק אַ טאָפּלטן „מעכאַניזם" פון אָפּשטויסונג און צוציִונג. דער דיכטער און מוזיקער איז געווען נישט בלויז אַן אידעאַליסטישע און רעליגיעזע נאַטור, נאָר אויך אַ דינער צום קולט פון לעבן, צו דער הייליקייט פון אַלעם לעבעדיקן, און ער האָט געהאַט אַ זעלטענע סענסיטיווקייט פאַר אַלע לעבעדיקע וועזנס. מיט דעם וועזנטלעכן אַספּעקט פון זיין כאַראַקטער לאָזט זיך אפשר דערקלערן דער פאַקט, וואָס ראַלאַן איז שפּעטער אַזוי צוגעצויגן געוואָרן צו דעם הינדויִסטישן גייסטיקן שטראָם און צו אירע גרויסע סאָציאַלע רעליגיעז־עטישע לערערס, ראַמאַקרישנאַ און וויוועקאַ־נאַנדאַ (2טע העלפט פון 19טן י"ה), וועגן וועלכע ער האָט געשריבן ביאָגראַפישע ווערק; און גאַנדי און טאַגאָר. דאָס איז אויך ביי אים געווען פאַרבונדן מיט טראַגישע איבערלעבונגען פון זייער פריִער קינדהייט, ווען זיין געליבט 3־יאָריק שוועסטערל איז קראַנק געוואָרן און קורץ דערנאָך אויסגעגאַנגען פאַר די אויגן פון דעם אויסערגעוויינטלעך צאַרטן 5־יאָריקן יינגל. דאָס האָט זיכער געשאַפן אַן אייביקע נשמהדיקע „טראַוומאַ" און געעפנט אין אים אַ תהום פון אומגעשטילטן רחמנות־געפיל. מיר וועלן זיך אָבער דאָ נישט צו פיל אַריינלאָזן אין דעם פּרק „פּסיכיע". גענוג איז, אַז ראַלאַן, די טיף־רעליגיעז עטישע נשמה, איז שוין אין זיין גאַנצן ווייטערדיקן לעבן געווען אַ קעמפער קעגן מלחמות און ברוטאַלער אונטער־דריקונג, אַן „אַנגאַזשע", און ווען דאָס איז אַפילו געווען אַלס אַ דריטער צד.

ער, וואָס איז גלייכצייטיק געווען אַ מיסטיקער און אַ שאַרפער אַנאַליטישער און קריטישער גייסט, האָט נאָך באַזונדערס געהאַט אַ טיפן אייבנליק אין דעם בוך פון מענטשלעכן אומזין און מענטשלעכעליידן וואָס רופט זיך „געשיכטע"... אַלס היסטאָריקער האָט ער געקענט די צופלוסן און אָפּפלוסן פון דעם געשעענעם. און ער האָט פון זיינע גרינטלעכע שטודיעס געלערנט אַ מוסר־השכל, אַז די געשיכטע איז „די

געשיכטע פון די זיגערס... דער געמיינסטער טייל פון דער וועלט. אָבער ווער קען די געשיכטע פון די באַזיגטע — דעם אמתן רום פון דער מענטשהייט?" און ער זאָגט, אַז בלויז די לעצטע גיבן אים דעם חשק צו לעבן, לאָזן אים נישט רויט ווערן וואָס ער איז אַ מענטש (1902).

מיט אַזעלכע נאַטירלעכע נייגונגען און פאַרמירטע פּרעדיספּאָזיציעס איז קיין וווּנדער נישט, וואָס די ווירקלעכקייט און דער „סדר פון די זאַכן" אין סוף 19טן און אָנהויב 20סטן יאָרהונדערט זיינען פאַר אים געווען אָפּשטויסנדיק. ער האָט געזען די אייראָפּעיִשע רעגירונגען, און זייערע נאָכלויפערס אויף אַלע געביטן, ווי אַ באַנדע ווילדע הינט, וואָס רייסן זיך איבער אַ „ביין" — די באַהערשונג און אומרחמנותדיקע עקס־פּלואַטאַציע פון די „קאָלאָניאַלע" פעלקער. און ער האָט אויסגעדריקט זיין האַס און עקל דורך רעוואָלט.

ער איז צוגעצויגן געוואָרן צום סאָציאַליזם ווי אַן אידעאַליסט, וואָס האָט געזוכט אין לעבן אַ מינימום פון האַרמאָניע און יושרדיקן סדר — דאָס אַלץ, וואָס די „וועלט פון נעכטן" האָט נישט באַוויזן צו דערגרייכן אין משך פון טויזנטער יאָרן.

דאָס איז געווען דער זעלבער אידעאַליזם, וואָס האָט זיין שול־חבר און נאָענטן פריינט, דעם איידעלן אידעאַליסט שאַרל פּעגי (1873—1914) געפירט צו דער „סאָציאַליסטישער שטאַט". מיטן אונטערשייד, וואָס פּעגיס אידעאַליזם האָט אים שפּעטער געפירט צו דער קריסטלעכער רעליגיע. אָבער ראָלאַן איז ביז צום סוף פון זיינע טעג געגאַנגען אויפן וועג פאָרויס צו אַ ליכטיקער צוקונפט; אַ וועג, וואָס איז באַלד פון אָנהויב באַשטראַלט געווען מיטן סאָציאַליסטישן מאָרגנרויט.

ראָמען ראָלאַנס סאָציאַליסטישער לעבנס־וועג איז נישט געווען קיין „דרך המלך". קודם כל האָט ער זיך פאַרנומען „לינקס" פון דעם וועג. און אויך דער לינקער וועג איז ביי אים געווען פול מיט אידעאָלאָגישע און פּסיכאָלאָגישע זיגזאַגן. ער האָט סימפּאַטיזירט מיט דער רוסישער רעוואָלוציע באַלד אין איר אָנהויב אָבער שפּעטער, אין 21־1920 האָט ער געפירט אַ שאַרפע דיסקוסיע מיט אַנרי באַרביס און נישט געקוקט אויף זיין פּאָזיטיווער אָפּשאַצונג פון דער רעוואָלוציע, האָט ער אַרויס־

געזאָגט „מוראדיקע אַפּיקורסישע" געדאַנקען בנוגע אַזעלכע פּראָבלעמען ווי פרייהייט פון יחיד און טאָלעראַנץ פון געדאַנק. שפּעטער האָט ער אַפילו, אין אַ בריוו צו אַ פריינט, דערקלערט, אַז „באָלשעוויזם איז אַ פאַרקערטער פאַשיזם". אָבער ער איז פון דעסטוועגן שפּעטער, אונטער דעם דרוק פון די געשעענישן — אין סוף פון די 20ער יאָרן — געוואָרן אַ „מיטרייזנדער" מיט דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. די אינטענסיווקייט פון זיין פּראָ־קאָמוניסטישער איינשטעלונג איז פאַרשטאַרקט געוואָרן אין אָנהויב פון די 30ער יאָרן, ווען נאָך דער שוואַרצער פּעסט פון איטאַליע איז געקומען די פּיל־שרעקלעכערע ברוינע נאַצי־פּעסט אין דייטשלאַנד. ער איז דאַן, ווי ער האָט אַליין דערקלערט, געוואָרן אַ „פּעלאָ־טראַוור־לער" פון די קאָמוניסטן. אָבער דאָס איז אַ טעמע פאַר זיך.

נישט געקוקט אויף זיין לינקן וועג און זיינע כסדרדיקע פּרינציפּיעלע זיגזאַגן — טיילווייז אין רעזולטאַט פון אַן אינערלעכן געראַנגל צווישן זיינע מאָראַלישע פּאָסטולאַטן און די אַקטועלע געפאַרן פון דער באַרבאַ־רישער פאַשיסטישער פאַרפלייצונג — איז דאָך געווען אַ געוויסע איינ־הייטלעכקייט אין די עטאַפּן פון זיין סאָציאַל־פּאָליטישן וועג. זיין סאָציאַ־ליסטישער באַגינען, זיין הומאַניסטיש־מיסיאָנערישער מאָרגנרויט — דאָס זענען געווען די ערשטע שטראַלן, וואָס האָבן אָנגעזאָגט די זון — זיין דיכטעריש־נביאיש וואָרט, וואָס האָט דאָמינירט דעם פאַר־מלחמה דור און אים דערהויבן צו דער פּאָזיציע פון דעם געוויסן פון אייראָפּע — דעם מאָראַלישן טשעמפּיאָן פון דער מענטשהייט.

ראַלאַנס שטעלונג צום סאָוועטן-פאַרבאַנד

וועגן ראָמען ראָלאַנס באַציִונג צום סאָוועטן־פאַרבאַנד, און צום קאָמוניזם אין אַלגעמיין, וואָלט מען געקאָנט אָנווענדן ווי אַ באַצייכענונג דעם נאָמען פון פרצעס נביאישן עסיי: „צווישן האָפענונג און שרעק״. דער טאָפּלטער „מעכאַניזם״ פון אָפּשטויסונג און צוציִונג איז געווען אַ מין אינטעלעקטועל מאָראַלישער „וועקסלשטראָם״, וואָס האָט געדינט ווי אַן ענערגעטישער כוח פאַר זיין לויכטנדיקן וואָרט און אידעאַליס־טישע מעשים.

דער צושטאַנד פון אַ „ויתרוצצו״, דער צונויפֿשטויס פון קעגנזעצ־לעכע אידייען און מאָראַלישע אימפּעראַטיוון, און די באַציִונג צום באָלשעװיזם, האָט, ווי מיר שיינט, אָנגעהאַלטן ביי אים אין משך פון זיין גאַנצן לעבן. אַ פאַקט איז אָבער אַז מען דאַרף זיין לעבן, אין דעם פּרט, טיילן אויף צוויי עפּאָכעס: פון 1917 ביז 1927; און פון 1927 ביז זיין טויט אין 1944 (אָדער אייגנטלעך ביז 1940, ווען ער איז געווען שווער קראַנק און אונטער אַ פאַקטישן הויז־אַרעסט אין דער צייט פון דער נאַצי־אָקופּאַציע).

אין משך פון דער ערשטער פּאָליטישער עפּאָכע האָבן ביי ראָלאַנען דאָמינירט די נעגאַטיווע מאָמענטן, די באַוואָרענישן און ספקות; אין דער צווייטער עפּאָכע האָבן דאָמינירט ביי אים די פּאָזיטיווע מאָמענטן און ער האָט זיך אַליין דערקלערט ווי אַ קאָמוניסטישער „פעלאָר־טראַוו־לער״. אָבער פּונקט ווי אין דעם ערשטן פּעריאָד האָט ער נישט געקוקט אויף דער דאָמינירנדיקער נעגאַטיווער באַציִונג, דאָך נישט אין גאַנצן פאַרלייקנט די היסטאָרישע באַדייטונג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, אַזוי האָט ער אין דעם צווייטן פּעריאָד, ווען ס׳האָבן ביי אים דאָמינירט די פּאָזיטיווע מאָמענטן, דאָך נישט אויפגעהערט צו האָבן באַוואָרענישן וועגן די מעטאָדן און מיטלען, וואָס ווערן געכשרט צוליב דעם ציל.

דאָס הייסט, אַז אין דיביידע פעריאָדן איז — נישט געקוקט אויף זייער פאַרשיידנקייט — אין איינהייטלעכער מאָמענט — דער גייסטיקער געראַנגל „צווישן האָפענונג און שרעק".

אין דעצעמבער 1920 איזביים קאָנגרעס אין טור דורכגעפירט געוואָרן אַ שפּאַלטונג אין פראַנצויזישן סאָציאַליזם, דורכן גרינדן איבערן קאָפּ פון אַ 2/3 מערהייט די פראַנצויזישע קאָמוניסטישע פאַרטיי. ראָלאַן האָט דאַן זיך אָפּגעזאָגט צוצושטיין צום „פּאָפּולער"; די „הומאַניטע" איז געווען פאַר אים פאַרמאַכט.

אין זיינע מעמואַרן וועגן יענער צייט שרייבט ער: „מיין רעוואָלט קעגן דער אומטאָלעראַנץ איז געשפּייזט געוואָרן דורך די פאַרצווייפלטע רופן פון אומאָפּהענגיקע רעוואָלוציאָנערן קעגן באָלשעוויסטישער אונטער־דריקונג... און אַפילו פון די בריוו פון גאָרקי, וואָס האָט דאַן פאַרלאָזט רוסלאַנד און איז באַהערשט געווען פון פעסימיסטישע און מעלאַנכאָלישע אויסברוכן".

ראָלאַנס פּאָליטישע איינשטעלונג פון יענער עפּאָכע קומט, צווישן אַנדערן, צום אויסדרוק (אין אַן אָפּזאָג־ענטפער, אין יאָר 1921, וועגן מיט־אַרבעטן אין דער קאָמוניסטישער צייטונג „ל'אַוואַנגאַרד", צו ש. רעבער, זשענעווע):

„מיין פּלאַץ איז נישט אין קיין פּאַרטיי — וועלכע זי זאָל נישט זיין — וואָס ברענגט די דיקטאַטור און גוואַלט־טעטיקייט אויפן טאָג־אָרדענונג. דאָס וואָרט „צייטווייליק", ווערט באַנוצט דורך די בעסטע פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי, אין שייכות מיט זייער טאַקטיק פון גוואַלט־טעטיקייט, איז אַ פאַסטקע: האָט מען דאָס מיטן פינגער באַרירט, ווערט דער גאַנצער מענטש, זיין גאַנצע פאַרטיי, זיין גאַנצער אידעאַל דאָרט אַריינגעצויגן".

מען דאַרף געדענקען אַז אין די אָנהייב צוואַנציקער יאָרן איז ראָלאַן באַזונדערס געווען אונטערן איינפלוס פון דער אינדישער גייסטיקער וועלט. אין זיין אינטעלעקטועלער בייגיר האָט ער אַנטדעקט די קוואַלן פון אינדי־שער מאָראַל־לערע. ער האָט זיך נאָענט פאַרבונדן מיט טאַגאָר, גאַנדי און אַנדערע (שפּעטער האָט ער געשריבן, אַז די ביידע וועלטן — דער

פּאַסיוור ווידערשטאַנד און דער רעוואָלוציאָנערער טעראָר — זיינען אַ מין פייער און וואַסער, וואָס לאָזן זיך נישט פּאַראייניקן).

אין איינקלאַנג מיט זיין פונדאַמענטאַלער איינשטעלונג פון מאָראַלי־שע אימפּעראַטיוון, לויט וועלכע יעדע טעטיקייט דאַרף אָפּגעשאַצט ווערן, האָט ער געשריבן אין 1922, אַז ער איז מיטן פּראָלעטאַריאַט, אַלע מאָל ווען ער וועט רעספּעקטירן דעם אמת און די מענטשלעכקייט. קעגן דעם פּראָלעטאַריאַט, אַלע מאָל ווען ער וועט פאַרשווייכן דעם אמת און די מענטשלעכקייט. קיין שום פּריווילעגירטע קלאַסן — פון אויבן אָדער פון אונטן — אין אָנבליק פון מענטשלעכע ווערטן!

צו אַן אמתן פּאַרמעסט צווישן ראָלאַנען און די קאָמוניסטישע אינטעלעקטואַלן אין פראַנקרייך איז געקומען, אין 22 - 1921, ווען דער באַוווסטער שרייבער אַנרי באַרביס האָט אים פאָרגעוואָרפן זיין אָפּזונדערן זיך, צוזאַמען מיט די „ראָלאַנדיסטן", פון דעם רעוואָלוציאָנערן לאַגער.

באַרביס האָט אין יאָר 1919 געגרינדעט אַן אינטערנאַציאָנאַלע צייט־שריפט א. ב. „קלאַרטעי", פון וועלכער ראָלאַן האָט זיך געהאַלטן פון דער ווייטנס. דאָס האָט באַוויגן דעם מחבר פון „פייער" צו אַטאַקירן ראָלאַנען און איז גלייכצייטיק געווען דער פונק, וואָס האָט אַרויסגערופן דעם אויפרייס — אַ סעריע ליידנשאַפטלעכע ענטפערס, אַני מאמינס, אין דער פאָרם פון אָפענע בריוו קעגן די טענות פון באַרביסן.

אין דעם ערשטן אָפענעם ענטפער־בריוו צו אַנרי באַרביס שרייבט ראָלאַן, אַז די דאָקטרין פון נעאָ־מאַרקסיסטישן קאָמוניזם שיינט צו זיין זייער ווייניק פּאַסיק פאַרן פּראָגרעס פון דער מענטשהייט. ער וואַרפט פאָר די פירערס פון דער „נייער אָרדענונג", אַז זיי האָבן אָפּט מקריב געווען די העכסטע מאָראַלישע ווערטן: מענטשלעכקייט, פרייהייט, און דאָס וויכטיקסטע פון אַלץ — דעם אמת.

ביי דער געלעגנהייט דערמאָנט ער די ווערטער, וואָס ער האָט געשריבן אין קלעראמבא: „עס איז נישט אמת, אַז דער ציל הייליקט די מיטלען. די מיטלען זיינען אַפילו מער וויכטיק ווי דער ציל... ווייל דער ציל (אַזוי זעלטן דערגרייכט, און שטענדיק נישט פולשטענדיק) מאָדי־פיצירט בלויז די אויסערלעכע פאַרהעלטענישן צווישן מענטשן. אָבער

די מיטלען פורעמען דעם גייסט פון מענטש — צו דעם ריטם פון גערעכטיקייט אָדער צום ריטם פון טעראָר. און אויב דאָס איז לויט דעם לעצטן, וועט קיין שום רעגירונג־פאָרם נישט פאַרמיידן די אונטער־דריקונג פון די שוואַכע דורך די שטאַרקע".

ווי ס'איז צו זען פון דעם בריוו, באַרירט דאָ ראָלאַן צוויי וויכטיקע פונקטן: די פּרעטענציעזע טענות פון באַרביסן — און פון אַלע אָרטאָ־דאָקסאַלע דענקער, וואָס האָבן „אָנגעכאַפּט דעם אמת ביי די הערנער" — אַז דער מאַרקסיזם־לעניניזם איז אַ מין „תורת משה", פון וועלכער מען טאָר נישט אָפּנייגן אויף קיין מילימעטער; און אַז די מיטלען הייליקן דעם ציל.

ראָלאַן שטעלט זיך דאָ אַרויס ווי אַן אַפּיקורס אין דעם מיטאָס און אייביקער גילטיקייט פון דער אַלטער רעוואָלוציאָנערן־לאָזונג פון „די מיטלען הייליקן דעם ציל", וואָס איז נישט בלויז אַ מין מאָראַלישער מאָראַטאָריום, נאָר פּאַקטיש אַן אמתער מאָראַלישער באַנקראָט, ווייל די מיטלען „זאָרגן" שוין, אַז דער ציל זאָל קיין מאָל נישט ווערן גערעקט.

ראָלאַן איז ממשיך זיין געדאַנקלעכן פאָדעם, און ווייזט זיך אַרויס ווי אַ טיפזיניקער דענקער און פרייער גייסט, וואָס זעט דעם תוך פון דערשיינונגען:

„אַ קלוגער מענטש איז נישט דער, וואָס איז „באַזעסן" פון אַן איינציק בוך, וואָס פּרעטענדירט אַרויסצווייזן זיין דאָגמע אויף דער נאַטור. ער מוז זיך באַמיִען צו אַנטדעקן די פאַרשיידענע און קעגנזעצלעכע עלעמענטן פון דער נאַטור.

„עס איז אין דעם פרייען שפּיל פון פאַראַנענע כוחות, וווּ די רעוואָלו־ציאָנערע פאָרמולע פון דער צוקונפט דאַרף געזוכט ווערן".

אין אַ ווייטערדיקן בריוו, פאַרעפנטלעכט אין 1922, נעמט ראָלאַן ווידער אויף אַ צאָל פון באַרביסעס טענות און דאָגמעס, וועלכע ער וואַרפט אָפּ מיט ליידנשאַפטלעכן פייער און שאַרפן לאָגישן אַנאַליז.

באַרביס האָט אין זיינעם אַן אַרטיקל דערקלערט, אַז עס קאָנען נישט זיין קיין טעותים פון רעכענען אין דער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַלער געאָמעטריע, וועלכע איז די באַזע פון די פּרינציפּן פון „קלאַרטע".

אויף דעם האָט ראָלאַן געענטפערט, אַז ער שמייכלט לייענענדיק אַזאַ אַבסטראַקטע קאָנצעפּציע פון דעם מענטש, אָט דעם שפּרודלדיקן קוואַל פון אונטערבאַוווסטזיניקע ענערגיעס, פון קאָסמישן כוח. ער וואַרפט פאַר באַרביסן, אַז ער איז „ראַיאַליסטישער ווי דער קעניג", מער ראַציאָנאַליס־טיש ווי די הייגטיקע וויסנשאַפטלערס, וועלכע זיינען ווייט פון באַשטעטיקן די אומפילבאַרקייט פון פונדאַמענטאַלע געזעצן.

„איך באַקעמף נישט איין ‚רעזאָן ד'עטאַ' כדי צו דינען אַ צווייטן. און דער מיליטאַריזם, דער פּאָליציי־טעראָר, ווערן נישט ביי מיר גע־הייליקט, ווייל זיי זיינען דער אינסטרומענט פון אַ קאָמוניסטישער דיקטאַטור...

„עס טוט מיר ווי צו הערן פון אייך, אַז די אינטערוועגץ פון דער גוואַלט־טעטיקייט איז נישט מער ווי אַ פּרט... די מענטשלעכע נאַטור וואָלט געמוזט זיין אַ... שוואַרצע טאָפל, אויף וועלכער מען קאָן שרייבן מיט קרייד און נאָך דעם אָפּווישן מיט אַ שוואָם. אָבער דער לעבעדיקער אָרגאַניזם איז פון אַן אולטראַ־סענסיטיווער סובסטאַנץ, וווּ עס ווערן רעגיסטרירט די סובטעלסטע איינדרוקן; און די גוואַלט־טעטיקייט לאָזט אויף איר איבער אומאָפּמעקבאַרע צייכנס...

„ווי לאַנג איך וועל נישט פילן אין אַ פּאַרטיי די דאָזיקע ליידנשאַפט פון אמת... ווי לאַנג איך וועל דאָרט פילן בלויז דעם ווילן צו זיגן, פאַר יעדן פּרייז און מיט אַלע מיטלען, ווי לאַנג דער גייסט פון דער רעוואָלו־ציעס דינער וועט פאַראַכטן די פּאָסטולאַטן פון דעם פרייען געוויסן, וועל איך מיך האַלטן פון דער ווייטנס".

„מיט אייך און די רעוואָלוציאָנערן קעגן די טיראַניעס פון דער פאַר־גאַנגענהייט, מיט די אונטערדריקטע פון מאָרגן קעגן די טיראַניעס פון מאָרגן. דאָס וואָרט פון שילער איז פאַר מיר אַ מאָטאָ פאַר אַלע צייטן:

„קעגן אַלע טיראַנען".

ראָלאַנס אָפענע בריוו צו אַנרי באַרביס זיינען געקומען ווי אַ פאַרטיידיקונג קעגן די פאַרוווּרפן פון קינסטלערישער „גרויסאַרטיקער איזאָלאַציע", אין וועלכער דער רעדאַקטאָר פון דער ‚קלאַרטע' האָט אים באַשולדיקט, אָבער דער בריוו־שרייבער איז גאָר שנעל איבערגעגאַנגען

פון פאַרטיידיקונג צו אַ שטאַרקער קאָנטר־אַטאַקע. אין די אָפענע בריוו קומט צום אויסדרוק ראָמען ראָלאַן — דער פיינער פּסיכאָלאָג, דער ערלעכער מאָראַליסט און שאַרפער אַנאַליטיקער. ער צעקלאַפט די אַרגו־מענטן, אַז דער טעראָר איז נאָר אַ פאַרבייגייענדיקע דערשיינונג און ער ווייזט אָן מיט רעכט, גוואַלט־טאַטן ווערן פון אַ „פּרט״ פאַרוואַנדלט אין אַ עיקר, אין אַ סיסטעם. יעדע דיקטאַטור אָפּערירט מיט דער הילף פון טעראָר, אָבער גלייכצייטיק ווערט זי דיקטירט פון אים. דורך אַ פּסיכאָ־לאָגישער קייט־רעאַקציע פאַרוואַנדלען זיך די טעראָר־אויספירערס אין זיינע דינערס צוליב דער פאַראַנאָישער שרעק פאַר די רעזולטאַטן פון דעם אָפּגעטוענעם. וואָס שייך דעם מאָראַלישן אַספּעקט, דערשיינט דאָ ראָלאַן ווי אַן אויסגעשפּראָכענער הומאַניסט, וואָס האַסט יעדע אונטער־דריקונג — פון וועלכער זייט זי זאָל נישט קומען, און פאַרברעכנס ווערן ביי אים נישט געכשרט דורך דער „ציל״־מאַרקע.

אין אַ בריוו צו אַ קאָמוניסטישן פריינט, האָט ער אין דער זעלבער צייט, אַנגעוויזן אויף די רעזולטאַטן פון דעם פּראָצעס קעגן די רוסישע סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן — אַז אַפילו אַנאַטאָל פראַנס, נישט געקוקט אויף זיינע קאָמוניסטישע סימפּאַטיעס, האָט דאָך געשיקט אַ פּראָטעסט־טעלעגראַמע צו דער סאָוועט־רעגירונג, טאַדלענדיק זי פאַר די רעפּרע־סיעס. ער האָט אויך דערקלערט, אַז דאָס לויבן די טעראָר־פּאָליטיק האָט געהאַט די קאָנסעקווענץ פון אָפּפרעמדן פון דער רוסישער רעוואָלוציע די בעסטע ליבעראַלע דענקערס פון אייראָפּע, די בערטראַנד ראָסלס, די געאָרג בראַנדעסעס און אַנדערע.

עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז ראָלאַנס אויפריכטיקע און רירנדיקע גלויבנס־באַקענטעניש האָט געהאַט אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג.

מאַקסים גאָרקי האָט אים געשריבן, (דעם 23סטן יאַנואַר 1922) אַז די בריוו צו באַרביסן זיינען אויסגעצייכנט, און אַז ער איז אינטעלעק־טועל מסכים מיט זיינע אידייען, וואָס זיינען אים ליב און טייער. ער האָט באַטאָנט, אַז די זעלבע אידייען האָט ער איבערגעחזרט אין זיין אייגענעם לאַנד אין די לעצטע עטלעכע יאָר.

די קאָנטראָווערסיע מיט באַרביסן האָט געגעבן ראָלאַנען אַ געלעגנ־

הייט צו פֿאַרעפֿנטלעכן זיין גלענצנדיקן פּרינציפּיעלן „עקספּאָזע", אַן אינטעלעקטועלן „אני מאמין" פֿון אַ נביאישן גייסט, וואָס וואָרנט קעגן מיסברויכן מיט מאַכט, אומאָפּהענגיק צו וועלכן ציל זי דינט.

אויך אין די קומענדיקע עטלעכע יאָר האָט ער ביי פֿאַרשיידענע געלעגנהייטן זיך אַרויסגעזאָגט אין זעלבן אָפּאָזיציאָנעלן גייסט, אין וועלכן די שרעק דאָמינירט איבער דער האָפֿענונג.

דעם 1טן פֿעברואַר 1924, אין דער צייט פֿון לענינס טויט, האָט ער געשריבן, אַז די אידייען פֿון לענינען און פֿון דער רוסישער רעוואָלוציע זיינען נישט זיינע. אָבער גראָד דערפֿאַר וואָס ער איז צו אינדיווידואַליסטיש, און צו אידעאַליסטיש זיך צוצופּאַסן צום מאַרקסיסטישן גלויבן און זיין מאַטעריאַליסטישן פֿאַטאַליזם, שרייבט ער צו אַ גרויסן ווערט צו גרויסע אינדיווידואַליסטן, און האָט פֿאַר לענינען גרויס באַוווּנדערונג.

זיין אידעאָלאָגישע און מאָראַלישע אָפּאָזיציע האָט ראָלאַן נאָך אָנגע־האַלטן אין די ערשטע חדשים פֿון 1927. צו יענער צייט האָט ער געשריבן אין אַ בריוו צו אַ פֿריינט, אַז ער האָט זיך נישט געענדערט בנוגע דעם באָלשעוויזם. און אַז זייענדיק אַ טרעגער פֿון אַ הויכער אידייע... האָט דער באָלשעוויזם זי רויִנירט דורך זיין שמאָלן סעקטאַנטיזם און זיין קולט פֿון גוואַלט־טעטיקייט. ער האָט געבוירן דעם פֿאַשיזם, וואָס איז אַ פֿאַרקערטער באָלשעוויזם... די אייגנטלעכע מעלה פֿון אַ שיינער רעוואָ־לוציאָנערער זאַך איז דער רעליגיעזער אידעאַל... דער גלויבן אין ווערטן, וואָס זיינען מאָראַליש... דער רעספּעקט פֿון דער מענטשלעכער פּערזאָן און פֿון דער פֿרייהייט... וואָס הייבט די שוואַכע און וואָס דערלויבט די פֿעלקער דורכצוגיין... די צייט פֿון שרעקלעכע נסיונות".

אין יאָר 1927 קומט פֿאָר אַן איבערבראָך אין ראָלאַנס פּאָליטישן געדאַנקענגאַנג. די מאַגנעטישע נאָדל פֿון זיין אידעאָלאָגישן קאָמפּאַס האָט זיך געגעבן אַ ווענד אויף 180 גראַד. פֿון אַ שאַרפֿן ניין־זאָגער צום סאָוועטן־פֿאַרבאַנד איז ער פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פֿאַרטיידיקער און באַיאָער. אמת, ער איז נישט געוואָרן קיין געשוווירענער הלל־זינגער, און זיין האָפֿענונג איז שטענדיק געבליבן געמישט מיט אַ באַדייטנדיקער

דאָזע שרעק. אָבער דאָך אָנהויבנדיק פון דעם צייטפּונקט, האָט די האָפענונג דאָמינירט איבער זיין שרעק.

ווער קאָן דערגרונטעוון די פּסיכאָלאָגישע ספּרוזשינעס, וואָס רופן אַרויס אַזעלכע אינערלעכע אינטעלעקטועלע רעוואָלוציעס? יעדנפאַלס פּרווט ראָלאַן, אין דעם בוך „15 יאָר קאַמף" צו געבן אַ לאָגישע דער־קלערונג פאַר זיין שאַרפן קער אויף לינקס.

באַשרייבנדיק דעם הינטערגרונט פון זיין איבערגאַנג אין 1927, דער־קלערט ראָלאַן, אַז די אומזיניקע מיספאַרשטענדעניש איז געווען אין סכנה צו פאַרלענגערן זיך, ווען נישט דער מער פאַרשטענדלעכער גייסט, וואָס האָט אָנגעהויבן צו אינספּירירן די פּאָליטיק פון ראַטן־פאַרבאַנד און די פּערזענלעכע אינטערווענץ פון זיין רעספּעקטירטסטן פאַרשטייער אין מערב, אַנאַטאָל לונאַטשאַרסקי.

די געלעגנהייט איז געווען: ראָלאַנס אַן ענטפער אויף אַן אַנקעטע אין דער אַנאַרכיסטישער צייטשריפט „ליבערטעיר" אין שייכות מיט דעם טעראָר אין רוסלאַנד קעגן דער אַנאַרכיסטישער מינדערהייט. ער האָט זיך אין דעם ענטפער אַרויסגעוויזן אַלס פריינט פון די סאָוועטן נישט געקוקט אויף זיינע רעזערוואַציעס.

שרייבנדיק וועגן דער עפּאָכע, אין רעטראָספּעקט, באַמערקט דער מחבר, אַז „די געפאַר איז געווען דראָענדיק. ענגלאַנד האָט איבערגעריסן די באַציִונגען מיטן ראַטן־פאַרבאַנד און ברוטאַל אַרויסגעוויזן די סאָוועטישע פאַרשטייערס. די אויל־מאַגנאַטנס אינטריגעס האָבן געבערענגט פרוכטן: אַן אימפּעריאַליסטישע קאָאַליציע איז צוגעגרייט געוואָרן קעגן מאָסקווע.

„איך האָב געענטפערט (מאַי 28, 1927) אַז נישט געקוקט אויף אַלע טענות קעגן דער סאָוועטישער רעגירונג, דערמאָן איך אַלע פרייע מענטשן אין אייראָפּע, אַז רוסלאַנד איז אין געפאַר און אַז אויב זי וועט צעשטערט ווערן, וועט נישט בלויז דער וועלט־פּראָלעטאַריאַט ווערן פאַר־שקלאַפט, נאָר אויך יעדע סאָציאַלע און אינדיווידועלע פרייהייט. די וועלט וועט ווערן צוריקגעוואָרפן אויף אַ סך עטאַפּן".

„אַ וואָפנשטילשטאַנד צו ברודער־מאָרד דיסקוסיעס!"

„די רוסישע רעוואָלוציע שטעלט מיט זיך פאַר די גרעסטע סאָציאַלע

אונטערנעמונג... לאָמיר איילן צו איר הילף. דער פיינט איז ביי די טויערן... לאָמיר היטן די פרייהייטן פון אייראָפּע".

מיט עטלעכע חדשים שפּעטער, דעם 2טן סעפּטעמבער 1927, האָט לונאַטשאַרסקי, וואָס האָט זיך געקענט מיט ראָלאַנען פון דער שווייץ, ווו זיי זיינען געווען בעת דער מלחמה, אים איינגעלאַדן מיטצואַרבעטן אין אַ נייעם סאָוועטישן זשורנאַל, „רעוואָלוציע און קולטור". דערביי האָט דער סאָוועטישער בילדונג־מיניסטער אים צוגעזאָגט, אַז דער זשורנאַל וועט דרוקן אויך אַזעלכע אַרטיקלען, וואָס וועלן נישט זיין אין איינקלאַנג מיט די סאָוועטישע אידייען.

ראָלאַן האָט געענטפערט אויף לונאַטשאַרסקיס בריוו מיט אַ דער־קלערונג וועגן זיין גלויבן אין דער היסטאָרישער בויטוועגדיקייט פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע. ער האָט אָבער צו דער האָפענונג צוגע־געבן זיין דאָזע שרעק — אַ קריטיק פון דער „ענגער דאָקטרין און דיקטאַטאָרישן גייסט, אין דער רוסישער רעוואָלוציע".

און ראָלאַן באַמערקט:

„פון דאַן אָן זיינען די באַריערעס געווען אויפגעבראָכן... האָב איך קיין מאָל נישט אויפגעהערט צו זיין אַ נאָכפאָלגער („מיטלויפער") פון דער סאָוועטן־רעפּובליק און צו קעמפן אויף איר זייט".

אין משך פון די דרייסיקער יאָרן איז ראָמען ראָלאַן געשטאַנען אין צענטער פון גייסטיקן לעבן אין אייראָפּע און זיין קול, דאָס וואָרט פון אַן אינטעלעקטועלן טריבון, פון אַ סאָציאַל־עטישן פּאַטריאַרך האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג אין דער וועלט. ער איז געשטאַנען אין שריפטלעכער פאַר־בינדונג מיט שרייבערס פון פאַרשיידענע לענדער, מיט דער זוכנדיקער יוגנט, און האָט אויך גענומען אַ שטעלונג צו אַלע אַקטועלע סאָציאַל־פּאָליטישע פראַגן.

אין די אַלע בריוו, רעדעס און עפנטלעכע ווענדונגען דאָמינירט וואָס אַ מאָל מער די האָפענונג איבער דער שרעק; הגם ווי געזאָגט, מיט אַ באַשטימטער דאָזע פון אומאָפּהענגיקן אינדיווידואַליזם האָט ער שטענדיק „אונטערגעזינדיקט".

דאָס שטייגן פון דער האָפענונג אויף זיין פּאָליטישן טערמאָמעטער איז צוגעגאַנגען שטופנווייז.

אין די ערשטע חדשים נאָך זיין איבערקערעניש האָט ער, אין אַן ענטפער (דעם 20סטן יאַנואַר 1928) אויף אַן אָפענעם בריוו פון די עמי־גראַציע שרייבערס איוואַן בונין און קאָנסטאַנטין באַלמאָנט, אין שייכות מיט דער לאַגע פון די שרייבערס אין רוסלאַנד געשריבן אַזעלכע באמתדיק אַפּיקורסישע ווערטער:

„אַן אַנדער שענדלעכע זאַך איז שפּיאָנאַזש... וואָס שטאַמט פון יענע טעג (פון צאַרישן רעזשים), ווען עס איז צו אייך איבערגעגאַנגען די מאָנסטערהאַפטע געהיים־פּאָליציי־אָרגאַניזאַציע מיט איר קאָרופּציע און אינטערנאַציאָנאַלע שפּיאָנען...

„...לאָמיר אויסברענען די ווונד מיט אַ גליִענדיקן אייזן! אָבער לאָמיר דאָס טאָן ביי די, וואָס פאַרדעקן דאָס מיט היפּאָקריזיע און רעטאָריק, ווי אויך צווישן די, וואָס שטעלן דאָס אַרויס עפנטלעך"...

אינמיטן פון די דרייסיקער יאָרן באַנוצט זיך שוין ראָלאַן מיט אַ „מאַרקסיסטיש־לעניניסטישער" טערמינאָלאָגיע און פאַררופט זיך שוין אַפילו אויף ציטאַטן פון... סטאַלינען. אין דעם אַרטיקל „פּאַנאָראַמע" דערמאָנט ער, אַז „לעצטנס (יולי 23, 1934) האָט סטאַלין אין אַן אינטערוויו מיט ה. ג. וועלס... אים געוויזן, ,עס איז נישט פאַראַן, עס דאַרף נישט זיין קיין שום אַנטאַגאָניזם צווישן די אינטערעסן פון אַ יחיד און די אינטערעסן פון אַ קאָלעקטיוו. דיביידע מוזן ווערן איינס. נאָר די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט קאָן מאַכן פּלאַץ... פאַרן אינדיווידועלן אינטערעס. אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט שטעלט מיט זיך פאָר — נאָך מער — די איינציקע סאָלידע גאַראַנטיע פאַר דער פאַרטיידיקונג פון דעם יחידס אינטערעסן'."

מילא, ווי אַזוי סטאַלין האָט „פאַרטיידיקט" די אינטערעסן פון דעם יחיד, איז גוט באַקאַנט — נאָך די גרויל־פּראָצעסן אין סוף פון די דרייסיקער יאָרן; נאָך די אינקוויזיטאָרישע מכשפה־יאַגדן און אַנדערע „סאָלידע גאַראַנטיעס". אַגב איז די „פאַראייבפאַכונג" פון די אינטערעסן

פון יחיד און קאָלעקטיוו — טאַקע אַ פאַקט: סטאַלין האָט זיי ביידע באַפרייט... פון דער פרייהייט.

אָבער ראָלאַן, וואָס האָט נאָך נישט געוווסט וועגן אַלע זיינע „מעשים טובים״, האָט אין דעם בוך „15 יאָר קאַמף״ גערעדט מיט ליוב וועגן סטאַלינס „בויגזאַמער און שטאַרקער האַנט״...

ווען ראָלאַן האָט געשריבן זיין „פּאַנאָראַמע״ איז ער שוין געווען אויף דער שוועל פון די זיבעציקער. אַחוץ דעם איז זיין געזונט־צושטאַנד, וואָס איז קיין מאָל נישט געווען קיין געהויבענער, כסדר פאַרערגערט געוואָרן. אָבער דער אַלטער, קראַנקער מאַן האָט נאָך, ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, זיך פאַרנומען מיט סאָציאַל־פּאָליטישע פּראָבלעמען. אַחוץ זיינע פיל אַרטיקלען און אויפרופן, האָט ער אויך געפירט אַ ריזיקע קאָרעספּאָנדענץ, מיט פריינט און אָנהענגערס איבער גאָר דער וועלט. צו האָבן אַ באַגריף וועגן דעם סאָציאַלן „קווערשניט״ פון זיינע קאָרעספּאָנדענטן, איז כדאי צו דערמאָנען דעם פאַל פון אַ יונגן רוסישן באַנדיט, וואָס האָט אים, אין יאָר 1936, געשריבן אַ רירנ־דיקן בריוו, שילדערנדיק ווי ער האָט זיך „באַקערט״, לייענענדיק אין טורמע „זשאַן קריסטאָף״, און האָט באַשלאָסן צו ווערן אַן אָנשטענדיקער מענטש.

אין די דרייסיקער יאָרן, ביזן אָנהויב פון דער מלחמה, זיינען זיינע אַרטיקלען און עפנטלעכע ווענדונגען געווען געווענדט קעגן פאַרשיידענע גרויל־טאַטן פון שוואַרצן און ברוינעם פאַשיזם, לטובת די אונטערדריקטע קאָלאָניאַלע פעלקער אאַז״וו.

צום סוף פון די דרייסיקער יאָרן, ווען די אָרעמס פון דעם נאַצי־מאָנסטער האָבן זיך ביסלעכווייז אויסגעשטרעקט איבער אייראָפּע, האָט ראָלאַן פון זיין שטילן שטעטל אין פראַנקרייך — ווו ער האָט געוווינט זינט 1937, ביז זיין טויט — אומאויפהערלעך אַלאַרמירט די פירערס פון די דעמאָקראַטישע לענדער קעגן דער פאַשיסטישער געפאַר. אַ באַזונדערס שטאַרקן אויפרוף האָט ער געשריבן אין 1938 ווען היטלער האָט פאַרכאַפּט טשעכאָסלאָוואַקיע. אין דער זעלבער צייט האָט ער געשיקט טעלעגראַמעס צו דאַלאַדיע און טשעמבערלעין, אין וועלכע ער האָט גערופן אַלע דעמאָ־

קראַטישע לענדער נישט צו דערלאָזן — דורך אַן ענגן בונד און ענערגישע מאַסנגאַמען היטלערס אַטענטאַט קעגן טשעכן און קעגן אייראָפּעישן שלום.

מיר האָבן נישט קיין מאַטעריאַלן, פון די לעצטע עטלעכע יאָר פון זיין לעבן, וואָס זאָלן אונדז דינען ווי אַ פּאָליטישער „אידעאָגראַם״ אין זיין באַציִונג צום סאָוועטן־פאַרבאַנד. אין זומער 1935 איז ער געפאָרן אויף אַ באַזוך צו מאַקסים גאָרקי אין מאָסקווע, ביי וועמען ער האָט געוווינט דריי וואָכן. ער האָט אויך בייגעוווינט, צופוסנס פון לענין־מאַוזאָלעי, די ריזיקע פּאַראַדן פון די אַל־סאָוועטישע ספּאָרט־גרופּן און געשריבן מיט באַגייסטערונג וועגן דעם מעכטיקן ספּעקטאַקל פון יוגנט און קראַפט.

ווי עס זאָל נישט זיין — זיין גאַנצע באַציִונג צום קאָמוניזם, אָנהויבנדיק פון 1917 ביז זיינע לעצטע טעג, איז דאָך געווען אונטערן צייכן פון האָפענונג און שרעק. פאַר זיין היסטאָרישער נסיעה קיין רוס־לאַנד, אין 1917, האָט לענין טעלעגראַפיש זיך געווענדט צו ראָלאַנען, אַז ער זאָל אים באַגלייטן, ווי אַ מין מאָראַלישער פאַנגענטרעגער. אָבער ער האָט אָפּגעזאָגט. און נישט געקוקט אויף זיין לאַנגיאָריקער „מיט־רייזע״ מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד, האָט ער דאָך ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן אויסגעדריקט זיינע ספיקות און רעזערוואַציעס.

אין זיינע טאָגבוך־פאַרצייכענונגען פון זיינע יונגע יאָרן האָט ער באַמערקט, אַז זיין ראָל וועט זיין צו לאָזן אַריינשטראָמען דאָס געטלעכע אין דער סאָציאַלער רעוואָלוציע און אַז דער מאַטעריאַליזם איז נאָר אַ פאַרבייגייענדיקע פאָרם: אַ וווּלגאַרער פאַנצער פון קאַמף. ער באַטאָנט אָבער, אַז דאָס וועט מער נישט זיין דער גאָט פון די אַלטע צייטן, נאָר דער מענטש־גאָט, די אייביקייט פון אוניווערסאַלן לעבן.

אין 1939, עטלעכע יאָר פאַר זיין טויט, האָט ער ווידער באַרירט די אייביקע טעמע אין זיין טאָגבוך. ער באַמערקט, אַז דער סאָציאַליזם טוט זיך אַן עוולה דורך באַזייטיקן יעדן סימן פון רעליגיעזיטעט, און אַז ס׳איז נישט פאַראַן נאָך אַן ענלעכע דאָקטרין, וואָס זאָל האָבן אַזאַ פּאָטענציאַל פון געטלעכער ענערגיע, אַזאַ מעכטיקע מיסטיק פון חבריש־קייט. ער דערקלערט ווייטער, אַז ס׳איז אומזיניק, צוליב פאַרדאַכט קעגן

די אַלטע רעליגיעס, צו „קאַסטרירן זיך פון גאָט". און אַז אויב מען וויל שאַפן אַ נייעם אָדם, דאַרף מען אים נישט באַרויבן פון דעם פלאַם פון אוניווערסאַלן וועזן. ער ווענדט זיך צו די רעוואָלוציאָנערן מיט אַ פּאַטעטישן רוף, אַז זיי זאָלן „ליב האָבן דאָס פייער", „אונטערהאַלטן עס". ער דריקט אויס זיין איבערצייגונג, אַז מען קאָן דאָס נישט פאַרטרעטן מיט אַ מאַטעריאַליסטשיער דיאַלעקטיק, ווי אינטעליגענט זי זאָל נישט זיין, און אויך נישט דורך קלאַסן־אינטערעס. צום סוף פון די פאַרצייכענונגען באַמערקט ער, אַז דערפאַר וואָס דער מעכטיקער ראַטן־פאַרבאַנד האָט אים (דעם אידעאַליסטישן פּרינציפּ) צו פיל פאַרגעסן, איז ער טייל מאָל באַגאַנגען כמעט טויטלעכע פעלערן, וואָס וואָלטן אים אומגעבערענגט, ווען נישט דער שווונג פון די נייע קלאַסן, פון אַ ניי פאָלק...

דאָ זעט מען ווי דער קרייז האָט זיך געשלאָסן. אַ ציטערדיקע האָפע־נונג, וואָס איז געמישט מיט אַ ציטערדיקער שרעק.

ראָלאַנס זיג־זאַג־וועג אַלס „פעלאָר־טראַוולער" פון קאָמוניזם איז אַ רעזולטאַט פון זיין מענטאַליטעט און פּערזענלעכקייט. וועגן זיין „זשאַן קריסטאָף" האָט ער באַמערקט: „איך שרייב נישט קיין קונסטווערק, איך שרייב אַ ווערק פון גלויבן". און דאָס קאָן דינען ווי אַ לייטמאָטיוו פאַר אַלץ וואָס ער האָט געשריבן און געטאָן. ראָמען ראָלאַן איז געווען אַ דיכטער מיט אַ פייער פון רעליגיעזיטעט. ער איז געווען אַ גרויסער אידעאַליסט מיט נביאיש־הומאַניסטישע דיספּאָזיציעס. די אַלע אייגנ־שאַפטן האָבן זיין פלאַם פון רעליגיעזיטעט געווענדט אין דער ריכטונג פון מענטש, צום קאַמף קעגן טויזנטער יאָרן אַלטן סאָציאַלן דזשונגל און פאַר לייגן די פונדאַמענטן פאַר אַ מענטשלעכער געזעלשאַפט, באַלויכטן פון שלום, גערעכטיקייט און האַרמאָניע. דאָס איז געווען די סיבה, וואָס ער, נישט קיין מאַרקסיסט, האָט יונגערהייט דערזען אין סאָציאַליזם די דערלייזונג פון דער וועלט. אַ סך אייניפלוסן — און מעגלעך, נישט אַלע אויפגעקלערטע — האָבן אים באַוויגן שפּעטער זיך צו אידענטי־פיצירן מיטן קאָמוניסטישן לאַגער. ער האָט זיך אָבער נישט אידענטיפיצירט מיט די קאָמוניסטישע לאַגערן, און האָט כסדר אויסגעדריקט זיינע באַוואָרע־נישן קעגן די נישט הייליקע מיטלען אין דינסט פון הייליקן ציל.

מען קאָן צו ראַלאַנס סאָציאַל־פּאָליטישע גלגולים נישט צוגיין פון אַ ריינעם פּאָליטישן און שטרענג־סאָציאָלאָגישן צוגאַנג. מען דאַרף אים זען און נעמען ווי ער איז געווען — אַ לויכטנדיקער גייסט, אַ נאָבעלער אידעאַליסט, וואָס האָט זיך געראַנגלט מיט זיך און מיט דער וועלט, געחלומט און געקעמפט פאַר אַ בעסערער, שענערער וועלט. ווי זאָגט זיך אין עפּילאָג פון „פאַוסט״:

„ליבע נאַר ליבנדע פירט אַריין...
ווער שטענדיק שטרעבנדיק זיך באַמיט,
דעם קאָנען מיר דערלייזן...״

גאַבריעלע ד׳אַנונציאָ — „דער יוחנן המטביל פון פאַשיזם״

גאַבריעלע ד׳אַנונציאָ, דער באַרימטער איטאַליעגישער דיכטער, איז אַ לענגערע צייט — פונעם אָנהויב 20סטן יאָרהונדערט ביזן סוף פון די דרייסיקער יאָרן — געווען די סענסאַציע פון אייראָפּע. ער האָט געהערט צו דעם טיפּ קינסטלערס, וואָס זייער גוואַלדיקע וויטאַליטעט דריקט זיך אויס נישט בלויז אין פּיל־שרייבן, נאָר אויך אויף פאַרשיידענע געביטן פון לעבן. ד׳אַנונציאָ איז געווען אַ גייענדיקע סענסאַציע און אַ פּערמאַנענטער סקאַנדאַל מיט זיין עקסטראַוואַגאַנץ — סיי אין זיין ליטעראַרישן שאַפן, סיי אין זיין אויפפירונג און סיי אין זיינע „ראָלן״, וואָס ער האָט געשפּילט אין דער גראָטעסקער דראַמע פון זיין לעבן.

ליטעראַריש גענומען, איז ד׳אַנונציאָ געווען אַ „קינד פון זיין צייט״. געצויגן קינסטלעריש־אידעאָלאָגישע יניקה פון דער קולטור און ליטעראַטור פון סוף 19טן י״ה, וואָס איז געווען אַ געמיש פון אינדיווידואַליזם, ראָמאַנטיזם און דעקאַדענץ. מיט זיין דראַמאַטיש לעבן איז ער געווען אַ קינד פון זיין אָרט, פון איטאַליע, אַן אַלט קולטור־לאַנד, וואָס איז זייט לאַנגע יאָרהונדערטער — אָנהייבנדיק מיט די גאָטישע אינוואַזיעס אין פינפטן י״ה — אויסגעטראָטן געוואָרן פון אינטערנאַציאָנאַלע שטיוול. די אייניקלעך פון די רוימערס, וואָס האָבן געוועלטיקט פון אַטלאַנטיק ביזן עפראַט, האָבן ענדלעך אין 19טן י״ה אויסגעקעמפט זייער אומאָפּהענגיקייט. און די נעכטיקע אונטערדריקטע שקלאַפן, די שטענדיקע געשלאָגענע, האָבן אַליין באַקומען אַפּעטיט צו הערשן, רויבן, שלאָגן און פאַרכאַפּן — די אימפּעריאַליסטישע „וועלט־אָנשויונג״...

— ווי עס זאָל נישט זיין, איז ד׳אַנונציאָס פּערזענלעכקייט און שאַפן — באַזונדערס די פּערזענלעכקייט — אונטער אַ גרויסן פראַגע־צייכן. איז ער טאַקע — מיט זיין גרויסער ליטעראַרישער באַגאַבונג און גוואַלדיקער

וויטאַליטעט און לעבנס־קונסט — נישט געווען מער ווי אַ קרילאָווישע „אַנגעבלאָזענע זשאַבע" (אימיטירנדיק די גרויסע אָקסן אויף דער קאַמפּס־אַרענע...), וואָס האָט איניציִירט די מאָדערנע אַנשיקענישן פון פאַשיזם און נאַציזם? איז ער געווען דער „יוחנן המטביל" פון פאַשיזם? דער ערשטער אימפּאָרטירער און עקספּאָרטירער פון דער טויטלעכסטער סאָציאַלער פּעסט פון אַלע צייטן — דעם מיקראָב פון מאַסן־דעמאַגאָג־דיקטאַטאָר? אָדער איז ער געווען אַ „תינוק שנישבה" — געפאַנגען אין זיין אייגענער אַמביציע־שיכּרות און פון „גרויסקייט"־שפּיל? האָט ער בלויז פּאָזירט אַלס דעמאָנישער דעקאַדענט אין זיין קונסט און אַלס ליליפּוט־דיקטאַטאָר אין לעבן און שפּעטער געצוווּנגען געוואָרן אָנצונעמען די ראָלע פון אַ „פּאַרויסגייער" און פון אַן אָנזאָגער, טעראָריזירט פון דעם וווּלגאַרן מעסער־העלד מוסאָליני?

נישט לייכט צו ענטפערן אויף די פראַגן. פיל ביכער און שטודיעס האָבן — לויט דעם באַזונדערן צוגאַנג פון די מחברים — געפּרוּווט וואַרפן אַ ליכט־שטראַל אויף דעם טונקל־קאָמפּליצירטן ענין.

איינער פון אָט די ביאָגראַפן, דער ענגלישער שרייבער ענטאָני ראָודס, צייכנט זיך באַזונדערס אויס מיט זיין געוויסנהאַפטיקן צוגאַנג צו אָט דעם מענטשלעכן און ליטעראַרישן קאָמפּלעקס. אין זיין בוך, „דער פּאָעט אַלס איבערמענטש" (דאָס לעבן פון ד'אַנונציאָ) דערשינען אין יאָר 1959, אין ענגלאַנד, באַמיט ער זיך צו געפינען אַ לייזונג צו אָט די רעטענישן.

און דער שרייבער פון די שורות האָט דעם איינדרוק, אַז אין אָט דער ד'אַנונציאָ־ביאָגראַפיע זיינען געגעבן געוואָרן די ענטפערס צו די אויבן דערמאָנטע פראַגן איןביידע ריכטונגען — סיי לגנאַי, סיי לזכות.

*

געטעס אָפט ציטירטער זאָג: „ווילסטו דעם דיכטער פאַרשטיין, מוזטו אין זיין לאַנד גיין", איז בוכשטעבלעך אויסגעפירט געוואָרן פון ד'אַנונציאָס ביאָגראַף.

ענטאָני ראָודס איז געגאַנגען צום פּאָעטס לאַנד און במשך פון דריי

יאָר שטודירט און געפּאָרשט — אין איטאַליע — וויכטיקע פּרטים פון זיין לעבן, טעטיקייט און שאַפן. דאָס איז געווען אַ געוויסנהאַפטע פאָרש־אַרבעט. דער מחבר האָט אינטערוויוירט מענטשן וואָס האָבן פּערזענלעך געקענט ד׳אַנונציאָן, און ער האָט געלייענט אַ מאַסע ביכער וואָס האָבן באַשריבן זיין שטורמיש לעבן. ער האָט אויך גענישטערט אין אַ ריי ביז לעצטנס געהיים־געהאַלטענע אַרכיוון און באַזוכט די פּלעצער פונעם דיכטערס אַוואַנטורעס.

ענטאָני ראָודס׳ סטיל איז באַמערקנסווערט מיט זיין קלאָרקייט און קאָנדענסירטקייט. ער האָט אַ באַגאַבונג פאַר דורכדרינגענדיקער אָבסערוואַציע פון מענטשן, זאַכן און אידייען. ער האָט נאָכגעפאָלגט זיין העלד פון וויגל ביזן קבר — אויך אין סאָציאַלן זין. (דער פּאָליטישער הינטער־גרונט אין איטאַליע פון 1881 ווערט באַצייכנט אין בוך: „אַ צוזאַמענ־זעצונג פון דאַנטעשן מיטאָס און מאַקיאַוועלישן מעטאָד, צוגעווירצט מיט מאַזאַנינישן אידעאַליזם און אַ שטענדיקן אינפעריאָריטעט־קאָמפּלעקס״).

אָט, למשל, דערציילט אונדז דער מחבר — צווישן אַנדערע צאָל־רייכע כאַראַקטעריסטישע עפּיזאָדן און פאַקטן — אַז ד׳אַנונציאָס פאָטער, דער פּויער פון אַברוצי, איז געווען „אַ שקלאַף פון די חושים״ אויף אַ מאָנסטעריעזן אופן: ער איז געשלאָפן מיט די מיידלעך, געבוירענע פון זיינע קאָנקובינעס. און דאָס פאָלקס־ווערטל זאָגט: „דאָס עפּעלע פאַלט נישט ווייט פון ביימעלע״.

ד׳אַנונציאָס „צוויבער־געשיכטע״־אַרטיק לעבן איז געווען געצייכנט דורך עקסטראַוואַגאַנץ, ראָמאַנטישן לוקסוס און אַוואַנטורע. ער איז געווען: פּאָעט, פּאָליטיקער, קריגער, לאַנד־האַר, ליבהאָבער אַלאַ קאַזאַ־נאָווואַ, נאַציאָנאַלער העלד און אָפּערעטע־דיקטאַטאָר פון אַ „מלוכה״.

זיינע נאָווועלן, לידער און דראַמעס פאַרמאָגן די ראָמאַנטישע איבער־פליסיקייט פון ווערטער; זיי שימערירן מיט גלאַנץ און הערלעכקייט פון בריליאַנטן און אַלע מינים לוקסוסיעזער שיינקייט. ער איז געווען אַ גלענצנדיקער קינסטלער. עס איז טראַץ דעם אַ פראַגע, אויב זיין קונסט וועט אייביק לעבן. אָבער ער איז געווען אַ קינסטלער פון לעבן — ביז אַבסורד, ביז אַן עקלהאַפטער רוימישער איבערזעטיקטקייט.

ד׳אַנונציאָ איז געווען אַ קאָמפּליצירטע פּערזענלעכקייט; און זיין ביאָגראַף אַנאַליזירט און אילוסטרירט די פאַרשיידענע עלעמענטן פון ירושה, לאַנדשאַפט און סביבה, וועלכע האָבן פאַרמירט זיין וועזן.

פון אָט די אַלע באַשריבענע פאַקטאָרן און אַספּעקטן קומט מען צום שלוס, אַז ד׳אַנונציאָ איז געווען — אין זיין לעבן און אין זיין קונסט — אַ סינטעז פון דער מאָנסטרועזער שיינקייט פון די פראַנצויזישע דעקאַדענטן (פּרעכטיקע עקזאָטישע פּירות; גן עדן־פאַרבן און ריחות — אָבער אַ קאַפּעטשקע אונטערגעפוילט פון אינעווייניק...); פון די ערב־שיגעונדיקע, עקזאַלטירטע טעאָריעס פון ניטשע און פון אָסקאַר ווײַלדס גרויסאַרטיקע (הגם אוממאָראַלישע) קונסט־לעבן פּאַראַדאָקסן.

איינער פון ד׳אַנונציאָס הויפּט־שטריכן איז געווען זיין פּאַגאַניזם מיט אַ רוימישן קאָלאָריט — אַבסאָלוטע זולל וסובאדיקייט פון די חושים ביז ברעכן. ער פאַרדינט דעם (ווייט נישט ערנהאַפטן) טיטל: „ריטער פון די זיבן זינד״. דאָס לעבן איז פאַר אים געווען „אַ ריזיקער גאָרטן, פול מיט פרוכטן און בלומען, צו שמעקן, באַרירן און עסן, מיט אַ מין צעגאָסענער זינלעכקייט״.

דער דאָזיקער „קאַרליק פון אַ מענטש, מיט אַרויסשטאַרטשענדיקע אויגענעס, דיק־ליפּנדיק, באמת בייז־אָנזאָגנדיק אין זיין גראָטעסקן וועזן״ — איז געווען דער גרעסטער „דאָן זשואַן״ פון דער עפּאָכע. ער איז כסדר אַרומגערינגלט געווען מיט מחנות פרויען, וואָס זיינען געלאָפן צו אים ווי פאַרכישופטע העזלעך צום שלאַנגס פּיסק. אָט איז אַ קורצער סך־הכל פון זיינע דעראָבערונגען אויפן ווייבערשן פראָנט: אַכט גרויסע ליבעס (וועלט־באַרימטע אַקטריסעס, טענצערינס און קינסטלערינס, ווי עלעאָנאָרע דוזע, איזידאָראַ דונקאַן, אידאַ רובינשטיין און אַנדערע) און הונדערטער קלענערע „ראָמאַנסן״.

אין ליכט (אָדער אין חושך) פון די אַלע פאַקטן איז נישט פיל איבער־געטריבן ענטאָני ראָודס׳ דיאַגנאָז פון ד׳אַנונציאָן: „געשלעכטס־מאַניאַק, וועמענס לעבן, שאַפן און יעדע טאַט קאָן צוריקגעפירט ווערן... צום איינ־פלוס פון פרויען, און שטענדיק נייע פרויען״. ער פירט אויס, אַז דאָס פעלן פון מענטשלעכקייט אין ד׳אַנונציאָס שאַפונגען קומט פון דעם, וואָס

ער איז גלייכצייטיק געווען אַ באַרבאַר (אַ זון פון אַברוציער פּראָ־אָדם — י. ג.) און אַ דעקאַדענט.

מיט דער מאַגיק פון זיין שטים און רעטאָרישן טאַלאַנט האָט ד'אַנונציאָ איבערגעוויגן דאָס שטימונגס־צינגל אין דער וואַגשאָל פונעם צווייפלענדיקן איטאַליע, אין 1915, ווען זיין לאַנד איז אַריבער אויף דער זייט פון דער קאָאַליציע אין קריג קעגן די „צענטראַלע מלוכות". זיינע מערערע אויפטוען אין דער לופט, אויף דער יבשה און אויפן ים, האָבן אים געגעבן דעם אָרעאָל פון אַ נאַציאָנאַלן העלד אין איטאַליע. אָט די „מאַרסיאַנישע" דעמאָנישקייט פון מלחמה איז געכשרט מיט אַ פּאַטריאָטישן הכשר.

*

זיין אמתע דעמאָנישקייט, זיין נעאָ־רוימישע פּאַגאַניסטישע וועלט־אַנשויונג, געמישט מיט ניטשעס „איבערמענטשנטום", קומט צום אויסדרוק אין אַ סך פון זיינע ווערק.

„איך ווייס נישט" — רופט אויס איינער פון זיינע „העלדן" — וואָס ס'געפעלט מיר בעסער — „צו פאַרגיסן זרע אָדער צו פאַרגיסן בלוט". באמת אַ ציניש־סאַדיסטישער „ווידוי"!

רוימישע פּרעסערישקייט, חושים־שיכרות ביז ברעכן, אויסגעלאַסנקייט, מולטי־זנות, עקסטרעמער לוקסוס, קעניגלעכע הערלעכקייט פון דימענטן, קונסט־אָביעקטן, אַרומגערינגלט פון פּרעכטיקער נאַטור — דאָס אַלץ גיט צו זיין „לעבן־קונסט" דעם אַספּעקט פון אַ בייז־אַנזאָגנדיקן, אָבער גלענצנ־דיקן „פּאַנדעמאָניום".

לויט ד'אַנונציאָס דערקלערונג, פלעגט ער דערמוטיקט ווערן צו שרייבן ביים אַנבליק פון 20 טויזנט בויגן ספּעציעלן פּאַפּיר, אַ סך טינט און 500 פעדערן אַרויסגעריסן פון לעבעדיקע גענדז.

ער פלעגט געברויכן טעגלעך אַ פלאַש „אָדעקאָלאָן" פאַר זיין טואַלעט. זיין גאַרדעראָבע איז באַשטאַנען פון 100 קאָסטיומען. עס זיינען געווען קלאַנגען, אַז בעת זיין אויפהאַלטן זיך אַלס „גראַן סיניאָרע", אין פּאַלאַץ לעבן פלאָרענץ, זיינען זיינע פערד געשלאָפן אויף פּערסישע טעפּיכער.

מיט אַזעלכע — און פיל אַנדערע — קוריאָזן ווייזט אונדז ד'אַנונציאָס

ביאָגראַף אָט די לעבעדיקע עקספּלאָזיע אין אַלע אירע פּאַזעס — פון זיין קינדהייט ביז זיין לעבן אַלס זשורנאַליסט אין רוים; זיין שפּעטערדיקן באַקומען אַן אַדל־טיטל און גרויסע ראָל אַלס פּריץ אויפן לאַנד; זיין פינף־יעריקער עקזיל, נאָך אַ באַנקראָט, אין פּאַריז (די עפּאָכע פון גאָר גרויסער אויסגעלאַסנקייט); זיין אָקופּירן פיומע און די 15 חדשים וואָס ער האָט געהערשט אַלס „לירישער דיקטאַטאָר", „קאָמאַנדאַנטע" איבער דעם „אָפּערעטע־אַרטיקן" שטאַט; און צום סוף — זיינע לעצטע 16 יאָר פון עקליפּס אונטערן מוראדיקן שאָטן פון מוסאָליני.

ענטאָני ראָודס ברענגט אין זיין בוך אַ פינקטלעכן באַריכט און מאָלערישע שילדערונג פונעם דיכטערס לעצטער אַוואַנטורע אַלס הערשער פון פיומע. אין די 15 חדשים פון איר „מלוכהשקייט", איז די נאַציאָנאַלע יקאַנאָמיע פון פיומע (וואָס האָט זיך געפונען אונטער אַ שטרענגער בלאָקאַדע) באַשטאַנען דער עיקר פון — פּיראַטנטום. דער פּאָליטישער קרעדאָ פון „קאָמאַנדאַנטע" און זיינע „לעגיאָנערן" זיינען דאַן געווען זייער אומבאַשטימט. אַ סך פון זיי זיינען דאַן געווען עסטעטישע סאָציאַ־ליסטן, ראָמאַנטישע נאַציאָנאַליסטן, וואָס האָבן געשטרעבט צו עפּעס „גוטס", ליבעראַל־הומאַניסטיש, וואָס זיי האָבן אָנגערופן — „פיומאַניזם".

דער מחבר גיט אויך אַ גוטע שילדערונג פון מוסאָליניס „בינטל" (פּאַשיסטי) פון פּלוטאָקראַטן, אונטערוועלט־העלדן און כל המינים דע־קלאַסירטע עלעמענטן.

אין אָט דעם מיאוסן בינטל האָבן זיך געפונען אויך אַזעלכע טיפּן ווי דער טעכנאָמאַן מאַרינעטי, וואָס האָט ביי דער ערשטער פאַרזאַמלונג פון די מעסער־העלדן פאַרגעלייגט אַראָפּצולאָזן זיך מיט אַן עראָפּלאַן אויפן וואַטיקאַן, קידנעפּן דעם פויפּסט און אַריינוואַרפן אים אין אַדריאַ־טישן ים.

פון באַזונדערן אינטערעס זיינען די רעוועלאַציעס, וואָס וואַרפן אַ ניי ליכט אויף די באַציִונגען צווישן מוסאָליני און ד'אַנונציאָ. דער לעצטער, האָט ביים האַרבסט פון זיין לעבן „איבערגעקערט דעם פעלץ", געדרשנט אומבאַשטימט וועגן „גוטסקייט"; געהאַט חלומות פון אַ האַלב־סאָציאַליס־טישן, האַלב עסטעטישן שטאַט. אין די פיומע־טעג איז ער אפילו געשטאַנען

אין פֿאַרבינדונג מיטן לינקן מאַטראָסן־פּאַראיין פֿון גענוע און האָט געהאַט עטלעכע אויסגעשפּראָכן־סאָציאַליסטישע פּאַראַגראַפֿן אין דער קאָנסטיטוציע פֿון דער פֿיומער „מלוכה״. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז גראָד ד׳אַנונציאָ האָט דער ערשטער געהאַט דעם פּלאַן פֿון אַ מאַרש אויף רוים מיט זיינע לעגיאָנערן־מחנות. מוסאָליני, וועמענס שוואַרצער שטערן האָט דעמאָלט אָנגעהויבן אויפֿגיין, האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם און האָט דעם פּלאַן אַליין פֿאַרווירקלעכט.

נישט בלויז דאָס. פֿון די טונקל־שטויביקע געהיימע אַרכיוון און פּערזענלעכע גבית עדות שיילט זיך אויס אַ וויכטיקער פּרט: מוסאָליני האָט פּשוט טעראָריזירט ד׳אַנונציאָן (זיינע האָרדעס האָבן שוין דאַן געבושעוועט אין איטאַליע און איבערצייגט די מאַסן מיט „אייזערנע אַרגומענטן״ — מיט מעסערס און רעוואָלווערן) און אים געצוווּנגען צו בלייבן פּאַסיוו און רוען אויף די לאָרבער־בלעטער פֿון אַ נאַציאָנאַלן העלד. מיר לייענען אינעם בוך אַן אויסצוג פֿון אַ געהיימען דאָקומענט — אַ לאַקאָנישן זאַץ אין קעניג וויקטאָר עמאַנועלס טאָגבוך, אין איינעם פֿון יענע דראַמאַטישע טעג: „מוסאָליני האָט זיך געטראָפֿן מיט ד׳אַנונציאָן״. נאָך זיין פֿאַרכאַפּן די מאַכט, האָט דער דיקטאַטאָר באַשאָטן דעם פּאָעט מיט כיבודים; אָבער ער האָט אים אויך פֿאַרזאָרגט מיט אַ פּאַלאַץ־באַאַמטן — אַ הויכן פּאָליציי־אָפֿיציר. אַזוי אַרום איז דער פּאָעט געהאַלטן געוואָרן, אונטער די אויגן פֿון אַ שפּיאָן, אַלס האַלב־געפֿאַנגענער אין אַ לוקסוס־פּאַלאַץ. עס איז זיכער געווען איינער פֿון די גרויסע טראַגישע צופֿאַלן, מיט וועלכע די געשיכטע איז אַזוי פֿול, וואָס דער ברוטאַלער מעגאַלאָמאַן מוסאָליני איז געוואָרן דער באַזיגער פֿון רוים — אַנשטאָט ד׳אַנונציאָ. דעם עקסטראַוואַגאַנטן „פֿיומאַניסט״ האָבן זיכער געפֿעלט די הויפּט־„באַשטאַנד־טיילן״, וואָס שטעלן צענויף אַ מאָדערנעם דיקטאַטאָר: די חיהשע ברוטאַליטעט, נידערטרעכטיקייט, וווּלגאַריטעט, גיפֿטיקער מענטשהייט־האַס און מאַכט־וואַמפּירנטום. און אַזוי האָבן מוסאָליניס שוואַרץ־העמדלדיקע האָרדעס פֿאַרכאַפּט דעם וועג פֿון ד׳אַנונציאָס „פֿיומער לעגיאָנערן״.

אַגב: אָט די שוואַרצע אוניפֿאָרמען, מיטן טויטן־שיידל און געקרייצטע

ביינער־אָפּצייכן, ווי אויך דער סאַלוט פון דער אויסגעשטרעקטער רעכטער האַנט — אויף דעם שטייגער פון די אַמאָליקע רוימישע אָראַטאָרן — דאָס אַלץ איז דורך מוסאָלינין אימיטירט געוואָרן פון ד׳אַנונציאָס פּיומע־לעגיאָנערן.

*

אין זיין שלוס־וואָרט שרייבט ענטאָני ראָודס, אַז דער טיטל פון איינער אַ ד׳אַנונציאָ־ביאָגראַפיע „דער יוחנן המטביל פון פאַשיזם" — איז באַרעכטיקט:

„דער דאָזיקער העלד פון דער ערשטער מלחמה איז געשטאָרבן ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה, וואָס איז אויסגעבראָכן אַ דאַנק דער שענד־לעכער באַוועגונג, וואָס ער האָט אַזוי פיל געהאָלפן צו שאַפן".

אַזוי האָט פּאַסירט, אַז דער אמתער און צווייפלהאַפטער רום פון ד׳אַנונציאָס ליטעראַרישע דערגרייכונגען און לעבנס־אַוואַנטורעס זיינען צום סוף באַדעקט געוואָרן מיט דער אומווירדיקסטער שאַנד אין דער געשיכטע — זיין באַציִונג — הגם אַן אומבאַשטימטע און צווידייטיקע באַציִונג — מיט דער בעסטיע מוסאָליני, וואָס האָט געבראַנגט אויף דער וועלט דעם גרויליקסטן מאָנסטער פון אַלע צייטן — דעם ברוינעם מאָנסטער.

דאָסטאָיעווסקי אין ליכט פון זיינע בריוו

בריוו־שרייבן — עפּיסטאָלאָגראַפיע בלע״ז — איז איינע פון די אינטערעסאַנטסטע אינטים־שרייבערישע מעדיומס. אָבער נישט יעדן גרויסן שרייבערס בריוו זיינען מייסטערווערק. פרידריך שילערס בריוו זיינען, לויט געטען, געווען דאָס בעסטע וואָס ער האָט געשריבן. דאָס וואָלט מען נישט געקאָנט זאָגן וועגן דאָסטאָיעווסקיס בריוו.

דער גאונישער שרייבער פון די „ברידער קאַראַמאַזאָוו" האָט זיך אַליין נישט געהאַלטן פאַר קיין וואַזשנעם בריוו־שרייבער און ער האָט זיך באַקלאָגט, אַז בריוו־שרייבן קומט אים אָן זייער שווער און אַז ער האָט נישט קיין טאַלאַנט פאַר דעם. און אַן אַנדער מאָל זאָגט ער אין זיינעם אַ בריוו, אַז מען קען קיין מאָל נישט זאָגן עפּעס ווי געהעריק אין אַ בריוו.

און באמת, נאָך די קאָפּ־שווינדלדיקע דערהויבנקייטן און פאַרטיפטקייטן פון זיינע ווערק, זעט מען אין זיינע בריוו, לרוב, די „טונקעלע זייט פון דער לבנה": טאָקע דער זעלבער ווולקאַנישער דאָסטאָיעווסקישער נשמה־פּייזאַזש, אָבער אָן דער וווּנדערלעך כישופדיקער שיין פון זיין עקזאַלטיר־טער וויזיע און אָן די פּאַטעטישע פּערל פון זיין אונטערטויך אין דעם טיף־מיסטעריעזן ים פון דער מענטשלעכער נשמה.

מען וועט אָבער מוזן מאַכן אַ פּשרה צווישן ביידע עקסטרעמען — דעם דערוואַרטעטן שוווּנג, און זיין אייגענע קנאַפּע מיינונג וועגן זיינע בריוו, און אויפן סמך פון די לעצטע פעסטשטעלן, אַז זיי זיינען דאָך דאָקומענטן פון גאָר וויכטיקער מענטשלעכער און ליטעראַטור־היסטאָרי־שער באַדייטונג.

פון דאָסטאָיעווסקיס בריוו זיינען דערשינען אין רוסיש פיר בענדער, וואָס אַנטהאַלטן 900 בריוו. און דאָס נעמט, פאַרשטענדלעך, נישט אַרום אַלע בריוו וואָס דער גרייסער רוסישער מייסטער האָט געשריבן. אין

דער ענגלישער שפּראַך איז אין יאָר 1961 דערשינען איין באַנד מיט 77 בריוו, צוזאַמען מיט זכרונות און בריוו פון זיינע בני־דור, און מיט אַן אַריינפיר פון דעם באַקאַנטן דאָסטאָיעווסקי־פאָרשער, אַברהם יאַרמאָלינסקי. די בריוו נעמען אַרום כמעט דאָס גאַנצע לעבן פון דאָסטאָיעווסקין, אָנהויבנדיק פון יאָר 1838 (ער איז דאַן געווען 17 יאָר אַלט) ביזן סוף 1880 — עטלעכע וואָכן פאַר זיין טויט.

אַרומנעמענדיק כמעט זיין גאַנץ לעבן, גיבן די בריוו אַ קווערשניט פון זיין גאַנצער ביאָגראַפיע און אַן איינבליק אין זיין אינטעלעקטועלער־קינסטלערישער וועלט אויפן פאָן פון זיין אויסערגעוויינטלעכער רייכער און לײַדנפולער עקזיסטענץ.

דאָסטאָיעווסקי דערשיינט פון די בריוו ווי אַ מין „גיבור אין קייטן". און דערמיט ווערן נישט געמיינט די פיזישע קייטן אין וועלכע ער איז געווען געשמידט אין משך פון זיין פיר יאָריקן תפיסה־טערמין אין סיביר און נישט זיין צען־יאָריקע פאַרשיקונג בכלל. די „קייטן" — דאָס זיינען געווען די אימאַנענטע טראַגישע קאָמפּליקאַציעס פון זיין וועזן, און קודם כל זיין עפּילעפּטישע מחלה און בכלל קרענקלעכע נאַטור.

אַחוץ זיין צען־יאָריקער פאַרשיקונג אין סיביר פון 1849 ביז 1859, איז אויך דער שרייבער פון „טויטן הויז" געווען אויף אַ מין געצוווּנגענעם פיר־יאָריקן אויפהאַלט — אונטער פיל בעסערע אומשטענדן אין מערב־אייראָפּע און אויך פאַרשידענע קלענערע באַזוכן אין אויסלאַנד. און ווי אַן איבערגעגעבענער צו זיין משפחה, פריינט, ווי אויך פאַרנעמענדיק אַזאַ אָרט אין רוסישן קולטורעל־קינסטלערישן לעבן — איז זיך נישט צו חידושן וואָס דאָסטאָיעווסקי איז געווען אַזאַ אָפּטער בריוו־שרייבער.

עס קומט אין די בריוו צום אויסדרוק די געוואַלטיקע פּערזענלעכקייט מיט אירע ליכט און שאָטן־זייטן. אַז ער איז שטענדיק געווען אַ קרענקלעך נערוועישער מענטש איז צו זען אין איינעם פון זיינע ערשטע בריוו — צו זיין געליבטן ברודער מיכאיל, ווען ער מוסרט אויס און רופט אָן „עלנטער נפש" דערפאַר וואָס ער האָט געהאַט אַ קנאַפּע מיינונג וועגן דעם פראַנצויזישן דראַמע־דיכטער קאָרנעי.

אָבער זיינע צאָרן־אויסברוכן זיינען גאַנץ אָפט געקומען צום אויס־

דרוק נאָך שפּעטער דורך זײַנע נערוון־לײַדן. אין דעם פּעריאָד פון זײַן אויפהאַלט אין פּאַריז איז אים אויסגעקומען זיך װענדן װעגן שטעמפּלען זײַן פּאַספּאָרט צום פּױפּסטלעכן נונציוס אין פּאַריז — דאָס איז אים נייטיק געווען צו זײַן געפּלאַנטער רייזע קיין רוים. ער איז צוויי מאָל געקומען צום נונציוס, אָבער אים נישט געטראָפן. װען ער איז געקומען צום דריטן מאָל, האָט אים אַן „אַבע" געבעטן וואַרטן, ווייל דער מאָנסיניאָר האַלט איצט ביים פרישטיק און ער וועט צום ערשטן טרינקען זײַן קאַווע.

דאָסטאָיעווסקי איז אַרײַנגעפאַלן אין גרימצאָרן און אויסגערופן צום „אַבע": „זאָגט אייער מאָנסיניאָר, אַז איך שפּיי אין זײַן קאַווע — זאָל ער מיר אונטערשרײַבן דעם פּאַספּאָרט, אָדער איך וועל זיך אַרײַנרײַסן צו אים מיט אַ סקאַנדאַל!"

די בריוו נעמען — ווי געזאָגט — אַרום גאָר אַ סך פון דאָסטאָיעווסקיס אויסערלעכער און אינערלעכער וועלט. און ווי אַ װולקאַנישע פּערזענלעכ־קייט און שרײַבער, איז זײַן סטיל אויך אין בריוו אַ געמיש פון פײַער און לאַווע, דערהויבנקייט און טונקלקייט, טיפע אָבסערוואַציעס, פּאַטעטישע וואַרעמקייט און לאַפּידאַרנע זאַצן — אין זײַן כאַראַקטעריסטישן סטיל פון מעשה בתוך מעשה. פון די אַלע פאַרשידענע טעמעס פון זײַנע בריוו וואַרפן זיך מערסטנטייל דרײַ „רישון": רעליגיע, רוסלאַנד און רובלס.

*

פיאָדאָר דאָסטאָיעווסקי איז אין עלטער פון 28 יאָר, ווי דער באַרימט געוואָרענער מחבר פון בוך „אָרעמע מענטשן", אַרעסטירט געוואָרן צוליב זײַן אָנטייל אין אַ געהיימען אינטעליגענטן־קרײַזל. ער איז צוזאַמען מיט אַנדערע פון זײַן קרײַז, פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט און אויפן עקזע־קוציע־פּלאַץ באַגנעדיקט געוואָרן פון צאַר ניקאָליי דעם ערשטן, צו פיר יאָר שווערע תפיסה און שפּעטערער פאַרשיקונג ווי אַ זעלנער אין סיביר.

די איבערקערעניש אין אים איז פאָרגעקומען טאַקע אין סיביר. און ס'איז אינטערעסאַנט — הגם דאָסטאָיעווסקיש־אויפשווידערנדיק — אַ פאַקט וואָס עס דערמאָנט באַראָן וורַאַנגעל, וואָס איז דאַן, ווי אַ יונגער קרײַז־

פּראָקוראָר אָנגעקומען קיין סעמיפּלאַטינסק און זיך נאָנט באַפֿריינדט מיט דאָסטאָיעווסקין וואָס איז דאַן שוין געווען אַ זעלנער. דאָס איז געווען אין יאָר 1854, ווען ניקאָליי דער ערשטער איז געשטאָרבן. און דאָסטאָ־יעווסקי האָט אָנגעשריבן אַן עלעגיע אויפֿן טויט פֿון דעם גרויזאַמען דעספּאָט (וועמען טאָלסטאָי באַצייכנט ווי „ניקאָליי שטעקן״).

וואָראַנגעל ציטירט די ערשטע צוויי שורות:

„ווי דער אָוונט־רויט, וואָס שטאַרבט אין הימל,
אַזוי איז דיין רומפֿולער מאַן פֿאַרזונקען אין רו״.

דאָס ליד איז דורך דער פֿאַרמיטלונג פֿון דיגניטאַרן איבערגעגעבן געוואָרן צו דער צאַרין.

און ווען אַלעקסאַנדער דער צווייטער האָט באַשטיגן דעם טראָן, האָט ער געשריבן אַן אָדע.

עס איז נישט קיין סתירה וואָס אַ קינסטלערישער ריז פֿון אַזאַ פֿאָרנעם ווי דאָסטאָיעווסקי האָט זיך געבוקט צו איין „ריש״ — צו רעליגיע: גענוי — דער פּראָוואָסלאַווער ריליגיע. רעליגיעזיטעט און גרויסע קונסט גייען אָפֿט צוזאַמען און זענען נישט קיין גייסטיקער מעזאַליאַנס (הגם פֿאַראַן פֿיל אָפּווייכונגען, אָנהויבנדיק פֿון לוקרעציוסן ביז היינט). און רעליגיעזיטעט איז אויך נישט קיין סתירה צו סאָציאַלן פּראָגרעס. דאָסטאָיעווסקיס פֿייער־פֿלאַמענדיקע רעליגיעזיטעט קומט אויך צום אויסדרוק — מער אין אַ פּראַגראַמאַטיש אַני מאמינדיקער פֿאָרם — אין זיינע בריוו און די „ריש״ וואָלט נישט געווען קיין שרייענדיקער פּאַראַדאָקס.

דאָסטאָיעווסקיס „אַכילעס־פּיאַטע״ איז געווען זיין גרויס־רוסישער שאָוויניזם, זיין קאָנצעפּציע פֿון אַ משיח־פֿאָלק, וואָס ער האָט פּראָקלאַמירט ווי די איינציקע פֿאַרקערפּערונג פֿון אמתן קריסטלעכן גלויבן.

דאָס פֿאָטערל — דער צאַר און דאָס מוטערל — רוסלאַנד, זיינען געוואָרן זיינע גייסטיקע טאַטע־מאַמע.

און אין די בריוו קומט צום אויסדרוק זיין גרויסע פֿרייד צוליב דער צאַרישער עקספּאַנסיע אין אייראָפּע און אַזיע. און אין זעלבן בריוו פֿרעגט

ער: „ווי גייט עס מיט די אייזנבאַנען? מיר מוזן אַזוי שנעל ווי מעגלעך צוקומען צום דרום; דאָס איז אויסערגעוויינטלעך וויכטיק".

דאָסטאָיעווסקי האָט דערמיט געמיינט רוסלאַנדס באַמיִונג צו דער־גרייכן דעם באָספאָר און קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

ער האָט געהאַלטן, אַז רוסלאַנד דאַרף „אַנטדעקן פאַר דער וועלט איר אייגענעם קריסטוס, וואָס איז פאַרוואָרצלט אין דער פּראַוואָסלאַוונער קירכע. דאָ — רוסלאַנדס ריזיקער צושטייער צו ציוויליזאַציע".

אין אַ בריוו צום שרייבער א. מאַיקאָוו (1867) באַקלאָגט ער זיך אויף די פּאַריזער אַדוואָקאַטן, וואָס האָבן געשריגן (בעת אַלעקסאַנדער דעם צווייטנס באַזוך) „זאָל לעבן פּוילן". „פוי, ווי חלשותדיק, ווי נאַריש!"

דער ריזיק צאַריש אימפּעריאַליסטישער זומפּ, וואָס האָט זיך אויס־געשפּרייט פון דער ווייסל ביזן פּאַסיפישן אָקעאַן איז פאַר דעם געניאַלן מחבר פון „דערנידעריקטע און באַליידיקטע" געוועזן דער גן עדן התחתון און די פּראַוואָסלאַוונע קירכע — דער גן עדן העליון. און ער האָט געזען אין דער ברוטאַלער צאַרישער עקספּאַנסיע די עקבתא דמשיחא פון זיין שאָוויניסטישן אידעאַל.

דער זעלבער גרויס־רוסישער משיחיזם און גרענעצלאָזער סלאַוואָ־פיליזם איז צווישן אַנדערע געקומען צום אויסדרוק אין איין זאַץ אין זיינע „פאַרצייכענונגען פון אַ שרייבער" — אַ חודש־בלאַט אין וועלכן ער איז געווען דער איינציקער מיטאַרבעטער — „יאָ, מיר גלויבן, אַז דאָס רוסישע פאָלק איז אַן אויסערגעוויינטלעכע דערשיינונג אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט".

און וואָס איז מכוח דעם אַנדערן רוסלאַנד — די „מערבניקעס", ליבעראַלן, ניהיליסטן און סאָציאַליסטן?

דאָסטאָיעווסקי האָט פאַר זיי בלויז די טיפסטע פאַראַכטונג, און פאַר זייערע אידייען — די טיפסטע שנאה.

אין אַ בריוו צו סטראַכאָוון שרייבט ער:

„די ניהיליסטן פאַרדינען דעם קנוט"...

און א. מיליוקאָוו, אין זיינע זכרונות פון יאָר 1848—9, שרייבט אַז בעת די דעבאַטן אין ראַדיקאַלן קרייז האָט דאָסטאָיעווסקי דערקלערט:

„דאָס לעבן אין אַ קאָמונע אָדער אין אַ „פאַלאַנסטער" (פוריעס סאָציאַליסטישע איינהייט) וואָלט פאַר מיר אויסגעזען פיל שרעקלעכער ווי אין אַ סיבירער תפיסה".

און וועגן אינטערנאַציאָנאַלן שלום קאָנגרעס, אין 1867, אין זשענעווע, שרייבט ער, אין אַ בריוו צו זיין פלימעניצע:

„די סאָציאַליסטן און רעוואָלוציאָנערע הערן האָבן געוואָרפן ליגנס פון דער טריבונע צום 5.000 קעפיקן עולם. מען קאָן זיך קוים אָפּגעבן אַ דין וחשבון פון דער שוואַכקייט, אומזין, צוועקלאָזיקייט... צו דער־גרייכן שלום ווילן זיי אויסוואָרצלען דעם קריסטלעכן גלויבן... די גרויס־מאַכטן... דעם קאַפּיטאַל א.אז״וו...".

נאָכן פאַלן פון דער פּאַריזער קאָמונע שרייבט ער (אין 1871 אין אַ בריוו צו סטראַכאָוון) אין אַ טאָן פון שאָדנפרייד:

„אין משך פון גאַנצן 19טן יאָרהונדערט האָט די שול געטרוימט וועגן אויפשטעלן ערדישע גן עדנס. אָבער ווען ס'איז געקומען צו מעשים, האָט זי געוויזן אַ פּאַראַכטונגסווערטע אומפעיקייט. די גאַנצע באַוועגונג אין אַן איבערחזורונג פון דער רוסישער איינבילדונג אַז מען קאָן איבער־בויען די וועלט דורך שכל און דערפאַרונג...".

*

דאָס „רובלדיקע" פּראָבלעם, איז, ווי דערמאָנט, איינע פון זיינע הויפּט־טעמעס, בפרט אין 71—1867 — די יאָרן וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין מערב אייראָפּע (דייטשלאַנד, שווייץ, איטאַליע און פראַנקרייך). ער האָט געמאַכט די רייזע, כדי צו קאָנסולטירן דאָקטוירים און צו נעמען מינעראַל־בעדער. אָבער אין דער אמתן איז ער מיט זיין נסיעה דער עיקר אויסן געווען צו „פירן אין באַד אַריין" זיינע קרעדיטאָרן, וואָס האָבן אים פאַרפאָלגט, און פון וועלכע ער האָט זיך אויף אַזאַ אופן געראַטעוועט.

אין דעם פּעריאָד שיקט ער כסדר אַרויס זיינע רובלדיקע „עס־אָ־עס"־רופן צו רעדאַקטאָרן פון גרויסע צייטונגען און זשורנאַלן, ביי וועמען ער קריגט אַרויס גרויסע אַוואַנסן אויף זיינע ווערק. אָבער פון דעסטוועגן

איז ער אָפּט אין פינאַנציעלע שוועריקייטן. עס זעט אויס אַז ער האָט דאָרט מיט זיין יונגער און שיינער (צווייטער) פרוי, געלעבט ווייט נישט עקאָנאָמיש, און דעריבער פון צייט צו צייט אונטערגעהונגערט. דאָס איז אויך געווען דער צייט־אָפּשניט, ווען ער איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון אַזאַרט־שפּילן אין קאַסינאָ פון וויסבאַדן. זיין ציל איז געווען צוריקצוקומען קיין רוסלאַנד — צו דער רוסישער ערד און צו די רוסישע מענטשן, וואָס ער האָט אַזוי הייס געליבט. זיין נאָסטאַלגיע צו זיין היימלאַנד איז געווען אָן אַ שיעור. אָבער ער האָט געמוזט קומען מיט אַ סך געלט, כדי צו רעגולירן זיינע הובות. זיין פּלאַן איז דעריבער געווען צו געווינען אַ גרויסע סומע געלט אין דער שפּיל־קאַסינאָ, כדי צו דערמעגלעכן זיין צוריקקער קיין רוסלאַנד.

און ער איז זיך מתוודה אין אַ בריוול צו זיין פריינט מאַיקאָוו, ווי ער האָט איין מאָל אָנגעהויבן שפּילן, און די הצלחה האָט אים צוגעשפּילט — ער האָט געוווּנען 4 טויזנט פראַנק; ווי זיין פרוי האָט זיך ביי אים געבעטן רחמים, אַז ער זאָל זיך צופרידנשטעלן מיט דער געוווּנענער סומע און גלייך פאַרלאָזן דעם פּלאַץ; ווי ער האָט זיך נישט געקענט אָפּרייסן פון אַזאַרט־שפּיל — און נישט בלויז פאַרלוירן די פיר טויזנט פראַנק, נאָר אויך זיין אייגן געלט ביזן לעצטן גראָשן און נאָך אַפילו געמוזט פאַרמשכונען אַלע זיינע מלבושים און זיין פרויס לעצטע חפצים...

עס וואָלט אָבער געווען אַ טעות צו מיינען, אַז „די טונקעלע זייט פון דער לבנה" דאָמינירט אין די בריוו פון דעם גאונישן שרייבער. זייט ביי זייט מיט די דריי „רישן" זעט מען אויפבליצן דאָס דאָסטאָיעווסקישע ליכט — גאָר זיין וווּלקאַניש פייער פון ליבשאַפט און זאָרג פאַר זיין פאַמיליע און פריינט; מען זעט די שאַרפע אַנאַליזן פון אַנדערע און פון זיך אַליין — פון זיין אייגענעם שאַפן.

אין אַ בריוו צו אַ מאַדמואַזעל גראַסימאָוו, אַ סטודענטקע, וואָס האָט זיך געווענדעט צו אים מיט אַן עצה, רעדט ער זי אָפּ פון דעם פּלאַן צו ווערן אַ פּרוויזאָר־דאָקטאָרין, כדי „צו העלפן דאָס פאָלק". ער דערקלערט איר, אַז מיט דעם וועט זי נישט פיל העלפן „דעם פאָלק" און זיך אַליין. און ער רעדט מיט גרינגשעצונג וועגן די רוסישע אַקאַדעמיקער „וואָס

ווייסן גאָרנישט, אויסער זייער ספּעציעלן קעגנשטאַנד". און ער האַלט, אַז „די מערהייט פון אונדזערע סטודענטן האָבן נישט קיין אמתע בילדונג. ווי קאָנען זיי זיין נוצלעך צו דער מענטשהייט! זיי שטודירן נאָר פּונקט אַזוי לאַנג ווי עס איז נויטיק, כדי צו קריגן באַצאָלטע פּאָסטנס אַזוי שנעל ווי מעגלעך"...

*

„וואָס שייך זיין אייגענער שריפטשטעלערישער קאַריערע, האָט ער שוין ווי אַ יונגער אָנהויבער געהאַט די אַספּיראַציע צו שרייבן מיט העכסטער אָנשטרענגונג און „נישט אַרבעטן אויף באַשטעלונג", ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ בריוו צו זיין ברודער מיכאַיל. „פּושקין און גאָגאָל האָבן געשריבן ווייניק און דאָך האָבן זיי פאַרדינט באַציאָנאַלע דענקמעלער. גאָגאָל קריגט איצט טויזנט רובל אַ געדרוקטע זייט און פּושקין האָט געקראָגן אַ גאָלד־דוקאַט פאַר יעדער געדרוקטער שורה", און ער באַמערקט, אַז שאַטאָבריאַן האָט 17 מאָל איבערגעשריבן זיין „אַטאַלאַ".

אין אַ צווייטן בריוו צו מיכאַיל דערמאָנט ער אַז אַ סך, ווי ביעלינסקי, האַלטן פאַר זייער אָריגינעל זיין אופן פון אַנאַליז אַנשטאָט פון סינטעז. און ער דערקלערט, אַז ער דרינגט אין די טיפענישן, געפינט אויס די אַטאָמען און פון זיי בויט ער אויס דאָס גאַנצע. און ער באַמערקט, אַז גאָגאָל אַרבעט שטענדיק אויף דער ברייטער ליניע און דעריבער קומט ער קיין מאָל נישט אַזוי טיף ווי ער.

טייל מאָל דערגייט ער אויך צו אַ גאָר שאַרף קריטישן אַנאַליז פון זיינע אייגענע ווערק. אַזוי שרייבט ער איז אַ בריוו צו זיין פּלימעניצע אין יאָר 1871 : ערשטנס, לויבסטו צו פיל מיינע מעלות... צווייטנס ווייזסטו אָן אויפן הויפּט־חסרון. דאָס איז מיין גרעסטער עגמת־נפש — איך קאָן קיין מאָל נישט קאָנטראָלירן מיין מאַטעריאַל. ווען איך שרייב אַ ראָמאַן, בראָק איך אין אים אַריין אַ מאַסע באַזונדערע דערציילונגען און עפּיזאָדן... דעם גאַנצן ווערק פעלט פּראָפּאָרץ און האַרמאָניע".

און ער ווייזט אָן אויפן חסרון, וואָס זיין פּאָעטישע אינספּיראַציע

איז גרעסער ווי זיין קינסטלערישער כוח — אַ חסרון וואָס ער געפינט אפילו ביי וויקטאָר הוגאָ און פושקין. דאָ זעט מען אַז דער אָפּט־פּאַרגע־וואָרפענער און איבערגעטריבענער קאָנסטרוקציע־חסרון פון זיינע ראָמאַ־נען, איז דאָסטאָיעווסקין אַליין געווען גאָר באַקאַנט. אָבער זיין פּאָעטישע אינספּיראַציע איז געווען פון אַזאַ געוואַלדיקן שווונג, פון אַזאַ ריזיקן פאַר־נעם, אַז די גרויסע קאָנסטרוקציאָנעלע חסרונות זעען לגבי איר אויס ווי פּיגמייען, און אַזוי אויך די וואָס קומען מיט טענות.

*

פון באַזונדערן אינטערעס זיינען דאָסטאָיעווסקיס באַציִונגען מיט זיינע בני־דור שרייבער. צו טאָלסטאָיען האָט ער אין אָנהויב געהאַט אַ לעבלעכע באַציִונג — מיר דוכט זיך, אַז ער וועט נישט פיל דערגרייכן — (אפשר מאַך איך אַ טעות).

אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט ער זיין מיינונג וועגן טאָלסטאָיען רעווידירט.

מיט ביעלינסקין איז ער געווען אויף מעסער־שטעך. דער באַרימטער ראַדיקאַלער קריטיקער איז פאַר אים געווען דער סימבאָל פון ליטעראַריש־אידעישן אַלדאָס בייז. ער האָט כסדר גערעדט וועגן אים מיט שנאה און פאַראַכטונג. עס זעט אָבער אויס אַז דאָס איז נישט געווען אויסשליס־לעך צוליב ביעלינסקיס ראַדיקאַלע אידייען און ליטעראַרישן מעטאָד. דער באַרימטער קריטיקער איז געווען פון די ערשטע וואָס האָט געהויבן אין הימל אַריין דעם יונגן מחבר פון „אָרעמע מענטשן”. אָבער שפּעטער האָט ער אים אין גאַנצן פאַרלייקנט. און — ווי אָפט אין ענלעכע פאַלן, ווייסט מען נישט גענוי: „וואָס איז געווען פריִער — דאָס איי אָדער די הון”. דאָסטאָיעווסקיס ווידערווילן צו ביעלינסקיס ליטעראַריש־אידעאָ־לאָגישן דרך, אָדער איז די סיבה געווען ביעלינסקיס „פאַראַט” צו אים פערזענלעך?

ווי עס זאָל נישט זיין, איז דאָסטאָיעווסקי כסדר אַרויסגעטראָטן מיט פייער און שווערד קעגן ביעלינסקין און זיין ליטעראַרישן קרייז. און זיי קעגן אים.

אין אַ בריוו צו סטראַכאָוון רעכנט ער זיך ווי דער שטייגער אָפּ מיט ביעלינסקין און ווייזט אָן אויף זיינע קריטישע חטאים און קומט צום שלוס, אַז „ער האָט נישט פאַרמאָגט קיין איין אַטאָם פון קריטישן זין"...

באַזונדערס אינטערעסאַנט איז זיין באַציִונג צו טורגעניעוון, וועמען ער האָט אין אַלגעמיין געשעצט ווי אַ שרייבער, אָבער אים געהאַסט צוליב זיין אַנטי־רוסישקייט און פּראָ־גערמאַניזם; צוליב זיינע אַריסטאָקראַטישע מאַניערן, ליבעראַליזם און סקעפּטיציזם.

ס'איז באמת זיך שווער פאָרצושטעלן גרעסערע קאָנטראַסטן, ווי די צוויי גרויסע שרייבערס: דאָסטאָיעווסקי דער געפּייניקטער און פּייניקער, מיט זיינע קרענקלעכע נטיות, מיט זיין עפּילעפּטישער נאַטור און אַפּאָקאַליפּטישן גייסט — און טורגעניעוו, דער גליקלעכער, באַלאַנסירטער האַרמאָנישער מענטש און שרייבער. צום סוף האָבן זיך זייערע פּערזענלעכע באַציִונגען געענדיקט מיט אַ סקאַנדאַל: בעת זייערן אַ צונויפֿמענטרעף האָבן זיי געהאַט אַ שאַרפן מיינונג־אויסטויש און זיך צעקריגט. און דאָסטאָיעווסקי שרייבט אין אַ בריוו, אַז ווען זיי האָבן זיך שפּעטער געזען אין גאַס, האָבן זיי זיך נישט באַגריסט.

ער איז אָבער פאַרבליבן אין פריינטלעכע באַציִונגען מיט פיל אַנדערע רוסישע שרייבערס און אַ צאָל פון זיי שטאַרק געשעצט — צווישן זיי דעם סלאַוואָפיל אַקסאַקאָוו, דעם פילאָסאָף וולאַדימיר סאָלאָוויאָוו און אַנדערע.

דאָסטאָיעווסקיס בריוו באַלייכטן זיין סודותפולע פּערזענלעכקייט און גראַנדיעזן טאַלאַנט, הגם עס וואָלט געווען אַ גוזמא צו באַהויפּטן, אַז זיי קלערן אַלץ אויף. אויפן סמך פון זיינע געניאַלע ווערק און פון זיינע בריוו, מוז מען קומען צו אַ שלוס, אַז דאָסטאָיעווסקי — אין זיין פּערזענלעכקייט און ווערק — איז געווען אַ „סאַדיסטישער הומאַניסט" אייגנצייטיק אין דער געשיכטע פון ליטעראַטור. דער אויסדרוק קלינגט אוודאי פּאַראַדאָקסאַל. וועט ער דעריבער זיין פּאַסיק אויסצודריקן דעם פּאַראַדאָקסאַלן שעפעריש, פון זיין מענטאַליטעט און קינסטלערישן אייגנאַרט, וואָס איז באַשטאַנען — ווי אונדז ווייזט זיך אויס — פון אַ ראַפינירטן סאַדיזם און פלאַמיקן הומאַניזם. ווי אַזוי דער „נשמות־מיקסער" האָט אַזעלכע

קעגנזעצלעכע אייגנשאַפטן, אַזאַ פּאַראַדאָקסאַלן גייסטיקן „קאָקטעיל" צוזאַ־מענגעמישט אין דעם „קנקן" — דאָס בלייבט זיין סוד.

אַ פּאַקט בלייבט, אַז אין דאָסטאָיעווסקיס לעבן און ווערק זיינען אור וחושך משתמשים בערבוביה — די איידלסטע, צאַרטסטע און וואַרעם־הומאַניסטישע אַספּיראַציעס און אינספּיראַציעס מיט ראַפינירט־אַכזריותדיקע שטריכן. — אין אַן עסיי וועגן דאָסטאָיעווסקין האָבן מיר אים באַצייכנט ווי „דער גרויס־אינקוויזיטאָר פון דער מענטשלעכער נשמה". און עס קאָן זיין אַז זיין היסטערישע פּאַרליבטקייט אין דעם דעספּאָטישן מלכות פון די ראָמאַנאָווס האָט געהאַט אַ שייכות צו אָט דעם פּאַראַדאָקסאַלן נשמה שעטנז. ס'קאָן זיין אַז דאָסטאָיעווסקי האָט „בייטיק געהאַט" די „טויטן־הייזער", די ראַסקאָלניקאָווס און אַנדערע; אַז ער האָט „בייטיק געהאַט" די סיבירער קאַטאָרגע, די פּאָביעדאָנאָסצעווס, ניקאָלאַיס, דעם „הייליקן סינאָד" און אַנדערע „שוואַרצע מאה'ס" — די ריזיקע צאַרישע קאַטאָרגע, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט אויף העכער 10 טויזנט קילאָמעטער — ווי אַ מעדיום פאַר זיין געניוס און אַן עלעמענט פאַר זיין סודותפולער פּערזענלעכקייט. ער האָט באַדאַרפט, אין קעגנזאַץ צו געטן „מער פּינצ־טערניש", ווייל „וואָס טונקעלער די נאַכט, אַלץ העלער די שטערן". און ווי באַדלער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צום דנאָ פון זומפּ, צום גרונט פון פינצטערן ים און פון דאָרט אַרויסגעפּאַנגען די פּערל פון העכסטער שיינקייט און מילדקייט און די שענסטע פון זיי — פון תהומישער מענטשלעכקייט, נאָסטאַלגיע, פון חרטה און ווידוי פאַר גאָט.

ער האָט געמוזט האָבן דעם שטורמישן וואַסערפּאַל פון אין תהום פאַרשווענקטע מענטשלעכע לעבנס, וואָס זאָל ברענגען אין באַוועגונג די מעכטיקע דינאַמאָס פון זיין אומפּאַרגלייכלעכער עלעקטריזירנדיקער קאַפּאַציטעט פון קאָסמישער סימפּאַטיע.

אין אַ בריוו צו סאַלטיקאָוון (דעם 20טן סעפּ. 1882) קורץ נאָך דאָסטאָ־יעווסקיס טויט, שרייבט טורגעניעוו:

„געלייענט מיכאַילאָווסקיס אַרטיקל וועגן ד. ער האָט ריכטיק געטראָפן דעם כאַראַקטעריסטישן שטריך פון ד'ס שעפערישן ווערק. אויך אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור איז געווען אַן ענלעכער פאַל, דער באַרימטער

מאַרקי דעסאַד... און ד., אין אײנעם פון זײנע ביכער, באַהאַנדלט אויס־פירלעך דעם מס תענוגים... און צו טראַכטן אַז אַלע רוסישע בישאָפן זאָגן מעסעס פאַר דער נשמה דעם מאַרקי דע־סאַד און האַלטן אפילו דרשות וועגן זײַן גרויסער ליבע צו דער גאַנצער מענטשהייט!״...

אונדז ווײַזט זיך אויס, אַז דער גרויסער טורגעניעוו האָט דאָ געזאָגט בלויז אַ האַלבן אמת:

— אין דאָסטאָיעווסקין האָבן געוווינט און זיך געראַנגלט בײדע — דער „מארקי" און די גרעסטע, וואַרעמסטע און האַרציקסטע ליבע צום מענטש און דעם גאַנצן באַשאַף.

ב. טראַווען און זיין עקזאָטישע דזשונגל־וועלט

אַ שלייער פון געהיימניש איז געווען דאָס גאַנצע לעבן אַרום דעם שריפטשטעלער ב. טראַווען, וואָס איז באַרימט געוואָרן ווען זיין ערשט בוך, „די טויטנשיף״, איז דערשינען אין 1926 אין דייטשלאַנד.

אין פאַרלויף פון פערציק יאָר זיינען זיינע ביכער — הויפטזאַכלעך ראָמאַנען און דערציילונגען — געווען אַ וועלט־דערפאָלג און זיינען דערשינען אין 30 שפּראַכן און הונדערטער אויפלאַגעס און אין מיליאָנען עקזעמפּלאַרן.

אָבער דער שריפטשטעלער האָט די גאַנצע צייט געהאַלטן זיך אין שאָטן; נישט אָנגעגעבן קיין אייגנצלהייטן וועגן זיך און אָפּגעזאָגט צו טרעפן זיך מיט פּרעסע־לייט, אָדער אויפצוטרעטן פאַרן פּובליקום. מיט איין וואָרט: ער האָט זיך געהאַלטן פולשטענדיק „אינקאָגניטאָ״.

ערשט די לעצטע עטלעכע יאָרן האָט ער אַ ביסל „אויפגעהויבן דעם שלייער״ און אין 1966 געגעבן אַן אינטערוויו — דעם ערשטן אין זיין גאַנצן לעבן. אָבער אויך אין דעם אינטערוויו האָט ער נישט דערציילט קיין סך וועגן זיך, און צום סוף פון דעם מיינונגס־אויסטויש האָט ער איבערגעגעבן דעם רעפּאָרטער אַ „דעקלאַראַציע וועגן דער אומאָפּהענגיקייט פון פּערזענלעכער פּובליסיטי״.

די קאַרגע ידיעות, וואָס מ׳האָט יאָ געהאַט וועגן אים, זיינען צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן פון אַ קליינער צאָל בריוו צו לייענער און רעדאַקטאָרן, אין וועלכע ער האָט אָנגעגעבן עטלעכע פראַגמענטאַרע אייגנצלהייטן וועגן זיך, אָבער דאָס זיינען געווען טאַקע בלויז ביאָגראַפישע „רמזים״.

ער האָט גלייך ביים דערשיינען פון זיין ערשטן בוך דערקלערט, אַז זיין ליטעראַרישע שאַפונג איז גענומען פון זיין פּריוואַטן לעבן און איז באַזירט אויף פּערזענלעכע דערפאַרונגען.

ב. טראַווען האָט אין 1925 דעביוטירט אין דער בערלינער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער צייטונג, „פאָרווערטס״, און קורץ נאָך דעם האָט די „ביכערגילדע גוטענבערג״ באַשלאָסן אַרויסצוגעבן זיין ערשטן בוך, „די טויטנשיף״. די פאַרלעגער האָבן ביי דער געלעגנהייט פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל זיי צושטעלן אויטאָביאָגראַפישע איינצלהייטן און פאָטאָגראַפיעס, אָבער ער האָט זיך אָפּגעזאָגט.

אין זיין ענטפער, וואָס איז דאַמאָלסט אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דער „צייטשריפט״ פון דער גילדע, האָט דער שרייבער דערקלערט, אַז זיין פּערזענלעכע געשיכטע וואָלט נישט אַנטוישט די לייענער, אָבער דאָס איז זיין אייגענע אַנגעלעגנהייט, וואָס ער וויל האַלטן פאַר זיך.

נאָך טראַווענס טויט, האָט זיין אלמנה איבערגעגעבן גענויע פּרטים וועגן אים.

טראַווען טאָרסוואַן — דאָס איז דער ריכטיקער נאָמען פון דעם מחבר — איז געבוירן געוואָרן אין 1890 אין שיקאַגאָ אַלס זון פון אַ נאָר־וועגישן פאַרמער און אַן ענגלישער מוטער. די מוטער האָט שפּעטער אויסגעוואַנדערט קיין דייטשלאַנד און טראַווען איז אַלס 13יעריק ייִנגל אַנטלאָפן פון דער היים און אַנגעקומען אַלס „קעבין־באָי״ אויף אַ פראַכט־שיף. ער איז שפּעטער געווען, מיט איבעררייסן, אַ מאַטראָס אין אינטער־נאַציאָנאַלן האַנדלס־פלאָט ביז 1920 און פלעגט אָפט קומען קיין מעקסיקאָ נאָך זיינע ים־רייזעס. נאָך דעם האָט ער זיך באַזעצט אין דייטשלאַנד, ווו ער האָט אין דער קריגס־צייט געגרינדעט אַ פאַציפיסטישע צייטונג. די פייערדיקע אַנטי־מיליטאַריסטישע אויפרופן האָבן פאַראורזאַכט אַ שטור־רעם אין די רעאַקציאָנערע קרייזן און ער איז פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט. זיין לעבן איז געראַטעוועט געוואָרן דורך זיין שטרענגער און קאָנסעקווענטער אַנאָנימיטעט און קאָנספּיראַציע. ס׳איז אים געלונגען צו אַנטלויפן און ער האָט זיך צוריקגעקערט קיין מעקסיקאָ, וואָס איז געוואָרן זיין היימלאַנד. שפּעטער האָבן די נאַציס זיך בלויז געמוזט באַנוגענען מיט פאַרבאָטן זיינע ביכער און קאָנפיסקירן זיינע איינקונפטן.

טראַווענס אלמנה האָט בלויז טיילווייז אויפגעהויבן דעם שלייער פון

געהיימניש אַרום זיין לעבן און שאַפן. און גאָר אַ סך איז ווייטער געבליבן אַ סוד.

אַזוי, צום ביישפּיל, איז נישט געגוי באַקאַנט, אין וועלכער שפּראַך ער האָט געשריבן. און דאָס איז נישט קיין ווונדער, ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַ קינד פון אַ נאָרוועגער און אַן ענגלענדערין, וואָס האָט ביז 13 יאָר געלעבט אין אַמעריקע; געווען אין אינטערנאַציאָנאַלן האַנדלס־פלאָט; געוווינט אין מעקסיקאָ און נאָך דעם יאָרן־לאַנג אין דייטשלאַנד, און שפּעטער ווידער אין מעקסיקאָ.

אַ פאַקט איז, אַז דער קאָסמאָפּאָליט און פּאַליגלאָט טראַווען טאַרסוואַן האָט געשריבן אויסגעצייכנט ענגליש, דייטש און שפּאַניש. פערצן פון זיינע 16 ביכער זיינען צום ערשטן דערשינען אין דייטש. פריער אין דייטשלאַנד און שפּעטער, נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט, אין עסטרייך און אין דער שווייץ.

ס׳זעט אָבער אויס, אַז דאָס איז געווען דערפאַר, וואָס זיינע ערשטע ווערק זיינען נישט אָנגענומען געוואָרן דורך די אַמעריקאַנער פאַרלעגער, וואָס האָבן זיי באַטראַכט אַלס נישט קיין גוטע „סחורה״.

דער מחבר האָט אָבער דערגרייכט אין אייראָפּע דעם גרעסטן דערפאָלג, וואָס אַ שרייבער קאָן זיך ווינטשן.

טראַווען, דער געוואַגטער אַוואַנטוריסט, מאַטראָס, דזשונגל־וואַנדערער, רעוואָלוציאָנער און אַנאַרכיסט־פּאַציפיסט, האָט אין זיינע יונגע יאָרן אויסגעמאָסטן אין דער לענג און אין דער ברייט ימען און וויסטענישן. ער האָט אויך גלייכצייטיק, אַדאַנק זיין קינסטלערישער סענסיטיווקייט, אויסגעמאָסטן די טיף פון מענטשלעכן עלנט.

אין טראַווענס ווערק ווערט געשילדערט דער מענטש (גאָר אָפט אין דער ערשטער פּערזאָן) אויפן הינטערגרונט פון מעכטיקע נאַטור־עלעמענטן: אויף „טויטנשיפן״ וואָס בלאָנקען זיך אַרום אויפן ים, אויפן וועג צו „גראַונד־סטעישאַן״ ווייל די שיפס־געזעלשאַפטן האָבן, צוליב עקאָנאָמישע טעמים, באַשלאָסן זיי צו לאָזן אונטערגיין — צוזאַמען מיט אַ גרויסן טייל פון דער מאַנשאַפט — כדי צו נעמען „אינשורענס״.

טראַווען שילדערט דעם מענטש אינמיטן מוראדיקע דזשונגלס, בערג־

פּאָסן און וויסטעגישן, ווו עס לויערן יעדע סעקונדע רציחה און געפֿאַר. ער מאָלט אָבער, ווי געזאָגט, אויך דעם דזשונגל, די וויסטעניש און דעם אָפּגרונט אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפֿט און אין איינצלנעם מענטש.

טראַווענס „לאַנדשאַפֿטן" זיינען פֿול מיט שלאַנגען, טיגערס און אַנדערע געפֿערלעכע באַשעפֿענישן. אָבער נישט זעלטן זעט מען דאָרט די 2פֿיסיקע באַשעפֿענישן, וואָס שטייגן־אַריבער מיט זייער מערדערישער אכזריות די 4פֿיסיקע, וואָס דערמאָנט אין וואָרדסוואָרטס פֿערז: „ענד מאַטש איט גריעווד מאַי האַרט טו טהינק וואַט מען העז מעיד אָוו מען".

אין די „טויטנשיף" שילדערט טראַווען דעם ליידנסוועג פֿון אַן אַמע־ריקאַנער מאַטראָס וואָס איז געבליבן שטעקן אין אַן אייראָפּעישן פּאָרט אָן דאָקומענטן, און וועלכער ווערט געיאָגט און געטריבן פֿון איין לאַנד צום צווייטן, ווייל די קאָנסולן אַנערקענען נישט זיין עקזיסטענץ אָן א „פּאַפּיר". ער ווערט דעריבער געצוווּנגען צו ראַטעווען זיך אויף דער „טויטנשיף", אַלס אַ קוילן־שלעפּער און געהילף־הייצער.

די אומגעהויערע גייסטיקע פּיין און פֿיזישע פּייניקונגען זיינען אויפֿ־טרייסלענדיק און דאָס בוך איז אַ קינסטלערישער באַשולדיקונגס־אַקט קעגן דער גרויזאַמקייט און נידערטרעכטיקער געלט־לוסט פֿון געוויסנס־לאָזע אונטערנעמער און קעגן דעם טעמפּן מעכאַניזם פֿון שטאַטלעכער ביוראָקראַטיע.

די שילדערונגען פֿון דער „טויטנשיף", ווי אין טראַווענס אַנדערע ביכער, ווירקן מיט דער אויטענטישקייט און זייער ליטעראַרישע קוואַליטעט ווערט נאָך דייטלעכער אַדאַנק דעם וואָס דער אויטאָר באַמיט זיך נישט באַפּוצען זיי מיט ליטעראַרישער אָרנאַמענטיק.

אָפֿט „מישט" זיך טראַווען אַריין און רייסט־איבער דעם לויף פֿון דער דערציילונג מיט פֿילאָזאָפֿישע מעדיטאַציעס און פּובליציסטיש־אידעאָ־לאָגישע באַמערקונגען, אָבער זיי ווירקן נישט ווי דיסאָנאַנסן צוליב דעם ספּעציפֿישן כאַראַקטער און טאָן פֿון זיינע ווערק.

וועגן די פֿרידנס־פֿאַרהאַנדלונגען נאָכן ערשטן וועלט־קריג, שרייבט טראַווען אַז עס איז געקומען אַ צייט, ווען „די איינברעכערס און גענגס־טערס האָבן געמאַכט אַן עלעגאַנטן שלום־באַנקעט. די אַרבעטער און די

פשוטע קליינע מענטשעלעך פון אַלע לענדער האָבן געמוזט צאָלן אַנט־שעדיקונגען: די האָספּיטאַל־רעכענונגען, די לוויה־הוצאות, די קברים פון די אומבאַקאַנטע סאָלדאַטן, און די אויסגאַבן פון אַלע באַנקעטן און קאָנפערענצן, וואָס האָבן געלאָזט אַלע אין דער וועלט, אויסער די האָטעל־אייגנטימערס, ווי זיי זיינען געוועזן פריער. און אַלע די, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין פּראָפיטן, נאָר אַלע פאַרלוסטן און אַלע טויט־פאַלן, האָבן איצט געקראָגן די דערלויבעניש צו פּאַכן מיט פענער און טאַשנטיכלעך צו די זיגרייכע אַרמייען... ס'איז געווען די צייט ווען די דייטשע אַרבעטער־פירערס האָבן פאַרקויפט זייערע פּרינציפּן פאַר זייערע פּערזענלעכע אַמביציעס; האָבן איבערגעגעבן דעם גורל פון אַ ניי־געבוירענער רעפּובליק צו פינאַנסיסטן און האָבן געמאַכט די ערשטע שריט אין מאַכן אַ וועג פאַר די מעכטיקע פיינט פון מאָדערנער ציוויליזאַציע".

אַזעלכע טענדענציעזע דיגרעסיעס וואָלטן געווירקט דיסהאַרמאָניש אין ראָמאַנען און דערציילונגען פון געוויינלעכן טיפּ, אָבער נישט אין אַזעלכע כמעט־אויטאָביאָגראַפישע ווערק ווי טראַווענס.

אין „דער אוצר פון דער סיעראַ מאַדרע" (וואָס איז געווען אַ דער־פאָלגרייכער פילם מיט עטלעכע יאָר צוריק) שילדערט דער מערקווירדיקער שרייבער, ב. טראַווען, די דראַמאַטישע איבערלעבונגען פון דריי אַמערי־קאַנער אַוואַנטוריסטן, וואָס לאָזן זיך אַרויס זוכן גאָלד אין דער מעקסיקאַנער באַרג־קייט.

אין דעם בוך, ווי אין טראַווענס מערסטע ווערק, אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז אַ נאַקעט־ברוטאַלע וועלט פון דזשונגל, מדבר און בערג־פּאַסן.

אין דעם רוי־פּרימיטיוון אוניווערס ווימלט און שוויבלט מיט אַלערליי בעסטיעס, פּעסט־אינזעקטן און גיפטיקע שרצים; מיט הפקרדיקע וואַגאַבונדן, באַנדיטישע „מעסטיזאָס", באַן־רויבער, קאָרומפּירטע באַאַמטע און אַנדערע אַנשיקענישן. אין אָט דער „געמיטלעכער" אַטמאָספער זעען מיר די דריי אַוואַנטוריסטישע העלדן און לומפּן־פּראָלעטאַריער, וואָס יאָגן זיך נאָך דעם מיראַזש פון גאָלד און פאַרמעגן.

די שילדערונגען און סצענעס פון דעם „אוצר" זיינען ביז־גאָר פאַר־

כאַפּנדיק און איבעררעאַשנדיק. דאָס איז אַ וועלט פֿון עקזאָטישע לאַנדשאַפֿטן, אויסטערלישע באַדינגונגען און אויסערגעוויינטלעך־שפּאַנענדיקע פּאַסירונגען ווו די העלדן זיינען כסדר אויסגעשטעלט אויף טויט־געפֿאַר און אָנגעלאָדן מיט פיזישע און פּסיכישע לאַסטן און ליידן.

דער פינאַל פון דעם בוך איז אַ פילאָזאָפיש־איראָנישער.

דאָס גאָלד־זאַמד — דער רעזולטאַט פון אוממענטשלעך־שווערער האָרעוואַניע אין פאַרלויף פון לאַנגע מאָנאַטן — ווערט צעזייט און צעשפרייט אויף אַלע ווינטן.

איינער פון די דריי אַוואַנטוריסטן, אַ נידערטרעכטיק־גייציקער פאַרשוין, שיסט זיין שותף אין מיטן די בערג, כדי צו ירשענען דעם גאַנצן גאָלד־אוצר (דער דריטער איז נאָך פאַרבליבן אין וועג). אָבער דער געשאָסענער ווערט שפּעטער געראַטעוועט און דער רוצח ווערט שפּעטער דערמאָרדעט דורך רויבערישע „מעסטיזאָס", וועלכע ווערן שפּעטער אַליין דערשאָסן דורך אַ מיליטערישער אָפּטיילונג.

(דאָס איז, אגב, אין איינקלאַנג מיטן אורטייל פון פרק: „ווייל דו האָסט דערטרונקען, האָט מען דיך דערטרונקען, און דער סוף פון דיינע דערטרינקערס וועט זיין, אַז זיי וועלן דערטרונקען ווערן").

האָוואַרד, דער „אינטעלעקטועלער" גאָלד־זוכער, זאָגט צו די אַנדערע צוויי אַוואַנטוריסטן, אַז גאָלד איז אַ טייוולאָנישע זאַך, ווייל ס׳ענדערט אינגאַנצן דעם כאַראַקטער פון אַ מענטש. ווער עס האָט דאָס, איז מער נישט די זעלביקע פּערזאָן, וואָס מער גאָלד מען האָט, אַלץ מער וויל מען האָבן, פונקט ווי ביי אַ רולעטע: בלויז נאָך איין מאָל שפּילן... און אַזוי גייט דאָס כסדר... מ׳הערט אויף אונטערצושיידן צווישן רעכט און אומרעכט...

נאָך דעם ווי די דריי אַוואַנטוריסטן האָבן אויסגעגראָבן אַ היבש ביסל גלאַנציק זאַמד און ברוכשטיקער, האָבן זיי — ווי דער מחבר באַמערקט — זיך אינגאַנצן געענדערט. אַזוי לאַנג ווי זיי האָבן גאָרנישט פאַרמאָגט, זיינען זיי געווען שקלאַפן פון זייערע הונגעריקע בייכער, שקלאַפן פון די יעניקע, וועלכע האָבן געהאַט די מיטלען אָנצופילן זייערע מאָגנס. איצט, אָבער, האָבן זיי דערגרייכט דעם ערשטן טריט דורך וועלכן אַ מענטש ווערט דער שקלאַף פון זיין אייגנטום.

ווען קאַרטין, איינעם פון די דריי גאָלד־זוכערס, זאָגט דער מחבר, אַז ער איז נישט געווען זייער איבערקלייבעריש אין לעבן. ער האָט גענומען, אָן געוויסנסביסן, אַלץ וואָס ער האָט געקאָנט קריגן, ווייל „ער האָט געוווּסט ווי אַזוי די גרויסע אויל־מאַגנאַטן, די גרויסע פינאַנסיסטן, די פּרעזידענטן פון גרויסע קאָרפּאָרעישאַנס, און, באַזונדערס, די פּאָליטי־שענס, האָבן געגנבעט ווו נאָר ס׳איז געווען אַ געלעגנהייט. פאַרוואָס זאָל ער, דער איינפאַכער בירגער, זיין אָנשטענדיק, אויב די גרויסע זיינען ריקזיכטסלאָז און זיינען נישט ערלעך סיי אין זייערע געשעפטן און סיי אין די ענינים פון דעם שטאַט? און:

„...די גרויסע רויבערס, וואָס זיצן אין באַקוועמע פאָטעלן אַרום ריזיקע מאַהאַגאַני־טישן, און די וואַלד־גזלנים, וואָס רעדן פון די פּלאַט־פאָרמעס פון די קאָנווענשאַנס פון די הערשנדיקע פּאַרטייען, זיינען די־זעלביקע, וועלכע ווערן געלויבט אין דערפאָלג־געשיכטעס... אַלס די בויערס פון דעם לאַנד, די שטאַנדהאַפטיקע פּאַרטיידיקערס פון אונזער ציוויליזאַציע און קולטור...״

אין איינעם פון זיינע באַרימט־געוואָרענע ווערק, „די בריק אין דעם דזשונגל״, מאָלט טראַווען אַ רירנדיק בילד פון אַן אינדיאַנער סביבה אין מעקסיקע. ער שילדערט די טראַגעדיע פון אַ יונגער אינדיאַנערין, וועמענס געליבט קינד ווערט דערטרונקען אין דער צייט פון אַ דאָרפס־פאַרווייַלונג.

ער ווידמעט דאָס בוך „צו די מוטערס פון יעדן לאַנד, פון יעדן פאָלק, פון יעדער ראַסע, פון יעדן קאָליר, פון יעדן גלויבן; פון אַלע באַשעפענישן, וואָס לעבן אויף דער ערד״.

אין „די בריק אין דעם דזשונגל״ דערציילט געילס (די „ערשטע פּערזאָן״ אין אַ צאָל פון טראַווענס ביכער) וועגן די פּרימיטיווע מענטשן, אַז ער האָט געזען אין זיי די „איינפאַכע אינדיאַנער פּויערים, מיט געוויינלעכער העפלעכקייט, אַזעלכע וואָס מ׳קאָן געפינען אין גאַנץ שפּאַניש־אַמעריקע, ווו די אַמעריקאַנער טוריסטן זיינען קיינמאָל נישט געקומען צו רואינירן די לאַנדשאַפטן און צו באַמיען זיך, אַז די איינגעבוירענע זאָלן פאַרשטיין ווי הערלעך ס׳איז ציוויליזאַציע... ס׳האָט אויסגעוויזן, אַז אַזאַ געלעגנהייט... איז נויטיק געווען, אויב מען האָט געוואָלט זען די

מענטשן אַזוי ווי זיי זיינען ווירקלעך געווען; צו זען נישט בלויז זייער שמוץ אוןְ זייערע שמאַטעס, נאָר... זייערע הערצער און נשמות, די אייגנציקע זאַכן אין דעם מענטש וואָס זיינען וויכטיק. ראַדיאָס, „פּאַרד״ אַטאָס און שנעלקייטס־רעקאָרדן זיינען איבערהויפּט נישט וויכטיק; זיי זיינען בלויז אָפּפאַל, ווען ס׳קומט צו דעם ענדגילטיקן באַלאַנס־בויגן״.

ס׳איז מערקווירדיק ווי געילס־טראַווען, דער געוועזענער וואַגאַבונד־מאַטראָס, מדבר־וואַנדערער און גאָלד־זוכער, באַווייזט פאַר אונדז די מענטשלעכע געשטאַלט פון דעם אינדיאַנער.

אויך אין דעם פאַל לייטערט ער און רייניקט זיין „מאַטעריאַל״ און ברענגט אַרויס מענטשלעכע איידלקייט און שיינקייט פון אונטער דעם שמוץ פון אָפּגעשטאַנענקייט און פּרימיטיוון אַבערגלויבן, וואָס זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר די האַלב־ווילדע אינדיאַנער פויערים.

אין דער זאַמלונג פון האַלב־אויטאָביאָגראַפישע שילדערונגען, „דער נאַכט־באַזוכער און אַנדערע דערציילונגען״, באַשרייבט טראַווען זיינע איבערלעבונגען אין די ווילדע אינדיאַנישע ישובים אין מעקסיקע, וואָס אָטעמען מיט געפאַר און אַוואַנטורע, פון זיינע דזשונגל־וואַנדערונגען אַלס „קאָובאָי״, „היימישער דאָקטאָר״ און „בעל־מופת״.

אויך דאָ, ווי אין די מערסטע פון זיינע ווערק, איז פאַראַן עקזאָטיק און דראַמאַטישע שפּאַנונג, וואָס זיינען צוגעווירצט מיט טראַווענס כאַ־ראַקטעריסטישן שאַרפזין און בייסיקער סאָציאַלער סאַטירע. און אויפן טונקעלן, נאַטירלעכן און סאָציאַלן הינטערגרונט בליצן אָפּט אויף אין דעם בוך, ווי אין אַלע זיינע ווערק, העלע שטריכן — מאָמענטן פון העלדישקייט און פון מענטשלעכער גרויסקייט.

געילס־טראַווען, וואָס איז דורכגעגאַנגען אַלע שבעה מדורי דזשונגל — ים און וויסטעגישן — אַלע אונטערשטע שטאַפּלען פון סאָציאַלן לייטער — זינגט שטענדיק זיין לייטמאָטיוו — אַ געזאַנג צו מענטשלעכער פרייהייט און חשיבות, אַ געזאַנג צום מענטש, וואָס האָט זיך באַפרייט פון די קאָנווענציאָנעלע קייטן, און אַ געזאַנג צום געראַנגל פאַר פרייהייט.

וואָס שייך טראַווענס אָריגינעלן הומאָר, קאָן מען בלויז ברענגען איין ביישפּיל, וואָס רעדט גאַנצע „בענדער״.

אין איינער פון זיינע דערציילונגען וועגן אַ נאַכט־שפּאַציר אין אַ מעקסיקאַנער דאָרף, שרייבט ער, אַז „פון אַלע זייטן האָבן הינט רציחהדיק געבילט. און די הינט וואָס האָבן אונדז נישט געקאָנט זען, האָבן אויך געבילט ביז הייזעריקקייט, כדי נישט צו מאַכן דעם איינדרוק אַז זיי האָבן אונדז נישט באַמערקט, אָדער צו לאָזן דאָס פאַרגעניגן פון בילן אויסשליס־לעך צו די אַנדערע הינט"...

זיין געזאַנג צום פרייען מענטש, צום פרייען קינסטלער, קאָן אילוס־טרירט ווערן מיט עטלעכע שורות פון זיין דערציילונג „אסעמבלי לאין", ווו ער שילדערט אַן אינדיאַנער פויער, אַ ווונדערלעכן קינסטלער, וואָס כישופט אויס זעלטן־שיינע קארבן פון פאַרשיידענע פלאַנצן. אָט דער נאַטור־קינסטלער ווערט אויסגענוצט פון זיינע קונים, ווען ער מוז אָפּגעבן זיינע אַנטיקן פאַר גראָשנס.

טראַווען באַמערקט, אַז דער קינסטלער־פויער האָט נישט געוווּסט אַז וואָס ס'האָט פּאַסירט מיט אים „פּאַסירט יעדע שעה פון יעדן טאָג צו יעדן קינסטלער אין דער גאַנצער וועלט. דאָס וויסן וואָלט אים אפשר געמאַכט זייער שטאָלץ, ווייל ער וואָלט גענומען אין באַטראַכט, אַז ער געהערט צו דער קליינער אַרמיי, וואָס איז דאָס זאַלץ פון דער ערד און וואָס דערלאָזט נישט... אַז קולטור, פיינקייט און שיינקייט זאָלן פאַרשווינדן".

מיט ב. טראַווען, דעם גאָר־מערקווירדיקן שרייבער און שילדערער פון „מענטשן אויפן אָפּגרונט" האָט פּאַסירט לויט דעם באַקאַנטן שפּריכ־וואָרט: „אין נביא בעירו", קיינער איז נישט קיין נביא אין זיין שטאָט.

טראַווען, דער געבוירענער אַמעריקאַנער, וואָס האָט הויפּטזאַכלעך געשילדערט דאָס לעבן אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט, איז ביז די לעצטע יאָרן געווען, פאַרהעלטנישמעסיק ווינציק באַקאַנט אין די פאַראייניקטע שטאַטן, נישט קוקנדיק אויף זיין אומגעהויערן וועלט־דערפאָלג.

אָבער די עטלעכע ביכער וואָס זיינען לעצטנס דערשינען אין צפון־אַמעריקע זיינען גענוג, כדי צו פאַרזיכערן זיין שרייבערישע פּאָזיציע אין דעם לאַנד.

טראַווענס אַנאָנימיטעט האָט אים געהאָלפן אין זיינע קאָנספּיראַטיוו־רעוואָלוציאָנערע יאָרן אין דייטשלאַנד, ערב דעם אויסברוך פון דער נאַצי־

פעסט. אָבער דאָס האָט אויך האַרמאָנירט, ווי עס ווייזט אויס, מיט זיין כאַראַקטער פון אַן עטישן און עסטעטישן אַנאַרכיסט־אינדיווידואַליסט, פון אַ מאָדערנעם טאָראָ.

אויב טאָראָ, דער „נזיר פון קאָנקארד", האָט געפונען די וועלט אין דער איינזאַמקייט פון דעם וועלדל ביים קאָנקאָרד־לעיק, האָט טראַווען, דער וואַנדערער פון ימען און דזשונגלס, געפונען זיין אינדיווידואַליסטישן אוניווערס אינמיטן פון אַ פּילפאַרביקער און עקזאָטישער וועלט.

סטיינבעק — עפּיקער פון די גראָע מענטשן

ווען דזשאָן סטיינבעק האָט אין יאָר 1962 געקראָגן דעם נאָבל־פּרייז פאַר זיין בוך „דהי גרעיפּס אָוו רעטה״, האָט זיך געהערט אַ נישקשהדיקע צאָל שטימען פון ליטעראַטור־קריטיקער און רעצענזענטן, וואָס האָבן אויסגעדריקט צווייפל, אויב דער אַמעריקאַנער פּראָזע־שרייבער האָט פאַרדינט די געהויבענע אויסצייכענונג. מען וואָלט אָבער אויף דער פראַגע געקאָנט „ענטפערן״ מיט אַ צווייטער פראַגע: האָבן טאַקע אַלע שריפט־שטעלער, וואָס זענען באַערט געוואָרן מיט דעם אָנגעזעענסטן אינטערנאַציאָ־נאַלן ליטעראַרישן „מעדאַל״, אים באמת פאַרדינט?

ס׳איז נישט קיין גאָר לייכטע אויפגאַבע צו באַשטימען, אַז דער אָדער יענער באַרימטער שרייבער איז גרויס אָדער נישט. און אַ סך מאָל קומט די ריכטיקע אָפּשאַצונג אַ לאַנגע צייט נאָך דעם שרייבערס טויט, ווען די „כוואַליעס״ האָבן זיך איינגעשטילט און מען קאָן לייכטער און קלענער מעסטן די טיפקייט פון זיין פערזענלעכקייט און ווערק.

ס׳איז שווער צו זאָגן אויב דזשאָן סטיינבעק איז געווען אַ גרויסער שרייבער און אודאי איז ער נישט געווען קיין טיפער שרייבער. אָבער דאַכט זיך, אַז ער האָט פאַרדינט די נאָבל־פּרעמיע מיט די גרויסע ליטע־ראַרישע מעלות, וואָס זיינע ווערק פאַרמאָגן יאָ.

דזשאָן סטיינבעק האָט אָנגעשריבן עטלעכע צענדליק ווערק — הויפּטזאַכלעך ראָמאַנען און דערציילונגען. און זיינע שפּעטערישע דער־גרייכונגען אין די פאַרשידענע ווערק האָבן די „אַרויפס״ און „אַראָפּס״, וואָס זענען נאַטירלעכע דערשיינונגען ביי די מערסטע שרייבערס.

זיין הויפּט־ווערק „ווייַנטרויבן פון צאָרן״ און אַ צאָל פון זיינע אַנדערע ביכער באַרעכטיקן זיכער דעם באַשלוס פון דער שוועדישער אַקאַדעמיע און איר מאָטיווירונג פאַר אויסצייכענען דעם מחבר מיטן פּרעסטיזשפולן פּרייז. צווישן די הויפּט מאָטיוון איז אָנגעגעבן זיין „סימפּאַטישער הומאָר״

און קינסטלערישע געשטאַלטיקונג פון זיין סאָציאַלן אינסטינקט און אָבסערוואַציע.

„דהי גרעיפּס אָוו רעטה" איז אַן עפּאָס פון דער אָרעמקייט, אַ ברייטע שילדערונג פון אויסגעוואָרצלטע און דעקלאַסירטע אַמעריקאַנער אין דער צייט פון די קריזיס־יאָרן אין אַמעריקע נאָכן גרויסן בערזע־קראַך אין ניו־יאָרק אין 1929. דער מחבר שילדערט דאָרט אַ גרופּע איינוווינער פון אָקלאָהאָמאָ, וואָס זענען געצוווּנגען געוואָרן אויסצוואַנדערן פון זייערע היימען אין די „זיבן דאַרע יאָרן", אין דעם גרויסן געיעג נאָך ברויט און אַרבעט, אין דעם „גאָלדענעם" סטעיט קאַליפאָרניע.

די שילדערונגען פון די איבערלעבענישן און וואָגלענישן פון זייערע העלדן, זענען געמאָלן אויף ברייטע לייוונטן פון אַ סאָציאַלן הינטערגרונט און זיי שטעלן מיט זיך פאָר אַ גרויסן ליטעראַרישן און סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישן דאָקומענט פון צייט און סביבה. אַ סך פון די קאַפּיטלעך אין דעם בוך לייענען זיך ווי אַ שטאַרקער „איך באַשולדיק" קעגן דעם סקיזאָפרעניש סאָציאַלן סיסטעם אין די ערשטע יאָרצענדליקער פון דעם יאָרהונדערט, ווען זייט ביי זייט מיט אָפּיציעלער פרייהייט און דעמאָקראַטיע האָט געהערשט אַ שרעקלעכע עקספּלואַטאַציע און געוויסנלאָזע פאַרשקלאַפונג פון אַרבעטער דורך די פאַרשידענע אינדוסטריעלע „שאַרקס". פאַקטיש האָט די פּאַפּירענע פרייהייט אין יענע צייטן אויך איינגעשלאָסן די פרייהייט פון די דערנידעריקטע און באַליידיקטע אויסצוגיין פאַר הונגער און די רעכט צו שלאָגן זיך קאָפּ אין וואַנט. ס׳איז דעריבער געווען סטיינבעק׳ס מאָמענטאַלער אויפטו, וואָס ער האָט מיט זיין סאָציאַלן עפּאָס דערוועקט דאָס געוויסן פון אַמעריקע און געווען אַן אָנרעגער פון דעם „ניו דיעל".

פאַרשטייט זיך, אַז מיט דעם זיינען נישט אויסגעשעפּט זיינע גרויסע אויפטוען. אין די „ווינטערויבן פון צאָרן", „קענערי ראָו" און אין זיינע אַנדערע ביכער קומען צום אויסדרוק סטיינבעקס ליטעראַרישע מעלות: זיין באַהנטער, שאַרפזיניקער הומאָר און זיין סימפּאַטיע מיט דעם מענטש. ווי געזאָגט, סטיינבעק האָט נישט קיין הימאַלאַישע הויכקייטן און נישט קיין תהומישע טיפקייטן; ער זינדיקט אָפט מיט קליינלעכע דעטאַלן און

„דרשות״; אָבער דערפאַר איז אין זיינע ווערק פאַראַן די וואַרעמקייט, די פשטות און לעבנס־אָטעם, וואָס פאַרגיטיקט פאַר זיינע אַנדערע פעלערן.

דזשאָן סטיינבעק באַשיינט מיט זוניקע שטראַלן פון פרימיטיווער און שטאַנדהאַפטיקער גוטסקייט אפילו — און אפשר הויפּטזאכלעך — די מענטשן, וואָס האָבן נישט אַרויסגעצויגן קיין גוטע צעטלעך אין דער גורל־לאָטעריע. פאַרשידענע עקאַנאָמישע „גוד־פאַר נאַטהינגס״, האַלבע און גאַנצע וואַגאַבונדן, פרימיטיווע האַרעפּאַשניקעס און פאָלקס־מענטשן, קבצנים קומען אַרויס אין זיינע ווערק געלייטערטע און באַשיינטע מיט זייער אָפּט „אומגעהובלטער״, אָבער האַרציקער און פונדאַמענטאַלער גוטס־קייט און געוויסנהאַפטיקייט. און דער אָפּשיין פון דער אַלמענטשלעכער ליכט פאַלט אפילו אויף זיינע אינגאַנצן אויסגעגליטשטע טיפּן — אפילו אויף גאַסן־פרויען און צופעליקע אונטערוועלט־מענטשן — ווי זון־שטראַלן אויף בלאָטיקע „ריטשקעלעך״.

צו זיינע גרויסע סטיל־מעלות געהערט אויך זיין מייסטערהאַפטע קונסט פון דיאַלאָג, דאָס שאַפן געשטאַלטן דורך לאָזן זיי „קומען צום וואָרט״, מיט זייער גראַמאַטיש־פאַרקריפּלטער, אָבער זאַפטיק־נאַטירלעכער און אויסדרוקספולער שפּראַך.

*

דזשאָן סטיינבעק איז אפשר אויך נישט געווען דאָס, וואָס מען רופט אַ „גרויסער מענטש״, אָבער ער איז געווען אַ שטאַרקע און סימפּאַטישע פערזענלעכקייט, וואָס איז אפשר אַ זעלטענערע און וויכטיקערע אייגנשאַפט.

דזשאָן סטיינבעק איז געווען אַ זעלטענע פערזענלעכקייט שוין בלויז מיט דעם וואָס ער האָט אויסגעמיטן רום און דעם געפערלעכן פּובליסיטי־באַלאַגאַן. עס איז ווונדערלעך צו לייענען, אַז דער מחבר, וועמענס אַ בוך האָט זיך פאַרקויפט אין אַמעריקע אין דריי מיליאָן עקזעמפּלאַרן, דער טרעגער פון נאָבעל־פּרייז און פון פּוליצער־פּרייז, האָט אויסגעמיטן אַלערליי כיבודים, צערעמאָניעס, אָפיציעלע אויפטריטן און אַנדערע פאַרשידענע פאָרמען פון דעם פּובליסיטי־געשפּענסט. ער איז פשוט געווען דזשאָן

סטיינבעק, דער פּריוואַטער מענטש, וואָס האָט ליב געהאַט צו זיין אין דער געזעלשאַפט פון אינטימע גוטע פריינט און האָט פיינט געהאַט די שמד־שטיק פון רום און זעלבסטבאַרימערישקייט. ער איז אין דעם פאַל געווען גאָר ענלעך צו אונדזער גרויסן אַלבערט איינשטיין, וואָס פלעגט זיך ראַטעווען פון רעפּאָרטערס און פּרעסע־פאָטאָגראַפן מיט אַנטלויפן דורך הינטער־טירן.

סטיינבעק, דער „בעל־פשט" אין דער ליטעראַטור (הגם ער האָט פאָרמעל אָפט באַנוצט די אַלעגאָרישע פאָרם און באַזונדערס אין די טיטלען פון זיינע ווערק), דער פּשוטער מענטש אין לעבן, איז מיט די צוויי שטריכן געווען ענלעך צו דער מאָנומענטאַלער געשטאַלט וואָלט וויטמאַן, און ער האָט זיך אויך, ווי דער דיכטער פון די „גראָזן־שטענגלעך", געחברט מיט איינפאַכע, ווערטפּילע פאָלקס־מענטשן.

באַשיידנקייט, אינטימקייט און פּריוואַטקייט זיינען שטענדיק געווען גרויסע און זעלטענע מעלות. אַ סך מענטשן פון הויכער קוואַליטעט זענען באַהערשט פון דעם „יצר הרע", פון דער נאַטירלעכער „גייסטיקער" תאווה, אפילו ווען זיי ווייסן ווי נישטיק, פאַרפּירעריש און פאַרדאָרבנדיק ס'איז פאַר אַ שרייבער, קינסטלער און דענקער צו פאַרלירן די עסטעטיש־מאָראַלישע אומשולד — פּשטות און באַשיידנקייט. אין די שפּריכווערטער פון פאַרשידענע פעלקער און צייטן — די אינטעלעקטועלע און מאָראַלישע שאַץ־קאַמערן פון פעלקער — ווערט שטענדיק געוואָרנט קעגן דער אייביקער מענטשלעכער פלאָג פון „שוויצערישקייט", פון „הויך־שטאַפּלער" און באַרימערישקייט, וואָס שעקספּיר האָט באַצייכנט מיט זיין „דער טראָמפּייט פון אייגענעם רום". דער תלמוד זאָגט, אַז „אַ גראָשנדיקע מטבע אין אַ בלעכן קענדל מאַכט אַן אַ שטאַרקן טומל", און קרילאָוו, דער רוסישער משלים־שרייבער זאָגט, אַז אַ ליידיקע פאַס מאַכט אַן דעם גרעסטן טאַראַראַם.

עס זיינען דאָ פיל „גרויסע מענטשן", וואָס זייער גרויסקייט באַשטייט הויפּטזאַכלעך אין אַרומגיין אין קלאָונישע קליידער מיט „גלעקלעך", וואָס קלינגען ביי יעדן קער און ווענד. די אַלע „גרויסע" מוזן יעדן טאָג „דערשיינען", „פירן" און „באַלייכטן" די מענטשהייט און דאָס פאָלק. אָבער פאַקטיש איז דאָס שוים, וואָס בלעזלט זיך אויס.

די וועלט האַלט זיך איז זכות פון די „ל״ו צדיקים״ אויף אַלע געביטן (און צום גליק איז זייער צאָל גרעסער ווי 36), די „שטילע אין לאַנד״, וואָס אַקערן, זייען און שניידן און ברענגען פרוכט; אויף די ערלעכע האָרעפּאַשניקעס, אויף די אומפּרעטענציעזע און אידעאַליסטישע געלערנטע, וואָס באַקעמפן ליידן און קראַנקהייטן; אויף שטילע, שעפע־רישע מענטשן אין אַלע ספערן, וואָס פירן אויס זייערע פליכטן און גיבן צושטייער, לויט זייערע כוחות און באַגאַבונג, פאַר דעם וווּילזיין פון דער מענטשהייט, און זייערע דערגרייכונגען זיינען שטאַפּלען אויף „דער לייטער, וועמענס שפּיץ דערגרייכט צום הימל״.

דזשאַן סטיינבעקן קאָן מען באַצייכענען אַלס איינעם פון דעם סאָרט קליינע מענטשן, וואָס פאַרהיטן, אַז די ערד זאָל נישט איינקראכן אונטער דער לאַסט פון די אַזוי גערופענע „גרויסע״ — און דאָס איז אַ גרעסערע אויסצייכענונג פון דער נאָבל־פּרעמיע; דאָס איז אַ פּרעמיע פון נאָבלקייט.

אַנדרעי מאָרואַ — דער ראָמאַניסט־ביאָגראַף

אַנדרעי מאָרואַ האָט געשטאַמט פון אַ פאַמיליע פון יידישע טעקסטיל פאַבריקאַנטן, וואָס האָבן אויסגעוואַנדערט פון עלזאַס אין יאָר 1871 אין שטעטל עלבעף, נאָרמאַנדיע. די רייכע אינדוסטריעלער האָבן אַהין איבערגעפירט די מאַשינען צוזאַמען מיט די אַרבעטער, ווייל זיי זיינען געווען גרויסע פראַנצויזישע פאַטריאָטן, און האָבן דאָרט אינגיכן נאָך פאַרגרעסערט די פאַבריקן.

אַנדרעי מאָרואַ (פסעוודאָנים און שפּעטער — אַדאָפּטירטער נאָמען פון עמיל הערצאָג) האָט אַליין אין אָנהייב פון די 20ער יאָרן געאַרבעט אַלס דירעקטאָר אין איינער פון די טעקסטיל־פאַבריקן. אָבער אויך שפּעטער אין פאַרלויף פון זיין אויסערגעוויינלעך־פּראָדוקטיווער שרייבערישער קאַריערע, איז עפּעס געבליבן אין אים פון דעם אָרגאַניזאַטאָר־פּראָדוצענט. וועגן זיין אומגעהויערן אַרבעטס־פלייס זאָגן עדות זיינע ווערק, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר אַ גאַנצע ביבליאָטעק. אין זיין פאַל קאָן מען באַזונדערס אָנווענדן עדיסאָנס באַרימטן אפאָריזם: „געני איז איין פּראָצענט אינספּיראַציע און 99 פּראָצענט שווייס" (אין ענגליש: „אינספּיריישאָן" און „פּערספּירעישאָן").

מיט די באַמערקונגען זיינען מיר זיכער נישט אויסן „אַראָפּצודינגען" פון זיינע גרויסע דערגרייכונגען, נאָר פאַרקערט, צו באַטאָנען זיין שעפערישן כוח, וואָס האָט, מיט דער הילף פון ענערגיע, אויסדויער, פלייס און אַן אייזערנעם ווילן, אין משך פון 50 יאָר געעפנט אַ וווּנדערלעכע פּאַנאָראַמע פון עפּאָכעס, קינסטלערישע געשטאַלטן, היסטאָרישע פּערזענלעכקייטן און אַזוי ווייטער.

וועגן מאָרואַס אומדערמידלעכן פלייס זאָגט עדות זיין אופן פון שרייבן: ער פלעגט יעדן טאָג אויפשטיין פאַר 7 אַזייגער און אַרבעטן אָן אויפהער מינדסטנס 5 שעה און אָפט נאָך מער. וועגן זיין שטאַרקן ווילן דערוויסן מיר זיך פון זיינע מעמואַרן אַן אינטערעסאַנטן פּרט: ער פלעגט

שטענדיק זיין דער ערשטער שילער אין ליצעאום און קריגן אויסצייכענונגען. האָט ער אָבער געהאַט די אַמביציע צו קריגן אַ מעדאַל, וועלכן דאָס פראַנצויזישע קריגס־מיניסטעריום פלעגט יעדעס יאָר געבן דעם שילער, וואָס איז געווען דער בעסטער אין ספּאָרט. מאָרואַ איז אָבער געווען גאָר אַ שוואַכער און האָט נאָך דעמאָלט דערצו געמוזט טראָגן אַ מעטאַלענעם „גאָרסעט" צוליב דעם וואָס זיין רוקנביין איז געווען אַ ביסל אויסגעקרימט. אָבער נישט קוקנדיק אויף די אַלע שוועריקייטן, האָט ער דערגרייכט זיין ציל — אַדאַנק די אויבנדערמאָנטע אייגנשאַפטן: ער האָט געקראָגן דעם מעדאַל אויף פאַר ספּאָרט...

מאָרואַ איז נישט בלויז געווען גאָר אַ פּראָדוקטיווער שרייבער, נאָר אויך זייער אַ פאַרשיידנאַרטיקער: ראָמאַנען, קורצע דערציילונגען, געשיכטע־ווערק, קריטישע עסייען, אָפּהאַנדלונגען וועגן מידות, מעמואַרן, ביאָגראַפיעס וכדומה.

עס ווייזט אָבער אויס, אַז זיינע גרויסע דערגרייכונגען זיינען געווען — ביאָגראַפעס.

מאָרואַ האָט געשריבן זיין ערשט ווערק (אויסער אַ ליטעראַרישן „חטאת נעורים" פון זיינע שול־יאָרן) אין 1917, ווען ער האָט געדינט אַלס „ליעזאָן אָפיצער" אין דער ענגלישער עקספּעדיציע־אַרמיי אין פראַנקרייך. דאָס ווערק, א. ב. „דאָס שוויגן פון קאָלאָנעל ברעמבל", איז דערשינען אין יאָר 1918 און געהאַט אַ געוואַלדיקן דערפאָלג. זיין נאָמען איז מיט איינמאָל געוואָרן באַרימט און די גרעסטע שרייבער אין פראַנקרייך און ענגלאַנד האָבן אים אויפגענומען „מיטביידע הענט".

ער האָט אויך די שפּעטערדיקע יאָרן, פון צייט־צו־צייט פאַרעפנטלעכט ראָמאַנען און קורצע נאָוועלן; אָבער זיין גרויסער וועג האָט זיך אָנגעהויבן אין 1923 ווען ער האָט פאַרעפנטלעכט „אַריעל — דאָס לעבן פון שעלי". זינט דעמאָלט, אין משך פון איבער 40 יאָר (זיין לעצטע גרויסע ביאָגראַפיע איז געווען „פּראָמעטעאוס", דאָס לעבן פון באַלזאַק, דערשינען אין 1963), האָט מאָרואַ געשאַפן גאַנצע ליטעראַריש־קריטישע און געשיכטלעכע בילדער־גאַלעריעס: בייראָן און די בראַונינגס; דיקענס און טורגעניעוו; שאַטאָבריאַן, הוגאָ, פּרוסט, סטענדהאַל, זשאָרזש סאַנד, וואָלטער און

אַנדערע גרויסע ליטעראַרישע פיגורן; אויסער ביאָגראַפיעס פון קעניגן, מלוכה־לייט, דערפינדערס וכדומה (אַ געשיכטלעכער „פילם״, וואָס ווייזט אַזעלכע פאַרשיידענע געשטאַלטן, ווי: לואי דער 14טער פון פראַנקרייך, עדוואַרד דער 7טער פון ענגלאַנד, אַלעקסאַנדער פלעמינג, דער ענגלישער דערפינדער פון פעניצילין, און פיל אַנדערע).

אויך זיינע ווערק אין אַנדערע זשאַנערס זיינען גוט. אָבער אין אַ ליטעראַטור, ווי די פראַנצויזישע, וואָס עקספּאָרטירט זינט יאָרהונדערטער אירע פיינע גייסטיקע וויין־סאָרטן, קאָנען — ווי ס׳ווייזט זיך אונדז אויס — זיינע דערציילונגען נישט פאַרנעמען קיין דויערנדיקן פּלאַץ. „ברעמבל״ איז אַ גלענצנדיקע שילדערונג פון אַ סביבה אין קריגס־צייט; אָבער דאָס בוך און ענלעכע דערציילונגען קאָנען נישט פּרעטענדירן צו בלייבן אויף אַ ליטעראַרישן אָלימפּ, וואָס האָט אַ פּלאַץ פאַר באַלזאַק, פּרוסט, שאַטאָבריאַן, סטענדהאַל און אַנאַטאָל פראַנס, — בלויז צו דערמאָנען עטלעכע פּראָזע־מייסטערס.

*

אין פאָרוואָרט צו „לעליאַ, דאָס לעבן פון זשאָרזש סאַנד״, שרייבט אַנדרע מאָרואַ, אַז ער האָט געטאָן אַלץ, וואָס אין זיינע כוחות, „צו געבן געשטאַלט און אָרדענונג צו דעם אַלעם, וואָס איז איצט באַקאַנט וועגן אַ גרויס לעבן״ (זשאָרזש סאַנדס).

אָט די צוויי אייגנשאַפטן — געשטאַלט און אָרדענונג — האָט דער קינסטלער־ביאָגראַף געגעבן אין אַ הויכער מאָס פון פּערפעקציע.

אויפצולעבן אַ גאַנצע ליטעראַרישע סביבה, צו שילדערן אַ גרויסע קינסטלער־פּערזענלעכקייט, מיט דעם רייכן קאָלאָריט פון זיין כאַראַקטער, שעפערישע אייגנאַרט, זיינע דערהויבונגען און שטרויכלונגען, ליכט און שאָטן־זייטן — איז אָן גוזמא — אַ קאָלאָסאַלע אויפגאַבע. אויסער דער אומגעהויער אַרבעט, וואָס אַ געוויסנהאַפטע שטודיע פאָדערט, איז אויך נויטיק דער זיכערער קינסטלערישער אינסטינקט און דער פיינער קריטישער געשמאַק פון אָפּקלויבן דאָס וויכטיקע און כאַראַקטעריסטישע פון דעם פאַקטן־כאַאָס. עס פאָדערט זיך די גרויסע קולטור, ראַפינירטקייט און, דער עיקר, די קינסטלערישע שאַפונגס־קראַפט צו געשטאַלטיקן פון

דעם רויען מאַטעריאַל אַ מאָנומענטאַלע פיגור — ווי זיינע העלדן זיינען דאָס, אָן ספק.

דער קריטישער קינסטלער־ביאָגראַף מוז כסדר וועגן און מעסטן און קאָנפראָנטירן דעם געשילדערטן שרייבער מיט די פאַקטן, מיט דער סביבה און אין רעזולטאַט קומען צום שלוס־אורטייל. ער מוז כסדר אויסשטעלן די „פּאָזיציעס״ פון דעם שרייבערס (אָדער פון אַן אַנדערער פּערזענלעכקייט) שעפערישן און מאָראַלישן „קרעדיט״ און „דעביט״, כדי ער זאָל צום סוף קאָנען געבן אַן ערלעכן „בילאַנס״. צו דעם אַלעם איז אויך נויטיק דאָס פיינע געהער — „אַרויסצופּאַנגען״ דאָס שטילע געזאַנג פון דער שעפערישער פערזענלעכקייט, אַריינצוקומען אין די אינטימע פּסיכאָלאָגישע חדרי־חדרים פון דעם קינסטלער — דאָס האָט באַוויזן אַנדרעי מאָרואַ.

אין זיין וווּנדערלעכער ביאָגראַפיע פון מאַרסעל פּרוסט, באַמערקט מאָרואַ אַז פאַרשיידענע שרייבערס און אינטימע פריינד זיינע האָבן אין זייערע שילדערונגען פון דעם מאָדנעם גאון גערעדט וועגן אַן „אָריענ־טאַלישע אַטמאָספער״ (פּרוסט האָט געהאַט אַ יידישע מוטער). ער דערמאָנט, אַז איינער האָט אפילו געפונען אין זיין סטיל „עכאָס פון תלמוד: לאַנגע, קאָמפּליצירטע זאַצן, שווער־אָנגעלאָדענע מיט נעבן־זאַצן״, און אַז עדמאָנד ווילסאָן האָט אַנטדעקט אין זיין ווערק „אַפּאָקאַ־ליפּטישע באַגאַבונג פון מאָראַלישער אויפגעבראַכטקייט, וואָס איז אַ קענ־צייכן פון די יידישע נביאים״.

אויף דעם זאָגט דער פיינער קינסטלער־קריטיקער מאָרואַ, אַז צו רעקאָנסטרואירן אַ שרייבערס טעמפּעראַמענט אויפן גרונט פון עטלעכע צופיל־פאַראיינפאַכטע שטריכן, איז „ווילקירלעך״:

„אַזאַ פילפאַכיקע פערזענלעכקייט איז אַ קינסטלער, אַז דער קריטיקער קאָן שטענדיק געפינען אין אים, וואָס ער וויל נאָר״.

מאָרואַ לאָזט זיך נישט פאַרפירן פון אויסערלעכקייטן און צופעליקייטן. דאָס אָביעקטיווע, שטרענג־וויסנשאַפטלעכע פון איין זייט, און דאָס קינסטלעריש־אינטואיטיווע פון דער צווייטער זייט, העלפן אים שאַפן „געשטאַלט און אָרדענונג״ אין דעם באַרג מיט פאַקטן, פאַסירונגען און

דעטאַלן. די וויסנשאַפטלעכע מעטאָדיק און ענלעכקייט העלפן אים סאָר־טירן און אָפּקלייבן; די קינסטלערישע אינטואיציע איז זיין „גייגער־ציילער", מיט וועלכן ער כאַפּט־אויף די אויסשטראַלונגען פון די שעפע־רישע אוצרות פון די טיפע קינסטלערישע שיכטן.

מאָראָוס ביאָגראַפיעס שילדערן נישט בלויז די היסטאָריע פון זיינע ליטעראַרישע העלדן (מערסטנס טאַקע העלדן, ווייניקסטנס אַלס קינס־טלער), נאָר אויך זייער פרע־היסטאָריע.

אין זיין ביאָגראַפיע פון זשאָרזש סאַנד שרייבט ער, אַז ס'איז שטענדיק אומבאַרעכנט צו פרווון אויסטייטשן עמעצנס כאַראַקטער דורך ירושה־אייגנשאַפטן. ער ווייזט אָן, אַז אַ געוויסער משפחה־שטריך קאָן אַמאָל ווידער דערשיינען אין 15טן דור. פונדעסטוועגן, באַמערקט ער, אַז אין געוויסע פאַלן, ווי ביי דער פראַנצויזישער שרייבערין, שפּילט די „ירושה" יאָ אַ געוויסע ראָל (ער ווייזט אָן אויף זשאָרזש סאַנדס אימפּאָ־זאַנטער פרע־היסטאָריע: זי האָט געשטאַמט פון פראַנצויזישן אַרמיי־הויפּט, מאָריס, מאַרשאַל דע סאַקס, וואָס איז אַליין געווען „אַ נאַטירלעכער" זון פון זאַקסישן — שפּעטער פּוילישן — קעניג אַוגוסט און פון אַ לאַנגער ליניע אַוואַנטוריסטן פון גרויסן פאַרנעם און קוואַליטעט).

מאָרואַ האָט דערקלערט אַז ער האָט אָפּט געמאַכט דעם אויסוואַל פון זיינע געשטאַלטן צוליב אינערלעכער נויטווענדיקייט — „אַן אויטאָ־ביאָגראַפיע, פאַרשלייערט אין אַ ביאָגראַפיע". דאָס זיינען די לעבנס, וואָס ער באַצייכנט אַלס „נאַטירלעך שיין... ווי ספּאָנטאַנע קונסט־ווערק". די ביאָגראַפיעס זיינען אָבער געווען צו גלייכער צייט היסטאָרישע און קינסטלערישע ווערק — לויט זיין אייגענער דעפיניציע פון דעם זשאַנער.

זיין פלייסיקע פאַרש־אַרבעט קומט אָפּט צום אויסדרוק אין גאָר אומגעריכטע פּרטים. אַזוי, למשל, דערוויסן מיר זיך, אַז וויקטאָר הוגאָ, דער טיף־גלויביקער אין אַ גאָט אָן אַ קירכע (פאַרקערט ווי די איצט־מאָדישע קירכע אָן אַ גאָט) האָט געקענט קבלה, וואָס ער האָט געלערנט פון אַלעקסאַנדער וייל, און אַז געוויסע שטעלן פון זיינע לידער דער־מאָנען אין... „זוהר".

מען געפינט אויך אין די ביאָגראַפיעס פאַרביקע עפּישע פּאַנאָראַמעס

פון דער ליטעראַרישער און געזעלשאַפטלעכער סביבה פון זיינע געשטאַלטן. געננוג בלויז אָנצווייזן אויף הוגאָס געליבטע אין פאַרלויף פון אַ האַלבן יאָרהונדערט — זשוליעט דרוע וואָס האָט זיך אויסגעקליבן אַלס עפּיטאַף אויף איר מאָנומענט. די שורות פון זיינס אַ ליד:

„...די וועלט האָט געהאַט זיין געדאַנק.
איך האָב געהאַט זיין ליבע״.

מען געפינט אין די ווערק וועגן די פראַנצויזישע מייסטערס פאַר־קאַפּנדיקע שילדערונגען פון זייערע עלטערן, פאַמיליעס, פריינד; באַרימטע שרייבערס און קינסטלער מיט וועלכע זיי זיינען געווען פאַרבונדן; אַ גאַנצער היסטאָרישער הינטערגרונט פון געזעלשאַפטן און יחידים, וואָס איז געשילדערט מיט אַן אייגנאַרטיקן סטיל און טיפער איינדרינגלעכקייט. מען זעט דאָרט דעם באַרימטן פראַנצויזישן סאַלאָן, די שיינע דאַמעס, וואָס זיינען אויך געווען שיין־גייסטער, און האָבן זיך נישט בלויז אויסגעצייכנט מיט ליבע פון קונסט, נאָר אויך מיט דער קונסט פון ליבע. איינע פון די פערפעקטסטע ליבע־קינסטלערין, וואָס האָט זיך דערהויבן צו די לעגענ־דאַרישע הויכן פון אַ העלאָאיז, איז זיכער געווען די אויבן־דערמאָנטע זשוליעט דרוע.

*

מיר האָבן געפרווווט באַווייזן „פון וואַנען ס׳האָט זיך גענומען צו אים אַזויפיל...״ טיגט: זיין זעלטענע אַרבעטס־ און פאָרש־קראַפט; זיין מעטאָד פון שאַפן און אויסשמידן זיינע מאָנומענטאַלע געשטאַלטן.

מען דאַרף „אויך״ באַמערקן עפּעס וועגן זיין סטיל.

ס׳וועט אויסקומען פּאַראַדאָקסאַל צו זאָגן, אַז מאָרואַ דער מחבר פון פיל גרויסע — אויך אין קוואַנטיטעט — ווערק איז געבענטשט מיט קאָנ־דענסירטן, פיל־זאָגנדיקן קורצן זאַץ. אַזוי, למשל, שילדערנדיק הוגאָן, וואָס האָט איבערגעלעבט זיין גאַנצע פאַמיליע (אויסער 2 אייניקלעך) און דער גרעסטער צאָל פון זיינע גרויסע שרייבער־קאָלעגן, באַמערקט ער, אַז „דער פּאַראַליזירטער עובר־בטל שאַטאָבריאַן האָט זיך געלאָזט פירן יעדן טאָג 3 אַזייגער צו זיין נעבן בעט פון דער בלינד־געוואָרענער מאַדאַם רעקאַמיע״.

שאַטאָבריאַן, דער מעכטיקער סאַלאָן־לייב, דער גרעסטער קינסטלער פון זיין צייט, וואָס איז אויך געווען אַן אַמבאַסאַדאָר און אויסערן־מיניסטער, פאַרוואַנדלט אין אַ פאַראַליזירטן עובר־בטל; מאַדאַם רעקאַמיע — די רייצנדיקסטע שיינהייט פון פראַנקרייך — אין אַזאַ עלנטן מעמד: דאָס איז אַ קהלת — קאָנדענסירט אין אַ קורצן זאַץ. דאָס איז איין שטריך פון מאָרואַס קינסטלער־פּאָרטרעט, וואָס רעדט גאַנצע בענדער.

דער ביאָגראַפיע־מייסטער באַזיצט אין אַ גאָר גרויסער מאָס די געבענטשטע פראַנצויזישע פיינקייט פון שאַרפער איראָניע, פון פּיקאַנטן הומאָר, מיט וועלכן ער גיט־צו אַ באַזונדערן פראַנצויזישן (און אויך יידישן) טעם צו זיינע קינסטלערישע „מאכלים״, וואָס האָבן פון כל־טוב.

אין זיין בוך מעמואַרן, וואָס ער האָט געשריבן אין אַמעריקע אין אָנהייב פון 2טן וועלט־קריג, שילדערט ער דעם הויפּט פון דער ענגלישער אַרמיי אין פראַנקרייך — גענעראַל אַסער, וואָס „איז נישט אַראָפּ פון זיין אָלימפּ, כדי זיך נישט אויסצומישן מיט די שטערבלעכע, סיידן אַלס יופּיטער (און צוליב די זעלבע מאָטיוון)״...

ער שילדערט אין זיינע זכרונות, ווי אַזוי אַ פּראָפעסאָר פון אַ ליצעאום אין דער קרייז־שטאָט האָט אים זייער שלעכט אויפגענומען, ווען ער איז אָנגעקומען צום עקזאַמען אַלס „מאַסטער אָוו אַרט״, ווייל ער איז נאָך געווען צו־יונגטלעך פאַר אַזאַ „גראַדויעישאַן״. דער שטרענגער פּראָפעסאָר, אַן אַלטער גלח, איז אָבער בעסער געוואָרן ווען דער יונגער אַנדרעי מאָרואַ — דאַן נאָך עמיל הערצאָג — האָט גלענצנדיק איבער־געזעצט אַ זייט פון דעם רוימישן היסטאָריקער טאַציטוס. ער באַמערקט דערצו: „די ליבע צו טאַציטוסן האָט ביי אים גובר געווען זיין האַס צו דער יוגנט״.

הוגאָ האָט געשריבן אין זיין טאָגבוך דעם 17טן יולי 1870, אַז ער האָט געפלאַנצט אַ דעמב־בוים פון די אייראָפּעאישע פאַראייניקטע שטאַטן, אָבער „אַט איז אויסגעבראָכן קריג אין אייראָפּע, און די דאָגמע פון פּויפּסטס אומפעלבאַרקייט איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין רוים. אין הונדערט יאָר אַרום וועלן מער נישט זיין קיין מלחמות און קיין פּויפּסטן, — און דער דעמב וועט זיין אַ גרויסער בוים״. מאָרואַ באַמערקט: „פון די

דריי נביאותן איז בלויז איינע פאַרווירקלעכט געוואָרן: דער דעמב איז אַ גרויסער בוים״.

וואָס שייך זיין „לייכט־דורכזיכטיקן״ סטיל, דערקלערט מאָרואַ, אַז דאָס איז נישט געווען בלויז אַ בייגונג, נאָר אויך אַ זיג: אומאויפהערלעכע אַרבעט פון אויסבעסערן, איבערשרייבן און רעטושירן. ער האָלט אַז מיט דער אַרבעט האָט ער צופרידנגעשטעלט זיין אינסטינקט פון זוכן דורכזיכטיקייט, דעם ענדגילטיקן שטריך, די האַרמאָניע פון וואָרט און קעגנשטאַנד. אָט דעם שאַפונגס־סוד באַצייכנט ער אַלס שווערע לייכטקייט.

ס׳איז אוממעגלעך אין די ראַמען זיך אָפּצושטעלן באַזונדער אויף זיינע קינסטלעריש־לאַבאָראַטאָרישע פאָרשונגען פון די פאַרשיידענע גרויסע שרייבער־פּערזענלעכקייטן; צו באַהאַנדלען, אפילו בקיצור, די מאָנומענטאַלע פיגורן, וואָס ער האָט אויסגעמייסטערט מיט אַזוי פיל פיינקייט, מיט אַזוי פיל פּערפעקציע.

מיר וועלן בלויז פּאַראַפראַזירן די שלוס־ווערטער פון זיין טיפזיניקן ווערק וועגן פּרוסטן:

אַנדרעי מאָרואַ האָט געמאַכט מעגלעך פאַר מענטשן, וואָס האָבן נישט געקענט זען דאָס נשמה־לאַנד פון די קינסטלער־גאונים, צו אָטעמען מיט עקסטאַז דעם אַראָמאַט פון אומזעבאַרע, אָבער דויערנדיקע בלומען און צוויט... אין אָנהייב איז געווען דאָס קליינע שטעטל... „צום סוף איז געווען די גייסטיקע היים פון מיליאָנען לייענערס איבער אַלע קאָנטינענטן״.

זיין באַציאונג צום יידנטום

אַנדרע מאָרואַ האָט געשריבן גאָר אַ סך און האָט געהאַט אַ זייער קלאָרן סטיל. און ס׳איז דעריבער מאָדנע, וואָס ער האָט זייער זעלטן געשריבן וועגן זיין באַציִונג צום יידנטום, וועגן זיין פאַרהעלטעניש צום יידישן פאָלק און זיינע גייסטיקע ווערטן. און אויב ער האָט שוין יאָ אַמאָל געגעבן אַן „אָנדייטונג״ וועגן דעם פּראָבלעם, איז דאָס שטענדיק געווען זייער קורץ און אויף אַ געלעגנהייטלעכן אופן. ס׳איז אויך טאָפּלט מאָדנע, אַז ער, דער קלאָרער שרייבער מיטן דורכזיכטיקן סטיל, איז

געוואָרן פאַרנעפּלט און אויסמיידנדיק, ווען ס׳איז אים — אין די גאָר זעלטענע פאַלן — אויסגעקומען צו דערמאָנען וועגן זיין יידישער ירושה. (וועגן יידישער „אידענטישקייט״ איז, פאַרשטייט זיך, דאָ נישט די פראַגע, ווייל ער האָט זיך נישט אידענטיפיצירט מיטן יידנטום).

דער מאַנגל אין אויטענטישע מאַטעריאַלן, די מאָדנע קאַרגשאַפט פון דעם ווערטער־גביר, ווען ס׳איז אים אויסגעקומען צו שרייבן וועגן יידישע מאָמענטן, מאַכן גאָר שווער יעדן פּרווו צו „דרשענען״ אַרום דעם ענין, ווייל מאָרוא האָט ווי ספּעציעל פאַרשלייערט אַלע עפּיזאָדן פון זיין קינדהייט און יוגנט, וואָס האָבן אַ שייכות מיט יידישקייט.

מען וועט דעריבער מוזן זיך אָנשטרענגען און פון די קאַרגע און זעלטענע האַלב־שיפרירטע ווערטער און עפּיזאָדן צוזאַמענשטעלן אַ לייזונג פאַר דעם רעטעניש פון אַנדרע מאָרואַ, וואָס האָט נישט בלויז אויפגעגעבן זיין אייגנטלעכן נאָמען עמיל סאַלאָמאָן הערצאָג, נאָר אויך אַלע, אָדער כמעט אַלע פאַרבינדונגען מיט זיין יידישער ירושה.

זיין דערוויטערטקייט, אין לעבן און אין שרייבן, פון יידישקייט, האָט אפילו אַרויסגערופן אַ פאַרדאַכט, אַז ער האָט זיך געשמדט, און אַזעלכע ידיעות האָבן זיך געהאַט באַוויזן אין יידישע צייטונגען. דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַ פאַלשער קלאַנג. אָבער הגם מאָרואַ איז פאַרמעל געבליבן אַ ייד און האָט נישט באַהאַלטן זיין יידישן אָפּשטאַם, האָט ער דאָך געהאַט „געוויסע״ שייכותן צום קריסטנטום.

זיינעביידע פרויען זענען געווען זייער קאַטויליש־פרום און האָבן זיכער נישט געווירקט צו צעבלאָזן זיין „יידישן פונק״.

זיין ערשטע פרוי, זשאַנין דע שימקעוויטש, האָט געשטאַמט פון פּוילישן אַדעל און דערצויגן געוואָרן ביי קאַטוילישע נאָנעס. מאָרואַ דערמאָנט אין זיינע זכרונות, אַז אין דעם פרילינג פון זייער ערשטער ליבע, ווען ער האָט איר געזאָגט וועגן זיין יידישן אָפּשטאַם, האָט זשאַנין אים געפרעגט, אויב ער וועט ביי איר נישט צונעמען איר גלויבן. מאָרואַ האָט איר אויף דעם געענטפערט, אַז — אדרבא ואדרבא: ער וואָלט זיך נאָך באַמיט צו ווירקן אויף איר, אַז זי זאָל ווערן רעליגיעז, ווען זי וואָלט דאָס נישט געווען.

אַ פּאָר יאָר נאָך זשאַנינס טויט, האָט מאָרואַ חתונה געהאַט מיט אַ פרוי פון אַ זייער קולטורעלער פאַמיליע, מאַדאַם קאיאווע, אַן אייניקל פון אַנאַטאָל פראַנס פריינדין. הגם זי איז געווען פון יידישן אָפּשטאַם, איז מאָרואַס צווייטע פרוי אויך געווען זייער קאַטוילישרעליגיעז. אַ פאַקט איז, אַז ער האָט מיט איר חתונה געהאַט אין אַ קאַטוילישער קירך. די דריי קינדער, וואָס זיין ערשטע פרוי האָט אים געבוירן, זענען שוין געווען געטויפט. און אויב ער אַליין איז נישט געווען קיין קריסט, איז דאָך זיין שטוב געווען אַ קריסטלעכע.

די „אויספירלעכסטע" באַשרייבונגען פון יידישע מאָמענטן אין זיין קינדהייט, אין דער היים פון זיינע עלטערן, אין דעם שטעטל עלבעף, נאָרמאַנדיע, געפינען מיר אין זיינע מעמואַרן. ער באַשרייבט דאָרט די אידיליע, וואָס האָט געהערשט צווישן זיין פאָטער מיטן פּראָטעסטאַנטישן גייסטלעכן רעריך. ער שילדערט דאָרט, ווי זיין פאָטער פלעגט גיין מיט דער משפחה אין דער קריסמעס־נאַכט צום פּראָטעסטאַנטישן טעמפּל צו זען דעם קריסמעס־בוים, דאָס הייסט ווי אַ העפלעכקייט. נאָך איינער אַזאַ צערעמאָניע, האָט אַ קריסטלעך ייִנגל, זיינער אַ חבר, אים געזאָגט אַז ער איז אַן „איזראַעליט". דער קליינער עמיל, וואָס איז דאַן אַלט געווען 5—6 יאָר, האָט נאָך דער „אַנטדעקונג" געפרעגט זיין פאָטער, אויב דאָס איז אמת. דער פאָטער האָט אָבער נישט געזען קיין סתירה צווישן זיין יידישקייט און נאָענטקייט מיטן פּראָטעסטאַנטישן פּאַסטאָר: ער האָט אים געענטפערט אַז ס'איז אמת, ער איז אַן איזראַעליט; אָבער „דעם פּאַסטאָרס רעליגיע איז אַ שיינע: אַ משפּחהדיקע, און אַ טאָכטער פון אונדזערער..." מאָרואַ שילדערט אויך די אידיליע און דעם „עקומעניש גייסט", וואָס האָט געהערשט צווישן די פאָרשטייער פון דריי רעליגיעס — דער יידישער, קאַטוילישער און פּראָטעסטאַנטישער — אין דעם פאַבריק־שטעטל עלבעף. ער דערציילט ווי זיין פאָטער פלעגט אַמאָל שפּאַצירן אויף דער גאַס מיטן פּראָטעסטאַנטישן גייסטלעכן רעריך פון איין זייט און מיטן קאַטוילישן גלח פון דער צווייטער זייט.

אין אַ צווייטן, ווייניקער אידילישן עפּיזאָד, דערמאָנט מאָרואַ אַ סצענע פון זיין אָנקומען אין דער גימנאַזיע אין דער קרייז־שטאָט רואַן. אַלע

שילער זענען אויסגעשטעלט געוואָרן אין רייען און האָבן געזאָלט קודם־כל, פאַרן אָנהויבן די לימודים, אַריינקומען אין דער גימנאַזיע־קירכע פאַר אַ ספּעציעלער רעליגיעזער צערעמאָניע. ווען די שילער זענען געווען אויסגעשטעלט אין רייען, האָט דער דירעקטאָר אויסגערופן:

„אַפּטריניקעס, גייט אַרויס!"

די „אַפּטריניקע" — דאָס זענען געווען יידישע און פּראָטעסטאַנטישע שילער, וואָס האָבן נישט באַדאַרפט אַריינגיין צו דער צערעמאָניע אין דער קאַטוילישער קירכע.

ער דערמאָנט אויך קורץ אַז ער איז אין דער ערשטער צייט אין דער גימנאַזיע פאַרפאָלגט געוואָרן פון עלטערע שלעכטע יונגען, צוליב קנאה אויף זיינע אויסצייכענונגען און אויך צוליב אַנטיסעמיטיזם, וואָס איז דאַן אויפגעפלאַקערט געוואָרן צוליב דעם דרייפוס־פּראָצעס. ער איז אָבער פאַרטיידיקט געוואָרן פון אַנדערע שילער און האָט שפּעטער מער נישט געליטן צוליב דעם.

אַ גאָר וויכטיקע ראָל אין מאַרואָ׳ס — דאַן עמיל הערצאָג — גייסטיקער און אינטעלעקטועל־קינסטלערישער אַנטוויקלונג, האָט געשפּילט זיין לערער פון פילאָסאָפיע, שאַרטריער, וואָס איז שפּעטער באַקאַנט געוואָרן אַלס פילאָסאָף און שריפטשטעלער אונטערן נאָמען אַלען. מאַרואַ דערמאָנט אַלענען ביי אומצייליקע געלעגנהייטן. ער פאַררופט זיך אָפט אויף זיינע געדאַנקען און מיינונגען וועגן פאַרשידענע רעליגיעזע, קינסטלערישע און סאָציאַל־פּאָליטישע פּראָבלעמען, און האָט אויך געשריבן וועגן אים אַ באַזונדער ווערק.

אָט דער אַלען איז — ווי ס׳איז צו זען פון מאַרואָס באַשרייבונג — געווען אַ גאָר אייגנאַרטיקע פּערזענלעכקייט און מאָדנער דענקער, וואָס איז אין דער זעלבער צייט געווען אַ קאַטאָליק און אַ סאָציאַליסט. און אַזוי ווי אַלען האָט אויף אים געהאַט די גרעסטע השפּעה אין לעבן, אויף פאַרשידענע געביטן, האָט ער אויך נישט „פאַרפעלט" אים צו באַאיינפלוסן אין דעם רעליגיעזן געביט.

מאַרואַ דערמאָנט ערגעץ אַז אַלען „...איז געווען דער ערשטער צו אַנטדעקן די גרויסקייט פון דער קריסטלעכער דאָקטרין און האָט גורם

געווען, אַז איך זאָל אַקצעפּטירן אַזאַ גרויסן טייל פון איר". ער שרייבט אויך, ביי עטלעכע געלעגנהייטן, אַז אַלען האָט געלערנט, אַז די פאַר־שידענע רעליגיעס דאַרפן נישט באַטראַכט ווערן פון האָריזאָנטאַלן שטאַנד־פּונקט, דאָס הייסט ווי אַן אַנטוויקלונג אין דער צייט־רייע, נאָר פון „ווערטיקאַלן" קוק־ווינקל. אַלען האָט געשאַפן אַן אַרכיטעקטור פון רע־ליגיעס, אַ מין פּיראַמידע. און אין דער „פּיראַמידע" איז דער העכסטער פּונקט, „באַטירלעך", געווען — די קריסטלעכע רעליגיע, גענויער דער קאַטאָליציזם.

אויף איין שטעלע אין זיינע מעמואַרן האָט מאָרואַ אַזוי געשריבן:

„...איך האָב געדענקט, אַז אַ מענטש וואָס איז געבוירן געוואָרן אַלס ייד, דאַרף, אויב ער איז אויפריכטיק און ברייטהאַרציק, אַזויפיל און נאָך מער ווי אַן אַנדערער, פאַרשטיין און רעספּעקטירן די קריסטלעכע טראַ־דיציע".

ביי זיין גאַנצן פלירט מיטן קאַטאָליציזם, האָט אָבער מאָרואַ נישט געקאָנט אָננעמען די קריסטלעכע רעליגיע — קודם־כל, ווייל ער איז אין תוך געווען אַן אגנאָסטיקער, מיט געוויסע דעאיסטישע און מיסטישע ניואַנסן.

אין זיין בראשור, „דאָס וואָס איך גלויב". קומט צום אויסדרוק זיין אגנאָסטישע וועלט־אַנשויאונג צוזאַמען מיט געוויסע רעליגיעז־מיסטישע טענער. ער שרייבט, אַז ער קאָן זיך נישט פאָרשטעלן אַן אַלמעכטיק וועזן, וואָס האָט דורך אַ ספּעציעלן דעקרעט געשאַפן קאָך־באַצילן און אַנדערע פּעסט־באַשעפענישן און נאָך דעם, נאָך טויזנטער און מיליאָנען יאָרן אַריינגעוואָרפן אין דער פיינטלעכער וועלט אַ פילנדיקן און דענקענ־דיקן מענטש, און נאָך מאַכן אָט דאָס אומגליקלעכע באַשעפעניש פאַראַנט־וואָרטלעך צו זיין באַשעפער. ער ווייזט אָן, אַז ס'איז נישט פאַראַן קיין מאָראַל אין דעם וועלט־סדר און אַז „דער דונער און דער קאַנסער דערגרייכן פּונקט אַזוי אָפט דעם גוטן, ווי דעם שלעכטן". ער דריקט אויס די מיינונג, אַז די געטער, וואָס פעלקער האָבן פאַרערט אונטער פאַרשידענע פאָרמען, זענען געווען אָפּשפּיגלונגען פון די ליידנשאַפטן און נויטן פון די פאַרערער.

פון דער צווייטער זייט באַמערקט מאַרוואַ, אַז די אויפגאַבע פון רעלי־גיעס איז נישט צו לערנען דעם אמת וועגן דעם אוניווערס. ער ציטירט ביי דער געלעגנהייט זיין לייט־מאָטיוודיקן לערער, אַלען און אויך מאַלראָ, וואָס האָבן וואַרעמע ווערטער וועגן די מעלות פון די קריסטלעכע דאָגמעס — אויסער דעם אמת וועגן אוניווערס.

מאַרוואַ דערמאָנט אין דער אויבן־דערמאָנטער בראשור פאַלן פון הייליקע מענטשן און אידעאַליסטן און דערקלערט אַז זיי אילוסטרירן דאָס איבערמענטשלעכע. ער זאָגט, אַז ער איז גרייט צו באַצייכענען אָט דאָס אַלגעמיינע באַוווּסטזיין, אָדער געוויסן, אַלס גאָט. פון די עטלעכע עפּיזאָדן אין שילדערונגען פון זיין קינדהייט און יוגנט, ווי אויך פון זיין וועלט־בליק אין זיינע רייפע יאָרן, קאָן מען אפשר שאַפן א „שטודיע" פון זיין גייסטיקער פיזיאָנאָמיע.

אַנדרע מאַרוואַ האָט נישט געהאַט קיין שטאַרקע וואָרצלען אין יידישער טראַדיציע און יידישער פאַרגאַנגענהייט. ער באַשרייבט זיינע עלטערן ווי אויסערגעוויינטלעך פיינע, ערלעכע און איידעלע מענטשן. ער דערמאָנט אָבער גאָרנישט וועגן די יידישע אַספּעקטן אין דער היים פון זיינע עלטערן. אפילו דעם פאַקט פון זיין בר־מצווה־פייערונג האָט ער נישט דערמאָנט אין זיינע מעמואַרן. מען מוז אויך אָננעמען, אַז זיין לערער אַלען, וואָס האָט געהאַט אַזאַ קאָלאָסאַלע השפעה אויף דער פאָרמירונג פון זיין גייסט און כאַראַקטער, האָט פיל „געהאָלפן" אין דער ריכטונג פון אָפּקילן זיין יידישקייט און אָנוואָרעמען זיין באַציאונג צום קריסטנטום. דאָס איז נישט סתם קיין השערה, נאָר אַ פאַקט, וואָס ער האָט אַליין באַשטעטיקט.

טראַכטנדיק וועגן מאַרוואַ־הערצאָג, קומט אויפן געדאַנק אַ פאַרגלייך מיט דעם באַרימטן היינע, וואָס האָט זיך יאָ געשמדט. גראָד דער משומד היינע האָט אָבער אין זיך געהאַט אין תוך פיל יידישע שטריכן. זייט־ביי־זייט מיט זיין גיפטיקן סאַרקאַזם און לצניש־קראַנקן ציניזם, איז ביי אים געווען אַן אינטענסיווער כוח פון פרומען הומאַניזם, פון נביאיש־יידישן דערלייזונגס־דורשט, וואָס איז אָפט געקומען צום אויסדרוק אין זיינע שאַפונגען. אין דעם־אָ ליכט דאַרף געזען ווערן אַ דערשיטערנדיקער

בריוו, וואָס היינע האָט געשריבן פון זיין „מאַטראַצן־קבר״, אין וועלכן ער באַצייכנט זיך פּאַטעטיש, אַלס אן „אַלטער, קראַנקער און צעבראָכענער ייד״.

אַנדרע מאָרואַ, וואָס איז נישט איבערגעגאַנגען צום קריסטנטום פאָרמעל און איז דעריבער געבליבן אַ ייד, האָט אַרויסגעוויזן — און פאַר־מאָגט אַ סך וויי‌ניקער יידישקייט, אַ סך וויי‌ניקער שייכות מיט די רינגען פון דער גייסטיקער יידישער דורותדיקייט פון יידישע שעפערס, פּאָעטן, פילאָזאָפן און פערזענלעכקייטן אויף אַנדערע געביטן, ווי דער משומד היינע.

דער אונטערשיד צווישן זיי איז נישט בלויז וואָס היינע איז געווען אַ גרעסערע שרייבעריש־קינסטלערישע פערזענלעכקייט, ווי מאָרואַ, וועל־כער האָט, ביי זיין גאַנצער אויסגעצייכנטקייט, פאָרט געהאַט אין זיך מער דאָס סינטעטישע, ווי דאָס אָרגאַניש־קינסטלערישע; דער אונטערשיד צווישן זיי איז אויך, וואָס היינע דער געטויפטער ייד האָט אין זיין שאַפונג און אין זיינע עמאָציעס זיך געפילט יידיש, בעת מאָרואָס יידישקייט איז בלויז באַשטאַנען אין דעם וואָס ער האָט זיך נישט געשמדט. וואָס שייך אָבער יידישן באַוווסטזיין און יידישער עמאָציע, זענען זיינע קנאַפּע באַהויפּטונגען אויף דעם געביט — אַ ביסל טונקל, טוכלע, באַשפּריצט מיט קאַטוילישן ווייַרעך.

ליטעראַטור־

און קולטור־פּראָבלעמען

די פּראָבלעמאַטיק פון פּלאַגיאַט

די פּראָבלעם פון פּלאַגיאַט איז גאָר אַלט, אפשר אַזוי אַלט ווי ס'איז ליטעראַטור. און מען דאַרף טאַקע רעדן וועגן פּראָבלעם פון פּלאַגיאַט, ווייל די דערשיינונגען זיינען נישט אַזוי פּשוט, ווי עס קאָן זיך אויסווייזן אויפן ערשטן בליק.

פאַרשטייט זיך, אַז פּלאַגיאַט איז נישט קיין פּראָבלעם, ווען מען האָט צו טאָן מיט זיין פּרימיטיוועסטער און וווּלגאַרסטער פאָרם — איינפאַכע גניבה פון פאַרשיידענע ליטעראַרישע „בוי־מאַטעריאַלן": געדאַנקען, ביל־דער, שילדערונגען און אַזוי ווייטער.

ווי אַ מוסטער פון דעם סאָרט פּלאַגיאַט איז געבליבן אין מיין זכרון אַ געשיכטע פון אַ חבר פון די יוגנט־יאָרן, וואָס האָט איינמאָל מיר געלייענט אַ ליד, וואָס ער האָט „אָנגעשריבן"... פון אַ זאַמלבוך. איך האָב דאַן געדענקט, אַז כ'האָב דאָס ליד געלייענט אין אַברהם רייזינס „ליטע־ראַטור פון 20סטן יאָרהונדערט".

דער פּלאַגיאַטאָר איז געווען אַ יינגל און די ליטעראַרישע גניבה — אַ יינגלערישע. אָבער יעדער מין פּלאַגיאַט פון דעם מין איז יינגלעריש אין זיין אומבאַהאָלפענעם געמיש פון כיטרעקייט און נאַאיוויטעט, ווייל סוף כל סוף ווערן אַזעלכע גניבות אַנטדעקט און דער „מחבר" קריגט זיין פּסק.

עס זיינען אָבער פאַראַן אַנדערע, ראַפינירטע אופנים פון פּלאַגיאַט, ווען די ליטעראַרישע גנבים, ווייסן ווי אַזוי אָפּצווישן די שפּורן וואָס פירן צו די קוואַלן. אָט דער מין איז, נאַטירלעך, פיל געפערלעכער פון דעם פּרימיטיוון, יינגלערישן פּלאַגיאַטאָר.

אַזוי ווי די צוויי פאָרמען קאָנען באַצייכנט ווערן אַלס דירעקטער פּלאַגיאַט, שטעלן זיי מיט זיך נישט פאָר קיין פּראָבלעם, נאָר אַ דער־

שיינונג, איינע פֿון די פּאַראַזיטישע דערשיינונגען, וואָס זיינען כאַראַק־טעריסטיש פֿאַרן גייסטיקן, ווי פֿאַרן פֿיזישן לעבן.

די פּראָבלעמאַטיק הייבט זיך אָן, ווען עס האַנדלט זיך נישט וועגן אומעטישע און אומעסטעטישע פֿאַרמען, נאָר וועגן אומבאַוווסטזיניקן פּלאַגיאַט, ווען אַ שרייבער ווערט אַזוי שטאַרק באַאיינפֿלוסט פֿון אַ ווערק, אַז ער אַבסאָרבירט אין זיך געוויסע אידייען אין זיין באַוווסטזיין, און בילדער מעטאַפֿאָרן אין זיין אונטערבאַוווסטזיין. עס איז דעריבער מעגלעך, אַז דער שרייבער זאָל אין אַ צייט אַרום באַנוצן די געבאָרגטע מאַטעריאַלן און אינסטרומענטן אין גוטן גלויבן, אַז דאָס איז זיין אייגן אייגנטום. פֿאַרשטייט זיך, אַז אין אַזעלכע פֿאַלן איז דאָס שווין אַ שווער פּראָבלעם און סתם צו באַשולדיקן אין באַוווסטזיניקן פּלאַגיאַט די אידייען און בילדער־„באָרגערס" איז נישט יושרדיק. פֿאַראַן אויך פֿאַלן פֿון שטאַרקע איינפֿלוסן פֿון גרויסע טאַלאַנטן אויף ליטעראַרישע „פּיע־כאַטניקעס". אין דעם פֿאַל איז דאָס אַ דערשיינונג פֿון נאָכמאַכן געוויסע מאַנעריזמען, באַציונגען און אַזוי ווייטער. דאָס איז נישט קיין דערשיינונג פֿון פּלאַגיאַט, נאָר פֿון מאָדישער „נאָכמאַכונג".

אין די 20ער און די 30ער יאָרן זיינען אין דער יידישער ליטעראַטור אין פּוילן שטאַרק פּאָפּולער געווען די שאַפֿונגען פֿון משה לייב האַלפּערן און משה קולבאַק. און די איינפֿלוסן זיינען געווען און וועלן בלייבן באַרעכטיקט, ווייל די צוויי פּאָעטן געהערן צו די שטאַרקסטע אין דער יידישער ליטעראַטור. זיינען אָבער די איינפֿלוסן — אין זיך אַליין, נאָר־מאַלע דערשיינונגען — אָפּט פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין עפּיגאָנישער נאָכ־מאַכעריי הגם נישט זעלטן אין טאַלאַנטירטער נאָכמאַכעריי.

איז געווען אַ מאָדנע דערשיינונג, וואָס כמעט יעדער יונגער דיכטער אין יענע יאָרן האָט געשריבן עפּישע לידער וועגן טיפּן, וואָס האָבן געהייסן: הערש־לייב, הערש־בער אָדער לייב־בער, אויפֿן מוסטער פֿון די פּראָלעטאַריש־האַרעפּאַשנע „בערן", „לייבן" און „הירשן" פֿון משה־לייב האַלפּערן און משה קולבאַק.

אויך אין אַזעלכע פֿאַלן איז דער ענין פּראָבלעמאַטיש. עס איז דאָ שווער אָנצוווענדן די באַצייכענונג פּלאַגיאַט. פֿאַקטיש איז אין אַזעלכע

פאַלן פּאַסיקער צו רעדן וועגן איבערטריבענעם איינפלוס פון גאַר שטאַרקע טאַלאַנטן אויף יונגע שרייבער, וואָס זיינען אין פּראָצעס פון שעפערישן וווּקס און אַנטוויקלונג און ווערן מיטגעצויגן אין דעם קינסט־לערישן „אָרביט" פון אַ מאַגנעטישן פּאָעטישן שטערן.

עס איז אַ פאַקט אַז אַ געוויסע פאָרם פון ליטעראַרישן פּלאַגיאַט — דער טעמאַטישער פּלאַגיאַט — איז אַ „געזעצלעכע" דערשיינונג אין דער ליטעראַטור און איז געוואָרן באַנוצט פון גאָר־גרויסע שרייבערס, דעם סאַמעראַדנעם שעקספּיר אַריינגערעכנט. עס איז באַקאַנט, אַז דער גאַון פון דער דראַמע האָט גענומען דעם שטאָף און די טעמעס פון זיינע גרויסע ווערק אויף רעכטס און אויף לינקס. גרויסע עפּאָסן — אָנהייבנדיק פון האָמערס „איליאַדע" — איבער די ווערק פון סאָפאָקלעס, עסכילאָס, ווירגיל און אַנדערע שרייבער אין אַלטערטום — זיינען געקומען פון די טיפע אוצרות פון מיטאָלאָגיע און פאָלקס־לעגענדעס. אַזעלכע „פּלאַגיאַטן" זיינע געוועזן געטעס „פאַוסט", שאַרל דע קאָסטערס „טילולענשפּיגל" און אַנדערע גרעסערע און קלענערע ווערק. עס פּאַסירט אויך אָפט אַז שריי־בערס נעמען די טעמעס פון דער צווייטער אָדער דריטער האַנט, ווי דאָס איז די אייביקע פּאָעטיש־דראַמאַטישע געשטאַלט פון פּראָמעטעוס, די דעמאָנישע פאַוסט פיגור, וואָס זיינען „אויסגעבאָרגט" געוואָרן פון שעלין, געטען און אַנדערע.

דער בלויזער פאַקט וואָס דריי פון די סאַמע גרעסטע נעמען אין דער גאַנצער וועלט־ליטעראַטור — שעקספּיר, געטע און שעלי — זיינען געוועזן טעמע־באָרגערס, באַווייזט אַז דאָס איז אויסער די ראַמען פון דיסקוסיע און ס'איז נישט שייך צו באַצייכענען אַלס פּלאַגיאַטאָרן שעקספּירן און זיינס גלייכן.

עס איז פאַראַן אַ גאָר באַזונדערע דערשיינונג פון אומגערעכטן פאַרדאַכט אין פּלאַגיאַט. דאָס זיינען די פאַלן — און גאָרנישט קיין זעלטענע — ווען געדאַנקען, בילדער און פאַרשיידענע אַנדערע אויסדרוקס־פאָרמען פון שרייבערס קומען זיך צונויף, אַזוי צו זאָגן, אין צייט און שטח. עס פּאַסירט, אַז שרייבער — פאַרשיידענע אין באַדייטונג און פאַרנעם — זאָגן אַרויס ענלעכע געדאַנקען, אַנטפּלעקן ענלעכע זעאונגען, לייכטן אויף

מיט ענלעכע אָדער אַפילו די זעלבע מעטאַפאָרן, ווען עס איז נישט פאַראַן אפילו קיין שאָטן פון פּלאַגיאַט־פאַרדאַכט, ווייל עס גייט אין די פאַלן פון גוטן גלויבן, פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט און אַ מינימום פון זעלבסט־רעספּעקט, וואָס שליסן אויס די מעגלעכקייט פון מיאוסער ליטעראַרישער גניבה.

ס'איז געגנוג אָנצוווייזן אויף „פּאַראַלעלע" ווערטלעך פון „פאָלקסמויל" און אויך אויף אַפאָריזמען פון פאַרשיידענע דענקער, וואָס זיינען נישט געקומען אין באַרירונג, און מען מוז אָננעמען, אַז עס האַנדלט זיך אין גייסטרייכע אויפבליצן און טיפע געדאַנקען, וואָס האָבן זיך אַנטפּלעקט צו שעפערישע פּערזענלעכקייטן, אומאָפּהענגיק איינער פון צווייטן.

עס זיינען פאַראַן אַ סך מאָראַלישע און אינטעלעקטועלע פּערל פון פּרק און אַנדערע יידישע קוואַלן, וואָס מען קאָן געפינען אויך ביי די אַלטע גריכן און רוימער. געגנוג צו דערמאָנען דעם איזהו גיבור, הכובש את יצרו פון פּרק און דעם לאַטייניש פאַרטיס קווי סע ווינקיט, וואָס האָט די זעלבע באַדייטונג. הלל הזקנס פּרינציפּ, מה דעליך סני, לחברך לא תעביד געפינט מען — אין דער זעלבער פאָרם ביים כינעזער קאָנ־פוציוס און אין לאַטייניש: קוואָד טיבי פיערי נאָן וויס, אַלטערינע פאַקעריס.

איזה עשיר, השמח בחלקו, דער שיינער זאָג פון פּרק, ווערט כמעט ווערטלעך אויסגעדריקט אין לאַטיינישן אַפאָריזם: סאַטיס דיוויטיאַרום עסט, קווי ניהיל אַמפּליוס וועלע.

עס וועט קלינגען פאַנטאַסטיש, צו באַווייזן, אַז שעקספּיר און... דער יידישער חכם ר' ידעיה הפניני האָבן באַנוצט, כמעט ווערטלעך דאָס זעלבע בילד. שעקספּירס „האַמלעט" רופט אויס, אַז ער וואָלט געקאָנט זיין אין דער שאָל פון אַ נוס און זיך פילן דער האַר פון אומבאַגרענעצטע שטחים. ר' ידעיה הפניני הייבט אָן זיין פילאָזאָפיש־עטישן „בחינות עולם" מיט אַ שיין פּאָעטיש בילד וועגן אַן עלית קיר קטנה — אַ קליין בוידעם־שטיבל און אַן אומבאַגרענעצטן וועלט־האָריזאָנט (ביידע ציטאַטן זיינען פון זכרון און איך בין נישט זיכער, — באַזונדערס אין לעצטן ציטאַט, וועגן דעם פולן טעקסט).

די עטלעכע ביישפּילן ווייזן, אַז מען האָט דאָ פאַר זיך אַן אייביקן נאַטירלעכן פענאָמען פון גייסטיקער און קינסטלערישער פּילפּאַכיקייט, פון אייגנאַרטיקע אינטעלעקטועלע און ליטעראַרישע אויפבליצן און זע־אונגען, וואָס קומען פאָר ביי פאַרשיידענע מענטשן.

סערגיי וואָראָנאָף, דער רוסישער פיזיאָלאָג, וועמענס נאָמען איז פאַרבונדן מיט דריזן־איבערפלאַנצונגען, האָט אויך געפרווּווט „איבער־פלאַנצן״... אַ טעאָריע פון געדאַנקען, וואָס זיינען אַ מין עלעקטרישע אויסשטראַלונגען פון מענטשלעכע מוחות וועלכע שוועבן אין רוים און קאָנען אויפגעכאַפּט ווערן פון אַנדערע מענטשן אין יאָרהונדערטער אַרום.

מוז מען נישט אָננעמען אָט די מאָדנע טעאָריע פון מאַטעריעלע געדאַנק־עלעקטראָנען, וואָס וואַנדערן אין וועלט־רוים, כדי צו אָנער־קענען אַז געוויסע פאָרמען פון גייסטיקער ענערגיע, געוויסע געדאַנקען, עמאָציעס און בילדער קאָנען קומען צו פאַרשיידענע מענטשן — אומ־אָפּהענגיק פון זייער גייסטיקן פאַרנעם.

איך וויל נאָך צוגעבן פון מיין אייגענער דערפאַרונג אַ צאָל ענלעכע פאַקטן.

איך האָב געפונען אין איינעם פון געטעס ווערק אַ זאַץ, וואָס כ׳האָב געשריבן וועגן מאַרקוס אורעליוס: „געדאַנק איז ביי אים געווען אַ ריכטשנור פון טאַט, און טאַט — אַ וועריפיקאַציע פון געדאַנק. (אויף וויפל איך געדענק איז דער געדאַנק ווערטלעך אויסגעדריקט „אין געטעס „דיכטונג און אמת״ אָדער „ווילהעלם מייסטערס לערן־יאָרן״).

איך האָב געפונען ביים פראַנצויזישן שרייבער פראַנסואַ מאָריאַק, אין איינעם פון זיינע עסייען, אַ באַצייכענונג פון טשעכאָוון: „דער שאָפּען פון דער ליטעראַטור״. די זעלבע באַצייכענונג האָב איך געגעבן וועגן דעם גראַציעזן רוסישן שרייבער אין אַ קורצן עסיי וועגן אים.

איך האָב געלייענט אין הערבערט ריעדס: „די צענטע מוזע״, אַן אינטערעסאַנטן עסיי וועגן דער מאָדערנער מאָלעריי. דער פילזייטיקער ענגלישער שרייבער האָט דאָרט דערקלערט, אַז די אַבסטראַקטע מאָלעריי

איז אַ געוויסער אויסדרוק פון דעקאָמפּאָזיציע, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אונדזער אַטאָמישער עפּאָכע. ער האָט אויך פאַרגליכן די אַבסטראַקטע קונסט וואָס יעדער קאָן זען אין איר וואָס ער פילט מיט די ראָכשאַך־פלעקן, וואָס פּסיכיאַטאָרן ווייזן זייערע פּאַציענטן, כדי צו זען וועלכע אַסאָציאַציעס, די כאַאָטישע פאַרבן־קאָמבינאַציעס און קאָנטורן רופן אַרויס ביי זיי און אויף דעם גרונט זען, „ווו דער שוך קוועטשט" זיי.

עס איז מאָדנע, וואָס איך האָב — אין געדאַנק — געהאָט די זעלבע צוויי באַצייכענונגען פאַר דער אַבסטראַקטער מאָלעריי.

אין „ווידערשטאַנד" האָב איך פאַרגליכן דעם רום פון לאַנג פאַר־שטאָרבענע שרייבער מיט די שטראַלן פון שטערן, וואָס גרייכן צו אונדז, ווען יענע זיינען שוין אויסגעלאָשן. דעם זעלבן פאַרגלייך, אין די זעלבע ווערטער האָב איך שפּעטער געפונען אין אַ זאַמלונג קריטישע עסייען פון אַנדרעי זשיד.

איך האָב אַמאָל געשריבן וועגן אַטעאיסטן, אַז:

„נישט: זיי גלויבן נישט אין גאָט, נאָר זיי גלייבן אַז ס'איז קיין גאָט נישט פאַראַן..."

איך האָב דאָס אין אַ צייט אַרום געזען — אין אַן ענלעכער פאָרם — ביים איטאַליענישן שרייבער אַלבערטאָ מאָראַוויאַ. ער האָט זיך אויס־געדריקט, דוכט זיך, אַז „ער גלויבט אַפילו נישט אין אַטעאיזם".

אין דער יידישער ליטעראַטור האָב איך זיך געכאַפּט ביי אַ כשרן „פּלאַגיאַט" פון עטלעכע באַרימטע שרייבער.

אין אַ פּאָלעמיק האָב איך ערגעץ דערמאָנט וועגן געוויסע שרייבע־רישע בעל־תשובהס, וואָס גייען צוריק — הינטערווייסלעכס. איך האָב דאָס אויך (נאַטירלעך שפּעטער) געזען ערגעץ ביי משה נאַדירן.

דעם אונטערשייד פון קאָנען און קענען, אין באַציונג צו שרייבן, האָב איך באַנוצט אין אַ בריוו. אָבער איך האָב מיך „געפּאַקט", אַז כ'האָב ווערטלעך „ציטירט" שלום־עליכמען, פון זיינעם אַ בוך וועגן יידישע שרייבער.

צום סוף — נאָך אַ פּיקאַנטן פאַל.

ד״ר א. א. ראָבאַק האָט מיר אַמאָל געשריבן וועגן אַ געוויסן „משה נאַדיריזם״ אין מיין שרייבן. איך האָב אים דערויף געענטפערט, אַז כ׳האָב אַ געוויסע נאַדירישע נייגונג צו ווירטואָזיטעט, אָבער מיר איז פרעמד זיין אויף־צו־לאַך־עסדיקער ציניזם. אַזוי ווי כ׳האָב געשריבן די צוויי „וואָרן״ פון „ווירטואָזיטעט״ ווי דעם ענגלישן בוכשטאַב „ווי״, איז ביי ראָבאַקן אויסגעקומען, אַז איך האָב געשריבן: „טאַרטואָזיטעט״ (געשלעג־גלטקייט, לערך). נו, האָט ער אין אַ רעצענזיע געגעבן אַ וויסנשאַפטלעכע לעקציע וועגן „טאַרטואָזיטעט״.

דאָס איז בלויז די קאָמישע זייט פון דעם ענין.

אַ פאַקט איז אָבער, אַז אין אַ צייט אַרום האָב איך דעם אויסדרוק געזען אין אַן אַרטיקל פון יעקב גלאַטשטיין, דוכט זיך אין „יידישן קעמפער״. איך האָב אין מיין בריוו זיכער נישט געקאָנט גנבענען ביי גלאַטשטיינען, ווייל איך האָב דאָס געזען אַ היפּשע צייט שפּעטער.

די אַלע באַווייזן — פאַרשטאַרקט אויפן גרונט פון פערזענלעכע דערפאַרונגען פון באַנוצן אויף אַן אומשולדיקן אופן די זעלבע געדאַנקען און פאַרגלייכן ווי באַרימטע וועלטלעכע און יידישע שרייבער — האָבן מיר איבערצייגט אין דער פּלוראַליטעט פון ליטעראַרישע אויסדרוקן, פאָרמען, וואָס קאָנען דערשיינען גלייכצייטיק אין פאַרשיידענע צייטן און ערטער.

דער גייסטרייכער פראַנצויזישער „פיליגראַן״־עסייִסט און כאַראַק־טער־פּאָרטרעטיסט, לאַבריער האָט אָנגעהויבן זיין מייסטערווערק־כאַראַק־טערן מיט דעם לאַקאָנישן זאַץ:

„אַלץ איז שוין געזאָגט געוואָרן״.

פאַקטיש איז לאַבריערס סטיל, אין אַ געוויסן זין, אַליין אַן אַפּלייקער־נונג פון דעם זאַץ, אין זיין גרויסער באַשיידנקייט האָט ער זיין ווערק געגעבן ווי אַ „קונטרס״, אַ זייטיקן צוגאָב צו אַ ווערק פון דעם גריך טעאָפראַסטוס, וואָס ער האָט איבערגעזעצט. ס׳איז נישט קיין סוד, אַז

לאַבריער איבערשטייגט זיין לערער אין הינזיכט פון קינסטלערישקייט און בליציקער כאַראַקטעריסטיק.

מען קאָן דעריבער זאָגן אַז אַלץ איז שוין געזאָגט געוואָרן — סיי יאָ און סיי ניין. און אפילו, אויב ס׳איז שוין געזאָגט געוואָרן — ווי ס׳באַווייזן די פאַלן פון באַרעכטיקטן „פּלאַגיאַט״ — איז דאָס אַ נייע דערשיינונג און ווערט וואַריאירט ביי פאַרשיידענע שרייבער.

מען מוז דעריבער קומען צום שלוס, אַז מען דאַרף דעם ענין פּלאַגיאַט באַטראַכטן זייער פאַרזיכטיק און מיט דער געהעריקער אָפּשאַצונג פון די באַזונדערע פאַלן. און אַוודאי איז די באַצייכענונג נישט פּאַסיק פאַר די פאַלן פון אינטעלעקטועלער און עמאָציאָנעלער פּלוראַליטעט, וואָס זיינען פריער דערמאָנט געוואָרן.

וועגן שרייבער־האָנאָראַר

דער גייסטרייכער פראַנצויזישער כאַראַקטער־פּאָרטרעטיסט לאַבריער האָט געשריבן, אַז קיין זאַך באַווייזט נישט אַזוי דייטלעך די באַציִונג פון מענטשן צום שריפטשטעלער, ווי די באַלוינונג, וואָס ער קריגט פאַר זיין ווערק. און דער שאַרפער מענטשן־קענער באַמערקט דערביי: „נישט פאַראַן קיין שום באַשעפטיקונג, ווי נידעריק זי זאָל נישט זיין, וווּ דער לוין דערפון איז נישט בעסער און זיכערער, ווי דער שרייבערישער באַרוף".

זינט לאַבריערס ביטערער באַמערקונג — מיט אַן ערך 300 יאָר צוריק — האָט זיך די לאַגע פון דעם שרייבנדיקן האָרעפּאַשניק שטאַרק געענדערט צום גוטן, בכל אופן אין דעם מאַטעריעלן אַספּעקט. מיר ווילן דאָ נישט ריידן פון די ביליק־שונדישע מאַרקביכער און זייערע מחברים. אָבער ס'איז פאָרט פאַראַן אַ נאָרמאַלער ביכערמאַרק ביי אַנדערע — גרעסערע און קלענערע פעלקער, אָפּגעזען פון צייטשריפטן און טעגלעכער פרעסע, וואָס צאָלן פיינע האָנאָראַרן, און פון אומדירעקטן שכר־סופרים אין דער פאָרם פון רעגירונג־שטיצע, סטיפּענדיעס אאַ"וו.

עס זיינען געווען שרייבערס, וואָס האָבן זיך אַרויסגעזאָגט קעגן אָט דער אינסטיטוציע פון ליטעראַרישן האָנאָראַר. אָבער דאָס זיינען געווען שעפערס מיט אַן עקסטרעמען אומאָפּהענגיקייט־קאָמפּלעקס, ווי רוסאָ, אָדער רייכע אַריסטאָקראַטן, ווי בייראָן, וועלכע האָבן נישט געוואָלט באַטראַכט ווערן ווי פּראָפעסיאָנעלע שרייבערס.

בדרך כלל האָט סעמועל דזשאָנסאָן געטראָפן אין פינטל מיט זיין אַ ביסל ברוטאַלן זאָג, אַז „קיינער שרייבט נישט סיידן פאַר געלט, אַחוץ אַ שוטה".

אַקצעפּטירן דזשאָנסאָנס פעסטשטעלונג (אין זיין דראַסטישער פאָרם) מיינט נישט צו נעמען זי אין אַ „קערנדל זאַלץ". דאָס הייסט נישט, אַז

מען דאַרף פאַרקויפן די פעדער און שרייבן קעגן דעם קינסטלערישן אמת, קעגן דעם אייגענעם געוויסן און גוטן געשמאַק. דער שרייבער פאַרוואַנדלט זיך דאַן אין אַ „סוטענער‟, וואָס לעבט פון דער מוזעס פאַרדינסטן. דאָס מיינט בלויז, אַז שרייבן, וואָס איז סיי אַ גייסטיקע און סיי אַ פיזישע אַרבעט, דאַרף ווי געהעריק באַלוינט ווערן. און עס גייט, פאַרשטייט זיך, נישט בלויז וועגן אַזעלכע קינסטלערס פון דער „ערשטער גילדע‟, ווי אַ פושקין, אַ גאָגאָל, וואָס האָבן גענומען די „גאָלדענע רענדלעך‟ פאַר אַ וואָרט (אגב, איז ביי זיי אויך געווען אַ רענדל — אַ וואָרט). און אַפילו נישט פון אַ העמינגוועי, וואָס האָט אַריינגעקראָגן ריזיקע האָנאָראַרן סיי פון זיינע ליטעראַרישע ווערק און סיי פון זשור־נאַליסטישער אַרבעט ווי אַ מלחמה־קאָרעספּאָנדענט. בעת דעם שפּאַנישן בירגערקריג האָט ער געקראָגן צו אַ דאָלאַר פון אַ וואָרט פאַר זיינע רעפּאָרטאַזשן וועגן די קאַמפן. (ער האָט אָבער נישט געשריבן אַ רענדל אַ וואָרט...).

אין געוויסע פאַלן האָבן באַרימטע שרייבערס פאַרוואַנדלט זייער שעפערישע ברכה אין אַ קללה, צוליב פינאַנציעלע טעמים. זיי האָבן איבערגעצויגן דאָס שטריקל און אונטערגעגאַנגען אונטער דער ריזיקער לאַסט פון זייער סיזיפישער אַרבעט. דאָס איז געווען דער פאַל מיט וואַלטער סקאָט, וואָס האָט זיך אונטערגענומען צו צאָלן חובות אויף דער סומע פון 117,000 פונט שטערלינג, זייענדיק פאַרוויקלט אין אַ באַנ־קראָט, אין וועלכן ער איז נישט געווען יורידיש פאַראַנטוואָרטלעך. ער האָט באַוויזן אין משך פון 6 יאָר אָפּצוצאָלן די גרעסערע העלפט פון דער סומע דורך העראָישע אָנשטרענגונגען און דאַן אויסגעגאַנגען פון פאַרמאַטערונג.

אַן ענלעכער פאַל, ביי אַנדערע באַדינגונגען, איז געשען מיט באַלזאַקן (ער האָט גראָד נישט געצאָלט זיינע חובות), וואָס איז געפאַלן אונטער דער משא פון זיין טיטאַנישער אַרבעט אין עלטער פון 51 יאָר.

אָבער אין אַלגעמיין איז דער ערלעך־פאַרדינטער האָנאָראַר נישט בלויז אַ גוטער סטימול פאַרן שרייבער, נאָר אויך — אין אַ געוויסער

מאָס — אַ באַריערע קעגן גראַפאָ־פּאַרפּלייצונגען, וואָס באַדראָען כסדר די פּרוכטיקע ליטעראַרישע טאַלן.

*

לאַבריערס שאַרף־אַנאַליטישער לאַנצעט שניידט זיך איין אין דעם ווילדפלייש פון אומגעזונטע דערשיינונגען און זיינע אמתדיקע ווערטער זיינען באַזונדערס טרעפלעך פאַר די באַדינגונגען אין אונדזערע ליטעראַרישע געמאַרקן, ווו דער „למה זה אנוכי״ האָט אויך אַ מאַטעריעלע דימענסיע. דאָס דערמאָנט אין דעם תלמודישן בת־קול, וואָס באַקלאָגט זיך, אַז „כל העולם ניזון בשביל חנינא בני, וחנינא בני דיו בקב חרובים משבת לשבת״ (די גאַנצע וועלט שפּייזט זיך אין זכות פון חנינא מיין זון, אָבער פאַר חנינאן איז גענוג אַ שטיקל באָקסער פון שבת צו שבת). אַזוי פיל ווערט גערעדט וועגן ליטעראַטור — אָבער דער שעפערישער מענטש אַליין ווערט פאַרגעסן.

אין אָנהייב פון דעם יאָרהונדערט האָט שלום עליכם זיך באַקלאָגט, אין אַ בריוו צו אַ רעדאַקטאָר פון אַ יידישער צייטונג אין אַמעריקע, אַז אין דער גאָלדענער מדינה זיינען שרייבערס דער צום מערסטנס אונטערגעדריקטער און עקספּלואַטירטער קלאַס. אָבער דער אמת איז, אַז ווען עס גייט וועגן יידישע שרייבערס איצט, איז דאָס נישט בלויז אין אַמעריקע. אמת, נעמענדיק אין באַטראַכט דעם פאַקט, אַז יידישע ליטעראַטור האָט נישט קיין „מאַרק״, קיין ברייטע מאַסן־באַזע, איז דער קלאָגעדיקער מאַטעריעלער מצב, דאָס פעלן פון אַ געהעריקן שכר־סופרים, פאַרשטענדלעך. דאָס איז אָבער נישט באַרעכטיקט. קולטיווירן דאַרף מען נישט בלויז אַגראַר־פּראָדוקטן, נאָר אויך... קולטור; נישט בלויז פיזישע, נאָר אויך גייסטיקע פלאַנצן. קיין שום באַמבאַסטישע רייד, קיין שום המשך־דעקלאַמאַציעס וועלן נישט האָבן קיין קיום, ביז עס וועט נישט גענומען ווערן אין באַטראַכט דער הרמת קרן הליטעראַטור, דורך דערהייבן די מערכה פון דעם שרייבער. אָן בינען וועט נישט זיין קיין האָניק — סיידן קינסטלעכער.

ס׳איז נישט געווען צו באַערן דעם שרייבער פֿאַר זיין ווערק, מען מוז אים אויך האָנאָרירן. צוליב דעם אַבסטראַקטן ליטעראַטור־וואַלד זעט מען נישט די קאָנקרעטע שעפֿערישע ביימער. אַ ניי לעבן דאַרף אַריינגעהויכט ווערן אין אונדזער קולטור דורך ווידער עטאַבלירן אונדזער אַלטע אינסטיטוציע פֿון שכר־סופֿרים.

אַן אַלטער מחבר וועגן סטיל

די וויסנשאַפט פון שרייבערישע פאָרמען דאַטירט פון אַריסטאָטעלן און איז אונטער פאַרשיידענע נעמען אויסגעברייטערט געוואָרן אין פאַרלויף פון יאָרהונדערטער אין אַ פאַרצווייגטער נעץ פון טראַקטאַטן און פאָרשונגען. איינע פון זיי איז די טעאָריע פון עסטעטיק, וואָס איז, צווישן אַנדערע, באַהאַנדלט געוואָרן פון אַ ריי פילאָסאָפן און איז אַן אינטעגראַלער טייל פון זייערע פילאָסאָפישע סיסטעמען.

אויף אַ גרויסן טייל פון די גראָב־בייכיקע טראַקטאַטן קאָן מען, נישט קוקנדיק אויף זייער ערודיציע און געדאַנקלעכער געשיקטקייט, זאָגן, אַז זיי זיינען ספּעקולאַטיווע פילאָזאָפיעס אין דעם זין, וואָס אַ מאָל פאַרלירט דער „ספּעקולאַנט" אין גאַנצן זיין פאָרמעגן אין די אויפגעשרויפטע פּתּום ורעמסס. און דער באַקאַנטער פּסוק פון געטעס „פאַוסט": „גרוי, מיין פריינד, זיינען אַלע טעאָריעס און גרין איז דער גאָלדענער בוים פון לעבן" — קאָן מיט רעכט אָנגעווענדט ווערן אויף די גרויע טעאָריעס פון עסטעטיק, וואָס באַמיען זיך צו פאַנגען די קוועקזילבערדיקע און גינגאָל־דענע שיינקייט פון וואָרט, פאַרב און קלאַנג.

ביי טייל מעטאָדישע דערקלערונגען איז עס נאָך ערגער, און סיי די שרייבערס, סיי די לייענערס קומען אַרויס בשן ועין. די שרייבערס פון דעם מין אַנאַליזירן אַזוי בפרטיותדיק, אַז עס בלייבט ממש גאָרנישט.

און עס איז געווען אַ וויסנשאַפטס־מאַן, ד"ר אַלפרעד אַדלער, וואָס האָט געהאַלטן, אַז דער רייץ פון אַ קונסט־ווערק באַשטייט אין זיין סינטעז און צענעמענדיק אים, נעמט מען אַוועק זיין עיקרדיקן מהות.

וואָס זאָל מען נאָך זאָגן וועגן פּרעטענציעזע ליטעראַטור און קונסט־טעאָריעס, וואָס מאַכן נאָך פאַרנעפּלטער דעם ענין, וואָס זיי ווילן דער־קלערן? אויף אָט דעם אופן שרייבן האָט דזשאַן דריידען זייער בילדעריש באַמערקט:

„ער גיט אונדז זייער אָפּט אַ האַרטע נוס צו ברעכן אונדזערע ציין און אַ קערנדל פאַר אונדזערע מאַטערנישן".

עס איז דעריבער אַ גרעסערער געגוס צו לייענען פון צייט צו צייט אַן אומפּרעטענציעזע אַרבעט פון אַ קאָמפּעטענטן שרייבער, וואָס באַהאַנדלט די דעליקאַטע ענינים אויף אַ לייכטן, קלאָרן און טרעפלעכן אופן. און אויב דאָס איז אַן אַלט בוך, איז עס אָבער נישט קיין פאַרעלטערטס.

אַזאַ פאַרגעניגן האָב איך געהאַט אַנומלט לייענענדיק דאָס דינע העפטל „וועגן סטיל" פון דעם גריכישן שרייבער דעמעטריוס.

דאָס איינציקע אומקלאָרע ביים מחבר איז זיין... אידענטיטעט. טייל האַלטן, אַז דאָס איז געווען דעמעטריוס פון פאַלעראָן (אַרום 300 פ"ק). אַנדערע האַלטן, אַז דאָס ווערק שיינט צו זיין פון אַ שפּעטערדיקער דאַטע און אַז דער מחבר איז געווען דעמעטריוס פון טאַרסוס, אַ פריינד פון פּלוטאַרכן, וואָס האָט געלעבט אין 1טן יאָרהונדערט פון דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג.

דעמעטריוס באַהאַנדלט אין זיין ווערק פאַרשיידענע פאָרמען און אַספּעקטן פון ליטעראַרישער שאַפונג. און די הויפּט־מעלה פון זיין סטיל־טעאָריע איז — זיין אייגענער סטיל, וואָס איז קלאָר, פּרעציז, זאַכלעך און פול מיט טרעפלעכע בילדער און פאַרגלייכן. בילדערישקייט, פיינע פאַרגלייכן און מעטאַפאָרן געהערן צו פּרפאות לחכמה און זיינען אַן אויסגעצייכנטער מיטל פאַר גייסטיקער פאַרדייונג. אַזוי איז אויך דעמעטריוס גרויסער אויפטו — זיינע כסדרדיקע אילוסטראַציעס און אויסצוגן פון די אַלטע גריכישע קלאַסיקערס. דער לייענער קריגט אַ באַשיימפּערלעכן ביישפּיל פאַר יעדער הנחה, און דאָס גיט־צו זיינע אויספירן וואָגיקייט.

עס איז כדאי צו ברענגען אַ צאָל ציטאַטן פון דעמעטריוסעס ווערק בנוגע פאַרשיידענע סטילפאָרמען, ווי אויך זיינע אייגענע העכסט־געלונגענע פאַרגלייכן.

רעדנדיק וועגן ליטעראַרישע פאָרמען, זאָגט דער מחבר, אַז קורצע זאַצן דאַרפן גענוצט ווערן אין אַ „קרעפּטיקן" סטיל און אַז אַ גרויסע אידעע קאָנצענטרירט אין אַ שמאָלער ראָם איז שטאַרקער און מעכטיקער.

דעמעטריוס דערקלערט דערביי, אַז די לאַקעדעמאָניער שפּאָרן דעריי־בער מיט ווערטער. אַ באַפעל איז קאָנדענסירט, קורץ און שאַרף, און יעדער האָר נוצט ווייניק ווערטער צו אַ שקלאַף.

דער מחבר זאָגט ווייטער, אַז אַ ביישפּיל פון קורצקייט אין קאָמפּאָ־זיציע איז צו זען אין דער ווענדונג פון די לאַקעדעמאָניער צום קעניג פיליפּ: „דיאָניזאָס אין קאָרינט״. די ווענדונג דערשיינט פיל שטאַרקער, ווי אין אַ לענגערער פאָרם, ווען זיי וואָלטן געשריבן: „דיאָניזאָס, וואָס איז אַ מאָל געווען אַ טיראַן, ווי דו אַליין, לעבט איצט ווי אַ פּריוואַטער בירגער אין קאָרינט״. ווען דערקלערט באַריכותדיק, איז עס נישט מער ענלעך צו אַ פּראָטעסט, נאָר צו אַ דערציילונג; עס סוגערירט איינפּאָר־מאַציע, נישט אָנשרעקן... און דער מחבר פירט אויס, אַז:

„דעריבער ווערט אַ לעבעדיקער און ליידנשאַפטלעכער אויסדרוק אָפּגעשוואַכט דורך אויסברייטערונג. אַזוי ווי ווילדע חיות ציען צוזאַמען זייערע גלידער פאַר אַן אַטאַקע, אַזוי מוז זיך אויך די שפּראַך איינקאָרטשען, כדי צו באַקומען כוח״.

דער היסטאָרישער פאַרגלייך מיטן בריוו פון די לאַקעדעמאָניער צו פיליפּן איז ביז גאָר טרעפלעך און די אינטערפּרעטאַציע דערפון — זייער איבערצייגנדיק. נישט ווייניקער אינטערעסאַנט איז זיין דעפיניציע און אויסטייטש פון שפּריכווערטער. ער ווייזט אָן:

„קורצקייט איז פּאַסיק פאַר אַפאָריזמען... דאָס איינפּרעסן אַ גרויסן געדאַנק אין אַ קליינעם פאַרנעם איז אַ צייכן פון העכסטער חכמה, פּונקט ווי גאַנצע ביימער עקזיסטירן פּאָטענציעל אין זוימען. אויב אַ שפּריכוואָרט וואָלט געוואָרן אויסגעברייטערט, וואָלט עס געהאַט אַ טעם פון אויפקלערונג און רעטאָריק און וואָלט נישט מער געווען קיין גלייכווערטל״.

ריידנדיק וועגן אונטערשייד צווישן פּעריאָדישן און לויזן זאַץ, דער־קלערט דער מחבר, אַז די טיילן פון דעם ערשטן זיינען ווי שטיינער, וואָס האַלטן אונטער אַ געוועלבונג. דאַקעגן די לויזע זאַצן זיינען ווי שטיינער אַנגעוואָרפן איינער אויפן אַנדערן און נישט צוזאַמענגעפּאַסט.

דעמעטריוס ווידמעט אַ סך פּלאַץ צו דעפיניציעס, אויפקלערונגען און

ביישפּילן פון 4 הויפּטסטילן: דעם פּשוטן, פייערלעכן, פּאָלירטן און קרעפּ־טיקן — אין זייערע פאַרשיידענע וואַריאַציעס.

אין שייכות מיט דעם קוואַזי־פייערלעכן, דעם אַזוי־גערופענעם „קאַל־טן" סטיל, ציטירט דער מחבר אַ דעפיניציע פון דעם גריכישן דענקער און שרייבער־פּאָרטרעטיסט פון מענטשלעכע כאַראַקטערן, טעאָפראַסטוס:

„אַ קאַלטער סטיל איז אַזאַ, וואָס שטייגט אַריבער די פּאַסיקע שפּראַך, ווי אַ שטייגער: ,אַן אומגעטעלערט גלאָז ווערט נישט געטישט'."

און דעמעטריוס פירט אויס, אַז די טריוויאַלקייט פון קעגנשטאַנד דערלויבט נישט אַזאַ עקסטראַוואַגאַנטן סטיל.

אַנאַליזירנדיק די סיבות פון פאַרשיידענע סטילעפעקטן, דערקלערט דעמעטריוס, אַז שאַרם און חן קומען אויך פון אומדערוואַרטן אין אַ ליטע־ראַריש ווערק.

ער ציטירט ביי דער געלעגנהייט אַ זאַץ, וואָס אַריסטאָפאַנעס האָט געשריבן אין שייכות מיט סאָקראַטעסן:

„ער האָט צעשמאָלצן וואַקס און דאַן האָט ער גענומען אַ קאָמפּאַס און פון דער פעכטשול האָט ער צוגעגנבעט אַ מאַנטל".

דעמעטריוס ווייזט אָן, אַז דער רייץ פון דעם ציטירטן זאַץ באַשטייט פון צוויי סיבות: נישט נאָר איז דער סוף־געדאַנק אין גאַנצן אומדער־וואַרט, נאָר ער האָט אויך נישט קיין צוזאַמענהאַנג פון זין מיט דעם, וואָס איז פריער געשריבן".

דער מחבר ווייזט דאָ זייער טרעפלעך אָן דעם עפעקט פון אומגעריכ־קייט, וואָס קומט פון פאַרשטעלן אין זאַץ סאָקראַטעסן, וואָס שמעלצט וואַקס, נעמט אַ קאָמפּאַס און... גנבעט אַ מאַנטל פון דער פעכטשול.

די ציטירטע הומאָריסטישע טריקן פון דעם גרויסן גריכישן קאָמעדיע־שרייבער אַנטפּלעקט באַשיימפּערלעך טייל פון די שרייפלעך אין דעם קאָמפּליצירטן מעכאַניזם, וואָס ברענגט אין באַוועגונג געלעכטער.

דאָס גאַנצע ווערק פון דעמעטריוסן, קליין ווי עס איז אין כמות (עס האַלט אין גאַנצן 70 זייטן), איז וואָגיק און באַלערנדיק. עס איז פול מיט ציטאַטן פון די וויכטיקסטע אַנטיקע דיכטערס, פילאָסאָפן, רעדנערס, מלוכה־מענער און היסטאָריקערס — פון האָמער, אנאקרעאָן,

סאַפּאָ, פּלאַטאָ, עסכיליאַס, סאָפּאָקלעס, אוריפּידעס, דעמאָסטענעס, פּעריקלעס, קסענאָפאָן, העראַדאָטוס, טוקידידעס און אַנדערע.

אין דער מאָדערנער ליטעראַטור הערשט אַ גרויסע אינפלאַציע פון געדרוקטן וואָרט. אַ דאַנק די אומבאַגרענעצטע טעכנישע מעגלעכקייטן קומען צום אויסדרוק אַ סך, וואָס האָבן צו זאָגן ווייניק. אויך פיל פון די „אויטאָריטעטן”, באַזונדערס אין ליטעראַטור־טעאָרעטישן געביט, פאַרפּלאָנטערן זיך און דעם לייענער אין זייער אייגענעם געדאַנקען־וואַלד.

טייל נידערן אין דעם געהיימען לאַבירינט פון קינסטלערישער שאַפונג, אָבער עס פעלט זיי דער וויסער געדאַנקלעכער פאָדעם און דער אינטואיציע־בליץ, כדי צו ברענגען דעם סוד צו דער אויבערפלאַך.

עס זענען אויך דאָ די פאַלן פון לאַנגע און „טיפע” מעדיטאַציעס, וואָס ווילן פשוט פאַררעדן דעם מאַנגל אין געדאַנק און איינבליק. אָט די שיינבאַר־טיפע ווערק און שרייבערס האָט דזשאָנאַטאַן סוויפט זייער טרעפלעך באַצייכנט ווי „ברונעמס פון אַנדערטהאַלבן יאַרד, וואָס זיינען אָנגעפילט מיט שטויב און מיסט און וואָס גייען אָן פאַר אויסערגעוויינטלעך טיף בלויז צוליב דעם, וואָס זיי זענען אויסערגעוויינטלעך טונקל.”...

עס איז דעריבער אַ דערפרישונג צו לייענען אַזאַ בוך ווי „וועגן סטיל” פון דעמעטריוס. עס בענקט זיך נאָך דער פשטות, דעם נאַיוון חן און גאָר דער זוניקער קלאָרקייט פון די אַלטערטימלעכע שרייבערס.

די עפּאָכע פון אַנטי־אוטאָפּיע

די טענדענץ צו אוטאָפּיע — צו אַן אויסגעמאָלטער שענערער און האַרמאָנישער וועלט — איז געקומען צום אויסדרוק אין דער ליטעראַטור פון פאַרשיידענע צייטן. די אַרכיטעקטן פון די אויסגעחלומטע סאָציאַלע גן־עדנס האָבן געשטרעבט צו אַ ראַציאָנאַלן און גערעכטן שטאַט, וואָס זיינען געווען „אוטאָפּיש" אין זייער צייט, זיי האָבן אָבער געהאָפט, אַז זייערע פּלענער פון אַ סאָציאַל־האַרמאָנישן שטאַט זיינען מעגלעך אין דער צוקונפט. אַזעלכע טענדענצן זיינען אין אַלטערטום געקומען צום אויסדרוק אויף אַ קאָנצענטרירטן אופן ביי די נביאים — הויפּטזאַכלעך ביי ישעיה — און ביים גריכישן פילאָזאָף פּלאַטאָ אין זיין ווערק „די רעפּובליק". געלעגנהייטלעכע אוטאָפּישע מאָטיוון קען מען אויך געפינען אין די שריפטן פון אַזעלכע שרייבער ווי פּלוטאַרך און ווירגיל — ביים אָנהייב פון אונדזער צייט־רעכענונג.

ערשט אַרום 2 טויזנט יאָר נאָך פּלאַטאָ באַווייזט זיך אַ ווערק, וואָס איז, ווי דעם גריכישן פילאָסאָפס „רעפּובליק", געווידמעט אויסשליסלעך דער וויזיע פון אַ צוקונפט־מלוכה. דאָס ווערק איז געשריבן געוואָרן פון דעם ענגלישן שטאַטסמאַן טאָמאַס מאָר און דערשינען אין דער לאַטייניש שפּראַך, אין 1516, אונטערן נאָמען: „דע אָפּטימאָ רעפּובליקאָ סטאַטו דעקווע נאָוואַ אינסולאַ אוטאָפּיאַ" (וועגן אַ אינדזל פון בעסטן און פולקומסטן סדר, אונטערן נאָמען אוטאָפּיע). מיט דעם נאָמען פון זיין „אוטאָפּיאַ" — האָט טאָמאַס מאָר געשאַפן אַ באַצייכענונג פאַר אַ גאַנצן ליטעראַרישן און סאָציאַל־פּאָליטישן זשאַנער, וואָס ווירקט אויך רעטראָאַקטיוו אויף אַזעלכע ווערק אין דער פאַרגאַנגענהייט.

ראַפאַעל היטלאָדעי, דער העלד פון מאָרס' „אוטאָפּיאַ", דערקלערט אין דעם בוך:

„אַזוי לאַנג ווי ס'איז פאַראַן אייגנטום, און געלט איז די מאָס פון

אַלע אַנדערע זאַכן, קאָן איך נישט טראַכטן, אַז אַ פאָלק זאָל קאָנען רעגירט ווערן יושרדיק אָדער גליקלעך. נישט יושרדיק, ווייל די בעסטע זאַכן וועלן אַריינפאַלן אין די הענט פון די ערגסטע מענטשן. נישט גליקלעך, ווייל אַלע זאַכן וועלן זיין צעטיילט צווישן אַ קליינער צאָל (און אויך זיי זיינען נישט אין אַלע הינזיכטן גליקלעך) און די אַנדערע וועלן איבערגעלאָזט ווערן צו זייער עלנט".

אין די ווערטער דערהערן מיר אַן עכאָ פון די גרויסע אוטאָפיסטן פון אַלטערטום — זייער בענקשאַפט נאָך סאָציאַלער גערעכטיקייט, צו אַ געזעלשאַפטלעכן סדר, וואָס זאָל נישט זיין אונטערן דיקטאַט פון „די ערגסטע מענטשן".

עס גייט נישט אַריין אין די ראַמען פון דעם אַרטיקל זיך אָפּצושטעלן באַזונדער אויף פאַרשיידענע ווערק. און אַוודאי נישט — צו באַרירן די פאַרשיידענע סאָציאַלע וויזיעס, וואָס זיינען געשריבן אין אַ בעלעטריס־טישער אָדער נישט־בעלעטריסטישער פאָרם. מען דאַרף אָבער נאָך דער־מאָנען צווישן די באַקאַנטע אוטאָפיעס — דאָס ווערק פון דעם ענגלישן שטאַטסמאַן און פילאָסאָף פרענסיס בעיקאָן, „די נייע אַטלאַנטיס" (נישט פאַרענדיקט, דערשינען אין 1627); „בליקנדיק צוריק", פון דעם אַמערי־קאַנער שרייבער עדוואַרד בעלאַמי (דערשינען אין 1888, איבערזעצט אויף יידיש א. ג. „אין הונדערט יאָר אַרום„); „פאָרויסזעונגען" פון ה. ג. וועלס (דערשינען אין 1901).

אין די ווערק ווערט פאָרויסגעזאָגט אַ ראַציאָנעלער שטאַט, וואָס וועט זיין געבויט אויף סאָציאַל־פּראָגרעסיווע פּרינציפּן און וועט פונקציאָ־נירן אויף אַ ווירקזאַמען אופן אַדאַנק אַ הויך־אַנטוויקלטער וויסנשאַפט און טעכניק.

די שטימונגען פון פאַרצווייפלונג און פעסימיזם אין דער איצטיקער צייט, וואָס קומען צום אויסדרוק אין פאַרשיידענע ליטעראַרישע ווערק, קאָנען באַצייכנט ווערן ווי אַנטי־„אוטאָפיע". (אויב מיר באַנוצן דאָ דעם אויסדרוק „אוטאָפיע" נישט ווי אַ קעגנזאַץ צום רעאַלן אָדער מעגלעכן, נאָר ווי אַ פאַרקערפערונג פון האָפענונג און גלויבן אויף אַ סאָציאַלן מאָרגנרויט).

דאָ געהערט נישט אַזאַ ווערק ווי „דער אייזערנער קנאַפּל" פון באַרימטן אַמעריקאַנער שרייבער דזשעק לאָנדאָן (דערשינען אין 1907). אמת, דער מחבר, וואָס איז אַליין געווען אַ סאָציאַליסט, האָט אין דעם ראָמאַן געשילדערט אַ פינצטער בילד פון אַן אָליגאַרכישער קליקע, וואָס האָט פאַרכאַפּט די מאַכט און טרעט מיט די פיס סיי די מענטשן און סיי די מענטשן־רעכט. נישט קוקנדיק אָבער אויף דעם פינצטערן הינטער־גרונט פון דער שילדערונג, איז דאָך שווער צו באַצייכנען דזשעק לאָנדאָנען אַלס אַ אַנטי־אוטאָפּישן פעסימיסט, ווייל ער איז מיט דעם בוך נאָר אויסן געווען צו וואָרנען קעגן דער געפאַר פון אַ קאַפּיטאַליסטישער רעאַקציאָנערער הערשאַפט.

אַ נייעם ווענד־פּונקט צו אַנטי־אוטאָפּיע ברענגט מיט זיך דאָס בוך „בראַווע נייע וועלטן" פון ענגלישן שריפטשטעלער אַלדאַוס האָקסלי (דערשינען אין 1932). דער מחבר גיט אין דעם ראָמאַן אַ וויזיע פון דער צוקונפט, ווען מענטשן וועלן „פאַבריצירט" ווערן דורך קינסטלעכער באַפרוכפּערונג אין ספּעציעלע לאַבאָראַטאָריעס. מיר זעען דאָרט באַפרוכ־פּערונג־זאַלן, אינקובעיטאָרס, ווו דער „פּרינציפּ פון מאַסן־פּראָדוקציע ווערט אָנגעווענדט אין דער ביאָלאָגיע". האָקסלי שילדערט אַ קאָשמאַר־ווירקלעכקייט, ווו עס ווערן „פאַבריצירט" פאַרשיידענע קלאַסן מענטשן, איינגעטיילט לויט זייער סאָציאַלער שיכט אין בוכשטאַבן: אלפאַ, בעטאַ, גאַמאַ, דעלטאַ און איפּסילאָן, ווי אויך אין צווישן־גרופּן מיט פּלוס אָדער מינוס. מיר לייענען דאָרט די באַשרייבונגען, ווי די קינדער, וואָס זיינען באַשטימט פאַר די נידעריקע גרופּן ווערן באַלד, פון די ערשטע טעג אָן, גייסטיק פאַרטעמפּט און צוגעגרייט צו זייער ראָל פון פלייש־ראָבאָטן, דורך עקספּערימענטירן מיט זיי אין אַ זאַל, וואָס רופט זיך „דהי ניו פּאַוולאָוויען קאָנדישאָנינג רום" (לויט דער טעאָריע פון דעם רוסישן געלערנטן פּאַוולאָוו וועגן קאָנטראָלירטע רעפלעקסן ביי חיות).

„אין רעזולטאַט פון די עקספּערימענטן וועלן די קינדער אויפוואַקסן מיט אַן אינסטינקטיוון האַס צו ביכער און בלומען" — דערקלערט דער פּראָפעסאָר צו סטודענטן, וואָס באַזוכן די „מענטשן־פאַבריק". די גרופּן, וואָס ווערן באַצייכנט מיט די „נידעריקע בוכשטאַבן" ווערן אויך — דורך

מעכאַנישע עקספּערימענטן — דערצויגן צו אַ גלייכגילטיקייט לגבי דער נאַטור, און ס׳וועלן ביי זיי אויך „קאַנדישאַנד״ די געדאַנקען און געפילן.

דער גרויל פון אָט דער פאַבריצירטער שקלאַפן־ציוויליזאַציע ווערט אויסגעדריקט דורך איין העלד פון בוך אין שייכות מיט די ראָבאָטן פון דער נידעריקער גרופּע: „די איפּסילאָנס אַרט נישט, וואָס זיי זיינען איפּסילאָנס״...

אין האַקסליס בוך געפינען מיר אויך אַ „זייטיקן״ עפּיזאָד, וואָס גיט אַן אָנדייטונג וועגן דער שפּעטערדיקער קאַצעטן־עפּאָכע — דאָס איז די שילדערונג פון אַ גרויסער טעריטאָריע, ווו ס׳איז איינגעאָרדנט אַ רעזער־וואַט פאַר „ווילדע״. דער רעזערוואַט איז אַרומגערינגלט מיט אַ צוים פון הויכער עלעקטרישער שפּאַנונג. און עס זאָגט זיך דערביי, אַז ס׳איז נישט מעגלעך צו אַנטלויפן פון אַזאַ רעזערוואַט...

נישט ווייניקער פּעסימיסטיש איז דאָס אַנטי־אוטאָפּיסטישע פאָרוואָרט פון אַלדיאוס האַקסלי צו דער נייער אויסגאַבע פון דעם בוך, אין 1946. ער רעדט דאָרט וועגן דער מעגלעכקייט, אַז אַלע גרויס־מאַכטן וועלן ווערן „מער אָדער ווייניקער טאָטאַליטאַר״ (דיקטאַטאָריש) אפשר אפילו נאָך פאַרן „איינשפּאַנען״ די אַטאָמישע ענערגיע. דער מחבר האַלט, אַז אַ גרויסע פאָלקס־באַוועגונג פאַר דעצענטראַליזאַציע און אַליינהילף וואָלט געקאָנט אָפּשטעלן די איצטיקע טענדענץ צו „סטעיטיזם״, אָבער ער קומט צום פּעסימיסטישן אויספיר, אַז ס׳איז נישטאָ קיין האָפענונג אויף אַזאַ באַוועגונג.

האַקסלי האַלט, אַז די צוקונפטיקע „אַנטי־אוטאָפּיע״ — דער דער־פאָלגרייכער טאָטאַליטאַרער שטאַט — וועט זיין אַזוי געבויט, אַז די פּאָליטישע הערשער וועלן נישט מוזן באַנוצן קיין גוואַלט־מיטלען, כדי צו קאָנטראָלירן די באַפעלקערונג, ווייל די באַדינגונגען וועלן דערפירן דערצו, אַז די שקלאַפן וועלן ליב האָבן זייער שקלאַפעריי.

אין דעם זשאַנער פון העכסט־פּעסימיסטישע צוקונפט־וויזיעס פאַר־נעמט זיכער דאָס ערשטע אָרט דאָס בוך „1984״, פון דעם יונג־פאַרשטאָר־בענעם ענגלישן דערציילער און עסייִסט, דזשאָרדזש אָרוועל (געשטאָרבן קורץ נאָך דער דערשיינונג פון דעם בוך, אין 1946).

דאָס ווערק פון אָרוועל, ווי האַקסליס, צייכנט זיך אויס מיט אַ פּאַר־ניכטנדיקן סאַרקאַזם און דערפינדערישקייט ביים שאַפן די גראָטעסקע בילדער פון אַ צוקונפטיקער דעהומאַניזירטער מענטשהייט. אָבער אָרוועלס בוך האָט נאָך אַ גרעסערן כוח אַנצוהויכן אויף אונז אַן אימה פאַר דער אוממענטשלעכער דיקטאַטור פון „1984״.

אָרוועל, דער שאַרפזיניקער סאָציאַלער קריטיקער און פאַנטאַזיע־רייכער קינסטלער, האָט אין דעם בוך געגעבן אַ גלענצנדיקע שילדערונג פון אַ צוקונפטיקער געזעלשאַפט, וואָס איז געבויט אויף אַן עקסטרעם־דיקטאַטאָרישער באַזע. דער העלד פון דעם בוך, ווינסטאָן סמיט, קומט אַהיים פון זיין אַרבעט. ווי נאָר ער עפנט די טיר פון דעם אַפּאַרטמענט־הויז, שלאָגט אים אַנטקעגן „אַ ריח פון געקאָכטן קרויט און אַלטע טע־פּיכער״. אין זיין צימער געפינט זיך אַן עלעקטראָנישער שפּיאָן — אַ „טעלעסקרין״, וואָס גרעגערט טאָג און נאַכט די אָפיציעלע פּראָגראַמען און קאָן גלייכצייטיק אויפכאַפּן און איבערגעבן זיין יעדן קלאַנג און געזיכט־אויסדרוק פאַר דער „געדאַנק פּאָליציי״, דער שרעקלעכער באַנדע פון אָרגאַניזירטן מלוכה־טעראָר. לאָנדאָן, די הויפּט־שטאָט פון „עיר סטריפּ 1״ אַ פּראָווינץ פון „אָקעאַניע״, איז אונטער דעם רעזשים פון „אינגסאָץ״ (פאַרקירצונג פון „ענגלישער סאָציאַליזם״). איבעראַל זעען זיך אַן ריזיקע פּראָפּאַגאַנדע־אַפישן. איבער דער גאַנצער שטאָט דאָמינירן 4 ריזיקע געביידעס, אין וועלכע ס׳געפינען זיך די מיניסטעריומס, וואָס פירן אָן מיט די הויפּט־פונקציעס פון דער רעגירונג: דאָס מיניסטעריום פון אמת, וואָס פאַרנעמט זיך מיט די ענינים פון נייעס, פאַרוויילונג, דערציונג, קונסט; דאָס מיניסטעריום פון שלום, וואָס פאַרנעמט זיך מיט מלחמה; דאָס מיניסטעריום פון ליבע, וואָס פאַרנעמט זיך מיט אויפהאַלטן געזעץ און אָרדנונג; און דאָס מיניסטעריום פון שפע, וואָס פירט אָן מיט עקאָנאָמישע ענינים. פאַרשטייט זיך, אַז אויב דאָס מיניסטעריום פון אמת האַלט אין איין פאַבריצירן ליגן און דאָס מיניסטעריום פון שלום — האַלט כסדר אַ צושטאַנד פון מלחמה, איז דאָס מיניסטעריום פון ליבע אַ באַצייכענונג פון דער צענטראַלער שטאַטס־פּאָליציי, אַ גהינום אין וועלכן דער העלד פון „1984״ קומט אַריין ביים סוף פון בוך — און ער

קומט פון דאָרטן אַרויס בלויז כדי שפּעטער אומגעברענגט צו ווערן אַן „איבערגעקערטער" צום אוממענטשלעכן רעזשים פון „אינגסאָץ".

צווישן אַלע ריזיקע פּלאַקאַטן פון דעם „אמת־מיניסטעריום" טיילט זיך באַזונדערס אויס דאָס בילד פון דעם „גרויסן ברודער" — דעם הויפּט פון דעם דיקטאַטאָרישן רעזשים אין „אָקעאַניע", מיט דער אונטערשריפט: „דער גרויסער ברודער קוקט אייך נאָך!"

פון דער ריזיקער געביידע פון דעם אמת־מיניסטעריום שרייען אַראָפּ די לאָזונגען:

מלחמה איז שלום!
פרייהייט איז שקלאַפעריי!
אומוויסנקייט איז כוח!

און אַזוי פירט אונדז אָרוועל אַריין אין זיין בוך, ווי אין אַ מוראדיקן אָפּגרונט, אין אַן אונטערערדישער הייל, אָן ליכט און אָן לופט.

דער גרויליקער רעזשים פון „אינגסאָץ" איז אויף אַ העכסט־דערפינ־דערישן און גייסטרייכן אופן געשילדערט מיט בילדער און סצענעס פון דעם לעבן אין דער הויפּטשטאָט פון „עירסטריפּ 1". די שיכטן פון דער סאָציאַלער פּיראַמידע זיינען: די „פּראָלעטן", וואָס ווערן געהאַלטן ווי חיות אין פינצטערע באַדינגונגען פון אַנאַלפאַבעטיזם און עלנט. אָבער דערפאַר קימערט זיך נישט וועגן זיי דאָס „מיניסטעריום פון ליבע". זיי זיינען דעריבער פריי פון דעם שרעקלעכן טעראָר. צום צווייטן שיכט געהערן די מער אינטעליגענטע, וואָס זיינען די געוויינטלעכע מיטגלידער פון דער פּאַרטיי. אַ דריטע שיכט באַשטייט פון די „וועכטער", די היטער פון דעם — פּאַקטיש אולטראַ־פּאַשיסטישן — רעזשים. צו דער 4טער גרופּע געהערן די מיטגלידער פון דער „אינערלעכער פּאַרטיי" — די פּאַקטישע הערשער און העכערע פונקציאָנאַרן.

אָרוועל ווייזט אונדז אויך די גרוילן פון דער „אינגסאָץ" געזעלשאַפט דורך זיינע שאַרפזיניקע און גייסטרייכע אויסדרוקן און סימבאָלן, וואָס כאַראַקטעריזירן אויף אַ גלענצנדיקן אופן דאָס וועזן פון דער שרעקלעכער און טיראַנישער דיקטאַטור פון „1984". די אוממענטשלעכע הערשער

האָבן דאָס גאַנצע לעבן פון דעם מענטש פאַרוואַנדלט אין אַ פינצטערן טורמע־רעזשים. און זיי רעגירן איבער דער ריזיקער טורמע נישט בלויז מיט פיזישן טעראָר, נאָר אויך מיט גייסטיקן, דורך פאַרגוואַלטיקן דעם מענטשלעכן געדאַנק מיט דער הילף פון אַן אַלמעכטיקער און אַלץ־זעענדיקע „געדאַנק־פּאָליציי", וואָס אַנטדעקט, פריער אָדער שפּעטער, יעדן „פאַרברעכן־געדאַנק".

„אינגסאָץ" האָט אויסגעשפּרייט זיין דיקטאַטור אויף אַלע מעגלעכע מיטלען — אפילו אויף דער שפּראַך, וואָס איז רעפאָרמירט געוואָרן צו אַ גלייכגעשאַלטעטען וואָקאַבולאַר. די שפּראַך הייסט „ניוספּיק" און איז געבויט אַזוי, אַז ס׳איז פשוט נישט מעגלעך אויסצודריקן מיט איר קיין „אום־אָרטאָדאָקסאַלע געדאַנקען". דורכדעם ווערן אויך געמאַכט אומ־מעגלעך אַלע געדאַנק־אופנים, וואָס זיינען נישט אין איינקלאַנג מיט „אינגסאָץ". ווערטער ווי: מאָראַל, דעמאָקראַטיע, ערע, גערעכטיקייט, וויסנשאַפט און רעליגיע — עקזיסטירן אינגאַנצן נישט אין דאָזיקן „ניוס־פּיק". דאַקעגן זיינען פאַראַן געוויסע נייע ווערטער, ווי, למשל, „פריידלאַ־גער" (קאָנצענטראַציע־לאַגערן), אָדער „דאָבלטהינק", וואָס באַצייכנט אַ היפּער־יעזואיטישע לאָגיק, פון דענקען, אַז צוויי קעגנזעצלעכע זאַכן זיינען אמת, און אַזוי ווייטער און ווייטער.

וווּהין פירט אָט די „אַנטי־אוטאָפּיע"? זי דריקט אויס פאַרצווייפלונג און האָפענונגלאָזיקייט, און דערפירט עס צו אַ ניהיליזם, צו פאַרלייקענונג פון אַלעם, וואָס באַזונט און באַזינט דאָס לעבן. די דאָזיקע פאַרצווייפלונג פירט אין דער דראַמע צו דעם „אַבסורד־טעאַטער", צו דער אַזוי גערוד־פענער אַנטי־דראַמע, ווו גאָרנישט טרעט אויף אין אַלע מעגלעכע ראָלן. און אויף דער בינע פון לעבן דערפירט דאָס צו גייסטיקער אינערציע, צו אינטעלעקטועלער און עטישער גלייכגילטיקייט.

ס׳איז אמת, אַז די נייע פּעסימיסטישע ווערק און ריכטונגען האָבן אַ געוויסע סאָציאַלע און פּסיכאָלאָגישע באַרעכטיקונג. די שווערע אַנטוי־שונגען אין דעם איצטיקן יאָרהונדערט, ווען אַזוי פיל פּראָגרעס אויפן געביט פון וויסנשאַפט און טעכנאָלאָגיע גייט האַנט־ביי־האַנט מיט אַזאַ מאָראַלישן רעגרעס צום באַרבאַרישן מיטלאַלטער (און אויב נישט נאָך

ווייטער) — די אַלע קלעפּ האָבן אַנטמוטיקט און דעמאָראַליזירט אַ סך צווישן די בעסטע און פֿיינסטע אינטעלעקטן. די בעסטע סאָציאַלע רע־צעפּטן האָבן זיך דאָך אַרויסגעוויזן ווי אומווירקזאַם. שוין אָפּגערעדט פֿון חורבן, וועלכן ס׳האָבן אַרויסגערופֿן די סאַדיסטיש־מערדערישע „טעאָריעס״, וואָס זייער סם ווירקט נאָך אַפילו איצט.

אָבער ווי פֿאַרשטענדלעך פּסיכאָלאָגיש עס זאָלן נישט זיין די דאָזיקע פּעסימיסטישע וויזיעס, מאָראַליש זיינען זיי אויף קיין פֿאַל נישט באַרעכ־טיקט. זינט אומצייליקע דורות וואַנדערט דער מענטש אין דער געשיכט־לעכער נאַכט פֿון ליידן און אומגערעכטיקייט, אָבער ער גייט דאָך פֿאָרויס, אין דער האָפֿענונג פֿון דערזען דעם מאָרגנרויט פֿון דערלייזונג. אָן אַזאַ האָפֿענונג איז נישט מעגלעך קיין ווייטערדיקע דערגרייכונג. ווי האָט געזאָגט דער אמתער פֿרייער גייסט אַנאַטאָל פֿראַנס:

„אָן די אוטאָפּיעס פֿון אַנדערע צייטן וואָלטן מענטשן נאָך אַלץ געוווינט אין הייָלן — נאַקעטע און עלנטע״.

ווידערשפּרוכן צווישן אַ שרייבערס ווערק און זיין לעבן

דאָס פּראָבלעם פון אויפריכטיקייט ביי שרייבערס און גייסט־מענטשן, פון אַן „איינשטימיקייט" צווישן זייערע ווערטער און מעשים, איז אַזוי אַלט ווי דאָס קאָמפּליצירטע מענטשלעכע וועזן.

געוויינטלעך דערוואַרט מען — און נישט אָן רעכט — אַז דאָס וואָס דער שרייבער פּרעדיקט, די נאָבעלע געדאַנקען און שיינע געפילן, וואָס ער ברענגט אַרויס פאַר אַנדערע, זאָל ער אַליין פאַרווירקלעכן און דורכ־לעבן. מ׳פאָדערט פון דעם שרייבער, דענקער און קינסטלער, אַז ער זאָל זיין אַ „נאה דורש — נאה מקיים" (ער זאָל שיין פּרעדיקן, אָבער דאָס אויך פאַרווירקלעכן אין לעבן). מ׳וויל אַז ער זאָל נישט זיין קיין „וועגוויי־זער", וואָס ווייזט אַנדערע דעם ריכטיקן וועג, אָבער אַליין בלייבט ער אויפן אָרט. ווער שמועסט נאָך — דאַן, ווען דער גייסט־מענטש פאַרוויר־קלעכט נישט בלויז זיינע שיינע און גוטע אידייען, נאָר טוט פּונקט דאָס פאַרקערטע, האַנדלט שלעכט, אוממאָראַליש, אומווירדיק — דאַן איז דער קעגנזאַץ גאָר אַ שרייענדיקער, און סיי די פּערזענלעכקייט פון דעם שרייבער (אָדער פּרעדיקער) און סיי זיינע ווערק פאַרלירן דעם אַרעאָל פון גרויסקייט — אַ טונקעלער וואָלקן פון פאַרדאַכט און אומצוטרוי פאַרהילט זיין גלאַנץ און פּראַכט.

דער אמת זעט אויס צו זיין נישט אַזוי איינפאַך. עס איז שווער און אומגערעכט אַרויסצוגעבן אַ „האַלסעיל" אורטייל אויף אַלע קינסטלער און אינטעלעקטואַלן, וועלכע האָבן נישט באַוויזן צו האַרמאָניזירן זייערע ווער־טער מיט זייערע טאַטן. און דאָ קאָן מען נעמען ווי אַ ביישפּיל דעם איינפאַכן, אָבער זייער טרעפלעכן זאָג פון תלמוד וועגן מענטשן: „אַזוי ווי זייערע פיזיאָגנאָמיעס זיינען נישט גלייך איינער צום אַנדערן, אַזוי זיינען אויך זייערע געדאַנקען נישט גלייך איינער צום אַנדערן". און אין

באַציאונג צו וועמען קאָן דאָס זיין אַזוי טרעפלעך, ווי צו אַזאַ קאָמפּליצירטן וועזן ווי דער קינסטלער, שרייבער און אינטעלעקטואַל?

אויב ס׳איז אמת, אַז יעדער מענטש איז אַ באַזונדערע „קליינע וועלט״, איז דער שעפערישער מענטש אפשר אַ גאַנצע סיסטעם פון וועלטן און וועלטעלעך, וואָס שטויסן זיך אָפּט צוזאַמען.

אין טייל פאַלן גייען גייסטיקע גרויסקייט — טיפקייט פון אינטע־לעקט, מעכטיקע און שעפערישע פאַנטאַזיע און אַנדערע ברכות — נישט פּאַראַלעל מיט כאַראַקטער־שטאַרקייט, גרייטקייט צו ליידן פאַר אַ פּרינציפּ.

אין אַנדערע פאַלן זיינען מיר עדות, ווי גרויסע מענטשן, קינסטלערס, זיינען געבענטשט מיט לויטער געוויסן, אָבער צוליב ספּעציפישע באַדינ־גונגען קאָנען זיי נישט „אויסגלייכן״ דעם מאָראַלישן דעפיציט.

עס וועט זיין כדאי, ביי דער געלעגנהייט, צו ברענגען עטלעכע פאַלן פון דעם אַלטערטום און פון די מאָדערנע צייטן, וואָס אילוסטרירן די פאַר־שיידנקייט פון סיטואַציעס פון כאַראַקטערן; וואָס ווייזן, אַז אַן איינהייטלעך פאַראורטיילן פון אַלע איז צו אומגערעכט, פונקט ווי אַן איינהייטלעך אַנטשולדיקונג איז צופיל „צדקותדיק״.

דער גריכישער פילאָזאָף פּלאַטאָ איז געווען איינער פון די גרעסטע גייסטער פון אַלע צייטן, סיי אַלס דענקער און סיי אַלס וואָרט־קינסטלער. אָבער ווען מען מאַכט אַ פאַרגלייך צווישן זיין פערזענלעך לעבן און דעם לעבן פון דעם פילאָזאָף עפּיקורוס, ווער שמועסט נאָך מיט סאָקראַטעסן, קומט עס נישט אַרויס גאָר גלענצנדיק.

כאַראַקטעריסטיש אין דעם פאַל איז אַן אַנעקדאָט וואָס ווערט דערציילט וועגן אַ באַגעגעניש צווישן פּלאַטאָן און דיאָגענעסן, דעם „ציניש״ פילאָזאָף, אויפן גרינסן־מאַרק אין אַטען.

דער מחבר פון דער „רעפּובליק״ האָט דאָרט געטראָפן דיאָגענעסן, ווי ער וואַשט ירקות („וועדזשעטעיבלס״) פאַר אַ מאַרק־פאַרקויפער. פּלאַטאָן האָט זיך דאָן געווענדעט צו זיין פריינט מיט די ווערטער: „ווען דו וואָלסט געוואָלט זיין אַ הויף־מענטש ביי דיאָניזאָסן (דעם טיראַן פון סיראַקוז, אַ גריכישע קאָלאָניע אין סיציליע), וואָלסטו נישט געמוזט וואַשן קיין גרינסן אויפן מאַרק״.

אויף דעם האָט דיאָגענעס געענטפערט פּלאַטאָן: „ווען דו וואָלסט געוואַשן גרינסן אויפן מאַרק, וואָלסטו נישט געמוזט זיין קיין הויף־מענטש ביי דיאָניזאָסן".

(אַ פאַקט איז, אַז פלאַטאָס פּרוּוון צו „איבערדערציען" דיאָניזאָסן, זייענדיק ביי אים אַ מין „קאַמערהער", האָט זיך שלעכט אויסגעלאָזט, און ער (פלאַטאָ) האָט קוים באַוויזן צו אַנטלויפן מיט „גאַנצע ביינער" פון דעם קעניגלעכן הויף).

אין דעם איינפאַכן אַנעקדאָט איז פאַראַן אַ וועלט פון מאָראַלישער לערע, פון אמתדיקער לעבנס־פילאָסאָפיע פון אַ וועלט־חכם, אַ „סעידזש":

„...וואָלסטו נישט געמוזט זיין קיין הויף־מענטש..."

דער רוימישער פילאָסאָף, שריפטשטעלער און שטאַטסמאַן, לוקיוס אַנעיוס סענעקאַ (געבוירן פיר יאָר פאַר דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג; געשטאָרבן אין יאָר 65), איז אויך געווען אַ פערזענלעכקייט מיט גרויסע אינערלעכע קאָנפליקטן, פון סתירות צווישן וואָרט און טאַט. לויט זיין לערע און געזינונג, איז ער געווען אַ פילאָסאָף פון דער סטאָאישער שולע, וואָס האָט געפּרעדיקט די פולשטענדיקע הערשאַפט פון דעם גייסט איבער דעם קערפּער און אַלע זיינע אומצאָליקע ליידנשאַפטן און פאַרגעניגנס.

ער איז נישט סתם געווען קיין אַבסטראַקטער פילאָסאָף, אַ מאַכער פון טרוקענע טעאָריעס, נאָר אַ העכסט־באַגאַבטער קינסטלער, אַ שיין־שרייבער, וואָס האָט זיינע גייסטרייכע געדאַנקען געגעבן אין אַנציִענדיקער פלאַס־טישער פאָרם פון שפּרונגען, וואָס זיינען אַמאָל רעטאָריש און אַמאָל קינסטלעריש־עסייִסטיש.

דער זעלביקער סענעקאַ האָט, אָבער, חתונה געהאַט מיט אַ גאָר־רייכער פרוי און האָט געלעבט אויף אַ גרויסאַרטיקן אופן. עס זעט אויס, אַז דער קעגנזאַץ פון זיין דערהויבענער פילאָסאָפיע און זיין באַקוועמען לוקסוסאַרטיקן לעבן האָט אים נישט איינמאָל געפּייניקט. מ'זעט דאָס אין זיינע ווערק, ווי ער פּרוּווט אומדירעקט זיך צו פאַרטיידיקן צוליב זיין נישט אויסגעהאַלטנקייט, און ער דערקלערט, אַז ער אַליין איז נישט אימשטאַנד צו האַנדלען לויט זיין לערע.

מ'דאַרף אָבער נעמען אין אַכט די אומשטענדן: סענעקאַ איז געווען

אַ דערציער און הויף־מענטש פון די רוימישע אימפּעראַטאָרן און ער האָט געמוזט האַלטן „שטאַט".

ווען זיין געוועזענער שילער, נעראָן, האָט אים באַשולדיקט אין אַ פאַרשווערונג — ווי דער שטייגער פון פאַראַנאָאישע דיקטאַטאָרן — האָט ער אים באַוויזן אַ „לאַסקע" און אים דערלויבט, אַז ער זאָל אַליין זיך נעמען דאָס לעבן.

מ'דערציילט, אַז אין זיינע לעצטע מינוטן, ווען זיין לעבן איז אָפּגע־רונען צוזאַמען מיט זיין בלוט פון די אָדערן, וואָס ער האָט זיך אויפגע־שניטן, האָט סענעקאַ מיט די לעצטע כוחות מעדיטירט אויפן קול וועגן דער אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה.

איז דאָס זיכער אַ רירנדיקער מאָמענט, וואָס זאָגט אַ סך וועגן סענעקאָס פּערזענלעכקייט און קאָן פאַרגליכן ווערן מיטן רומפולן טויט פון סאָקראַטעס.

דער וואָלקן פון פאַרדאַכט שוועבט נאָר בלויז פאַרביי, אָבער שטעלט אים נישט איינגאַנצן אין שאָטן.

אַ צווייטער רוימישער פילאָסאָף און שריפטשטעלער, דער אַלזייטיק־באַגאַבטער לוקיוס אַפּולעיוס, וועלכער האָט געלעבט אין צווייטן יאָר־הונדערט, האָט אויך געהאַט אַן ענלעכן קאָנפליקט: אַליין געווען אַ סטאָ־אישער פילאָסאָף און חתונה געהאַט מיט אַ רייכער אלמנה.

אין איינעם פון זיינע ווערק — אַ פאַרטיידיקונגס־רעדע פאַר זיך אַליין (ער איז אָנגעקלאָגט געוואָרן פון זיין שוואָגער אין פאַרשיידענע זינד: כישוף און אַז.וו.), ענטפערט אַפּולעיוס זיין אָנקלאָגער, וואָס פּרוווט אים צו באַליידיקן מיט דער טענה, אַז ער איז אַן אָרעמאַן:

„אָבער דו און דיינס גלייכן — אומקולטיווירטע און וואולגאַרע לייט — זענט נישט ווערט מער, ווי איר פאַרמאָגט; פּונקט ווי אַן אומגליקלעכער, פאַרשאָלטענער בוים, וואָס גיט נישט קיין פּירות און איז נאָר ווערט אַזוי פיל, ווי דאָס האָלץ פון זיין שטאַם".

דער פאַרגלייך צווישן אַ רייכן וואולגאַרן מענטש מיט אַ בוים, וואָס איז נאָר ווערט אַזוי פיל ווי זיין האָלץ — איז איינער פון די שענסטע און קינסטלערישסטע אין דער ליטעראַטור.

און דאָך איז אָט דער מעכטיקער אינטעלעקט און אַלזייטיק־טאַלאַנ־

טירטער קינסטלער נישט געווען אינגאַנצן האַרמאָניש, און נישט בלויז אין היגזיכט פון געלט.

אין איינער פון זיינע רעדעס אין קאַרטאַגאַ (אַפּולעיוס האָט געשטאַמט פון צפון־אַפריקע, וואָס איז באַזיגט געוואָרן דורך רוים) האָט ער דערקלערט פאַר די פאַרזאַמלטע פּני און דער באַפעלקערונג, אַז אויב עס וועט אויפגעשטעלט ווערן די סטאַטוע, וואָס איז געפּלאַנט געוואָרן אין זיין ערע, וועט ער אַרויסגעבן אַ בוך, וואָס וועט לויבן אין הימל אַריין די שטאָט און אַלע רוימישע פּראָווינצן, און אין אַלע צייטן...

הייסט עס, אַז ער איז געווען גאָר שטאַרק פאַרליבט אין... לויב און אפילו געקאָנט חנפענען צו דעם צוועק.

און אין זיין פאַל קאָן מען נישט זיין אַזוי מילד, ווי צו סענעקאַן.

אַ באַזונדערס שווערן פאַל פון קאָנטראַסטן צווישן וואָרט און טאָט האָבן מיר אין דער פּערזענלעכקייט פון פרענסיס בעיקאָן, דעם באַרימטן ענגלישן דענקער, שריפטשטעלער און שטאַטסמאַן פון סוף 16טן און אָנהויב 17טן יאָר־הונדערט.

בעיקאָן, אַ מעכטיקער אינטעלעקט, וואָס ווערט געהאַלטן פאַרן פאָטער פון דעם מאָדערנעם וויסנשאַפטלעכן מעטאָד, איז געווען אַ שריפטשטעלער פון ראַנג און איינער פון די גרעסטע עסייאיסטן. אָבער זיין נייגונג צו לוקסוס האָט אים רואינירט נאָך אַ רומרייכער מלוכה־קאַריערע אַלס לאָרד־טשענסעלאָר (יוסטיץ־מיניסטער). ער איז באַזייטיקט געוואָרן פון אַמט און באַשטראָפט געוואָרן מיט אַ הויכער געלט־שטראָף, נאָך דעם ווי עס איז דערוויזן געוואָרן, אַז ער האָט גענומען כאַבאַר.

און נישט בלויז דאָס. אַ שווערע באַשולדיקונג איז דער פאַל מיטן אוירל פון עסעקס, ראָבערט דעווערעי. דער גראַף איז געפאַלן אין אומגענאָד ביי דער קעניגין עליזאַבעט, נאָך אַן אומגעלונגענער מיליטערישער אַקציע אין אירלאַנד. צום סוף האָט עסעקס אָנגעהויבן אַ טראַגי־קאָמישן אויפשטאַנד פון עטלעכע הונדערט מענטשן קעגן דער קעניגין, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט זיין אַרעסט, אַ פּראָצעס פאַר הויך־פאַרראַט און עקזעקוציע.

דאָס טראַגישסטע אין דעם פאַל איז געווען, וואָס אַלס איינער פון

די אָנקלאָגערס קעגן דעם אוירל פון עסעקס איז אַרויסגעטראָטן — בעיקאָן, וועמעס פריינט און פּראָטעקטאָר ס׳איז געווען דער אומגליקלעכער שטאַטסמאַן.

אין זיין ענטפער־רעדע פאַרן געריכט האָט דער איבערראַשטער ראַבערט דעווערעי, אוירל פון עסעקס, געזאָגט, אַז בעיקאָן האָט בלויז די גאַנצע צייט פּרעטענדירט, אַז ער איז זיין פריינט, און האָט דערקלערט:

„איך רוף אַרויס מר. בעיקאָן קעגן מר. בעיקאָן״.

דער טראַגישער און פּאַטעטישער רוף איז נישט פאַרשטומט געוואָרן צווישן די ווענט פון געריכט; ער האָט אָפּגעהילכט דורך יאָרהונדערטער ווי אַ באַשולדיקונגס־אַקט קעגן דעם זעלביקן מענטש, וואָס האָט אָנגעשריבן — צווישן זיינע אַנדערע מייסטערהאַפטע עסייען — אַן אָפּהאַנדלונג „וועגן פריינדשאַפט״ און שפּעטער אָנגעקלאָגט פאַרן געריכט זיין געוועזענעם פריינט און וווילטעטער.

בעיקאָנס „פּראָצעס״ איז אָנגעגאַנגען אין לויף פון יאָרהונדערטער, און ער האָט גרויסע אָנקלאָגערס און גרויסע פאַרטיידיקערס.

לעצטנס ווערט גרעסער די צאָל פון זיינע פאַרטיידיקערס. און מען קאָן נישט זאָגן, אַז זיי האָבן נישט קיין „פּאָינט״. בעיקאָן איז נישט בלויז געווען קיין פריינט פון עסעקס, נאָר אויך אַ מלוכה־מאַן, דער העכסטער יוסטיץ־באַאַמטער, און האָט געהאַט די פליכט צו דינען און פאַרטיידיקן די קעניגין.

אויך וועגן זיין נישט־אָפּהענגיקייט אין געלט־זאַכן, ווערט אָנגעוויזן, אַז ער איז נישט געווען קיין געלט־גייציקער מענטש, נאָר האָט ליב געהאַט צו פירן אַ גרויסן „שטאַט״ און איז געווען ברייטהאַרציק צו זיינע דינערס און פריינט.

ווי ס׳זאָל נישט זיין — איז נישט לייכט צו פאַראורטיילן אַזאַ גוואַלדיקע פּערזענלעכקייט ווי פרענסיס בעיקאָן; ס׳איז אָבער נישט גאָר לייכט אים אינגאַנצן צו „באַפרייען״.

ס׳וועט זיין איבעריק זיך דאָ באַזונדערס אָפּצושטעלן וועגן אַזאַ געשטאַלט ווי דער פראַנצויז וואָלטער, וואָס איז געווען אַ גרויסער הומאַניסט אין וואָרט און אָפט אויך אין טאַט (קעמפנדיק קעגן רעליגיעזע

פאַרפאָלגונגען א.אַז.וו.). ער איז אָבער גלייכצייטיק געווען פערזענלעך „וואָס אין דער קאָרט שטעקט" — אַ מענטש מיט אַ סך נעגאַטיווע אייגנשאַפטן פון אומבאַגרענעצטער געלט־לוסט, מאַכט און כבוד־ליידנ־שאַפטן, חניפה, לשון הרע, און טאַקע „אַזוי ווייטער".

מ׳דאַרף אָבער יאָ דערמאָנען אַ גייסטיקן ריז, וואָס איז געשטאָרבן אין 1910 — לעוו טאָלסטאָי.

טאָלסטאָיס לעבן אין זיינע עלטערע יאָרן איז געווען אַ פיינלעכער דראַמאַטישער געראַנגל, אַ קאַמף צווישן זיינע לעבנס־באַדינגונגען פון אַ גראַף און אַ גרויסן גרונטבאַזיצער און זיין אַסקעטיש־פילאַנטראָפּישער לערע פון אָרעמקייט און אָפּזאָגן זיך, מקריב זיין זיך פאַרן מיט־מענטש.

אין טאָלסטאָיס פאַל קאָן מען נישט זיין גאָר־שטרענג. ער האָט געמוזט קעמפן קעגן זיין פרוי, קעגן דעם לעבנס־שטייגער פון אַ פריי־צישער פאַמיליע — קעגן אַלע אָביעקטיווע באַדינגונגען. זיין טראַגיש אַנטלויפן פון דער היים און טויט אויף אַן איינזאַמער באַן־סטאַנציע האָט עפּעס אין זיך פון אַ טראַגישן עפּילאָג. דאָס ווייזט אויף אַ גרויסן געראַנגל פון אַ גרויסער נשמה מיט די אומצאָליקע קליינינקייטן, וועלכע ער האָט נישט געקאָנט באַזיגן.

ווי מיר זעען, איז נישט לייכט צו משפטן און פאַרמשפטן, און זיכער נישט צו אורטיילן אַנגראָ: יעדער פאַל האָט זיינע באַזונדערע אָביעקטיווע און סוביעקטיווע אומשטענדן.

מ׳ווייסט אויך פון פאַלן, ווען גרויסע קינסטלער האָבן געפּרוווט לעבן לויט זייערע הויכע פּרינציפּן און זיינען פשוט אומגעקומען.

אין די פאַלן קאָן מען זאָגן, אַז אַמאָל איז בעסער ווען אַ גרויסער גייסט־מענטש זאָל זיין ווי אַ גענעראַל, וואָס פירט אָן מיט אַן אַרמיי אין קאַמף, אָבער ער גייט נישט פאָרויס, און אַזוי אַרום איז ער פון גרעסערן נוצן, ווי ווען ער וואָלט געפאַלן אין שלאַכט.

פעסימיסטישע טענדענצן אין דער וועלט-ליטעראַטור

דער פילאָסאָף דיאָגענעס, באַקאַנט אַלס „דער ציניקער", וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע שאַרפע ווערטלעך, פלעגט באַצייכענען גאַר־שלעכטע און מיאוסע אייגנשאַפטן אַלס „דריי מאָל מענטשלעך". אָט דער פאַרקערטער „הומאַניזם", דאָס זען דעם מענטש זעלבסט אַלס קוואַל פון דעם, וואָס מיר רופן „אוממענטשלעכקייט", איז נישט אויסשליסלעך קיין מאָנאָפאָל פון פילאָסאָפישן ציניזם. נאָך פאַר דיאָגענעסן איז דער געדאַנק אויסגעדריקט געוואָרן אין בראשית: כי יצר לב האדם רע מנעוריו, דעם מענטשנס נאַטור, זיין האַרץ איז שלעכט אָנהויבענדיק פון זיין קינדהייט.

אָט די ביישפילן פון אַלטערטום ווייזן, אַז שוין אין פרימאָרגן פון דער געשיכטע איז „מענטשלעכקייט" געווען אַ מין צווייטייטיקער אויס־דרוק, וואָס האָט אויך אַריינגענומען דאָס אוממענטשלעכע.

די היינטיקע אולטראַ־מאָדערניסטישע ריכטונגען אין דער ליטעראַטור און קונסט האָבן דעריבער נישט אַנטדעקט קיין אַמעריקעס אין מענטש־לעכער פסיכאָלאָגיע, ווען זיי מאָלן מיט אַזוי פיל שוואַרצע פאַרבן און פלעקן דאָס וועזן פון דעם מענטש און די נאַטור אין אַלגעמיין.

עס איז אָבער אמת, אַז אין קיין שום פריערדיקער עפאָכע האָבן די געשעענישן נישט געגעבן אַזוי פיל „מאַטעריאַל", וואָס זאָל באַשטעטיקן די פלעקן־קונסט, ווי אונזער צוואַנציקסטער יאָרהונדערט מיט זיינע טראַגיש־אַבסורדאַלע מאַסן־ספעקטאַקלען אונטער פאַרשידענע נעמען און „לעיבעלס". די אַבסורדאַלע קונסט קאָן דעריבער פרעטענדירן צו זיין דער שפיגל פון אונדזער פראָגרעסיוון און ציוויליזירטן יאָרהונדערט, וואָס איז אין געוויסע הינזיכטן אַ פראָגרעסירנדיקע קראַנקהייט און אין לייכטערע פאַלן — אַן אַבסורדאַלע קאָמעדיע.

די אַנטוישונג, וואָס קומט צום אויסדרוק אין דער איצטיקער ליטע־ראַטור און קונסט, איז אַ באַרעכטיקטע, און האָט אירע ביטערע קוואַלן אין דער שרעקלעכער דעגענעראַציע פון מענטש אין פאַרלויף פון דעם לעצטן האַלבן יאָרהונדערט. די אַנטוישונג איז נאָך מער דערדריקנדיק, ווייל זי שטאַמט פון די טרויעריקע דערפאַרונגען פון אַן עפּאָכע, ווען די ערגסטע געמיינקייטן און פאַרברעכנס זיינען געגאַנגען פּאַראַלעל מיט אַן אומגעהויערן אויפשוווּנג פון מענטשלעכער דערפינדערישקייט אויף פאַר־שידענע געביטן — אַ דערפינדערישקייט, וואָס האָט אונדז אַריינגעפירט אין דעם פאַרכישופטן אוניווערס פון אַטאָמישער ענערגיע, ספּעיס־פלי און קאָמפּיוטאָרס.

אַזאַ אַנטוישונג, וואָס ווערט געבוירן דורך דעם מיאוסן צונויפפּאָר פון ציוויליזאַציע און ברוטאַליטעט, איז, אגב, אויך נישט קיין פולשטענדיק נייע דערשיינונג אין אַ וועלט, וווּ „ס׳איז נישטאָ קיין נייעס אונטער דער זון״.

אַן ענלעכע דערשיינונג איז געווען דאָס אַלטערטימלעכע רוים, וואָס איז געווען די גרעסטע וועלט־מאַכט אין דער געשיכטע. אויך רוים איז געווען אַזאַ אַבסורדאַלער געמיש פון ציוויליזאַציע און ברוטאַליטעט, פון ראַפינירטער קולטור און מאַטעריאַליסטישן געצנדינסט.

אַזאַ אויסדרוק פון פולשטענדיקער פאַרצווייפלונג אין מענטש און אין דער מענטשהייט געפינען מיר אין די ווערק פון דעם גלענצנדיקן רוימישן שריפטשטעלער און פילאָזאָף סענעקאַ.

אָט וואָס דער גייסטרייכער שרייבער פון אַלטערטום האָט געהאַט צו זאָגן וועגן דעם ענין:

„אונדזערע עלטערן האָבן באַדויערט, מיר באַדויערן און אונדזערע נאָכפאָלגערס וועלן באַדויערן... די הערשאַפט פון די רשעים, דאָס פאַר־שווינדן פון מענטשלעכקייט, די רואין פון דער גאַנצער מאָראַל. אָבער אַלץ בלייבט אויפן זעלבן פּלאַץ און וועט שטענדיק אַזוי בלייבן, העכסטנס מיט אַ לייכטער באַוועגונג פון אַהין־און־צוריק, ווי די כוואַליע, וואָס די „פלוט״ שטויסט אַריבער דעם ברעג, און וואָס ווערט צוריקגעברענגט פון דער „עבע״ אין אירע גרענעצן. אַמאָל וועט דאָס זיין... די משוגעת פון

באַנקעטן מיט דער שענדלעכסטער אָנשיקעניש פון רייכטום — די קיך; אַמאָל וועט דאָס זיין די איבערטריבענע זאָרג פון טואַלעט און זאָרגן וועגן שיינקייט, אַ באַשיימפּערלעכער צייכן פון גייסטיקער מיאוסקייט; אַמאָל וועט די שלעכט־אָרגאַניזירטע פרייהייט זיך פאַרענדערן אין הפקרות און חוצפּה; אַמאָל וועט די אכזריות פאַרכאַפּן מענטשן און פעלקער און די משוגעת פון בירגער־קריגן וועט פאַרשווענקען אַלץ, וואָס איז טייער און הייליק... דער איינציקער אורטייל, וואָס מען קאָן געבן וועגן דעם מענטש איז, אַז ער איז שלעכט; אַז ער איז שטענדיק געווען שלעכט און — איך זאָג דאָס מיט באַדויערן — אַז ער וועט דאָס שטענדיק זיין..."

די ווערטער זיינען געשריבן געוואָרן אומגעפער מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק (סענעקאַ איז געבוירן געוואָרן 65 יאָר פאַר דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג), אָבער זיי ווייזן אויס צו זיין זייער מאָדערן און אַקטועל — מיט אַזויפיל דורכדרינגלעכקייט און מענטשן־קענטעניש זיינען זיי געשריבן. עס זעט אויס ווי סענעקאַ וואָלט דירעקט אין זינען געהאַט אונדזער עפּאָכע, ווען גאַנצע פעלקער זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן פון אכזריות; ווען די שלעכט־אָרגאַניזירטע פרייהייט איז איבערגעענדערט געוואָרן אין הפקרות, און דאָס משוגעת פון בירגער־קריגן פאַרשווענקט אַלץ וואָס איז טייער און הייליק, שוין נישט רעדנדיק וועגן דעם געצנדינערישן מאַטעריאַליזם פון דער מאָדע, לוקסוס און פון דער גאַסטראָנאָמיע, וועגן וועלכער סענעקאַ האָט זיך אויסגעדריקט, אַז דער מענטש גראָבט זיין קבר מיט זיינע אייגענע ציין...

*

פּעסימיזם איז אַ באַגלייט־ערשיינונג פון דער ליטעראַטור, וואָס איז אין אַלגעמיין נישט באַגרענעצט צו קיין באַשטימטער עפּאָכע.

פּעסימיסטישע געדאַנקען וועגן וועלט און מענטש קומען צום אויסדרוק אין פאַרשידענע צייטן, ביי פאַרשידענע קינסטלערס און דענקערס, לויט זייערע באַזונדערע שעפעריש־עקספּרעסיווע פאָרמען.

דער ענגלישער שריפטשטעלער דזשאָן דריידען (1631—1700) האָט

געהאַלטן, אַז ס'האָט קיינמאָל נישט עקזיסטירט און ס'וועט נישט עקזיס־טירן — קיין רעגירונג, ווו צייטדינערס און טעמפּע לייט זיינען נישט דאָס „אויבערשטע פון שטייסל". ער האַלט, אַז בלויז די פּערזאָנען זיינען געענדערט, אָבער עס בלייבט די זעלבע קונצן־מאַכעריי אין דער רעגירונג, די זעלבע צביעות אין דער רעליגיע און דער זעלבער עגאָיזם און שלעכטע אָנפירונג. בלוט און געלט וועלן פאַרשווענדעט ווערן אין אַלע צייטן, בלויז כדי אַרויסצוהויבן נייע פּנימער מיט אַלטע געווויסנס..."

מען דאַרף געדענקען, אַז אין זעלבן יאָרהונדערט האָט געלעבט און געשאַפן דער ביטערער און גלענצנדיק דערפינדערישער ענגלישער סאַטי־ריקער דזשאָנאַטאַן סוויפט, (געבוירן אין יאָר 1667) וועמענס אַלעגאָרישע מעשהלעך זיינען די שאַרפסטע אָנקלאַגע קעגן מין מענטש אין דער פאָרם פון גראָטעסקע קאַריקאַטורן. (סוויפט דערגרייכט דעם הויכפּונקט פון זיין פאַראַכטונג און דעם „נידערפּונקט" פון זיין דעגראַדירן דעם מענטש אין דער געשטאַלט פון דעם „יאַהו"־באַשעפעניש).

אין 17טן יאָרהונדערט האָבן אויך געשאַפן אַזעלכע פולשטענדיק־פאַרשידענע שרייבערס און דענקערס, ווי דער רעליגיעזער אַסקעט בלעז פּאַסקאַל און דער וועלט־מידער און ציניש־דורכגעטריבענער גראַף פראַנסואַ לאַראָשפוקאָ (ביידע אין פראַנקרייך).

פּאַסקאַל האָט זייער טיפזיניק אַנאַליזירט דאָס מענטשלעכע געמיט און געקומען צו זיינע פּסיכאָלאָגישע אַנטדעקונגען אויף אַ ריין־פילאָזאָפישן אופן, ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט זיינע מאַטעמאַטיש־וויסנשאַפט־לעכע און פיזיקאַליש־מעכאַנישע אַנטדעקונגען.

ער מאָלט אַ טונקל בילד פון דעם מין מענטש, וואָס אַנטלויפט פון זיך אַליין, ווייל ער איז אַ גאָרנישט אין פאַרהעלטעניש צום אַל. דער מענטש איז, לויט פּאַסקאַלן, אַזוי אומגליקלעך, אַז ער לאַנגווייליקט זיך אָן שום אויסערלעכער סיבה פאַר דעם, נאָר דורך דעם בלויזן צושטאַנד פון זיין נאַטור.

פּאַסקאַל האָט געשריבן, אַז די אוממענדלעכע שטחים פון אוניווערס פילן אים אָן מיט גרויס שרעק. אָבער ס'וועט זיין ריכטיק צו זאָגן, אַז

מיט נאָך אַ גרעסערער שרעק האָט אים אָנגעפּילט דער אַזוי־גערופענער מיקראָקאָסמאָס, דער „עולם קטן", וואָס רופט זיך מענטש.

לאַראָשפוקאָ איז געווען אַ גרויסער דעמאַסקירער און אַראָפּרייסער פון אידעאַליסטישע שלייערן, מיט וועלכע דער מענטש האָט זיך פאַרהילט. דער ציניִשער פּעסימיסט גייט אַזוי ווייט ווי צו דער באַהויפּטונג, אַז דער מענטש איז קיינמאָל נישט אַזוי קינסטלעך, ווי אין דער צייט ווען ער דערשיינט — אָדער באַמיט זיך צו דערשיינען — נאַטירלעך.

דער אַסקעטישער דענקער־קינסטלער און וויסנשאַפטמאַן פּאַסקאַל און דער וועלטלעך־ציניִשער גראַף — קיין גרעסערע קעגנזאַצן פון כאַראַקטער און סטיל קאָן מען זיך נישט פאָרשטעלן. אָבער דאָך קומען זיי זיך צוזאַמען אין איין פונקט — אין דעם פּעסימיסטישן אַנאַליז פון וועלט און מענטש (פּאַסקאַלן דינט אָבער זיין פּעסימיזם ווי אַ סטימול און באַגרינדונג פון זיין רעליגיעזער פילאָזאָפיע).

עס וואָלט צו־ווייט פאַרפירט צו געבן אַ ברייטערן איבערבליק איבער די פּעסימיסטישע שטרעמונגען אין דער וועלט־ליטעראַטור. מען דאַרף אָבער דערמאָנען, בלויז ווי אַן אילוסטראַציע, אַזעלכע שרייבערס, ווי דער ענגלישער עסעיִסט וויליאַם העלזיט, דער דענישער דענקער סאָרען קירקעגאָר און דער שוועדישער נאָוועליסט און דראַמע־דיכטער אויגוסט סטרינדבערג — אַלע אין 19טן יאָרהונדערט. העלזיט האָט בלויז אין איין עסיי („וועגן האָס") קאָנצענטרירט אַ וועלט מיט אַנטוישונג און ביטערע אמת־פּילן וועגן דער מענטשלעכער נאַטור. לויט אים (און נישט בלויז לויט אים) קומט אויס, אַז וואָלט דער מענטש געווען אַ... מענטש, וואָלט שוין לאַנג עקזיסטירט אַן אָנשטענדיקע וועלט פון יושר און שיינקייט. און ער קומט צום זעלבן אויספיר ווי איינער פון די גרעסטע יידישע פּערזענלעכקייטן, דער פלאַם־פייערדיקער קאָצקער רבי, אין וועמענס נאָמען מען גיט איבער דעם פיינלעכן זאָג, אַז „דער מענטש פּילט זיך".

קירקעגאָר איז ענלעך צו פּאַסקאַלן מיט זיין טיף־רעליגיעזער נאַטור און טיף־זוכנדיקן גייסט.ביידע גרויסע דענקערס זיינען אויך ענלעך אין דער הויכער געלאָדנקייט פון זייער עלעקטריזירנדיקן קינסטלערישן אויסדרוק און שעפערישע עמאָציעס. און פּונקט ווי פּאַסקאַל, קומט

קירקעגאַר מיט אַ פאַרניכטנדיקן אורטייל פון די קאָנווענציאָנעלע אמתן און געטשקעס, אַן אורטייל קעגן דעם מענטש בכלל. קירקעגאַר האָט קריטיקירט די דעמאָקראַטיע און דעם מאַסן־אידעאַל אַלס די מאָדערנע טיראַניע און דערקלערט, אַז „מענטשן קומען נישט אויפן געדאַנק, אַז היסטאָרישע קאַטעגאָריעס ענדערן זיך און איצט זיינען די מאַסן דער איינציקער טיראַן און די באַזע פון יעדער קאָרופּציע...״

דער עקסצענטרישער און שטורמישער סטרינדבערג איז געווען אַ זוכנדיקער גייסט, וואָס האָט כסדר רעוואָלטירט קעגן דאָגמעס און דער־קלערט, אַז די „חכמה פון היינט איז די נאַרישקייט פון מאָרגן״. ער האָט אָפט געביטן זיינע געטער. אָבער דער פּעסימיזם האָט טיף געגעסטיקט אין זיין וועזן.

אין זיין אַפאָריזמען־זאַמלונג „גיהנום״ זאָגט ער, אַז די ערד איז אַ שטראָף־קאָלאָניע, ווו מיר מוזן אָפּקומען פאַר די זינד, וואָס מיר זיינען באַגאַנגען אין אַ פריערדיקער עקזיסטענץ. און ער ראָט „צו באַטראַכטן די וועלט פון אַ פויגל־פּלי, פון דער הויך. דו וועסט זען ווי באַדייטונגס־לאָז און קליין אַלץ איז... געוויין דיך צו צו אַ רואיקער, שטילער פאַראַכטונג צו דער וועלט״...

אויב ס׳גייט וועגן באַטראַכטן די ערד ווי אַ שטראָף־קאָלאָניע איז דער געדאַנק אויסגעוואַקסן צו אַ קאָשמאַר־וויזיע אין די ווערק פון פראַנץ קאַפקאַ אין דעם ערשטן פּערטל פון אונדזער יאָרהונדערט, (אגב האָט קאַפקאַ צווישן זיינע קאָשמאַר־דערציילונגען איינע, וואָס הייסט טאַקע: די „שטראָף־קאָלאָניע״.) קאַפקאַס ווערק — ראָמאַנען, דערציילונגען, אַפאָריזמען און אַנדערע — זיינען איין גרויסער גרויל־גראָטעסקער שפּיגל פון אונדזער חלום־רעאַליטעט, ער זעט אין זיין וויזיע, אַז „די יאַגד־הינט שפּילן זיך אין הויף, אָבער דאָס העזל וועט נישט אַנטרינען פון זיי — ווי שנעל עס זאָל נישט פּרווון זיך ראַטעווען, לויפנדיק שוין איבער די וועלדער״. קאַפקאַ זעט נישט בלויז די וועלט ווי אַ גרויסע שטראָף־קאָלאָניע, נאָר ער האַלט אויך אַז דער „שליסל״ צו דעם „לאַגער״, דער ענטפער אויף דער פיינלעכער רעטעניש, וועט קיינמאָל נישט געפונען ווערן: „פריער האָב איך נישט געקאָנט פאַרשטיין פאַרוואָס איך האָב נישט

געקראָגן קיין ענטפער אויף מיינע פראַגן; היינט פאַרשטיי איך נישט ווי אַזוי איך האָב געקאָנט גלויבן, אַז איך קאָן פרעגן. אָבער פאַקטיש האָב איך נישט געגלויבט, איך האָב בלויז געפרעגט״.

אַ צווייטער שאַרפזיניקער גייסט, הגם נישט פון אַזאַ שעפערישן פאַרנעם, דזשאָרדזש בערנאַרד שאָא, האָט געהאַלטן, אַז מען קאָן אַנזאַמלען „געזעצן פון רעכטס און האַבעאוס קאָרפּוס אויף גרויסע טשאַרטערס... ברענען די שלעסער און גילאָטינירן די פּריצים; אַראָפּהאַקן די קעפּ פון קעניגן... און בילדן דעמאָקראַטיע אויף די רואינען פון פעאָדאַליזם: דער סוף פון דעם אַלעם איז, וואָס שוין אין 20טן יאָרהונדערט איז געווען אַזוי פיל ברוטאַלער צוואַנג און ווילדע אומטאָלעראַנץ... אַזוי פיל טאָרטורן, פאַרפאָלגונג און אונטערדריקונג״...

דאָס איז אַ מאָדנער געשיכטלעכער איבעררוף מיט די געדאַנקען פון אַלטן סענעקאַ וועגן דעם „אַהין־און צוריק״, וואָס בלייבט דאָך דאָס זעלבע... איז נישט קיין וווּנדער וואָס שאָא האָט געהאַלטן, אַז מענטשן האָבן געגנוגנדיקע מאָטיוון צו האַסן איינער דעם צווייטן, הגם דאָס גיט קיינעם נישט די רעכט צו שיסן דעם אַנדערן אָדער „אַריינצוּוואַרפן טויטע קעץ אין זיין גאָרטן״.

*

ווי מיר זעען איז די אנקלאַגע קעגן דעם מין מענטש אין דער וועלט־ליטעראַטור זייער אַ שווערע. עס וואָלט אָבער געווען אַ גרויסער טעות צו דענקען, אַז די אומגעהויערע אַנטוישונג, די פאַרצווייפלונג, דער טרויער און פעסימיזם פון די אויסגערעכנטע — און פון פיל אַנדערע גרויסע קינסטלערס און דענקערס — האָט זיי געפירט צו אַ הפקרדיקן און וואול־גאַרן ציניזם. איידעלע מעטאַלן ראָסטן נישט און פיינע שעפערישע נאַטורן באַווייזן די אַלכעמישע קונסט פון איבערשמעלצן דאָס שווער דערהדריקטע בליי פון וועלט־ווי און מענטש־אַנטוישונג אין דעם גאָלד פון דערהויבנ־דיקע, דערלייכטנדיקע און לייכטזיניקע ווערטער. באָדלער האָט ריכטיק באַמערקט, אַז „דער ריטמישער און טאַקטמעסיקער ווייטאָג פילט־אָן דעם

גייסט מיט אַ רואיקער פרייד״. דאָס איז, לויט אים, „איינע פון די וווּנדערלעכסטע פּריווילעגיעס פון דער קונסט״.

מיט די פּעסימיסטישע שאַפונגען פון גרויסע שרייבערס איז ווי מיט דער עלעגישער מוזיק פון בעטהאָווען און שאָפּען. זייער טעמע איז — ליידן, טרויער און נאָסטאַלגיע — די ווייטאָגדיקע ווונדן פון דער נשמה. אָבער זייערע וווּנדערלעכע טענער הויכן אויס גלייכצייטיק אַ דער־לייזנדיקן און היילנדיקן אראָמאַט, די קינסטלעריש־אַלכעמישע פאַר־וואַנדלונג פון טרויער אין פרייד.

וועגן רום און אייביקייט

שרייבערס און דענקערס פון אַלע צייטן האָבן זיך געגריבלט אין דעם פּראָבלעם פון רום און אומשטערבלעכקייט. דער דורשט צו אָנערקענונג און „איבערלאָזן אַ נאָמען" איז אַ נאַטירלעכע דערשיינונג ביים רוב מענטשן, און אַוודאי ביי שרייבערס און קינסטלערס. איינער אַ רעליגיעזער דענקער האָט מיט אַ סך יאָרהונדערטער צוריק געזאָגט דעם איינפאַכן אָבער טיפן אמת: „אָמניאַ פּערסאָנאַ סובּעיקטאָ עסט וואַניטאַטי" — יעדער מענטש איז באַהערשט פון אייטלקייט. נו, ווער האָט נאָך אַזוי רעכט צו זיין הונגעריק און דורשטיק נאָך כבוד, רום און אומשטערבלעכקייט, ווי דער שרייבער, קינסטלער און דענקער, וואָס שאַפט אָדער דענקט אַז ער שאַפט — פאַר דער צוקונפט?

דער אמת איז אָבער, אַז גלייכצייטיק מיט דער נאַטירלעכער באַרעכטיקטער גלוסטונג צו דעם רום־באַלזאַם און אייביקייטס־נעקטאַר, איז פאַראַן ביי פיל שעפערישע פּערזענלעכקייטן קעגנזעצלעכע אינטעלעקטועלע און עסטעטישע שטראָמען פון אַטי־כבוד און אַנטי־רום. און אויב ס'איז אמת, אַז וואָס גרעסער דער מענטש איז, אַלץ שטאַרקער זיינע... שוואַכקייטן, איז אויך אמת, אַז וואָס גרעסער דער קינסטלער און דענקער איז, זיינען אויך שטאַרקער די אינטעלעקטועלע און עטיש־עסטעטישע קעגן־שטראָמען פון אַנטי־כבוד, אַנטי־רום און אַפילו אַנטי־„אייביקייט".

אויב עס גייט וועגן דעם אינטעלעקטועלן שטראָם, איז דאָס געמיינט אין דעם זין פון אַ קריטישער און אַנאַליטישער אָפּשאַצונג און איבערשאַצונג פון די באַגריפן: כבוד, רום און אייביקייט. עס וואָלט פאַרנומען צופיל צייט און פלאַץ אויסצורעכענען די קעגן־אַרגומענטן, דאָס צו־נישט־מאַכן פון די שטרעבונגען צו די צילן און אַפילו די צילן אַליין דורך פאַרשידענע גרויסע גייסטער, — אָנהויבנדיק פון דעם רוימישן מאַרקוס

אָורעליוס, מיט 1,800 יאָר צוריק, ביז דעם שפּאַניער לאָרקאַ אין אונדזער יאָרהונדערט.

דער געדאַנקענגאַנג פון די גרויסע גייסטער וועגן דער רום־ליידנשאַפט און אייביקייטס־גלוסטונג איז אומגעפער אַזעלכער: דאָס גאַנצע מענטש־לעכע איז פאַרגענגלעך און נישטיק אין פאַרהעלטעניש צו אַלץ; ווי פאַרגענגלעך און נישטיק איז שוין דער אילוזאָרישער רום און לויב פון דעם מיקראָ־באַשעפעניש וואָס רופט זיך מענטש... וואָס פאַר אַ באַדייטונג קאָן שוין האָבן די לויב פון אַזאַ וואַקלדיקן און שוואַכן וועזן ווי דער מענטש?... דער שוים פון ברויזנדיקע אַפּלאָדיסמענטן וועט זיך אָפּזעצן און די שטורמישע כוואַליעס פון כבוד־מאַניפעסטאַציעס וועלן זיך צוריק־ציען. בלייבן וועט בלויז דאָס זאַמד, די פעלזן און דער קאָסמישער כאָאָס. אייביקייט? אין באַציאונג צום אינדיווידועלן מענטש? די קריטישע גרויסע גייסטער רעאַגירן אויף דעם — יעדער אויף זיין שטייגער — ווער מיט אַ ביטולדיקן זיפץ, ווער מיט אַ הילכיקן געלעכטער און ווער מיט אַ פיינעם איראָנישן שמייכל. זיי באַדויערן, לאַכן־אויס אָדער „שמייכלען־אויס" יענע פלאַכע, זעלבסט־צופרידענע שרייבער, וואָס רעדן אַרויס דאָס וואָרט „אייביקייט" ווי למשל אַ סיגאַרעט אָדער אַ גלעזל טיי. די גאַנצע „וועלט" די ערד איז אַזאַ אומאייביק פינטעלע אין דעם אומענדלעכן אָקעאַן פון רוים, פון דעם שרעקלעכן תהום פון צייט און צייטלאָזיקייט. ווי קאָן מען שוין רעדן וועגן אייביקייט פון מענטשלעכע שאַפונגען, פון מענטשלעכן רום?

וואָס שייך דעם עטישן און עסטעטישן אָפּפרעגן די כבוד־און־רום־ליידנשאַפט איז דאָס פשוט נעגירן די עבודה־זרה, דאָס, צו וועלכן מענטשן, איינשליסלעך שרייבערס און קינסטלערס, זענען מקריב איבערצייגונגען, פרינציפּן און אידעאַלן; עס הייסט, אמתער כבוד איז נישט אויפן פובלי־סיטי־מאַרק און רום־באַלאַגאַן. אין דעם זין איז כאַראַקטעריסטיש דער מאמר פון אונזערע חכמים: כל הרודף אחר הכבוד, הכבוד בורח ממנו, והבורח מפני הכבוד, הכבוד רודף אחריו. דאָס הייסט: דער, וואָס יאָגט זיך נאָך כבוד, אַנטלויפט דער כבוד פון אים, און דער וואָס אַנטלויפט פון כבוד, יאָגט אים דער כבוד נאָך. אויב איינער איז אַזוי שוואַך און אַן

אינערלעכן איידעלן שטאָלץ, אַז ער יאָגט זיך אויף אַ ביליקן אופן נאָך אַ ביליקער זאַך, ווי „כבוד", איז דאָס אַ באַוויז, אַז ער האָט נישט קיין אמתן געפיל פון אינערלעכער ערע, פון פרינציפן און שיינקייט.

אמת־אומאָפּהענגיקע גייסטער און שטאַרקע נאַטורן וואַרפן־אָפּ מיט פאַראַכטונג דעם כבוד־„באַקשיש" פון דער געזעלשאַפט, ווייל זיי ווייסן, אַז אַלץ אין דער וועלט האָט אַ פרייז, און זיי האַלטן, אַז די ביליקע און „צעברעכלעכע" סחורה איז זיכער נישט ווערט דעם הויכן פרינציפן־פרייז, וואָס מען מוז צאָלן פאַר איר.

מאַרקוס אַורעליוס, דער פילאָסאָף און רוימישער אימפּעראַטאָר, האָט אויפגעלייזט די סובסטאַנצן פון רום און אומשטערבלעכקייט אין זיין שאַרפן אַנאַליז:

„דער וואָס באַגייסטערט זיך פון רום נאָכן טויט, שטעלט זיך נישט פאָר, אַז יעדער פון די, וואָס וועלן זיך דערמאָנען וועגן אים, וועט שטאַרבן... ביז דער רום וועט אויסגעלאָשן ווערן... ווענד דיין בליק... אויף דעם צייט־אָפּגרונט, וואָס עפנט זיך פוןביידע זייטן צו דער אומענד־לעכקייט..."

אַזוי האָט אַ העכסט־עטישע פערזענלעכקייט פון אַלטערטום באַוויזן די אילוזאָרישקייט פון די ליידנשאַפטן.

דער פראַנצויזישער קינסטלער־דענקער בלעז פּאַסקאַל, וואָס האָט געלעבט אין 17טן יאָרהונדערט, האָט געשריבן קעגן דער אייטלקייט („וועניטי"), וואָס איז אַזוי איינגעוואָרצלט אין מענטשנס האַרץ, אַז אפילו אַ קוכער, אַ טרעגער רימט זיך און וויל האָבן באַוווּנדער... און די, וואָס שרייבן קעגן, ווילן האָבן דעם רום פון האָבן גוט געשריבן..."

וואָלטער, דער „אינטעלעקטועלער פּאַטריאַרך" פון 18טן יאָר־הונדערט, האָט געהאַט שטאַרקע שוואַכקייטן צו אַ סך זאַכן, איינשליסנדיק כבוד, וואָס ער האָט געגאַנסן אויף אַ גיריקן אופן, אָבער ער האָט פאָרט געהאַט דעם כוח וויניקסטנס אינטעלעקטועל צו נעגירן דעם מין געצנדינסט. ווען ער איז אויף דער עלטער צוריקגעקומען קיין פּאַריז פון זיין אַזיל־פּלאַץ אויף דער פראַנצויזיש־שווייצאַרישער גרענעץ, האָט אים דאָס פּאַריזער „פאָלק" אָפּגעגעבן כבוד ווי אַ קעניג. מאַסן האָבן זיך געצויגן נאָך זיין

פּריצישער קאָרעטע אויף די פּאַריזער גאַסן. דער גייסטרייכער ציניקער האָט אויף דעם כּבֿוד־פּסיכאָז רעאַגירט מיט דער באַמערקונג, אַז די זעלבע מאַסן וואָלטן ביי אַן אַנדערער לאַגע פּונקט מיט אַזאַ „באַגייסטערונג" אים נאָכגעיאָגט ווען מען פירט אים צו דער תּליה...

אַזעלכע חכמים ווי אַנאַטאָל פראַנס און בערנאַרד שאָא האָבן אויסגעלאַכט רום און אייביקייט. דאָסטאָיעווסקיס העלד איוואַן אין „די ברידער קאַראַמאַזאָוו" שטעלט זיך פאָר די אייביקייט ווי „אַ בוידעם־שטיבל מיט שפּינוועבס..."

דער פּילזייטיקער פראַנצויזישער דיכטער און שיין־גייסט, זשאַן קאָקטאָ, וואָס איז געשטאָרבן מיט עטלעכע יאָר צוריק, האָט געשריבן, אַז די געזעלשאַפט פירט אַ קאַמף מיט דעם קינסטלער אין פאַרשידענע פאַזן: אין אָנהויב וויל זי אים פאַרניכטן דורך די שווערע לעבנס־באַדינגונגען, און אַזוי כּסדר, ביז דער לעצטער פאַזע, ווען דער קינסטלער האָט שוין עפּעס דערגרייכט, וויל זי אים אָפּטויטן דורך רום.

פרעדעריקאָ גאַרסיאַ לאָרקאַ, דער באַרימטער שפּאַנישער פּאָעט, וואָס איז אומגעבראַכט געוואָרן דורך די פראַנקאָ־באַנדעס, האָט געשטורעמט קעגן אַלע כּבֿוד מאַניפעסטאַציעס און „טעסטימאָניעלס" פאַר שרייבערס דערקלערנדיק, אַז יעדער פון די „באַנקעטן" לייגט אַ שטיין אויף „אונדזער ליטעראַרישן קבֿר". ער האָט געהאַלטן, אַז „ס'איז נישט פאַראַן קיין מער־דערשלאָגנדיקע זאַך, ווי אַ פאָרמעלע רעדע אין עמיצנס ערע, אָדער עפּעס מער־טרויעריק, ווי אָרגאַניזירטער אַפּלאָדז, אפילו ווען ער איז אויפריכטיק".

דאָס זענען בלויז עטלעכעביישפּילן ווי אַזוי גרויסע גייסטער און שטאַרקע פּערזענלעכקייטן האָבן געמאַכט אַש און שטויב פון די גלענצנדיקע אָבער הוילע שפּילצייג פון גרויסע קינדער.

אויב אַזוי — וועלן סקעפּטיקער פרעגן — „אם כּן למה זה אנכי?" — וואָס פאַר אַ באַלוינונג קאָן זיין פאַרן אינטעלעקטועלן האָרעפּאַשניק, פאַרן קינסטלערישן שוואַרץ־אַרבעטער, וואָס איז אַזוי פיל מקריבֿ פאַר זיינע שאַפונגען צו וועלכע ער ווידמעט זיך מיט לייב און לעבן? איז ער נישט ענלעך צום דיכטער, וועגן וועלכן געטע האָט געשריבן אַז „זיינע ווערטער, געשריבן אין זאַמד, ווערן שנעל פון ווינט פאַרווייט"?

קאָן מען ענטפערן אויף דער פראַגע מיט אַזאַ צווייטער פראַגע: נו, איז דאָס דער איינציקער חידוש? זיינען נישט די וויכטיקסטע און גרעסטע פּראָבלעמען פון וועלט און מענטש אומגעלייזט און אומפאַרענטפערט?

מען קאָן אָבער אויך זאָגן, אַז דער קינסטלערישער שאַפונגס־אימפּולס איז אַ נאַטור־פּראָצעס, אַן אָרגאַנישע גייסטיקע פונקציע. דער קינסטלער שאַפט שיינקייט ווי די בין פּראָדוצירט האָניק, נישט דערפאַר אַז ער זאָל פאַרקויפט ווערן אין דער קראָם, אָדער ווי בלומען „צירן" זיך אויס אין די שענסטע „קאָסטיומען" און הויכן אויס אָנגענעמע אַראָמאַטן.

דער שעפערישער אימפּולס און סטימול, וואָס באַהערשט דעם קינסטלער און גייסטיק־שעפערישן מענטש בכלל, איז איינער פון די געהיימע כוחות, אַ פראַגמענט פון דער אומענדלעכער אוניווערסאַלער געהיימניש וואָס רינגלט אונדז אַרום.

די קללה פון גערויש

אַלע שרײַבערס האָבן, אײנשטימיק, ליב
די וועלדער און אַנטלויפן פון די שטעט.
האָראַץ

טומל און גערויש זײַנען אַזוי אַלט ווי די מענטשלעכע ציוויליזאַציע און ווערן ערגער מיט יעדער פֿאַרבעסערונג און פּראָגרעס פֿון דער טעכניק. זיי זײַנען אין אַלע צײַטן אַן אָנשיקעניש און אַ קללה פֿאַר בעלי־חלומות, פּאָעטן און דענקערס, וואָס פֿאַר זיי איז די שטילקייט די קאַנווע פֿאַר עמאָציאָנעלע און געדאַנקלעכע מוסטערן.

פֿון אײביק אָן האָבן שעפֿערישע מענטשן זיך געקלאָגט אויפֿן אָנגריף פֿון טומל און האַרמידער אויף זייער אינטימער פּריוואַטקייט, די אינוואַזיע פֿון גרילץ און בראַזג אין זייער אויסגענאָמען רשות־היחידיקן געביט. דער פּראָטעסט און ווידערווילן קעגן דער וווּלגאַרער שטאָטישער קאַקאָפֿאָניע זײַנען געקומען צום אויסדרוק סײַ אין ירושלים, סײַ אין רוים. די נביאים האָבן זיך באַקלאָגט אויף דער קריה הומיה, אויף דעם פֿאַרטויבנדיקן „קול שאון" פֿון דער יידישער מעטראָפּאָליע. אָבער באַזונדערס שאַרף האָבן די רוימישע שרײַבערס פֿאַראורטיילט דעם טאָג־טעגלעכן „באַלאַגאַן" פֿון זייער „וועלטשטאָט".

מיט 2,000 יאָר צוריק האָט האָראַץ (קווינטוס האָראַטיוס פֿלאַקוס) פֿאַרלאָזט די קאַרנאַוואַל־שטאָט אויף וואַקאַציע אין דער פּראָווינץ. און ווען זײַן מעכטיקער פּראָטעקטאָר מעקענאַס האָט אים פֿאַרגעוואָרפֿן, אַז ער זוימט זיך צו לאַנג, האָט דער דיכטער אים געענטפֿערט, אַז „מיך ציט מער נישט צו דעם קעניגלעכן רוים, נאָר די אײנזאַמע (שטאָט) טיבור, אָדער די שטילע טאַרענט". דער רוימישער שײַנגײַסט און דיכטער־דענקער פֿאַראורטײלט אויך דאָס שטאָטישע לעבן אין בריוו צו אַנדערע פֿרײַנד. ער פֿירט אַ שריפֿטלעכן וויכוח מיט זײַן אַלטן ידיד אַריסטיוס פֿוסקוס, אָנווײַזנדיק, אַז אויב מען דאַרף לעבן אין אײנקלאַנג מיט דער נאַטור,

איז נישט פֿאַראַן קיין בעסערער ווינפּלאַץ, ווי אויפֿן לאַנד. און צו זיין פּאַרוואַלטער פֿון זיין הויף, ווען ס'איז פֿאַרמיאוסט געוואָרן דאָס דאָרפֿישע לעבן, באַמערקט ער:

„איך זאָג, אַז נאָר אויפֿן לאַנד לעבט מען גליקלעך".

האָראַץ פֿאַרענטפֿערט זיך פֿאַר זיין פֿריינד פֿלאָרוס, פֿאַר וואָס ער שיקט אים נישט קיין לידער מיטן אַרגומענט, אַז דער גרויסשטאָטישער רעש דערלויבט אים נישט צו קאָנצענטרירן זיך. און שילדערנדיק אויף אַ בילדערישן אופֿן דעם גאַסן־טומל אין רוים, באַמערקט ער:

„נו, און איצט גיי מעדיטיר האַרמאָנישע לידער!"

יואַווענאַל, דער רוימישער סאָציאַלער קריטיקער פֿון סוף ערשטן און אָנהייב צווייטן יאָרהונדערט, באַקלאָגט זיך אין איינער פֿון זיינע סאַטירעס אויף דעם טאָג־טעגלעכן רעש אין דער וועלטשטאָט, באַמערקנדיק, אַז אין דער פּראָווינצשטאָט קומעי איז מעגלעך צו שלאָפֿן אין משך פֿון אַלע טעג פֿון יאָר. ער שטעלט עס אַנטקעגן דעם לעבן אין דער הויפּשטאָט, ווו ס'איז:

„נישטאָ קיין הויז פֿאַרן אָרעמאַן, ווו ער זאָל קאָנען שלאָפֿן אומגעשטערט, אַזוי טייער קאָסט עס איינצוהאַנדלען רו אין רוים".

*

מיט אַ שטאַרקערער אנקלאָגע קעגן גרויסשטאָטישן טומל איז אין דער נייער צייט אַרויסגעקומען דער באַרימטער פֿילאָסאָף שאָפּענהויער, וואָס האָט דער שטאָטישער פּלאָג געווידמעט אַ ספּעציעלן עסיי. דער פּעסימיסטישער דענקער האָט אין דער אָפּהאַנדלונג באַזונדערס אָנגעגריפֿן די קוטשערס, וואָס מאַכן אָן אַ רעש מיט זייערע בייטשן אין דער לופֿט, און פֿאַרגעשלאָגן, אַז די באַלעגאָלעס זאָלן... געשמיסן ווערן פֿאַר זייער אומנייטיקן פּאַכען מיט די בייטשן.

די און אין אַנדערע „איכהס" זעען אונדז היינט אויס צו זיין גאָר איבערטריבן. די אַלע אָנקלאָגערס און באַקלאָגערס ווייזן זיך אונדז אויס צו האָבן געלעבט אין אַ גליקלעכער צייט — וואָס שייך רו. סוף־כּל־סוף זיינען טומל און גערויש, ביזן סוף פֿון 19טן יאָרהונדערט, געווען באַגרע־

נעצט אין אָרט. די פֿאַרשיידענע מינים געװרישן האָבן זיך געענדיקט מיט די טױערן פֿון דער גרױסשטאָט. אױף דער צװײטער זײט האָבן זיך אױסגעשפּרײט אומענדלעכע שטחים פֿון מנוחה און שטילקײט.

מיט דער ריזיקער אַנטװיקלונג און אױסשפּרײטונג פֿון דער מאַשינען־אינדוסטריע און קאָמוניקאַציע־מיטלען, און גאָר באַזונדערס פֿון ראַדיאָ, טעלעװיזיע און אױטאָמאָבילן, זײנען דורכגעבראָכן געװאָרן די לעצטע „פֿאַרטײדיקונג־ליניעס" פֿון דער שטילקײט.

דאָס אומהײמלעכע רעװען און װאָיען פֿון די מעכאַנישע חיות פּילט מען בײ טאָג און בײ נאַכט, נישט בלױז די שטאָט; דאָס באַטױבנדיקע, אױערן־פֿאַרגװאַלטיקנדיקע בורטשען יאָגט אונדז נאָך אױסער די גרענעצן פֿון דעם אַספֿאַלטענעם דזשונגל און דערגרײכט אונדז אין די שטעטלעך, דערפֿער, װעלדער און פּאַרקן, װוּהין מיר פּרוּװן אַטלױפֿן פֿון דעם נערװן־דערשטױנענדיקן װילדקלאַנג. מיר אַנטלױפֿן מיט אױטאָס און אױטאָבוסן פֿאַרן... אױטאָ, װאָס איז דורס די שטילקײט אונטער זײנע רעדער און קומען אָן אין ערגעץ אַ שטילן װינקעלע אױפֿן לאַנד. אָבער אַהין קומען אָן אױך אַנדערע געװריש־פּליטים און עס שאַפֿט זיך אַ נײער געװריש... עס ליאַרמען פֿאַרשײדענע מאַרקאָני־גרעגערס; דער שטן בלאָזט „תּקיעה־שברים־תּקיעה" מיט די אױטאָהאָרנס און די טענער פֿון דעם דיסקאָנצערט דרינגען דורך אַלץ װי די לופֿט. פֿראַגמענטן פֿון די „דום־דום"־קולות רײסן אױף די שטילקײט אין די פֿאַרבאָרגנסטע װינקעלעך.

מיר „װאָטשן" אין דער טעלעװיזיע אַ גן־עדן אַזיל, װוּ ס'איז נישטאָ פֿאַראַן קײן... טעלעװיזיע, ראַדיאָ, אױטאָ, עראָפּלאַן און אַנדערע מכשירים. װאָס שפּאַלטן די רואָמען...

שאַרפֿע און טעמפּע קלאַנגען־שפּליטערס שנײדן זיך אַרײן אין אונדזער פֿאַרװוּנדיקט געמיט. מיר קלאָגן אױפֿן חורבן פֿון שטילקײט. אָבער װעט אַ װײגעשרײ העלפֿן?...

אַלפֿאָנס דאָדע, דער פֿראַנצױזישער נאָװעליסט פֿון מיטן 19טן יאָרהונדערט, האָט זיך פֿאַרקליבן אין אַ װױסטער העק און זיך אײנגעאָרדנט אין אַ פֿאַרלאָזענער װינטמיל, אין װעלכער ער האָט אָנגעשריבן זײנע „בריװ פֿון מײן מיל".

אַרטור שניצלערס אַרבעטס־קאַבינעט איז געווען ספּעציעל געבויט, אַז קיין קלאַנג פון דרויסן זאָל אים נישט שטערן אין זיין שאַפן.

אויך אַנדערע שרייבערס האָבן געזוכט און געפונען פאַרשיידענע אייגענע וועגן צו ראַטעווען זיך פון דעם „קול המונה של רומא”.

אין אונדזערע טעג, ווען רו איז נישט מער ווי אַ חלום און שטילקייט אַן אוטאָפּיע — זעען די רעש־דעזערטירן נישט אויס צו זיין קיין עקסצענטריקערס.

היינט בליקן מיר צוריק מיט בענקשאַפט צו דעם פאַרלוירענעם גן־עדן פון שלווהדיקע לאַנדשאַפטן, פאַרוואָרפענע שטעטלעך און דערפער, פעלדער און וועלדער, איינגעהילטע אין טיפן שווייגן. מיר בענקען נאָך דער נאַטור, אַפילו אין איר אומרואיקן צושטאַנד: צום זיידענעם גערויש פון וועלדער, דעם מעלאָדישן בולבלען פון טייכן און קוואַלן, דער צוויטשעריי פון פייגל און אַנדערע האַרמאָנישע קלאַנגען, וואָס האָבן באַרויִקט און פאַרוויגט דאָס געמיט.

מיר בענקען נאָך די אַמאָליקע וווּנדערלעכע טעג און נעכט מיט די אַראָמאַטן און פאַרבן פון די נאַטור־סעזאָנען — און אונדזערע מעדיטאַציעס און שטימונגען ווערן איבערגעריסן דורך דעם ברוטאַלן ברומען, הוזשען און פייפן — די מאַקאַברישע מוזיק פון אונדזער ראָבאָט־ציוויליזאַציע.

און זעענדיק, ווי די שטילסטע ווינקעלעך ווערן איינגעשלונגען פון דעם אויטאָ־מאָנסטער, הערנדיק זיין אומהיימלעך־באַטויבנדיק געזשום רופן מיר אויס ווי ראָבערט בראַונינג:

„אַ ערד, אַזוי פיל מיט טרויעריקע גערוישן!”

מאָדערניזם, מאָדע — און פאַלשער "אַוואַנגאַרד"

דער איטאַליענישער פילאָסאָף און ליטעראַטור־קריטיקער בענעדעטאָ קראָטשע האָט אין איינעם פון זיינע עסייען געשריבן, אַז יעדעס אמתדיקע קונסט־ווערק האָט עובר געווען אויף געוויסע אָנגענומענע פאָרמען און האָט צעטומלט די קריטיקערס, וואָס זיינען געצוווּנגען געוואָרן אויסצוברייטערן די פאָרמען.

געטע, וואָס איז געווען אַן אויסגעצייכנטער קריטיקער, האָט געהאַלטן, אַז דאָס שיינע איז אַן אורשפּרינגלעכער פענאָמען, וואָס דערשיינט קיינמאָל נישט אַליין, נאָר שפּיגלט זיך אָפּ אין "טויזנט פאַרשיידענע אויסדרוקן פון דעם שעפערישן גייסט, און איז אַזוי פאַרשיידנאַרטיק ווי די נאַטור גופא".

וואָס קראָטשע און געטע האָבן געהאַט צו זאָגן וועגן דעם וועזן פון שעפערישקייט — וועגן איר כסדרדיקער באַנייונג און אַנדערשקייט — פּילן געוויינטלעך אַלע אמתדיק־שעפערישע מענטשן. קונסט איז די פאָרם פון טויזנט פאָרמען, זי טוט זיך כסדר באַנייען ווי אַן אייביק־ריזלענדיקער קוואַל. און עס איז דעריבער אַנטי־קינסטלעריש, אָדער "אַקינסטלעריש", צו וועלן אַריינפּרעסן אין סטאַטישע פאָרמען און אין טויטע שול־פאָרמולעס דאָס קוועקזילבערדיקע, דינאַמישע וועזן פון קינסטלערישער שעפערישקייט.

יעדע שעפערישקייט איז אויף אַזאַ אָדער אַנדער אופן מאָדערניסטיש. יעדער באַדייטנדיקער קינסטלער קומט אַרויס מיט אַן אַנדערער רעאַליטעט, וואָס האָט זיך רעגנבויגנדיק אָפּגעשפּיגלט אויף זיין געמיט־פּריזמע. מאָדערן איז דאָס לעבן, וואָס באַנייט זיך אומאויפהערלעך מיט פרישע זאַפטן און גיט אַרויס נייע בליטן. און מאָדערניזם איז אַן אויסדרוק פון אָט דער באַנייאונג.

די אַזוי גערופענע "קונסט פון העלפאַנטביין־טורעם", זונדערט זיך אָפּ

פון דעם לעבן. די אַרומיקע סביבה, די אויסערלעכע וועלט, דער לעבנס־שטייגער און לעבנס־באַדינגונגען פון יעדן דור זיינען אָבער אַנדערש פון פריערדיקן, און זיי שפּיגלען זיך אַנדערש אָפּ אין דעם געמיט פון דעם קינסטלער.

*

„מאָדע" איז דער שאָטן פון מאָדערניזם. זי איז אין איר וועזן אומ־שעפעריש און עפּיגאָניש. און דאָס איז באַזונדערס דער פאַל מיט קינסט־לערישן און ליטעראַרישן מאָדעאיזם.

געוויס זיינען אָפּט דאָ שטרעמונגען, ווו עס איז שווער צו ציען די גרענעץ צווישן שעפערישן מאָדערניזם און אינהאַלטלאָזער מאָדע. געוויס זיינען פאַראַן באַדייטנדיקע עסטעטישע ווערטן אין דער אַבסטראַקטער מאַלעריי, למשל. מען קאָן אַפילו זאָגן אַז אַן אַבסטראַקטער מאַלער, וואָס „האָט עפּעס צו פאַרקויפן", איז אין אַ געוויסן זין — אַ רעאַליסטישער קינסטלער, ווייל ער קומט מיט זיין וויזיע און רעפלעקסן פון דער רעאַליטעט.

אָבער ווי אַזוי קאָן מען ציילן געלט און אונטערשיידן צווישן עכטע און פאַלשע באַנקנאָטן אין דער פינצטער?

אין דער פינצטער, אין דעם פאָרמלאָזן הו־הא און מיש־מאַש, ווערט אָפּט מיסטיקע סחורה אונטערגערוקט אַלס מיסטיציזם. די דערשיינונג פון ליטעראַרישער מאָדע נעמט אַמאָל אויך אָן דירעקט שעדלעכע און אַפילו שענדלעכע פאָרמען, ווי דאָס איז דער פאַל מיטן פראַנצויזישן שרייבער לואי פערדינאַן סעלין.

סעלין (פּסעוודאָניש פון דר. דעטוש) האָט אין די דרייסיקער יאָרן זיך קונה־שם געווען מיט זיין גרויסן ראָמאַן, „אַ רייזע צום סוף פון דער נאַכט". דאָס בוך, וואָס איז געווען דורכגעזאַפּט פון אַן אומגעהויערן פעסימיזם און ניהיליזם, האָט געהאַט אַן אומגעוויינטלעכן דערפאָלג. עס איז איבערזעצט געוואָרן אויף פיל שפּראַכן און דערשינען אין 250 אויפ־לאַגעס! ווער־ווער, אָבער סעלין, דער געוועזענער דאָקטאָר דעטוש, האָט זיכער נישט געהאַט קיין גרונט צו זיין אַנטוישט פון זיין קינסטלערישער אַרבעט. דער רום פון דעם העכסט־טאַלאַנטפולן שרייבער — און אַ פאַר־

דינטער רום — איז געווען אַן אוניווערסאַלער. זיין רייכע און זאַפטיק־אייגנאַרטיקע שפּראַך, זיין גרויסער שפּרונג אין די אָפּגרונטן פון פאַר־צווייפלונג און זיין טונקעלע וויזיאָנערישקייט האָבן אים, מיט רעכט, געגעבן די רעפּוטאַציע פון אַן ערשט־ראַנגיקן קינסטלער. אָבער סעלין האָט ליידער אַליין געמאַכט די רייזע צום סוף פון דער נאַכט — צום נידעריקסטן פּונקט פון עטישער און עסטעטישער געפאַלנקייט. דער פריי־ערדיקער אַקטיווער קאָמוניסט און טראָצקיסט איז „פאַרפאַרן" צו דער נאַצישער שדים־נעסט און געוואָרן אַ פאַנאַטישער אָנהענגער פון היטלערס און שטרייכערס „לערע".

אַ פּאָר יאָר פאַרן אויסברוך פון צווייטן וועלט־קריג זיינען דערשינען סעלינס צוויי ביכער: „קלייניקייטן פאַר דער שחיטה" און „די שולע פון טויטע קערפּערס". די ביכער זיינען פול מיט אַ גיפטיקן און פּאַטאָלאָ־גישן יידן־האַס, דאָס זיינען שענדלעכע בילבולים, באַליידיקונגען און פּאָגראָם־רופן קעגן יידישן פאָלק און זענען אויס ווי קאָפּיעס פון דעם נאַצי־שטרייכערס „דער שטורמער".

עס איז נישט דאָס אָרט זיך אָפּצושטעלן ברייטער אויף דעם פראַנ־צויזישן שטרייכער־„תלמיד". גענוג צו זאָגן, אַז אויב ער האָט נאָכן קריג אויסגעמיטן די טויט־שטראָף פון אַ נידערטרעכטיקן פאַררעטער, האָט ער אָבער נישט אויסגעמיטן די שטראָף פון אַ גייסטיקן טויט. פראַנקרייך האָט אים פולשטענדיק איזאָלירט און ער איז אַרומגעגאַנגען ווי אַ לעבעדיקער מת מיט זיין באַנדע היגט און קעץ.

אָבער אָט האָט זיך אַריינגעמישט — די מאָדע. און ווי מיר לייענען, איז איצט געוואָרן אַ קאָניוקטור פאַר סעלינען. עס דערשיינען נייע אויפ־לאַגעס פון זיינע אַמאָליקע ביכער — אויך אין אַמעריקע.

און אַזוי ווי ס'איז אַ „שעת הכושר", האָט אַ פראַנצויזישער שרייבער, פּיער אַדינע, זיך לעצטנס דערמאָנט, אַז ער האָט געהאַט אַן אינטערוויו מיט סעלינען קורץ פאַר דעם לעצטנס טויט, מיט פינף יאָר צוריק. אַדינע האָט געפונען פאַר נויטיק איבערצוגעבן פאַר דער „אייביקייט" דעם אינטעלעקטועלן אָפּפאַל אין דער פאָרם פון אַן אַרטיקל, וואָס איז אויך איבערגעזעצט געוואָרן דאָ אין אַן ענגלישן זשורנאַל.

וואָס האָט דער לעבעדיקער מת, סעלין, געהאַט צו זאָגן קורץ פאַר זיין טויט? מען וואָלט געקאָנט דאָס פאָרמולירן קורץ: אַ וואַריאַציע פון שטרייכערס לעצטן וואָרט אויפן עשאַפאָט: „די רוסן וועלן אייך אויפ־הענגען!"

אָט די שאַדנפרייד קומט צום אויסדרוק אין אַלעם, וואָס סעלין האָט געהאַט צו זאָגן דעם פראַנצויזישן שרייבער אַדינע. און אויך די פאָרם פון די „געדאַנקען" איז אַ שטרייכעריש־פאָרנאָגראַפישע און עקלהאַפטע, ווי ס'פּאַסט פאַר אַ נאַצישן אונטערוועלטניק. סעלין, דער גרויסער קינסטלער, דער ליטעראַרישער „מלאך", וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טייוול, רעדט אין דעם אינטערוויו מיט אַן אומפאַרשעמט־ביליקן פעדעראַסטישן „לעקסיקאָן". די מערבדיקע ציוויליזאַציע איז „הינטנדיק"; „די (כינע־זישע) אַטאָם־באָמבע וועט עקספּלאָדירן אין זיין (דעם ווייסן מענטשנס) הינטן". און ענלעכע דיבורים.

מען מוז זאָגן, אַז דער פאַל, אָדער בעסער געזאָגט: דאָס פאַלן פון אַזאַ אויסגעצייכנטן שרייבער און אמתדיקן סטיל־מייסטער, ווי לואי פערדינאַן סעלין, איז הויפּטזאַכלעך אַן ענין פון פסיכאָ־פּאַטאָלאָגיע. דאָס איז אַן ענין פון ספּעציאַליסטן־פאָרשער צו דערגיין, ווי אַזוי סעלין האָט געמאַכט זיין רייזע צום סוף פון דער געפאַלנקייט, צום בלוטיקן זומפּ פון מאָנסטערישן היטלער־שטרייכערטום (און איך בין גרייט צו דערקלערן, אַז אויסער האַס און פאַראַכטונג, פאַרדינט אויך סעלין רחמנות — וואָס פון אַזאַ טייערן „שטאָף" איז געוואָרן אַזאַ אָפּפאַל).

דאָס לאָזט זיך נישט סתם דערקלערן מיט אינטעלעקטועלער פאַר־צווייפלונג און עקסטרעמען ניהיליזם. די געשיכטע ווייזט אונדז גראָד פאַרקערטע פאַלן: דאָס באַוווסטזיין פון דעם הבל־הבלים, פון ניהיליזם, האָט גראָד סטימולירט פיל שרייבער און גייסט־מענטשן צו אינטעלעק־טועלער דערהויבונג, און אפילו צו קאַמף און אָפּפערוויליקייט פאַר סאָצי־אַלע צילן. למשל:

קהלת, דאָס קלאַסישע העברעיִשע בוך פון פעסימיזם און ניהיליזם, פאַרענדיקט זיך גראָד מיט אַ רוף צו מאָראַלישקייט: „מורא צו האָבן פאַר גאָט און צו היטן זיינע מצוות, ווייל דאָס איז דער גאַנצער מענטש".

אַזאַ געלאַנגווייליקטער „בלאָזע" און פּעסימיסט, ווי בייראָן, האָט אָוועקגעגעבן זיין געלט און ענערגיע — און דורך אַ צופאַל אויך זיין לעבן — פאַרן — פרייהייטס־קאַמף פון די גריכן קעגן דעם טערקישן דעספּאָטיזם.

אַ צווייטער דיכטער פון „וועלט־שמערץ", דער אונגאַרישער באַהעם לענאַו (ניעמבש שטרעלענאַו) האָט אונטער דעם אַש פון זיין שוואַרצער פאַרצווייפלונג אויפגעבלאָזן די פונקען פון מענטשן־ליבשאַפט און האָפענונג פון סאָציאַלער דערלייזונג — און דאָס איז אויפגעגאַנגען אין פלאַם פון זיין ליד וועגן דער מענטשלעכער סאָציאַלער עוואָלוציע. און אַזעלכע ביישפּילן קאָן מען נאָך ברענגען גאָר אַ סך.

מען דאַרף אויך דערמאָנען — מיט אַ „להבדיל" — אַז אַזעלכע אויסגעגליטשטע וועלט־שרייבערס, ווי האַמסון און גערהאַרד האַופּטמאַן, וואָס האָבן זיך אויף דער עלטער געלאָזט פאַרפירן פון דעם נאַצישן באַנדיטן־געזינדל, זיינען ווייט נישט געפאַלן צו דער נידעריקער שטופע פון מאָרד־פּראָפּאַגאַנדיסטן, פון שטרייכער און הימלער געהילפן, ווי דאָס איז געשען מיט סעלינען.

סעלין — דאָס איז, ווי דערמאָנט, אַן אָביעקט פאַר פּסיכאָ־פּאַטאָלאָגן וואָס גריבלען זיך און נישטערן אין שימלדיק־פאַרפוילטע „נשמה־קעלערס".

וואָס אונז אינטערעסירט אין דעם פאַל איז — דער פאַקט, וואָס דער טיף־געפאַלענער סעלין, דער „אידעאָלאָג" פון דער „ענד־לייזונג" און דער ליטעראַרישער שטיוול־פּוצער פון הימלערן און שטרייכערן, איז לעצטנס געוואָרן זייער פּאָפּולער אין די „אַוואַנגאַרד־קרייזן".

דאָס איז נישט מאָדערניזם, נאָר מאָדע. דאָס איז אַמאָראַלישער אינטעלעקטואַליזם פון אַ געפערלעכן מין: אַרויפּצושטעלן אויף אַ ליטעראַרישן פּיעדעסטאַל אַ מענטש, וועמען דער שמוציקער שאַקאַל שטרייכער פלעגט געבן רעקלאַמע אויף דער ערשטער זייט פון זיין פאַרפעסטעטן „דער שטורמער".

די עטישע און עסטעטישע כאַראַקטערלאָזיקייט קומט אויך צום אויסדרוק אין געוויסע קרייזן פון דעם אַמעריקאַנער „אַוואַנגאַרד", אין דעם,

ווו ס׳איז מעגלעך, אַז דער נעגערישער פּאָעט לעראָי דזשאָנס זאָל זיין אַ וואָרט־זאָגער פון „בייעם גייסט", און זאָל אויפטרעטן צוזאַמען מיט אָנשטענדיקע ליטעראַרישע „ביטניקס" אויף פּאָעזיע־אָוונטן.

לעראָי דזשאָנס איז אַן אַמעריקאַנער האָרסט וועסעל. דאָס איז נישט קיין גוזמאדיקע באַצייכענונג פאַר אַ שרייבער, וואָס חלומט פון אַ צייט, ווען די גאָלדבערגס קעפּ וועלן זיך קאָלערן אין די גאַסן. דאָס איז נישט קיין גוזמא לגבי אַ פּאָעט, וואָס איז באַרוישט פון מאָרד־לוסט און וואַגט אַרויסצוקומען מיט זיינע דעקלאַראַציעס פון „האָלדז־שניידעריי" אַפילו אויף צוזאַמענטרעפן, ווו ס׳געפינען זיך יידישע מאָדעניקעס.

די און ענגלעכע דערשיינונגען זיינען אַן אויסדרוק פון גייסטלאָזער מאָדע. דאָס איז נישט קיין אמתער „אַוואַנגאַרד", דאָס איז — אַלטמאָדישער „אַריעגאַרד"...

דער קריטיקער ווי אַ ליטעראַטור־ריכטער

„קריטיקער און קריטיק" שטאַמען פון גריכישע ווערטער, וואָס מיינען: ריכטער און אורטיילן. לויט דער דעפיניציע, איז אַ ליטעראַטור־קריטיקער אַ ריכטער, וואָס גיט אַרויס אורטיילן וועגן ליטעראַטור. דאָס איז אַ גאָר־דערהויבנדיקע אויסטייטשונג, וואָס הילט־איין דעם ליטעראַטור־שאַצער אין אַ פייערלעכער טאָגע פון אַ ריכטער, וואָס איז גלייכצייטיק אויך דער „פאַרטיידיקער" און „באַשולדיקער" פון דעם „אָנגעקלאָגטן". ער קאָן פאַראורטיילן אַ שרייבער און זיין ווערק צו דער גרעסטער שטראָף פון פאַרגעסנקייט; ער קאָן אָבער אויך אים געבן די העכסטע אויסצייכענונג — ליטעראַרישע עולם־הבא.

אויב מען רעדט וועגן אַ ריכטער, טראַכט מען גלייכצייטיק וועגן אַ געזעץ־בוך, אַ קינסטלערישן קאָדעקס לויט וועלכן דער קריטיקער וועגט און מעסט די ליטעראַרישע עבירות און מצוות פון דעם שרייבער.

פאַקטיש איז אָבער די זאַך ווייט נישט אַזוי איינפאַך. ס'איז נישט פאַראַן קיין אייגהייטלעך געזעץ־בוך — נישט בלויז אין אַלע צייטן און אין אַלע ערטער, נאָר אויך נישט אפילו אין דער זעלבער צייט און זעלבן אָרט. יעדער ליטעראַרישער אורטיילער און אָפּשאַצער קומט מיט זיין אייגענעם קריטעריום, מיט זיין מאָס און וואָג, נישט קוקנדיק אויף ענלעכקייטן אין געוויסע פונקטן. דער בלויזער פאַקט, וואָס אין יעדער ליטעראַטור איז פאַראַן אַ נישקשהדיקע צאָל קריטיקערס, באַווייזט, שוין די פאַרשידנקייט פון צוגאַנג און מעטאָד פון יעדן איינעם פון זיי. מען קאָן זאָגן, אַז אַפילו ריכטערס, וואָס האָבן איין וואָג און מאָס — דאָס געזעץ־בוך — זיינען אויך אָפט נישט איינשטימיק אין זייערע אורטיילן. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז אוודאי צו דערוואַרטן, ווען די „געזעץ־ביכער" זיינען פאַרשידענע ווי דאָס איז דער פאַל אין קונסט און ליטעראַטור.

און אַן איבערצייגנדיקער באַווייז פון דעם איז, וואָס אַ שרייבער, וועלכער איז פאַראורטיילט געוואָרן צו „אייביקער טורמע" אָדער „טויט־שטראָף" (ד.ה. — אינגאַנצן נישט דערמאָנען אים), קאָן אַמאָל פון אַ צווייטן ריכטער דערהויבן ווערן צו די גרעסטע הויכן. מיט אַזעלכע פאַלן איז פול די געשיכטע פון דער ליטעראַטור, און ס'איז נישט נויטיק צו ברענגען ביישפילן.

איינער פון די אינטערעסאַנטסטע צווייגן פון דער קריטיק, באַזונ־דערס פון דער ליטעראַטור־קריטיק — איז די זעלבסט־קריטיק, דאָס באַטראַכטן די אייגענע וואָג און מאָס, זייער פינקטלעכקייט און גילטיקייט. אַזאַ ליטעראַרישער אָפּשאַצער וועגט זיין וואָג און מעסט זיין „מעטער". אַזעלכע זעלבסט־פאַרשונגען און אייגן־רעוויזיעס וואָלטן געקאָנט באַצייכנט ווערן אַלס קריטיק פון דער קריטיק.

דער אמתער קריטיקער איז סיי אַ שעפער און סיי אַ פאָרשער. און פונקט ווי ס'איז נישטאָ קיין סוף און גרענעץ צו די מעגלעכקייטן פון שעפערישקייט און פאָרשונג פון דער נאַטור (קונסט און וויסנשאַפט באַווייזן דאָס), אזוי איז אויך נישטאָ קיין גרענעץ אין די אייביקע פּראָבלעמען און אייביק זיך־בייטנדיקע אַספּעקטן פון דער קריטיק און קריטיק פון דער קריטיק.

צו די מערסטנס־באַטראַכטע פּראָבלעמען פון דער קריטיק און זעלבסט־קריטיק געהערן: אָביעקטיוויטעט און סוביעקטיוויטעט. אין פלוג איז דאָס זייער פשוט. אַוודאי דאַרף אַ ריכטער, איינער וואָס אורטיילט, שאַצט, וועגט און מעסט, זיין אָביעקטיוו, אויב נישט, איז דאָך זיין אורטייל אַ באַגרע־נעצטער און איינזייטיקער. דאָס איז אָבער זייער אַ קאָמפּליצירטער ענין — ווי קאָמפּליצירט ס'איז די נאַטור, דער מענטש, און די קונסט, וואָס שרייבט איר „קאָמענטאַר" וועגן זיי און ווי דער קריטיקער, וואָס קאָמענ־טירט אויך וועגן דעם קינסטלער.

ערשטנס, איז בכלל אַ פראַגע: איז איבערהויפּט פאַראַן אַזאַ זאַך ווי אָביעקטיוויטעט ביי אַ מענטש? פאַראַן אַ פילאָסאָפישער סיסטעם, דע־טערמיניזם, וואָס לייקנט אין גאַנצן אין פרייען ווילן. ספּינאָזאַ האָט געהאַלטן, אַז ס'איז נישט פאַראַן קיין פרייער ווילן. דער מענטש איז

געניגט צו פאַרלאַנגען איין זאַך אָדער אַ צווייטע צוליב אַ געוויסער אורזאַך, און די אורזאַך איז פון פריער באַשטימט דורך אַן אַנדערער אורזאַך, און אַזוי צוריק ביז אומענדלעכקייט.

מען קאָן זאָגן, אַז ס'איז פאַראַן אַזאַ דערשיינונג ווי עסטעטישע סוביעקטיוויטעט, אַ נייגונג צו געוויסע פאָרמען פון שיינקייט און שעפע־רישקייט. אָט דער סוביעקטיווער צוגאַנג איז גלייכצייטיק אַ מעלה און אַ חסרון: ס'איז אַ מעלה, ווייל דער קריטיקער איז עמפּינדלעך צו שיינקייטן — אָפּט פאַרשלייערטע און באַהאַלטענע — אין די ווערק פון קונסט און ליטעראַטור. ער רעדט נישט „פון אויסווייניק", ער איז אַ גוטער „דעטעקטאָר" און אויסטייטשער פון אָריגינעלער שעפערישקייט, מיט וועל־כער ער איז היימיש. דער חסרון באַשטייט אין דעם, וואָס אַזאַ באַרופענער, אָבער עקסקלוזיווער קריטיקער באַנעמט נישט די פאָרמען און אויסדרוקן פון שעפערישקייט, וואָס זיינען אים פרעמד. אָט דער מין קריטיקער איז אָבער נאָך אַלץ פון אַ פיל־העכערער מדרגה ווי אַ אַזוי־גערופענער אָביעק־טיווער קריטיקער, וואָס האָט נישט דעם סוביעקטיוון אָרגאַנישן חוש פאַר ליטעראַטור און איז נייטראַל און „פאַרעווע" אין דער קונסט־דיעטע. אַזאַ אָביעקטיווער מבין טיילט „פּלוסן" און „מינוסן" לויט אַ פאַרטיקן „שולחן ערוך": „דאָס איז גוט, ווייל... דאָס איז שלעכט, ווייל..."

ס'זיינען אויך פאַראַן אַזוי־גערופענע אָביעקטיווע קריטיקערס פון אַ העכערער מדרגה, מענטשן מיט פיל וויסן, אינטעליגענץ, אַנאַליז און ריכטיקן אַריינבליק. די צרה מיט די קריטיקערס איז אָבער, וואָס זיי האָבן נישט קיין הומאָר און נעמען־אָן בוכשטעבלעך די ראָלע און טאָגע פון אַ ריכטער, וואָס גיט אַ קלאַפּ מיטן האַמער אויפן טיש און טראָגט אַרויס דעם משפּט. זיי ווילן זיך און אַנדערע איינרעדן, אַז זיי זיינען וואָס זיי זיינען נישט: אַז זיי קאָנען זיין פולשטענדיק אָביעקטיוו, וואָס איז די אייגנשאַפט פון אַ פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט. דער מענטש זעט לויט זיינע מעגלעכקייטן און אופן פון באַנעמען. ער דאַרף בלויז צוגעבן אַ באַשיי־דענע באַמערקונג אָדער אָנצוהערעניש, אַז אַזוי זעט ער, אַזוי אַרום קאָן מען קומען צו אָביעקטיוויטעט, ווייל דער אורטייל לאָזט שטענדיק איבער אַ מעגלעכקייט פון אַן אַנדערער אויסטייטשונג און צוגאַנג.

קירקעגאַר, דער טיפזיניקער דענישער קינסטלער־פילאָסאָף, האָט געהאַלטן, אַז „אמת איז סוביעקטיוויטעט". ווען מען טראַכט זיך אַריין אין דעם געדאַנק, זעט מען, אַז דאָס איז נישט סתם קיין פּאַראַדאָקס. דער אמת איז דאָך, אַז מענטשן זיינען סוביעקטיוו און אַ דאַנק אָט־דער אייגנשאַפט און באַגאַבונג באַנעמען זיי אויף אַ טיפן אופן געוויסע אַס־פּעקטן פון דערווירקלעכקייט און פון דער פאַנטאַזיע־וועלט, וואָס איז אין דער קונסט נאָך רעאַלער ווי די ווירקלעכקייט. מיר זאָגן נישט, אַז אַ מענטש איז קורצזיכטיק, ווען ער זעט בלויז דעם באַגרענעצטן פיזישן האָריזאָנט, ווייל ס'איז אוממעגלעך אַז ער זאָל זען די „גאַנצע וועלט". אויך אויפן גייסטיקן געביט קאָנען מיר זען באַגרענעצטע האָריזאָנטן, באַשטימטע ספערן און די רעשט קאָן מען זיך בלויז פאָרשטעלן אַבסטראַקט. אַ שרייבער, וואָס טענהט אָדער גיט אַנצוהערן, אַז ער איז דורכאויס אָביעקטיוו, איז פּרעטענציעז און אומבאַשיידן, און דאָס ערגסטע — ער גענאַרט זיך אַליין.

*

די פראַגע פון אָביעקטיוויזם און סוביעקטיוויזם איז פריער באַרירט געוואָרן פון עסטעטיש־פּסיכאָלאָגישן שטאַנדפּונקט. ס'איז אָבער פאַראַן אויך אַן אָביעקטיווער און סוביעקטיווער צוגאַנג פון פּערזענלעכן איבער־טערעס־שטאַנדפּונקט. אין די פאַלן קאָן מען יאָ זאָגן, אַז דער אָביעקטיווער קריטיקער באַזיגט זיינע פּערזענלעכע נייגונגען און אינטערעסן ביים אָפּשאַצן און אורטיילן אַ שרייבער און זיין ווערק. דאָס איז שוין נישט בלויז אַ פראַגע פון עסטעטיק, נאָר אויך פון עטיק און געוויסן.

אין דעם זין פון סוביעקטיווער אָפּשאַצונג פון אַ שרייבער צוליב פּערזענלעכע מאָטיוון זיינען אויך, ווי אויף יעדן געביט, פאַראַן מדרגות; פאַראַן קריטיקער, ביי וועלכע דער עגאָאיסטישער צוגאַנג נעמט אין גאַנצן די אויבערהאַנט און פאַרשטומט דאָס קול פון וויסן און געוויסן. ביי אַנדערע ראַנגלט זיך דער ערלעך־פאַכמענישער צוגאַנג מיט דעם וווּלגאַרן עגאָאיזם. מען קאָן, צום ביישפּיל, דערמאָנען דעם פאַל פון דעם באַרימטן פראַנצויזישן קריטיקער פון 19טן יאָר־הונדערט, סענט בעוו, וואָס איז געווען אַ גרויסער און אַלזייטיקער קענער און אָפּשאַצער פון

ליטעראַטור. פונדעסטוועגן וואַרפט מען אים פאָר — און מיט רעכט — אַז ער האָט באַעוולט זיינע צייט־חברים צוליב פערזענלעכע מאָטיוון. ער, וואָס האָט אַזוי פיין אַנאַליזירט די שרייבערס פון די פריערדיקע דורות, האָט נישט דערשאַצט די גרויסע שרייבערס פון זיין צייט און סביבה, ווי באַלזאַק און באָדלער. וועגן לעצטן האָט ער אַפילו נישט געשריבן קיין באַזונדער אַרטיקל, נאָר ביי געלעגנהייטן, ווען מען האָט אים פאָרגעוואָרפן זיין פאַרשווייגן דעם גרויסן דיכטער. אין זיינעם אַ טאָגבוך האָט ער פאַרצייכנט, אַז יעדער קריטיקער האָט זיין „באַליבטן" קרבן, אויף וועמען ער פאַלט אָן און צערייסט אויף שטיקער, און אַז זיין אויסגעוויילטער קרבן איז באַלזאַק.

נו, אויב אַזאַ פערזענלעכקייט ווי סענט בעוו קאָן ווערן אַ קרבן פון זיינע קנאה־שנאה געפילן, איז דאָס אַוודאי נישט זעלטן צווישן קריטיקערס פון אַ קלענערן פאַרנעם.

מען קאָן אָבער אויך באַמערקן, אַז אַפילו אין דעם פאַל פון פערזענ־לעכן סוביעקטיוויזם איז אַמאָל אויך פאַראַן אַ סוביעקטיווער אמת. ס'איז גענוג בלויז צו ברענגען דעם ביישפּיל פון בייראָנס אַ פאַמפלעט קעגן זיינע ערשטע קריטיקער, וואָס האָבן געמאַכט אַש און בלאָטע פון זיינע אָנהויב־שאַפונגען. בייראָן האָט, ווי אין דער „חד גדיא", געשאָכטן זיין מלאך המוות און מיט דעם גאַנצן פייער פון זיין טעמפּעראַמענט און שאַרפקייט פון זיין סאַטירע דערלאַנגט די אמתע „גאָב" זיינע רעצענזענטן. בייראָן איז זיכער געווען סוביעקטיוו אין דעם פערזענלעך־עגאָאיסטישן זין. ער איז אָבער גלייכצייטיק געווען אָביעקטיוו, דאָס הייסט, אַז ער איז פון אַ ליטעראַרישן שטאַנדפּונקט געווען גערעכט מיט זיין קאָנטר־אַטאַקע אויף זיינע אָנפאַלער, וועמענס נעמען, וואָלטן שוין לאַנג פאַרגעסן געוואָרן ווען נישט זיין גלענצנדער פאַמפלעט.

ווי מיר זעען, זיינען די באַצייכענונגען „אָביעקטיוו" און „סוביעקטיוו" צו־אַלגעמיין און אַבסטראַקט אין אַזאַ קאָמפּליצירט־אומענדלעכן געביט ווי קונסט און ליטעראַטור. פאַראַן פאַרשידענע גראַדן און וואַריאַציעס פון די אייגנשאַפטן. און בכלל זיינען די באַצייכענונגען נישט שטענדיק ריכטיק אָנגעווענדעט.

די הויפּט־זאַך ביי אַ קריטיקער איז, אַז ער זאָל זיין סוביעקטיוו־ערלעך צו זיך און נישט פּרעטענדירן צו זיין אַ העכסטער ריכטער און לעצטע אינסטאַנץ. פאַרשטייט זיך, אַז כדי צו פאַרדינען דעם נאָמען, מוז ער, קודם כל, האָבן אַן אָרגאַנישע שייכות צום געהיימנישפולן אוניווערס פון קונסט און ליטעראַטור און נישט שטיין ווי אַן אוממעכטיקער געדונגענער היטער פאַרן פּאַלאַץ פון דער שיינקייט, וואָס ער קאָן אַליין נישט געניסן.

דער ווערט פון ליטעראַטור־קריטיק

פֿאַראַן אַ גאַנצע וועלט־ליטעראַטור וועגן ליטעראַטור, דאָס הייסט — קריטישע ביכער און אָפּשאַצונגען וועגן שרייבערס און ווערק. אָבער אויך וועגן קריטיק און קריטיקערס איז פֿאַראַן אַ גאַנצע ליטעראַטור.

פּונקט ווי פֿאַרשידנאַרטיק ס׳זיינען די וועלט־אַנשויאונגען און שטעלונגען צו קונסט און ליטעראַטור, אַזוי פֿאַרשידנאַרטיק זיינען אויך די מיינונגען און אָפּשאַצונגען וועגן קריטיק און קריטיקערס.

דאָס באַרימטע וואָרט פון גריכישן פילאָסאָף העראַקליטעס: „פּאַנטאַ רעי״ (אַלץ פליסט) קאָן קודם כל אָנגעווענדט ווערן אין באַציונג צו קונסט־אָפּשאַצונג און — אָפּשאַצונג פון דער אָפּשאַצונג, קריטיק פון דער קריטיק.

האָראַץ, דער אַלטער רוימישער דיכטער, איז געבליבן יונג נאָך צוויי טויזנט יאָר מיט זיין אומפֿאַרגלייכלעכן חן און גראַציע, מיט זיין שאַרפזין און הומאָר און „זיס־ביטערן״ בליק אויפן לעבן, וואָס איז פול מיט נאַבלקייט און אַבסאָלוטער ערלעכקייט; מיט זיין וואָרט וואָס איז ווי אַ מילגרוים פול מיט זאַפט און זין־קערנדלעך.

פונדעסטוועגן קלינגט היינט גאָר מאָדנע דער אַריינפיר אין זיין פּאָעטישער עסיי וועגן פּאָעטישער קונסט, ווו ער שילדערט אַ „שרעק־בילד״ פון אַנטי־קונסט פון אַ מאָלער וואָס שטעלט צוזאַמען אַ בילד פון טיילן פון פֿאַרשידענע באַשעפענישן. דער „אָרעמער״ האָראַץ וואָלט היינט — אין דער עפּאָכע פון די פּיקאַסאָס, שאַגאַלס און פֿאָרלויפער און נאָכלויפער פון אַנדערע מאָדערנע „איזמען״ אין דער קונסט — „געמוזט״ געבן אַן אַנדערן ביישפּיל פון אומקינסטלערישקייט.

אַפילו אַזאַ קונסט־קריטיקער ווי דזשאָן ראַסקין, וואָס האָט געלעבט אין 19טן יאָרהונדערט, האָט געשריבן וועגן דעם מאָלער דזשעימס וויסלער: „איך האָב קיינמאָל נישט דערוואַרט צו הערן, אַז אַ ,שוויצער׳ זאָל

פֿאָדערן 200 פֿונט פֿאַר שליידערן אַ טאָפּ מיט פֿאַרב אינעם פּובליקומס פּנים״.

היינט, אין דער צייט פֿון אַבסטראַקטער מאָלעריי, דערשיינט ראַסקינס אַנפֿאַל אויף אַזאַ פֿיגוראַטיוון קינסטלער ווי ווּיסלער — אובאַגרייפֿלעך און פֿולשטענדיק אומבאַגרענעצט.

אַ פֿאַקט איז, אַז פֿיל מאָלערס, וואָס האָבן זיך ביטער און שווער געראַנגלט פֿאַר זייער עקזיסטענץ, האָבן שפּעטער — נאָך זייער טויט — געמאַכט גרויסע קאַריערעס. און דאָס איז נאָך איין ביישפּיל פֿון דער פֿליסיקייט, דער פֿאַרענדערלעכקייט אין די באַגריפֿן און אָפּשאַצונגען פֿון קונסט.

אויב ס׳גייט וועגן ליטעראַטור, איז די געשיכטע פֿול מיט ביישפּילן פֿון נישט־אָנערקענטע טאַלאַנטן און אַפֿילו גאונים, וואָס זיינען פֿאַרשריגן אָדער (וואָס איז ערגער?) פֿאַרשוויגן געוואָרן דורך די קונסט־כּהנים פֿון זייער צייט.

אין דעם זין איז בענעדעטאָ קראָטשע, דער איטאַליענישער פֿילאָסאָף און ליטעראַטור־קריטיקער, גערעכט געווען מיט זיין פֿעסטשטעלונג, אַז יעדעס אמתדיק קונסטווערק האָט עובר־געווען אויף געוויסע איינגע־פֿונדעוועטע פֿאָרמען און האָט צעמישט די אידייען פֿון די קריטיקער, וואָס זיינען דעריבער געצוווּנגען געוואָרן אויסצוברייטערן די פֿאָרמען.

די אָפּשאַצונג איז ספּעציעל טרעפֿלעך ווען עס האַנדלט זיך וועגן שרייבערס און ווערק, וואָס קומען מיט אַ נייער און אייגנאַרטיקער געפֿילס־וועלט — אַ באָדלער, דזשעימס דזשאָיס, פֿראַנץ קאַפֿקאַ — בלויז צו דערמאָנען עטלעכע נעמען. אין אַזעלכע פֿאַלן קומט דאָס ווערק מיט אַן אייגענעם „שליסל״, מיט וועלכן די קריטיקערס דאַרפֿן זיך באַנוצן.

*

פֿאַרשידן זיינען אויך די מיינונגען וועגן דעם אויסוואַל: ווער ס׳איז פּאַסיק צו זיין אַ וועגער און מעסטער פֿון ליטעראַטור.

דער ענגלישער פּאָעט דזשאָן דראַידען האָט געהאַלטן, אַז פּאָעטן זיינען די פּאַסיקסטע קריטיקערס. און די מיינונג, אַז קינסטלערס זיינען די בעסטע קונסט־אָפּשאַצער, האָט פֿיל אָנהענגער. אַפֿילו געאָרג בראַנדעס,

דער סיסטעמאַטישער, ראַציאָנעלסטער קריטיקער, האָט געהאַלטן, אַז דער יסוד פון יעדער אמתער קריטיק איז אינטואיציע, וואָס איז דאָך איינער פון די הויפּט־„אינסטרומענטן" פון דיכטער און קינסטלער. אַן ענלעכע מיינונג האָט געהאַט דער ענגלישער קריטיקער אַרטור סאַימאָנדס, וואָס האָט געשריבן, אַז די בעסטע קריטיקערס זיינען די שעפערישע שרייבערס.

ס'זיינען אָבער געווען — און ס'זיינען פאַראַן — אַנדערע, וואָס האַלטן פאַרקערט, אַז דיכטערס און קינסטלערס זיינען נישט די פּאַסיקע קריטיקערס.

דער באַרימטער ענגלישער עסייִיסט העזליט האָט דערקלערט, אַז קינסטלערס זיינען צו־סוביעקטיוו צו שרייבן קריטיק.

און אויך די איינשטעלונג, וואָס „פּסלט" דעם קינסטלערישן קריטיקער צוליב זיין סוביעקטיוון צוגאַנג, האָט אירע אָנהענגער.

מען קאָן אָבער מאַכן אַ קאָמפּראָמיס צווישן די ביידע עקסטרעמע מיינונגען און זאָגן, אַז אַ קינסטלער, וואָס האָט אין צוגאַב צו זיין רייכן אוצר פון אינטואיציע און פאַנטאַזיע, אויך אַ ביסל אָביעקטיווע ערלעכקייט — איז גאָר אַ פּאַסיקער ריכטער פון קונסט און ליטעראַטור. אויך אַ וויסנ־שאַפטלעכער, ראַציאָנעלער קריטיקער, וואָס האָט אויך אַ געוויסן אינטויִטיוון אַריינבליק, אַ ביסל שעפערישע פאַנטאַזיע — איז פּאַסיק און ראוי צו טראָגן די קריטישע קרוין (וואָס איז אַמאָל אַ דערנער־קרוין).

*

אויב ס'גייט וועגן דער „דערנער־קרוין", וועגן דער פּיינטשאַפט, וואָס אַן ערלעכער קריטיקער קויפט זיך איין ביי זיינע „קליענטן", קאָן מען זאָגן, אַז אַזאַ קריטיקער איז אַ קרבן פון זיינע קרבנות.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָ גייט נישט וועגן דעם טיפּ פון בייזווילליקן קריטיקער וואָס האָט זיין ערשטן פאָרגייער אין זאָילאָס, דעם גריכישן רעטאָריקער פון 4טן יאָרהונדערט פאַר דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג. זאָילאָס איז אַריין אין דער ליטעראַטור־געשיכטע מיט זיין „האָמעראָ־מאַסטיקס" (די בייטש פון האָמערן), וואָס איז שלעכטע קריטיק אויף די ווערק פון דעם גריכישן דיכטער, פול מיט בייזווילליקער און אומגערעכטער פאַראורטיילונג.

דער נאָמען זאָילאָס איז אַריין אין דער ליטעראַטור ווי אַ באַצייכענונג פון אַ בייזוויליקן נישט־פאַרגינער, ווע מענס „באַגאַזש" באַשטייט פון פאַר־אורטיילן און פאַראורטיילן.

עס זיינען באַקאַנט פיל פאַלן, ווען קריטיקערס זיינען געוואָרן קרבנות פון זייערע קרבנות — פון די שרייבערס וועמען זיי האָבן אַרונטערגעריסן.

אין טייל פאַלן זיינען די קרבנות ווערט געווען, אַז דער קריטישער שוחט זאָל זיי „קוילען" — אַפילו בלויז צוליב דעם זאָאָלאָגישן האַס, מיט וועלכן זיי פאַרפאָלגן זייערע קריטיקערס.

מיר זעען אָבער אויך אין דער ליטעראַטור־געשיכטע פאַלן, ווען באַרימטע שרייבערס, גרויסע פערזענלעכקייטן האָבן נישט געקאָנט אַראָפּ־שלינגען די ביטערע קריטישע פילן, וואָס זיי האָבן איינגענומען אין אָנהויב פון זייער שעפערישן לעבן, און האָבן שפּעטער זיך נוקם געווען אין די קריטיקערס און אין דער קריטיק.

ראַינער מאַריאַ רילקע, דער באַרימטער מיסטיש־רעליגיעזער פּאָעט, וועמענס ערשטע שאַפונגען זיינען זייער קאַלט אויפגענומען געוואָרן פון דער קריטיק, האָט זיך נוקם געווען אויף זיין שטייגער: ער פלעגט שפּעטער איבערהויפּט נישט לייענען די לויב־רעצענזיעס וועגן זיינע ווערק. זיין ווידערווילן האָט זיך, צווישן אַנדערע, אויך אויסגעדריקט אין זיין גרינגשעצנדיקער באַמערקונג וועגן געאָרג בראַנדעסן, אַז ער איז אַ טומל־דיקער וואָקזאַל, מיינענדיק מיט דעם, אַז דער באַרימטער יידיש־דענישער קריטיקער, דער ליטעראַטור־פאַרשטייער און פאַרשטייער, האָט נישט קיין אייגנס, נאָר איז אַן עכאָ פון זיינע ליטעראַרישע „פּאַסאַזשירן".

דער ראָמאַנטישער און אידעאַליסטישער ראָמען ראָלאַן האָט אין זיין טאָגבוך גיפטיקע ווערטער וועגן קריטיק און קריטיקערס. און ס'איז זיך נישט שווער אָנצושטויסן, אַז דאָס איז אין אַ גרויסער מאָס פאַראורזאַכט געוואָרן דורך דער קאַלטער אויפנאַמע וואָס זיינע ווערק האָבן געקראָגן אין פראַנקרייך. (וועגן ראָלאַנען פּאַסט טאַקע דאָס וואָרט „אין נביא בעירו").

ער האָט אין איין שטעלע פון זיין טאָגבוך געשריבן, אַז די קריטיקערס זיינען אומפעיק צוצוגרייטן שפּייזן, פאַרברענגען זיי זייער לעבן אין

פאַרזוכן פון אַנדערע מענטשנס מאכלים מיטן שפּיץ פון דער פאַראַכטנ־דיקער צונג, דיסקוטירנדיק אויב די שפּייזן זיינען גוט אָדער שלעכט געמאַכט...

אין אַ צווייטער שטעלע פון דעם טאָגבוך האָט דער מחבר פון „זשאַן קרישטאָף" איינגעטיילט די קריטיקערס אין דריי גרופּן: די גרויסע אָפּשאַצערס, וואָס מען קאָן ציילן אויף די פינגער פון איין האַנט אין אַ יאָרהונדערט; די דורכשניטלעכע, אַנשטענדיקע, וואָס פירן־אויס געוויסנ־האַפטיק זייער פאַך פון אייזל־פירער... און ריזיקירן זיך נישט ווייטער פון די גראַמאַטיק־געהיימענישן און די צופרידנשטעלונג פון לאָגיק און קאָמאָן סענס; און די „רעשטלעך פון דער חברה"... און דאָ קומען באַצייכענונגען פון דעם גייסטיקן אַריסטאָקראַט ראָמען ראָלאַן, וואָס מיר ווע‏לן בעסער... אויסלאָזן.

רילקע און ראָמען ראָלאַן זיינען געווען גרויסע שרייבער־פּערזענלעכ־קייטן. אָבער זיי זיינען געווען אומגערעכט מיט זייער פולשטענדיקן אָדער כמעט־פולשטענדיקן פאַרלייקענען יעדן ווערט פון דער קריטיק. פאַרשטייט זיך, ס'זיינען פאַראַן פאַרשידענע מינים און מדריגות פון קריטיק, ווי ס'איז דער פאַל מיט עסייען — וויסנשאַפטלעכע, פּאָפּולאַריזירנדיק־אויסטיי־טשנדיקע, עסטעטיש־שעפערישע און אַנדערע. ס'זיינען זיכער פאַראַן שעפערישע קריטיקערס און גאָר פיל מער ווי „אויף די פינגער פון איין האַנט". דער קינסטלער נעמט פאַרשידענע אַספּעקטן פון לעבן אַלס די קאַנווע אויף וועלכער ער שאַפט זיינע „העפטערייען". דער קריטיקער נעמט אַלס קאַנווע די ליטעראַטור, אינדיווידועלע ווערק און „וועבט" אין זיי אַריין זיינע עמאָציעס, געדאַנקען און קינסטלערישע אימפּולסן. דער קריטיקער האָט רעכט צו „באָרגן" ביי דער ליטעראַטור און קונסט, פּונקט ווי דער קינסטלער האָט רעכט צו „נעמען" פון דער געשיכטע, פון דער קעגנוואַרט און אַפילו פון דער צוקונפט. ס'איז בלויז אַ פראַגע פון אַ ביסל באַשיידנקייט, פון באַוווסטזיין וועגן דער „פליסיקייט", דער אומאויפהער־לעכער באַוועגלעכקייט און פאַרענדערונג אין לעבן און אין דער ליטעראַטור.

אַרטור שאָפּענהויער האָט געשריבן מיט סאַרקאַזם וועגן דעם מין קריטיקער, וואָס האַלט זיך אַלס ענדגילטיקער אויטאָריטעט וועגן גוט און

שלעכט און וואָס באַטראַכט זיין קינדיש פייפערל אַלס דעם „טראָמפּייט פון רום״.

די אויפגאַבע — און באַרעכטיקונג — פון דעם קריטיקער איז צו שרייבן לויט זיין בעסטן וויסן און געוויסן; נישט צו זיין קיין „זאָילאָס״, קיין בייזוויליקער אַראָפּרייסער, אָבער אויך נישט קיין ליטעראַרישער אָפּאָרטוניסט און סקאַרבאָווע נאָכזאָגער פון „ברוך הוא״ און „אָמן״. ער דאַרף קאָנען זען (און זאָגן) סיי דאָס גוטע און סיי דאָס בייזע, דאָס שטאַרקע און דאָס שוואַכע — אַפילו אין די ווערק פון „אומשטרייטבאַרע״ טאַלאַנטן. צו דעם אַלעם דאַרף ער נאָך געדענקען אין דעם „פּאַנטאַ רעי״, אין דער פליסיקייט פון אַלע דערשיינונגען. אויב דער קריטיקער האָט אַזעלכע פעיקייטן און אַזאַ צוגאַנג, האָט ער אויך אַ רעכט צו זיין אומגעוּ־רעכט; דאָס הייסט, אַז ווען אַפילו ער איז זיך טועה מיט זיינער אַן אָפּשאַצונג, בלייבט דאָך דער עסטעטישער ווערט און גענוס פון זיין אַנאַליטישער שעפערישקייט.

„איבערפּראָדוקציע" פון ליטעראַטור

איבער־באַפעלקערונג איז פאַרהעלטנישמעסיק אַ דערשיינונג פון די לעצטע הונדערט יאָר לערך. אָבער די איבערפּראָדוקציע פון ביכער איז אַ גאַנץ־אַלטע פּלאָג.

דער מחבר פון קהלת האָט געפונען פאַר נויטיק צו פאַרענדיקן זיין ווערק מיט דער וואָרנונג: „ויותר, בני, הזהר: עשות ספרים הרבה אין קץ..." (און נאָך מער, מיין זון, זיי געוואָרנט: ס'איז נישטאָ קיין ענד צום מאַכן פיל ביכער...)

פיל שרייבעריי איז, פאַרשטייט זיך, נישט געווען קיין ספּעציפיש־יידישע דערשיינונג. אין אַ ערך דער זעלבער עפּאָכע האָבן אַנדערע גרויסע מחברים קריטיקירט אָדער אויסגעלאַכט די טינט־פאַרפּלייצונג פון ליטע־ראַרישע אַמאַטאָרן, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין פאַרשיידענע פאָרמען.

אין אַ בריוו צום רוימישן אימפּעראַטאָר אַוגוסטוס, האָט דער דיכטער האָראַץ זיך באַקלאָגט:

„אַ מענטש, וועלכער ווייסט נישט וואָס אַ שיף איז, האָט מורא זי צו פירן; קיינער וואָגט נישט צו געבן אַ רפואה אַ קראַנקן, אויב ער קען זיך נישט אויף דעם; בלויז דאָקטוירים פאַרנעמען זיך מיט דעם וואָס האָט אַ שייכות מיט מעדיצין; און בלויז בעל־מלאכות זיינען באַשעפ־טיקט מיט זאַכן, וואָס באַלאַנגען צו זייער פאַך. אָבער מיר אַלע אַן אויסנאָם — אומוויסנדיקע אָדער געלערנטע — פאַרנעמען זיך מיט שרייבן לידער".

אין אַן ענלעכן טאָן — און מער סאַטיריש — האָבן זיך אויסגעדריקט די אַלטע רוימישע שרייבערס קאַטולוס און מאַרציאַל און אַנדערע, וואָס האָבן אויסגעלאַכט די „איבערפּראָדוקציע" פון ליטעראַרישע דילעטאַנטן און גראַפאָמאַנען.

אָבער ווי פאַרשפּרייט די שרייבמאַניע איז שוין געווען אין אַלטערטום,

הויפּטזאַכלעך ביי די גרויסע ציוויליזירטע פֿעלקער אַרום מיטללענדישן ים — איז זי דאָך נישט געווען „עפּידעמיש״. דאָס איבערשרייבן אַ ליטעראַריש־ווערק האָט פֿאַרנומען אַ סך צייט, געדולד און אַרבעט. עס איז אַזוי אַרום געווען אַ נאַטירלעכע „צענזור״, אַ שטרענג־איבערקלייבערישע „רעדאַקציע״, וואָס האָט דורכגעלאָזט בלויז דאָס ווערטפֿולע און שעפֿערישע. דאָס איז געווען אַ מין גייסטיקער דאַרוויניסטער אָפּקלייב פֿון די ליטעראַרישע מינים, וואָס האָט קאָפּירט און אויפֿגעהאַלטן ליטעראַרישע ווערק פֿאַר די קומענדיקע דורות אין יאָרהונדערטער.

אַ גרינטלעכע ענדערונג פֿון דער לאַגע איז געקומען מיט גוטענבערגס דערפֿינדונג פֿון דער דרוק־מאַשין אין 15טן יאָרהונדערט, וואָס האָט דערמעגלעכט אַ שנעלע פֿאַרשפּרייטונג פֿון פֿאַרשיידענע שאַפֿונגען — גוטע אָדער שלעכטע. גוטענבערגס דרוק־מעכאַניזם, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט ביז צו דער היינטיקער ראָטאַציע־מאַשין, ווערט גערעכנט פֿאַר איינע פֿון די גרעסטע עפּאָכע־מאַכנדיקע דערפֿינדונגען, וואָס האָבן געענדערט דאָס פּנים פֿון דער וועלט, און געווען די בריק צו דער נייער צייט.

מען דאַרף אָבער נעמען אין באַטראַכט, אַז דאָס דרוק־וועזן, ווי אַ גרויסער טייל דערפֿינדונגען, קאָן ברענגען סיי גוטס און סיי שלעכטס.

ווען ס׳איז דאָס ערשטע מאָל באַנוצט געוואָרן דער טראַנסאַטלאַנטישער טעלעגראַף צווישן אַמעריקע און אייראָפּע, האָט דער גרויסער דיכטער־דענקער טאָראָ, אין מיטן פֿון דער אַלגעמיינער באַגייסטערונג גאַנץ קאַלט באַמערקט, אַז דאָס וואָס מען האָט איבערגעגעבן דורכן טעלעגראַף איז גאָרנישט וויכטיק. פֿאַקטיש פּאַסירט מיט די פֿאַרשיידענע גרויסע דערפֿינדונגען נאָך ערגער: זיי קאָנען באַנוצט ווערן צו גאָר שלעכטע צילן. טאָטאַלע דיקטאַטור — ווי עס קען זי אונדזער יאָרהונדערט מיט זיינע געוואַלטיקע טעכנישע אויפֿטוען — איז נישט מעגלעך געווען אין די פֿריערדיקע יאָרהונדערטער. מען קאָן זיך לייכט פֿאָרשטעלן, אַז ווען המן וואָלט געהאַט צו זיין דיספּאָזיציע טעלעפֿאָן, טעלעגראַף און ראַדיאָ — אַנשטאָט זיינע רייטער־קוריערן — וואָלט ער זיכער באַוויזן אויספֿירן זיין „ענד־לייזונג״ פֿון די יידן אין דער פּערסישער

אימפּעריע. און ער וואָלט שוין פריער געהאַט צוגעגרייט דעם באָדן מיט זיין „קאַמף־פּראָגראַם“, אויב עס וואָלט אין זיין צייט שוין געווען אַ דרוק־מאַשין.

מיר באַהאַנדלען אָבער איצט נישט די פראַגע פון אויסגעשפּראָכן געפערלעכע און גיפטיקע ווערק, נאָר פון סתם ווערטלאָזע אָדער מיטל־מעסיקע שאַפונגען. אין דער באַציונג קאָן מען, דאַכט זיך זאָגן, אַז דאָס דרוק־וועזן איז אין דער זעלבער צייט אַ ברכה און אַ קללה. די דרוק־דערפינדונג האָט אומגעהויער פאַרברייטערט דאָס מענטשלעכע וויסן אויף אַלע געביטן, אָבער אין דער זעלבער צייט האָט זי געשאַפן די טינט־עפּידעמיע דורכן שנעלן פּראָצעס פון בוך־דרוק.

דער צושטאַנד האָט געבּרענגט דערצו, אַז פאַרשיידענע גרויסע גייסטער אין די לעצטע פינף יאָרהונדערטער האָבן מיט נאָסטאַלגיע צוריקגעבליקט צום אַלטערטום און מיטלאַלטער, ווען די שווריקייטן פון איבערשרייבן אַ ווערק אין פיל עקזעמפּלאַרן איז געווען אַ מין דאַמבע קעגן דעם טינט־מבול.

מאָנטען, דער גרויסער פאַרנצויזישער עסייִסט פון 16טן יאָרהונדערט, האָט שאַרף קריטיקירט די ליטעראַרישע איבערפּראָדוקציע פון זיין צייט, וואָס איז געווען דער רעזולטאַט פון דעם זיך פאַרשפּרייטנדיקן דרוק־וועזן. ער האָט אָנגעוויזן, אַז די „סוירפּלוס“־פּראָדוקטן זיינען אַן אויסדרוק פון גייסטיקן אונטערגאַנג און האָט געבּרענגט אַ ביישפּיל פון אַלטן רוים, ווו די אַלגעמיינע „צעשריבנקייט“, די גראַפאָמאַניע אין פאַרשיידענע פאָרמען, האָט דערגרייכט איר הויכפּונקט גראָד אין דער צייט פון איר דעקאַדענץ, פון איר מאָראַליש־פּאָליטישער אויפלייזונג.

מיט אַרום 200 יאָר נאָך מאָנטענען האָט דער באַרימטער וואָלטער זיך באַקלאָגט אויף דער זעלבער ליטעראַרישער פּלאָג. (אייגנטלעך, וואָלט מען אַפילו וואָלטערן אַליין געקאָנט פאָרוואַרפן זיין וואָרט־פאַרשווענ־דערישקייט, באַזונדערס אין זיינע לידער און עפּישע פּאָעמעס).

וואָלטער האָט אָנגעגריפן די מיטלמעסיקע שרייבערס פון זיין צייט דערקלערנדיק, אַז זיי האָבן נישט געוואָלט אָדער נישט געקענט זיך

פּאַרנעמען מיט וועלכער עס איז מלאכה און זיינען געוואָרן ליטעראַרישע „מעקלערס״ און ליפעראַנטן פון טאַנדעט־שריפטן.

עטלעכע צענדליק יאָר נאָך וואָלטערן האָט זיך מיט דעם פּראָבלעם פון וואָרט־איבערפּראָדוקציע פאַרנומען נישט קיין קלענערער ווי געטע, וואָס האָט ווי געטייטלט מיט אַ פינגער אין אַ סטראָפע פון זיין „וועסט עסטלעכן דיוואַן״:

ווייסן זאָלסטו, אַז מיר זייער נישט געפעלט,
ווען אַזויפיל זינגען און שרייבן;
ווער פאַרטרייבט די דיכטונג־קונסט פון דער וועלט?
די פּאָעטן״.

געטע האָט זיך נישט באַנוגנט מיט דער קריטיק פון די „פילע וואָס זינגען און שרייבן״ אין דער אויבן־דערמאָנטער אפאָריזמען־זאַמלונג; ער האָט אויך באַהאַנדלט דאָס פּראָבלעם אין איינעם פון זיינע גרויסע פּראָזע־ווערק (אויב איך מאַך נישט קיין טעות, אין זיין „ווילהעלם מייסטער״). ער שרייבט מיט נאָסטאַלגיע וועגן „יענע יאָרהונדערטער... ווען די וועלט איז נאָך נישט אַזוי פיל פאַרפלייצט געוואָרן מיט אומ־נוצלעכע שריפטן; ווו בלויז ווירדיקע גייסט־שאַפונגען זיינען געוואָרן קאָפּירט און זיכער־געהאַלטן פון די איידלסטע מענטשן״.

אפשר דער שטרענגסטער — אָבער זיכער נישט דער לעצטער — באַקלאָגער און אָנקלאָגער פון פיל שרייבערס איז געווען טאָמאַס קאַרלאַיל, דער באַרימטער ענגלישער עסייִסט פון 19טן יאָרהונדערט.

אין איינעם פון זיינע עסייען שרייבט קאַרלאַיל:

„...באַטראַכטנדיק די גרויסע צאָל שטערבלעכע, וואָס פירן די פעדער אין אונדזערע טעג... ווי קומט דאָס, וואָס פון זיי קומט נישט אַרויס קיין ווערק, וועלכעס זאָל האָבן דעם חותם פון אויטענטישקייט און פייער?... שיף־לאָדונגען מיט מאָדישע ראָמאַנען, סענטימענטאַלע גראַמען, טראַ־געדיעס, קאָמעדיעס, רייזע טאָגביכער... ווערן מאָנאַטלעך איינגעשלונגען דורך דעם גרונטלאָזן טייך...״

אייגנטלעך איז קאַרלאַיל שוין צו־ווייט פאַרפאָרן מיט זיין קריטיק. ער האָט באַנוצט אַ שטאַרק־איבערטריבענע ליטעראַרישע מאָס. אַ ליטעראַטור באַשטייט נישט בלויז פון האָמערס, שעקספּירס, געטעס, דאָסטאָיעווסקיס און ענלעכע ליטעראַרישע ריזן. און צו פאַרורטיילן אַ גאַנצע ליטעראַטור פון אַן עפּאָכע צוליב „אַלימפּישער" גרינגשעצונג, שמעקט מיט גרויסקייט־מאַניע און פּרעטענציעזקייט. קאַרלאַיל האָט טאַקע שפּעטער געכאַפּט אַ „גאַב" פון פאַרשיידענע ענגלישע שרייבערס, ווי למשל, פון סאַמערסעט מאָהעם, וואָס האָט אים, אין זיין ראָמאַן „קעיקס ענד עיל", באַצייכנט ווי אַ „ווינדבעג", אַ פּרעטענציעזן פּלוידערער.

אָבער נאָכן „אַראָפּרעכענען" די פאַלשע פּאָזיציעס פון קאַרלאַילס ליטעראַרישן באַלאַנס, שטימט אַלץ זיין חשבון וועגן די „שיף־לאַדונגען... וואָס ווערן פאַרשלונגען פון דעם גרונטלאָזן טייך". עס בלייבט דער פאַקט, אַז די דרוק־דערפינדונג איז געווען און איז אַ האַריזאָנטאַלער קולטור־פאַקטאָר און נישט קיין ווערטיקאַלער: קולטור פאַרברייטערונג און נישט — קולטור־פאַרטיפונג. און ווען עס גייט וועגן די „שיף־לאַדונגען" פון ווערטלאָזע און מיטלמעסיקע ביכער, איז דאָס אפילו אויך נישט קיין קולטור־פאַרברייטערונג.

*

מיר שמייכלען איצט, לייענענדיק די אָנקלאָגעס קעגן דער פּיל־שרייבעריי אין די פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער. ווי קומט דאָס צו דער היינטיקער געוואַלדיק פאַרגרעסערטער ליטעראַטור־פּראָדוקציע. שוין אָפּגערעדט פון דער אומגעהויערער פאַרברייטערונג פון אַלץ מער און מער נייע געביטן פון מענטשלעכע אַקטיוויטעטן, פון נייע צווייגן און „סוב־צווייגן" פון וויסנשאַפטן, איז דער וווקס פון דער בוך־אינדוסטריע אַן אומגעהויערער. יאָר־איין יאָר־אויס דערשיינען אין די גרויסע שפּראַכן הונדערטער טויזנטער ביכער. די דרוק־קוואַליע דערמאָנט אין בראשית, ווען די וואַסערן פון מבול האָבן צוגעדעקט די העכסטע בערג. ביי אַזאַ אומגעזונטער פאַרמערונג פון די ליטעראַטור־צעלן איז נישט קיין וווּנדער, וואָס דאָס גוטע און געזונטע זעט זיך אַזוי ווייניק אַרויס.

וואָס שייך אַזאַ גרויסע שפּראַך ווי ענגליש, איז שוין נישט קיין פראַגע פון רעצענזיעס: עס איז שוין באַלד אפילו נישט מעגלעך בלויז צו פאַרצייכענען אַלץ וואָס דערשיינט.

די אומקאָנטראָלירטע ליטעראַרישע איבערפּראָדוקציע וואַקסט פּאַראַלעל מיט דער אַלגעמיינער „איבערפּראָדוקציע" פון דער באַפעלקערונג.

בריוו און טאָגביכער

צווישן אַלע שרייבערישע זשאַנערס זיינען בריוו און טאָגביכער די אינטימסטע, אַנטפּלעקנדיקסטע וועגן דעם מחבר און אָפט אויך וועגן זיין סביבה. בריוו — דאָס זיינען פאַרטרוילעכע שמועסן צווישן פּריוואַט, וואָס ווערן צוגענגלעך געמאַכט פאַרן כלל: ליבע־בריוו, חברישע, אויפ־קלערנדיק־באַלערנדיקע א.א.וו. דער כאַראַקטעריסטישער צייכן פון די אַלע איז — די דירעקטע אוממיטלבאַרקייט, ספּאָנטאַנישקייט און נאַטיר־לעכקייט.

דאָס טאָגבוך איז אַן אינטימער ווידוי פון דעם שרייבער, אַ פּאַרטיפּטער נשמה־מאָנאָלאָג. און פּונקט ווי אַ בריוו איז דאָס אַ זאַך פון אימפּראָ־וויזאַציע און ספּאָנטאַנישקייט. אפילו אין די א.ג. „אָפענע בריוו" — איז פאַראַן אַ דירעקטקייט, סטיכישקייט, בעת אין דעם רוב שרייבערישע פאָרמען איז פאַראַן אַ געוויסע אומפאַרמיידלעכע פּרעטענציעזקייט. אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער מאָס שפּילט דער שרייבער אויס אַ ראָל, ער טראָגט דאַן זיין נאַטירלעכע מאַסקע, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן יחיד, ווען ער געפינט זיך פאַרן פּובליקום.

איך האָב ליב אָט די פּערזענלעכסטע זשאַנערס — בריוו און טאָג־ביכער — די מעדיומס פון אינטימען רעפּאָרטאַזש, פון אונטער־פיר־אויגן־שמועס. איך ווער נישט מיד צו וואַנדלען אויף די זייטיקע סטעזשקעס פון דער וועלט־ליטעראַטור און וועלט־געשיכטע. איך הער זיך איין אין די פאַרשידענע שטימען. זיי קומען פון קעניגלעכע און פירשטלעכע פּאַלאַצן און מאָנאַסטירישע און טורמע־צעלן; פון שלאַכטפעלד־געצעלטן און סאַלאָנען; פון בירגערלעכע שטובן און פּאָעטישע בוידעם־שטיבלעך — דעם רעלאַטיוון „אויבן און אונטן" פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט.

איך זע פאַר מיר רילקעס ווערטער: „איך געהער צו די אַלטמאָדישע מענטשן, וואָס באַטראַכטן דעם בריוו ווי אַ מיטל צו פּרעכטיקער און

שלימותדיקער פאַרהעלטעניש״. בריוו זיינען פאַרפיקסירטע דיאַלאָגן, געוועדט אין פאַרשידענע צייטן, אין פאַרשידענע שפּראַכן און מיט פאַר־שידענע שטימען — וואָרהאַפטיק, אינטים. ווי העלדערלין האָט דאָס אַזוי שיין אויסגעדריקט אין אַ בריוו: „בריוו זיינען דורכזיכטיקע גלעזער, וואָס ווייזן דעם וויין פון פּריינטשאַפט״.

איך הער פון זיי אַרויס אַן אומענדלעך וואַריאירטע סקאַלע פון קלאַנגען — און עס איז דער טאָן, וואָס מאַכט די מוזיק — דער טאָן פון פּריוואַטקייט. עס פאַרשווינדן לאַראשפוקאָס „באַטירלעכע פּאָזעס״ אַלע טעאַטראַלישע רעקוויזיטן פון שטאַנד, פּראָפעסיע און פּאָזיציע. און עס דערשיינט פאַר אונדז דער מענטש אין זיין הויט — ווי אין די דריי אַנטשיידנדיקסטע פונקטן פון זיין עקזיסטענץ: געבורט, ליבע און טויט.

סענעקאַ, איינער פון די גייסטרייכסטע און פילזייטיקסטע קינסטלער־פילאָזאָפן פון אַלטערטום, שרייבט זיינע בריוו צו לוציליוסן. זיין רעטאָ־רישער, הגם מייסטערהאַפטער סטיל קריגט אַ פּערזענלעכן טאָן און אינדיווידועלע פאַרב. דאָ רעדט דער קאָנטראַסטפולער מענטש און שריפט־שטעלער, דער אינטעלעקטועלער „קענטאַור״ — האַלב־סטאָיקער, האַלב־העדאָניסט:

„איך דאַנק דיר דערפאַר וואָס דו שרייבסט מיר אָפט. ווייל דו ווייזט זיך מיר אויף דעם איינציק־מעגלעכן אופן. ווען נאָר איך דערהאַלט פון דיר אַ בריוו, זיינען מיר גלייך צוזאַמען״.

און הגם די בריוו צו לוציליוסן זיינען, ווי דער רוב פון זיינע שריפטן, מאָראַליש־פּסיכאָלאָגישע עסייען, דאָמינירט אין זיי דער פּערזענלעכער טאָן, און מען קאָן זיי כאַראַקטעריזירן מיט דעם קורצן פון זיין בוך „וועגן וווילטעטיקייט״: „דעריבער גיב איך דיר דאָס איינציקע, וואָס כ׳פאַרמאָג — זיך אַליין״.

*

דער גייסטיקער קלימאַט פון די גריכישע פילאָסאָפן, וואָס זיינען דער עיקר געווען לעבנס־חכמים און נישט קיין סתם־טעאָרעטיקער, ווערט אונדז נאָענט אָנגענעם לייענענדיק דעם בריוו־אויסטויש צווישן דעם פּערסישן

קייסער דאַריוס און העראַקליטוס, וואָס ווערט ציטירט פון גריכישן היסטאָריקער דיאָגענעס לאַערטיוס:

„קייסער דאַריוס, זון פון היסטאַספעס, צו העראַקליטוס, דעם חכם פון עפעזוס, גרוסן... וויל געניסן פון דיין אויפקלערונג און גריכישע קולטור. קום דעריבער, אַזוי שנעל ווי מעגלעך, מיך זען אין מיין פּאַלאַץ... אין מיין הויף איז פאַר דיר פאַרזיכערט יעדע פּריווילעגיע...

און דער ענטפער:

„העראַקליטוס פון עפעזוס צום קייסער דאַריוס, זון פון היסטאַספעס, גרוסן. אַלע מענטשן אויף דער ערד קערן זיך אָפּ פון אמת און גערעכ־טיקייט און צוליב זייער פאַרדאָרבענער נאַרישקייט ווידמען זיי זיך צו געלט־גייציקייט און דורשט צו פּאָפּולאַריטעט. אָבער איך, אויסמיידנדיק יעדע זינד און אָפּקערנדיק פון דער אַלגעמיינער איבערגעזעטיקטקייט, וואָס איז נאָענט פאַרבונדן מיט קנאה שנאה; און ווייל מיך עקלט פון אויסערלעכער פּראַכט — קאָן איך נישט קומען קיין פּערסיע, זייענדיק צופרידן מיט דעם ביסל וואָס איך האָב, ווען דאָס ביסל איז צו מיין געשמאַק...”

און דיאָגענעס לאַערטיוס גיט צו: „אַזוי אומאָפּהענגיק איז ער געווען, אפילו מיט אַ קייסער”.

אַזאַ בריוו ווייזט אונדז, אַז די גריכישע פילאָסאָפיע איז נישט שטענדיק געווען „אַ שיינע בלום אָן פּירות”, און אַז גייסטיקע ריינקייט און דערהויבנקייט, פאַראַכטונג פון פאַרשקלאַפנדיקן עולם הזה — איז אויך געווען אפילו ביי אַזאַ „געצנדינערישן” דענקער אַן ערך 500 יאָר פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג.

אָט איז דאָס טאָגבוך פון מאַרקוס אוירעליוס דעם אדאָפּטירטן און גייסטיקן זון פון אַנטאָנינוס פּיוס. דער ראש פון דער גרעסטער וועלט־אימפּעריע, דער אינספּירירטער קעמפער פאַרן „רוימישן שלום”, נעמט אָפּשיד פון זיינע קאָהאָרטעס און זונדערט זיך אָפּ אין זיין יחידותדיקן געצעלט. דער אימפּעראַטאָר האָט איבערגעריסן זיין ראָל און זיך איבער־געגעבן צו זיין אויפגאַבע. ער פאַרטיפט זיך אין אייגענעם וועזן. ער פירט מיט זיך אַן אינטראָספּעקטיוון נשמה־דיאַלאָג. ער שרייבט זיין טאָגבוך.

מיר הערן דאָרט ווי דער קייסער איז זיך מתוודה פאַר זיין אויבערהאַר — פאַר דעם מענטש אין אים, פאַר זיין געוויסן, די אימפעריע פון דעם וועלט־הערשער איז שוין לאַנגע יאָרהונדערטער „אַ נאָמען, אַ רויך"; אָבער די פּליסטערנדיקע ווידוי־רייד, די אויפריכטיק־האַרציקע אַנטפּלעקונגען פון דעם וועלט־הערשער, זיינען אַליין געבליבן אָן אומצושטערבאַרע אימפעריע, דאָס „רוים של מעלה".

און ווי אַ לויטער־זילבערנער קוואַל ריזלען זיינע שטילע רייד אין זיין טאָגבוך:

„גראָב אינעווייניק אין דיר. אין דיר איז דער קוואַל פון גוטס, און אַ קוואַל, וואָס קאָן שטענדיק ריזלען, אויב דו וועסט כסדר גראָבן".

*

פון די טיבער־ברעגן מיט 2 טויזנט יאָר צוריק, צו דער שטאָט ביי דער סען אין 12טן יאָרהונדערט. די בריוו פון העלאָיז צו אַבעלאַר פאַר־קלעמען דאָס האַרץ און גלייכצייטיק באַגייסטערן זיי מיט זייער זיס טראַ־גישן טאָן, מיט דער אויסערגעוויינטלעכער ליידנשאַפטלעכקייט און מאַיעס־טעטישקייט פון דעם נאַטור־כוח — ליבע. מען פילט אין זיי דעם טעם פון בעטהאָווענס מוזיק, וואָס שניידט אַ נשמה־וווּנד און פאַרהיילט זי מיט אַ כישוף־באַלזאַם.

אַזעלכע עמאָציעס פילן מיר לייענענדיק די פלאַמענדיק־ליידנשאַפט־לעכע בריוו פון העלאָיז צו אַבעלאַר, ווו זי שווערט, אַז זי וואָלט בעסער געוואָלט בלייבן זיין פּראָסטיטוטקע, איידער די פרוי פון רוימישן אימפּע־ראַטאָר. די און ענלעכע אויסדרוקן פון די מאַרטירערישע געליבטע — איבערהויפּט אירע, פילן אָן דעם עמפּינדלעכן לייענער מיט גאַר דעם ציטער, מיט וועלכן זיי זיינען אַרויסגעפּליסטערט געוואָרן:

„גאָט איז מיין עדות, אַז אויב אויגוסטוס, דער הערשער פון דער וועלט, וואָלט מיך געהאַלטן פאַר ווערט צו האָבן די ערע פון פאַרבינדן זיך מיט אים און אויף שטענדיק מיר פאַרזיכערן די וועלט־אימפּעריע — וואָלט דער נאָמען פון אַ קורטיזאַנע ביי דיר, מיר געקלונגען אַנגענעמער און איידעלער, ווי דער נאָמען פון אַן אימפּעראַטאָרין מיט אים. ווייל נישט רייכקייט און נישט מאַכט שאַפן גרויסקייט: רייכקייט און מאַכט זיינען

אַ רעזולטאַט פון גוטן צופאַל; גרויסקייט איז אָפּהענגיק פון פּערזענלעכע מעלות".

*

פון דעם זוניקן פראַנקרייך צו דעם כמורנעם האָלאַנד פון 17טן יאָר־הונדערט אין דער שטאָט האַאַג, אויפן 3טן שטאָק פון אַ הויז אין דער געגנט פון אַלטן מאַרק, זיצט דער פילאָסאָף ברוך ספּינאָזאַ, בוכשטעבלעך, על התורה ועל העבודה. ער שטודירט און שרייבט — און אַרבעט ביי ברילן־גלעזער שלייפערײַ. דאָס איז אין יאָר 1675. ספּינאָזאַ שרייבט אַ בריוו — אַן ענטפער זיין געוועזענעם תלמיד אַלבערט בורג, אַ פּראָטעס־טאַנט, וואָס איז איבערגעגאַנגען צום קאַטאָליציזם און געוואָרן אַ פאַנאַ־טישער מאָנאַך. דער פילאָסאָף פון „נישט לאַכן און נישט וויינען" ווייזט זיך דאָ אַרויס ווי אַ מענטש, וואָס „גאָרנישט מענטשלעכס איז אים פרעמד". ער וואַרפט אָפּ די באַשולדיקונגען פון זיין געוועזענעם תלמיד און גייט איבער צו אַ שאַרפער קאָנטער־אַטאַקע באַנוצנדיק גאָרנישט קיין אַבסטראַקט־פילאָסאָפישע שפּראַך:

„הער אויף, זאָג איך, צו רופן אומזיניקע טעותים — מיסטעריעס און מיש נישט צענויף אויף אַ שענדלעכן אופן די זאַכן וואָס זיינען אומ־באַוווסט צו אונדז, אָדער ביז איצט נאָך נישט אַנטדעקט, מיט יעניקע, וואָס זיינען באַקאַנט אַלס אבסורדן, ווי עס זיינען די אָפּשטויסנדיקע סודות פון דער קירכע וועלכע, וואָס מער זיי זיינען קעגן דעם שכל הישר, אַלץ מער גלייבסטו אַז זיי זיינען למעלה מן השכל".

דאָ לייענט מען אַ נייעם ספּינאָזאַ — אַ בשר ודם. דער איינזאַמער אַסקעטישער פילאָסאָף ווערט אונדז נענטער. מען הערט ווי דער טיפזיניקער דענקער אַרגומענטירט גלענצנדיק און פּרעציז מיט זיין „קאָמאָן סענס", וואָס איז, אגב, שוין גאָרנישט אַזאַ אַלגעמיינע דערשיינונג.

געטע האָט געזאָגט וועגן ספּינאָזאָס קאָרעספּאָנדענץ, אַז „דאָס איז דאָס אינטערעסאַנטסטע בוך וואָס מען קאָן לייענען אין דער וועלט פון אָרנטלעכקייט און מענטשלעכקייט". איז דאָס אפשר נישט דאָס אינטע־רעסאַנטסטע בוך; אָבער — אַ שיינער און באַלערנדיקער מוסטער פון אינטעלעקטועלער ערלעכקייט און הומאַניזם.

אין אַ בריוו צו זיין פריינט יאַריק יעלעס (האָאַג 1671) אַטאַקירט ער שאַרף אַ ביכל פון אַ „מאַקיאַוועליסט‟, אַ געוויסן קריסטאָפאַרוס ראַפּ, קאַנצלער פון דעם בראַנדענבורגער גרויס־עלעקטאָר:

„אַ געוויסער פריינט האָט מיט אַ צייט צוריק מיר געשיקט אַ קליין ביכל, ‚האמא פּאָליטיקוס׳... איך האָב אויסגעפונען, אַז דאָס איז דאָס געפערלעכסטע בוך... דער העכסטער אידעאַל פון דעם מענטש, וואָס האָט עס געשריבן, איז געלט און כבוד. צו דעם פּאַסט ער צו זיין לערע... ווען כ׳האָב עס געלייענט, האָב איך געטראַכט צו שרייבן אַ בוך אומדירעקט קעגן דעם... און ווייזן, אַז דורך דער אומגעזעטיקטער לוסט צו כיבודים און רייכטום מוזן לענדער אונטערגיין...‟

אין פעברואַר 1673 האָט פּראָפעסאָר לודוויג פאַבריציוס, פון דער היידלבערגער אוניווערסיטעט, פאָרגעלייגט ספּינאָזאַן, איבערצונעמען די קאַטעדרע פון פילאָסאָפיע אין דער שטאָט.

אויף דער גאָר וואַרעמער ווענדונג האָט ספּינאָזאַ געענטפערט מיט זייער אַ העפלעכן און טאַקטפולן אָפּזאָג, וואָס איז רירנדיק מיט זיין פּשטות אין אמתדיק־פילאָסאָפישן גייסט פון אומאָפּהענגיקייט.

קודם כל דריקט ער אויס זיין מורא, אַז די פּראָפעסור וועט אים, צוליב צייט־מאַנגל, שטערן צו אַנטוויקלען זיין פילאָסאָפיע. דאָס איז אָבער נישט דער איינציקער מאָטיוו:

„איך ווייס נישט אין וועלכע גרענעצן די פרייהייט פון פילאָסאָפירן דאַרף זיך געפינען, כדי אויסצומיידן... צו שטערן דער הערשנדיקער רעליגיע... שפּאַלטונגען קומען נישט... פון אַ הייסער ליבע צו רעליגיע, ווי פון מענטשנס פאַרשידענע דיספּאָזיציעס... צוליב וועלכע זיי זיינען געוויגט צו פאַרקריפּלען און פאַראורטיילן אַלץ... איך האָב שוין דער־פאַרן די זאַכן, פירנדיק אַ פּריוואַט און איינזאַם לעבן... וויפל מער דאַרף מען פאַר זיי מורא האָבן, ווען איך וועל האָבן דערגרייכט צו אַ פּאָזיציע פון ווירדע. ווי איר זעט, האַלט איך זיך נישט אָפּ דערפון אין דער האָפענונג פון אַ בעסערער מערכה, נאָר פון ליבע צו מנוחה, וואָס איך גלייב צו דערגרייכן אין אַ געוויסער מאָס בלויז דורך צוריקהאַלטן זיך פון עפנטלעכע לעקציעס...‟

*

וואָס קאָן זיין מער אַנטפּלעקנדיק וועגן דעם פּילזייטיקן און צוויי־זייטיקן כאַראַקטער פון וואָלטערן, ווי זיין רעדאַקציע־בריוו (פון זיין דראַמע „מחמד״) צום פּויפּסט, אין וועלכן ער — דער שאַרפסטער און ביטערסטער קעגנער פון קריסטנטום, פון רעליגיע בכלל — „קושט דעם הייליקן פוס״ פון דעם רוימיש־קאַטוילישן הויפּט?

אין וועלכער פון זיינע שאַפונגען איז פאַראַן אַזאַ קאָנצענטרירטע מייסטערשאַפט פון אויסדרוק, אַזאַ שאַמפּאַניש־ברויזנדיקער הומאָר, אַזאַ קוואַליקע קרישטאָלענע פרישקייט און לויטערע דורכזיכטיקייט, ווי אין זיינע בריוו?

דער בליציקער סאַרקאַזם און שלאָגפערטיקע דערפינדערישקייט פון וואָלטער שבעל פה, איז צום שאַרפסטן געקומען צום אויסדרוק אין זיינע בריוו.

מיר זעען וואָלטערן „מיט די ביינער״, די וווּנדערלעכע „שעלמע״, ווען מיר לייענען זיין בריוו צו רוסאָ, — ווי אַ קאָמענטאַר פון דעם לעצטנס נאַטור־פילאָסאָפיע, — אַז קיינמאָל האָט מען נאָך נישט באַנוצט אַזויפיל עספּרי כדי אונדז פאַרצושטעלן אַזוי נאַריש, און ווען ער שרייבט, אַז לייענענדיק רוסאָס ווערק האָט ער געהאַט חשק „צו קריכן אויף אַלע פיר...״.

*

נאָך ווו קאָן מען אַזוי „פּאַקן אויף דער הייסער שרייבערישער מינוט״ — דעם וווּנדערלעכן אָריגינאַל און געניאַלן היפּאָכאָנדריקער, זשאַן זשאַק רוסאָ, ווי אין זיינע בריוו און טאָגביכער, קודם כל אין זיינע אומפאַר־גלייכלעכע טרוימערייען?

רוסאָס אומאָפּהענגיקייט־קאָמפּלעקס קומט אַרויס באַזונדערס בולט און שאַרף אין זיינע בריוו צו פריינט און פּראָטעקטאָרן. אין אַ בריוו צו זיין תלמיד בערנאַרדען דע סען פּיער מאַכט ער אַ וועזן און ווערגט זיך ממש מיט די ווערטער, דערמאָנענדיק מיט אַ דאַנק־פאַרוואָרף וועגן אַ פּעקל קאַפע, וואָס זיין פאַרערער האָט אים צוגעשיקט במתנה. אין אַ בריוו צו זיין פּראָטעקטאָר, דעם מאַרשאַל דע־לוקסאַנבור, שרייבט רוסאָ צווישן

אַנדערן: „האָט נישט דעם ווונטש צו זיין מיין פּאַטראָן, און איך זאָג אייך צו, אַז איך וועל נישט זיין אייער חונף...״

די „טרוימען פון אַן איינזאַמען שפּאַצירער״ זיינען זיכער אַ פינקלענ־דיק מייסטערווערק אין דער וועלט־ליטעראַטור. אָבער די הויפּט־מעלה פון דעם בוך איז, וואָס רוסאָ קומט דאָרט אַרויס אַזוי לייכט, אַזוי נאַטירלעך און גראַציעז. ער שילדערט אין איינעם פון די קאַפּיטלעך ווי ער ליגט אויסגעשטרעקט, מיטן פּנים צום הימל, אויף אַ שיפל, וואָס וויגט זיך ציללאָז אויפן שיינעם „לאַק״ ביען, אין דער שווייץ. דאָס בילד גיט די גאַנצע גייסטיקע פיזיאָנאָמיע פון דעם מענטש און קינסטלער רוסאָ — דעם פּאַטריאַרך פון ראָמאַנטיזם, דעם וואַגאַבונד און זינגענדיקן בעל חלומות.

זיין גאַנץ לעבן איז געווען אַ וויגן־זיך אויף די צייט־כוואַליעס מיט די אויגן געווענדט צום הימל — מיט די טרויעריקע פאַרבענקט־נאָסטאַל־גישע אויגן פון אַ טיפּן פּאָעט און מוזיקער.

*

דאַכט זיך, אַז אין ערגעץ פילט מען נישט אַזוי די סאַטירישע שאַרפ־קייט פון סעמועל דזשאָנסאָן, ווי אין זיין באַרימטן בריוו צום גראַף טשעסטערפילד, וואָס האָט אים איגנאָרירט ווען ער האָט זיך געגויטיקט אין הילף פאַר זיינעם אַ ווערק, און שפּעטער, נאָכן דערשיינען פון דעם בוך, געשריבן אַ רעצענזיע וועגן דעם. דזשאָנסאָן האָט דעם ליטעראַטור־„פּראָטעקטאָר״ גאָר טרעפלעך געענטפערט אין אַ בריוו:

„איז נישט אַ פּאַטראָן איינער וואָס קוקט זיך צו גלייכגילטיק, ווי איינער ראַנגלט זיך פאַר זיין לעבן אין וואַסער, און ווען יענער האָט דער־גרייכט דעם ברעג לייגט ער אים פאַר זיין הילף?״

און דער גייסטרייכער שפּאָט איז נאָך היינט גילטיק פאַר אַלע פאַלשע פּראָטעקטאָרן און כבוד־פּאַראַזיטן פון דער ליטעראַטור.

*

פאַר מיינע אויגן שוועבן בילדער און אין מיין געמיט הילכן אָפּ טענער פון פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער.

דאָס ראַציאָנאַליסטישע און גלייכצייטיק זינלעך־לײַדנשאַפֿטלעכע 18טע יאָרהונדערט פֿון די פֿילאָסאָפֿן און געליבטע אין פֿראַנקרײַך.

זשילי דע ל׳עספּינאַס, די יונגע פּאַריזער סאַלאָן־דאַמע, די פּערפֿעקטע ליבהאָבערין, וואָס האָט זיך מקריב געווען אויף אַפֿראָדיטעס מזבח — איך זע אירע פֿיבעריש־בענקענדיקע אויגן און איך הער דעם ניגון פֿון איר לעבנס־ליד, לייענענדיק אירע בריוו. אָט באַקלאָגט זי זיך אויף איר פֿרײַנט דידראָ און רופֿט אויס:

„איך האָב איבערהויפּט נישט ליב דאָס וואָס איז האַלב... דאָס וואָס איז נאָר אַ ביסל״.

און:

„איך עקזיסטיר, ווײַל איך האָב דיך ליב... (אַ רירנדיקע פּאַראַפֿראַזע פֿון דעקאַרט: „איך דענק, דעריבער עקזיסטיר איך״...)

און בענזשאַמען קאָנסטאַן, דער האַרץ־ברעכער און בעטער אין ווענוס־טעמפּל אין סוף פֿון 18טן י״ה, שטורעמט די אומצוטריטלעכע מאַדאַם רעקאַמיע מיט פֿײַערדיקע ווערטער־זאַלפֿן:

„מאָרגן אָונט?... ער וועט זיך אָנהייבן פֿאַר מיר 5 פֿאַרטאָג. מאָרגן, דאָס איז הײַנט... איך האָב אַ גרונט צו זײַן משוגע. איך וואָלט געווען משוגע, ווען איך וואָלט דאָס נישט געווען״. זעט מען דאָ, אַז קאָנסטאַן איז אַ חוץ אַ פּערזאָניפֿיצירונג פֿון דעם לײַכטזיניקן פֿרויען־יעגער טיפּ פֿון זײַן יאָרהונדערט, אויך דער נאָסטאַלגיש־ראָמאַנטישער ליבהאָבער פֿון 19טן יאָרהונדערט.

אָט איז די שיינע נשמה, די עלדישע זשיראָנדיסטין, מאַדאַם ראָלאַן, וואָס האָט געלייגט איר קאָפּ אויף דער גיליאָטינע אין יאָר 1793. עטלעכע חדשים פֿאַר איר טויט שרײַבט זי פֿון תּפֿיסה צו אַ פֿרײַנט, וואָס האָט איר געמאָלדן וועגן זײַן פּלאַן אַרויסצוראַטעווען זי פֿון „טויט־קאָרידאָר״:

„נאָר ראַטעווענדיק דאָס לאַנד וועסטו מיך דערלייזן... הינטער די קראַטן געניס איך פֿון דער אומאָפּהענגיקייט פֿון געדאַנק... און איך בין רואיקער מיט מײַן געוויסן, ווי מײַנע אונטערדריקער זײַנען מיט זייער הערשאַפֿט...״

און די שורות וואַרפֿן אַ ליכט אויף דער קעמפֿערישער פֿרוי, וואָס

סימבאָליזירט מיט זיך די נייע צייט, די פליכטן — גלייכבאַרעכטיקונג פאַר דער מאָדערנער פרוי, וועלכע איז אַרויס פון סאַלאָן צו דער וועלט.

דער יונגער גראַף דע מיראַבאָ, וואָס איז עטלעכע מאָל איינגעזעצט געוואָרן דורך זיין פאָטער אין טורמע (צוליב אויסגעלאַסנקייט און חובות), שרייבט פון דער פאַרקראַטעוועטער קאַמער אין שלאָס צו זיין געליבטער סאָפיע:

„דו פרעגסט מיך אַ מאָדנע פראַגע: ווי איך פיל זיך דאָ?... איך וועל דיר ענטפערן... די אַרעסטאַנטן... זינגען כדי פטור צו ווערן פון זייער לאַנגווייל. אַלעקסאַנדער איז געווען אַ געפאַנגענער אינמיטן אוניווערס; דער קעניג פון ענגלאַנד איז דאָס אין זיין אינדזל, דער סולטאַן אין זיין האַרעם, דער מאַנאַך אין זיין קעמערל, דער וויסנשאַפטלער אין זיין קאַבינעט, דער פריץ אין זיין קאַרעטע, דער הענדלער אין זיין קראָם, און סך הכל: אַלע מענטשן זיינען געפאַנגענע און די גאַנצע וועלט איז איין גרויסע טורמע".

אין די עטלעכע דרך־אַגבדיקע שורות זעט מען, אַז דער יונגער מיראבא איז געווען נישט בלויז אַ מענטש מיט אַ שאַרפן אינטעלעקט, נאָר אויך מיט אַ פיינער קינסטלערישער סענסיביליטעט און טיפע עמאָציעס. פראַנקרייך האָט דורך זיין פריצייטיקן טויט פאַרלוירן נישט בלויז אַ גרויסן פאָליטישן מנהיג, נאָר אויך אַ גאָר באַדייטנדיקן קינסטלער־דענקער.

און כדי אָפצושליסן דאָס אינטערעסאַנטע קאַפּיטל פון „לייכטזיניקן" 18טן יאָרהונדערט — אַן אויסצוג פון נאַפּאָלעאָנס אַ בריוו צו זיין געליבטער זשאָזעפינע.

נאַפּאָלעאָן, דאַן נאָך דער יונגער גענעראַל באָנאַפּאַרט, שרייבט:

„אינמיטן פון מיליטערישע ענינים, רייטנדיק אין שפּיץ פון דער אַרמיי, דורכרייטנדיק די פעלדער, איז בלויז מיין געליבטע זשאָזעפינע אין מיין האַרץ, פאַרנעמט מיין גייסט, אַבסאָרבירט מיין געדאַנק...".

*

בריוו זיינען אָפט אַ שליסל צו אַ רעטענישפולער ליטעראַרישער פערזענלעכקייט, אַ מיטל צו דעשיפרירן אַ קאָמפּליצירטע נאַטור. דאָס

זיינען, צווישן פיל אַנדערע, די בריוו פון דעם טיפן און טראַגישן פּאָעט העלדערלין, וואָס איז אַראָפּ פון זין אין עלטער פון 34 יאָר, 2 יאָר נאָכן טויט פון זיין געליבטער, סוזעטע גאָנטארד.

אין די בריוו צו זיין פאַמיליע, קאָלעגן און פריינט אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז גאָר די צאַרט־סענסיטיווע נשמה פון דעם שרייבער. מען זעט דאָרט זיין אייגנאַרטיקע דיכטעריש־פילאָסאָפישע פערזענלעכקייט, וואָס האָט פאַראייניקט אין זיך תהומישע רעליגיעזיטעט, גריכישע שיינקייט און דעם נייעם הומאַניסטישן אידעאַל פון דעמאָקראַטיע, אינטערנאַציאָנאַליזם און סאָציאַלן פּראָגרעס. מען זעט, אַז אַזאַ צאַרטע פלאַנץ האָט געקענט לייכט איינגעבראָכן ווערן פון צופאַל־שטורעם.

אין יאָר 1793, אַלס 23 יאָריקער יונגערמאַן, שרייבט העלדערלין צו זיין ברודער:

„איך האָב ליב דעם מענטשלעכן מין, נישט דעם פאַרדאָרבענעם, קנעכטישן, פוילן מענטשלעכן מין... איך האָב ליב די דורות פון די קומענדיקע יאָרהונדערטער, ווייל מיין דערהויבנסטע האָפענונג, דער גלויבן וואָס דערלויבט מיר צו בלייבן אַקטיוו און העלדיש, איז אַז אונדזערע אייניקלעך וועלן זיין בעסער ווי מיר, אַז די פרייהייט וועט אין איינעם אַ טאָג טריאומפירן און די טוגנט וועט בעסער אויפבליען אין דעם הייליקן און וואַרעמען ליכט פון דער פרייהייט, ווי אין דער אייזיקער ספערע פון דעספּאָטיזם“.

און אין 1801, 3 יאָר פאַר זיין גייסטיקן טויט שרייבט ער צום זעלבן ברודער אין שייכות מיט דער אויסזיכט אויף אַ סוף צו די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות, אַז „ער פרייט זיך מיט דער האָפענונג, ווייל דאָס וויכטיקסטע איז, אַז דער עגאָיזם, אין אַלע זיינע פאָרמען, דאַרף פאַרשווינדן פאַר דער הייליקער הערשאַפט פון ליבע און גוטסקייט, אַז אין יעדער זאַך זאָל דאָמינירן דער גייסט פון גלייכהייט...“

און דער זעלבער איידעלער טאָן פון וויזיאָנעריש־הומאַניסטישער בענקשאַפט, פון רעליגיעזיטעט און גריכישן שיינהייט־אידעאַל, איז דער לייטמאָטיוו אין די הונדערטער בריוו זיינע, וואָס ווייזן העלדערלינען ווי אַ פאַרקערפּערונג פון די דריי אומשטערבלעכע אידעאַלן.

*

עס שווימט אויף פאַר מיר דאָס בילד פון סאָרען קירקעגאַר, דער סקאַנדינאַווישער פּאַסקאַל, אָט דער טראַגישער גאון־עולם, וועמענס פיזישע און גייסטיקע ביאָגראַפיע איז אַזוי ענלעך צו דעם שרייבער פון די „פּראָווינץ־בריוו”. דער מייסטערהאַפטער דיאַלעקטיקער און אָריגינעל־שפּרודלדיקער דיכטער־פילאָסאָף איז אַ „חריף און עוקר־הרים” אין אַלע זיינע שריפטן, אָבער די פיזיאָנאָמיע פון דעם פּערזענלעכן קירקעגאַר קומט אַרויס ווונדערלעך פון זיין פּאַרטיפטן און רעפלעקטירנדיקן טאָגבוך. זיין אומפאַרגלייכלעכער שאַרפזין, גוואַלדיקע איראָניע, העל־זעענדיקע רעלי־גיעזיטעט און תהומישער נשמה־אַריינבליק — דאָס אַלץ קומט צום אויס־דרוק אין די קורצע טעגלעכע „פּאָזיציעס”. זיין טראַגישער איבעררייס מיט זיין געליבטער, זיין באַוואָרפן ווערן מיט שטיינער און שפּאָט אויף די גאַסן פון דעם קליינעם קאָפּענהאַגען מיט קרוב 150 יאָר צוריק; זיינע ראַנגלענישן מיט דעם בייזן גורל; זיין אַגאָניע און דערלייזונג אין זיין מעכטיקן גייסטיקן פלי — דאָס אַלץ שפּיגלט זיך אָפּ אין די לויטערע ווערטער פון דעם טאָגבוך. ס׳איז אפשר נישט פאַראַן קיין מער רירנדיקער אויסדרוק פון טיפסטער רעליגיעזיטעט, ווי זיין טיפזיניקע באַמערקונג אין דעם טאָגבוך פון 7טן פעברואַר 1846.

קירקעגאַר זאָגט דאָרט, אַז מענטשן צילן געוויינטלעך מיט זייער תפילה, אַז גאָט זאָל זיי אויסהערן; אָבער דער אמתער אייביקער זין איז פּונקט פאַרקערט: וואָס דער מענטש זאָל דערגיין צו אַזאַ מדרגה, אַז ער זאָל קאָנען הערן וואָס גאָט וויל. און אַזעלכע געדאַנקלעכע און עמאָציאָ־נעלע פּערל שימערן אויף מערערע שטעלן פון דעם זעלטענעם ווידוי־בוך.

*

און פון דעם דערהויבענעם דעניש̈ן קינסטלער־דענקער — צו די פּאַריזער שרייבער, די ברידער גאָנקור. זייערע פּיקאַנטע־קינסטלערישע, „סטענאָגראַפישע” רעפּאָרטאַזשן פון דער פּאַריזער געזעלשאַפט, נישט געקוקט אויף דעם ביזאַר־פּאַראַדאָקסאַלן „שאַרזש” און פּאַראַדישער טענ־דענץ, — זיינען דאָך גלענצנדיקע מיניאַטור־צייכענונגען פון גרופּן און

יחידים. און די ספּעציפיש־אינטימע טאָגבוך אטמאָספער איז דער הינטער־גרונט, וואָס גיט צו די פּיקאַנט־געפּעפּערטע שטריכן די געהעריקע דימענסיע און פּערספּעקטיוו.

*

איך זע גי דע מאָפּאַסאַן, דעם טויטלעך־פאַרוווּנדעטן פּאַריזער „געזעל־שאַפט־לייב״, אין זיינע פאַרצייכענונגען א״נ „אויפן וואַסער״. איך זע זיין ווייס יאַכט־שיפל זיך וויגן אויפן בלאָען מיטללענדישן ים. ס׳פאַרשווינדט דער לייכטזיניקער „סאַלאָן״ און עס אַנטפּלעקט זיך פאַר מיר דער שווערמוטיקער, ליידנדיקער און אומגליקלעכער קינסטלער, דער פאַרערער און פאַרוווּנדעטער פון דער ליבע־געטין ווענוס.

*

דער אַריסטאָקראַטישער אַלפרעד דע־וויני גיט אונדז אַן איינבליק אין זיין אינערלעכער וועלט אין זיינע אינטימע פאַרצייכענונגען. גאָר די אַנטוישטקייט און ראַפינירטער טאָג פון אַ מאָדערנעם קהלת, פון אָט דעם פיינעם דיכטער און פּסיכאָלאָגיש־אַנאַליטישן ראָמאַניסט קומט צום אויסדרוק אין די קאָנדענסירטע זאַצן פון זיינע טאָגבוך־נאָטיצן:

„קעגן אַלגעמיינעם וואַלרעכט, ווייל די נאַראָנים זייבען אין דער מערהייט״.

„געמיינע פּובליסיטי! דו וואָס ביסט נישט מער ווי אַ שאַנדסלופּ, ווו די פּראָפאַנישע ליידנשאַפטן קומען אונדז אויספּאַטשן!״

*

דער באַרימטער בייראָן אַנטפּלעקט אַ וועזנטלעכן שטריך פון זיין דיכטערישער פּערזענלעכקייט (אין מיין קורצן בייראָן־עסיי אין „פון וועלט־קוואַל״ האָב איך באַמערקט, אַז ווען ער וואָלט געלעבט אין אַן אַנדערער עפּאָכע, וואָלט ער אפשר אויסגעשפּילט זיין שטורמישע לעבנס־סימפאָניע מיט זיין לעבן) אין אַ בריוו צו דעם פּאָעט טאָמאַס מור:

„אַזוי ווי מיין דערפאַלג אין דער געזעלשאַפט איז נישט געווען אומבאַדייטנדיק, בין איך זיכער נישט קיין ריכטער מיט פאַראורטיילן... אָבער איך האַלט זי (די געזעלשאַפט) פּאַטאַל צו אַלע גרויסע אָריגינעלע אונטערנעמונגען פון יעדן מין... איין זאַך קאָן מיך נאָר צוריקברענגען צו איר... צו פּרווון נאָך איין מאָל אויב איך וואָלט געקאָנט עפּעס אויפטאָן אין פּאָליטיק; אָבער נישט די קליינלעכע פּאָליטיק, וואָס איך זע איצט".

*

בעטהאָווען, דער גאון פון מוזיקאַלישן שטורעם, ווייזט אין זיינע בריוו די טיפע אונטערערדישע קוואַלן פון זיין ברויזנדיקן געמיט:

„דאָ, אַרומגערינגלט מיט די שאַפונגען פון דער נאַטור, זיץ איך אָפט גאַנצע שעהן... דאָ איז די מאַיעסטעטישע זון נישט פאַרבאָרגן דורך קיין שמוציקן דאַך, געמאַכט פון מענטשלעכע הענט... דאָ איז דער בלאָער הימל מיין דערהויבענער דאַך. ווען איך באַטראַכט אין באַוווּנדערונג אין אָוונט דעם הימל און די מענגע לייכטנדיקע קערפּערס, וואָס קרייזן כסדר אין זייערע אָרביטן, זונען אָדער ערדס מיטן נאָמען, דאַן דערהייבט זיך מיין גייסט איבער קאָנסטעלאַציעס, אַזויפיל מיליאָנען מייל ווייט — צום אורשפּרינגלעכן קוואַל, פונוואַנען די גאַנצע באַשאַפונג שטראָמט, און פון וועלכן נייע שאַפונג וועט אייביק פליסן. ווען איך שטרעב, פון צייט צו צייט, צו פאָרמולירן מיינע ברויזנדיקע עמאָציעס אין מוזיק — אָ, דאַן געפין איך אויס, אַז איך בין שרעקלעך אַנטוישט: איך וואַרף מיין באַשריבן פּאַפּיר אויפן דיל און פיל, פעסט איבערצייגט, אַז קיינמאָל נישט וועט עמיצער וואָס איז געבוירן געוואָרן אויף דער ערד, פעיק זיין אויסצודריקן אין קלאַנגען, ווערטער, קאָלירן אָדער שטיין, יענע הימלישע בילדער, וואָס שוועבן פאַר זיין עקזאַלטירטן כוח הדמיון אין זיינע גליקלעכסטע שעהן".

ס'איז רירנדיק צו לייענען ווי דער גרויסער טענער־מכשף, וועמענס אומשטערבלעכע קלאַנגען ראָלן צייטלאָז און אומענדלעך ווי דער אָקעאַן, בלייבט פאַרשטומט פאַרן „פלויט" פון דער אייביקייט, וועלכע ער דרינגט דורך מיט זיין אינטואיטיוון בליק דורך אַנונגען שפּאַרעס.

און די דאָזיקע רירנדיקע ווערטער זיינען אַליין אַ מוזיקאַלישער השתפכות הנפש, וואָס אַנטדעקט גלייכצייטיק איינעם פון די טיפסטע קאָנטראַלירטע אינסטינקטן פון צאָרן און האַס.

אָבער בריוו זיינען נישט בלויז אָפּשפּיגלונגען פון שיינע און דער־הויבענע עמאָציעס; זיי זיינען אויך אַמאָל פינגער־אָפּדרוקן, וואָס אידענ־טיפיצירן דעם „פאַרברעכער" אין מענטש — די אומגעצוימטע און אומ־קאָנטראָלירטע אינסטינקטן פון צאָרן און האַס.

ס'איז געווען אַנצווייזן אויף די ווערטער פון בעטהאָווען צו זיינעם אַ נאָטן־איבערשרייבער, געשריבן אַלס ראַנד־באַמערקונגען אויף אַ בריוו, וואָס ער האָט דערהאַלטן פון דעם נאָטן־איבערשרייבער. די מאַרגינעס־קאָמענטאַרן זיינען אַ קאַסקאַדע פון גרימצאָרן, וואָס שוימט מיט די ערגסטע זידלווערטער און פאַרענדיקט זיך מיט דעם גזר־דין: „ס'איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז דו ביסט אַנטזאָגט פון דיין פּאָסטן..."

*

אַ צווייטער גאונישער מייסטער, פרעדעריק שאָפּען, דעמאַסקירט זיך אַלס אַ פאַנאַטישער אַנטיסעמיט, יעדנפאַלס אַלס יוגנטלעכער אין די אַנהויב 20ער.

שאָפּען האָט דאַן געשריבן אַ בריוו פון פּאַריז צו זיינעם אַ פריינט אין פוילן, ווי אַזוי אַן אנגעזעענער יידישער געשעפטסמאַן האָט אים גאָר קאַלט אויפגענומען און אים „אָפּגעקילט" וואָס שייך זיין פּלאַן פון אַ מוזיקאַלישן אויפטריט אין דער פראַנצויזישער הויפּטשטאָט. אַזוי גיך אָבער — שרייבט שאָפּען — ווי ער האָט דערמאַנט, אַז ער האָט אַ רעקאָ־מענדאַציע־בריוו פון רוסישן גרויספירשט, האָט יענער אינגאַנצן געענ־דערט דעם טאָן. דער נאָך גאָר יונגער מוזיק־מייסטער ענדיקט דעם בריוו מיט די ווערטער: „וואָרט, יידישע אויסוואורפן!..."

*

צו די רירנדיקסטע בריוו אין דער וועלט־ליטעראַטור געהערן זיכער די פון ווינסענט וואַן גאָג צו זיין ברודער טעאָ.

אויב די קונסט, ווי די תורה, ווערט געגעבן נאָר די וואָס זײַנען זיך מקריב פֿאַר איר — איז וואַן גאָג דער פּערפֿעקסטער און אידעאַלסטער קינסטלער טיפּ פֿון אַלע פֿעלקער און צײַטן. און די ווערטער פֿון אָט דעם געניאַלן קינסטלער פֿיבערן מיט גאָר דעם הייליקן פֿײַער פֿון זײַן פּער־זענלעכקייט — נישט ווייניקער ווי זײַנע פֿלאַמענדיקע בילדער פֿון מענטשן און נאַטור.

גאָר זײַן נאָבלקייט און לויטערקייט, זײַן אומגעהויערער מאַרטירע־רישער אידעאַליזם („עס איז בעסער צו זײַן אַ שעפּס איידער אַ וואָלף; צו ווערן דערמאָרדעט, איידער צו זײַן אַ מערדער") און זײַן וואולקאַניש־רחמימדיק האַרץ קומען צום אויסדרוק אין די זעלטענע זעלבסט־אַנטפּלע־קנדיקע בריוו.

וואַן גאָג האָט געשריבן אפֿשר דעם קאָנצענטרירטסטן און פּערלדיקסטן זאַץ, וואָס איז כולל דעם אידעאַל פֿון אַ קינסטלער־הייליקן קעגן די מ"ט שערי טומאה פֿון דער רעקלאַמע:

„מיך גרוילט פֿאַר דערפֿאָלג".

און ווי געוואַלדיק איז זײַן בילדערישע דעפֿיניציע פֿון עסטעטישער עמאָציע („אַן איבערלעבונג פֿון שיינקייט איז, ווי געשלעכטלעכע באַהעפֿ־טונג, אַ בליק פֿון דער אייביקייט")!

וואַן גאָג, דער נאָבלסטער און ערלעכסטער קינסטלער האָט אין איינעם פֿון זײַנע בריוו צו טעאָ געשריבן:

„עס וועט מיר, אויף יעדן פֿאַל, אויסקומען בוכשטעבלעך צו פֿאַסטן 4—5 טעג אין סוף פֿון דעם יאָר. אפֿשר ווייסטו דאָס נישט קאָנען פֿאַרשטיין, אָבער ס'איז אמת, אַז ווען כ'קריג דאָס געלט, איז מײַן גרעסטער אַפּעטיט נישט פֿאַר שפּייז, הגם איך האָב געפֿאַסט. אנשטאט דעם ווערט מײַן אַפּעטיט פֿאַר מאָלערײַ נאָך פֿאַרשטאַרקט, און איך גיי גלײַך אויף דער יאָגד אויף מאָדעלן און בין דאָס ממשיך ביז דאָס געלט איז אויס און מײַנע קליידער זײַנען אין אַ שלעכטן צושטאַנד..."

און מען זעט דעם וווּנדערלעכן מענטש, וועמענס פֿאַרכאַפּנדיקע־

דינאַמישע קונסט איז נאָר אַן אויסדרוק פון זיין גוואַלדיקער פּערזענ־לעכקייט.

עס ווייעט פון זיינע פּשטותדיקע ווערטער אַ דערפרישנדיקע אינטימ־קייט און אַ דערהייבנדיקער פּאַטאָס. מיר פילן דעם הויך פון אַ הייליקער מיסטעריע — דעם סוד פון אבסאָלוטער שעפערישקייט און פון דער שענסטער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט.

*

און פון די פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער צו דעם מוראדיקן 20סטן יאָרהונדערט — דער עפּאָכע פון שוידערלעכסטן „ציוויליזירטן" באַר־באַרנטום.

אין דעם הויז אויף פּרינצענגראַכט אין אַמסטערדאַם, אין אַ טונקל־פאַרהילט צימערל שרייבט אַנאַ פראַנק איר טאָגבוך אין דער פאָרם פון בריוו צו איר אויסגעדאַכטער „קעטי".

דעם צאַרטן מיידל־קינדס שטילע ווערטער דרינגען דורך אין געמיט פון דעם לייענער, וואָס ווערט געוויינטלעך פאַרטויבט און אַטראָפירט פון די שרייענדיקע שילדערונגען פון די הימל־שרייענדיקע נאַצי־פאַרברעכנס.

די שטיקנדיקע לופט אין דעם „אַנעקס" איז אנגעפילט מיט נאָך מער שטיקנדיקן שטאָף: די שרעק, וואָס מען קאָן אָנטאַפּן מיט די הענט. אין דעם איינציקן „טואַלעט"־צימער קאָן דאָס וואַסער נישט אַראָפּגעלאָזט ווערן ביז 5 נאָך מיטיק, ווען די אַרבעט פון דער שכנותדיקער פאַבריק און ביוראָ ווערט געענדיקט און די אָנגעשטעלטע פאַרלאָזן די געביידע. טאָג־איין, טאָג־אויס, וואָך נאָך וואָך און חודש נאָך חודש — דאָס לעבן פון פאַרפאָלגטע בעלי חיים. די אויערן זיינען אנגעשפּיצט אויף יעדן מינדסטן רויש פון דער דרויסנדיקער דזשונגל־וועלט. און די ברוטאַל־חוצפּהדיקע קולות פון די מאַרשירנדיקע צוויי־פיסיקע בעסטיעס אויף דער גאַס פילן אָן מיט פאַרגליווערנדיקער פּאַניק. די ענגשאַפט, די כסדר־דיקע שפּאַנונג, די רייעס פאַרן צימער פון פיזישן געברויך, וואַשן און קאָכן אויפן קליינעם אייזערנעם אויוון — דאָס אַלץ שלעפּט פיל טויזנטער יאָרן צוריק צום הייל־מענטש. און אַזאַ נס: דאָס אויסערגעוויינטלעך־

צאַרטע און באַגאַבטע דיכטער־קינד מיט דער קאָנצענטרירטסטער, רוּאיק־סטער פּשטות. עס פאַרשווינדט דער שלעכטער ריח פון דעם נעבנדיקן צימער און די שטיקנדיקע לופט פון גאַנצן הויז־„פליגל". אינמיטן פון וויטריאָלישער שנאה, אין אַ מדבר פון בעסטיאַלישקייט בלאָזן לינדע פרילינג־ווינטלעך פון האָפענונג; ס'בליט דופטנדיקער בעז — באַיוויטעס, גלויבן. גאָר דאָס מלאכיש האַרץ פון דעם מאַרטירער־קינד איז אין די אומשטערבלעכע זייטלעך פון איר שטיל־שטילן טאָגבוך.

*

בריוו און טאָגביכער — טירן צו די חדרי־חדרים פון דער מענטשלעכער נשמה. איך זע דאָרט דעם שרייבער אין שלאַפראָק און שטעקשיך, דעם פריוואַטן, אינדערוואָכן־יום־טובדיקן מענטש אין אַלע פאַרבן פון דעם פסיכאָלאָגישן און עמאָציאָנעלן ספּעקטרום, און אַלע פאַזן פון זיין אינ־טימען לעבן.

בריוו און טאָגביכער זיינען קאַרדיאָגראַמען, וואָס פאַרפיקסירן די פולסירונגען פון כאַראַקטער, דאָס האַרץ־קלאַפּן פון דער יחידישער מענ־טאַליטעט. עס אַנטפּלעקן זיך די טיפקייטן און ברייטקייטן פון דער פסיכע. אין אַלע מעגלעכע אַספּעקטן, שאַטירונגען און ניואַנסן, פון ליידנשאַפטן און געפיל־הוראַגאַנען ביז פאַרכישופטע שטילן ים־שפיגל פון לויטערע קאָנטעמפּלאַציעס.

איך לייען די בריוו־דיאַלאָגן און טאָגבוך־מאָנאָלאָגן פון פאַרשידענע צייטן און לענדער — און איך האָב פאַר מיר אַן אומענדלעכן „באַנד־רעקאָרד" פון שטימען, קלאַנגען און ווערטער — די אינטימע געשיכטע פון דער מענטשהייט. איך ווער נישט מיד איינהערנדיק זיך אין די קולות און פליסטערנדיקע רייד, צו די ראַפּסאָדישע טענער און אינדיווידועלע „איכהס"; צו די ווידויים, „לעצטע ווערטער", צווישן 4 אויגן־אַנטפּלע־קונגען, לירישע אויסברוכן, אני מאמינס; צו די פרילינגדיק־צאַרטע ערשטע דערקלערונגען און ערשטע קושן און טראַגישע „לעצטע אדיעס", וואָס שימערן מיט אַלע גסיסה־פאַרבן פון פאַלנדיקע האַרבסט־בלעטער. איך

הער זיך איין אין דער אומענדלעכער סימפאָניע פון סאָלאָס און דועטן, אומענדלעך — פֿאַרשידנאַרטיק און איינהייטלעך ווי די נאַטור...

פֿאַר מיינע אויגן ציט זיך אַן ענדלאָזע פילם־לענטע פון לאַנדשאַפטן, קלימאַטן, דורות און שפּראַכן. עס לייזן זיך אויף מחיצות פון רום און צייט, עטנישע און לינגוויסטישע באַריערן. איך הער נאָר איין „לשון" — די שטים פון דעם מענטש, דעם יחיד, דעם יחיד, גאָר זיינע ליידן, ראַנגלעניש, האָפענונגען, אַנטוישונגען, אגאָניעס און עקסטאַזן, אַלע פאזן פון זיין געמיט, פון זיין אינערלעכן וועזן, מיניען, בלישטשען; מאָדולאַציעס פון זיין קול ציטערן און וויברירן מסוף העולם ועד סופו און וועלן אייביק אויפגעכאַפּט ווערן אויף די עמפּינדלעכע מוח־ראַדאַרס און האַרץ־סטאַציעס ביזן סוף פון די צייטן.

דער עסיי

מישעל מאָנטען האָט מיט זיין בוך „עסייען" געשאַפֿן אַ נייעם זשאַנער אין דער ליטעראַטור, וואָס איז אין פאַרלויף פון יאָרהונדערטער געוואָרן איינע פון די פאַרשפּרייטסטע שרייבערישע אויסדרוקס־פאָרמען.

אויב מען רעדט וועגן עסיי, דאַרף מען קודם כל קלאָר מאַכן, אַז עס גייט וועגן דעם מין, וועמענס קלאַסישער מוסטער ס'איז מאָנטענס עסייען־זאַמלונגען, וואָס איז דערשינען אין 1580 אין פראַנקרייך.

די עסיי־ליטעראַטור איז זיך מיט דער צייט געוואַלדיק צעוואַקסן. אַלע מעגלעכע געביטן פון דער וויסנשאַפט, פּאָליטיק, עקאָנאָמיע און הונדערטער אַנדערע געביטן באַנוצן — אין אַ ברייטער אָדער קאָנצענטרירטער פאָרם — דעם עסיי אַלס אויסדרוקס־מיטל.

אָבער ווי געלונגען און פּרעציז די שאַפונגען זאָלן נישט זיין, זיינען זיי נישט די עסייען, די שטימונגספּולע, קאַפּריזנע, אומפּרעטענציעזע און שפּילערישע קונסטווערק אין מיניאַטור, וואָס מיר שטעלן זיך פאַר אונטער דעם נאָמען. שוין אָפּגערעדט וועגן די מיריאַדן קינדער־עסייען (און אויך קינדערישע) וואָס נעמען אָן דעם כאַראַקטער פון אַ טינט־פאַרפּלייצונג.

מאָנטענס קלאַסיש ווערק גילט נאָך היינט ווי אַ מוסטער, ווי אַ ריכטשנור און מאָס פאַר דעם מין שאַפונגען.

— „וואָס ווייס איך?"

די סקעפּטישע ווערטער האָט מאָנטען געלאָזט אויסקריצן אויף אַ ספּעציעל־פאַבריצירטן מעדאַל. און די באַשיידענע מיינונג, וואָס איז אַ געשיכטלעכער עכאָ פון סאָקראַטישן „נישט־וויסן", קאָן נאָך איצט זיין אַ לאָזונג און אַ ריכטשנור פאַר יעדן, וואָס שטרעבט צו זיין שעפעריש אויף דעם געביט. שוין דער בלויזער נאָמען „עסיי", וואָס באַדייט אַ פּרוּוו, זאָגט אַ סך וועגן דעם כאַראַקטעריסטישן שטריך, און אפילו פון דעם גאַנצן וועזן פון דער באַהנטער שאַפונג. אַן עסיי איז נאָך נישט קיין

עסיי בלויז טראָגנדיק דעם נאָמען: ער מוז זיין דאָס זיין איך זיין אינהאַלט, סטיל און צוגאַנג.

מיט דער אָפּשאַצונג איז נישט געמיינט אַרויפצושטעלן דעם שאַפער פון דעם ליטעראַרישן זשאַנער אויף אַן אומדערגרייכבאַרן אָלימפּ. ביי זיין גאַנצער רייכקייט און אומענדלעכן חן פון סטיל, האָט מאָנטען אויך זיינע קריטיקערס, אַנהויבנדיק פון רוסאָ, וואָס האָט געטאַדלט זיין „פאַלשע" באַשיידנקייט און אויפריכטיקייט, ווייל ער זאָל האָבן בלויז אַרויסגע־שטעלט זיינע אומבאַדייטנדיקע פעלערן און אויסגעמיטן צו רעדן וועגן די גרויסע.

אַ פאַקט איז אָבער, אַז די לייכטקייט, די ספּאָנטאַנישע פליסיקייט פון זיין עלעגאַנטן סטיל האָט איך זיך דעם רייץ און אומאויסשפּרעכלעכן נאַאיווון חן פון אַ שיין קינד און די ראַפינירטע חכמה פון אַן אַלטן פילאָסאָף.

צווישן פאַרשידענע אומענדלעך־צעוואַקסענע אָפּצווייגונגען פון דער עסיי־ליטעראַטור (וואָס זיינען אַלץ אין דער וועלט אָבער נישט קיין עסייען), איז אויפגעקומען אַ נייער „סוב־צווייג": די עסיי־טעאָריעס און „עסייען וועגן עסיי".

דאַכט זיך, אַז מען קאָן וועגן דעם זאָגן דאָס זעלבע ווי וועגן כּל־מיני טעאָריעס, און שולן פאַר אַנדערע ליטעראַרישע זשאַנערס: זיי קאָנען נישט „פאַבריצירן" קיין נאָוועליסט, פּאָעט אָדער דראַמע־שרייבער. און די אַלטע רוימער האָבן געהאַט רעכט מיט זייער שפּריכוואָרט: „קיין פּאָעט מאַכט מען נישט; ער ווערט געבוירן".

מען קאָן מיטן זעלבן רעכט זאָגן: „קיין עסייִסט מאַכט מען נישט — ער ווערט געבוירן".

באַשטימען אַ ריכטליניע פאַר דער קאַפּריזנער שאַפונג, איז אַ סתירה אין זיך זעלבסט. מען קאָן בלויז אנווייזן וואָס זי איז נישט, אָדער וואָס זי דאַרף נישט זיין.

דאָס איז אַ טייך, וואָס שלענגלט זיך צווישן ווילדע ברעגן — נישט קיין טראַנספּאָרט מאַגיסטראַלע פאַר אוטיליטאַרע טראַנזאַקציעס פון יעדן סאָרט, נאָר אַ מקום־מקלט, אַן אַזיל פאַר בענקנדיקע געמיטער, וואָס וויגן

זיך אויף די מעלאָדיש־פּלעסקענדיקע כוואַליעס און פאַרשיכורן זיך מיט אַראָמאַטן, פאַרבן און קלאַנגען.

דער עסייִסט מוז נישט. ער דערווייטערט זיך פון רווישנדיק־טראַס־קענדיקן טראַקט, פון די צענטראַלע „האיוועיס" און פאַרנעמט זיך, אין איינקלאַנג מיט זיין קאַפּריז, אויף אַן אומגעפּלאַנטער עקסקורסיע צו שיינקייט און לויטערקייט, צו די אינדיווידועלע סטעזשקעס פון שטילער באַטראַכטונג, רעפלעקסיעס.

דער עסייִסט שטעלט זיך נישט ביי דער מזרח וואַנט אַ קלאַפּ טאָן אין שטענדער:

„הערטס, רבותי..." ער איז נישט דער איינציקער און לעצטער פּוסק. ער פּסקנט איבערהויפּט נישט; ער פירט אַ געמיטלעכן שמועס מיט זיך, מיטן אינטימען לייענער. און — לויטן פאַרבילד פון מאָנטענען — וויל ער אין דעם עסיי ווערן געצייכנט אין זיין „אייגענעם אויפריכטיקן, איינפאַכן און געוויינטלעכן געשטאַלט". גראָד אָט די אינטימקייט און אומפּרעטענציעזקייט, די קאַפּריזנע ציללאָזיקייט פון אַ פרייען וואַנדערער אויף דער פרייער נאַטור, איז דער „עפּעס", דער עסטעטישער פענאָמען, אַ דאַנק וועלכן דער עסיי איז אַ קונסט שאַפונג.

ווי אַ ביישפּיל פון דער נישט־צוגעפּאַסטקייט פון פאָרמעלע דעפי־ניציעס אין דעם געביט, קאָן דינען די דעפיניציע פון דעם וויכטיקן ענגלישן שריפטשטעלער, הערבערט ריד, אַז „די לענג פון אַן עסיי איז פון 3500 ביז 5,000 ווערטער. ווייניקער פון 3,500 ווערטער ווערט אַן אַרטיקל אָדער סקעטש".

הערבערט ריד איז זיכער אַ פילזייטיקער טאַלאַנט, אָבער אין דעם פאַל איז, דאַכט זיך, זיין ריין־קוואַנטיטאַטיווע דעפיניציע נישט ריכטיק. מען דאַרף בלויז אנווייזן אויף די עסייען פון פרענסיס בעיקאָן, וואָס האָט געלעבט אין סוף פון 16טן און אָנהויב פון 17טן יאָר הונדערט. בעיקאָנס ערשטע מיניאַטור־שאַפונגען זיינען דערשינען אין 1597. אין 1612 און 1625 זיינען דערשינען זיינע ווייטערדיקע זאַמלונגען פון דעם זשאַנער — צוזאַמען 59 עסייען. אננעמענדיק רידס דעפיניציע, וואָלט מען באַדאַרפט דיסקוואַליפיצירן פיל פון בעיקאָנס שאַפונגען וואָס האָבן בלויז צו צוועלף

הונדערט ווערטער. ווער וועט לייקענען, אַז אָט די שפּאַנונגען זיינען פּערל פון עסייִסטישן זשאַנער? זייער דערהויבענע און געלייטערטע לעבנס־חכמה איז קאָנצענטרירט אין אַפאָריזם־אַרטיקע זאַצן. די קאַרגע סענטענצן פאַרמאָגן פיל מער אינטעלעקטועלע און קינסטלערישע „עסענץ" ווי גאַנצע ביבליאָטעקן פון באַלעבאַטישדיקע און וואָגיקע ביכער.

אַ קלאַסיקער פון עסייִסטישן זשאַנער איז טשאַרלז לעם (1834—1775), וואָס האָט דערגרייכט אין דעם געביט אַ מייסטערשאַפט ווי זיינע פאָרויס־גייערס מאַנטען און בעיקאָן.

דאָס אינטים־פּערזענלעכע, שטימונגספולע און גראַציעזע צאַרטקייט, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר טשאַרלז לעם, קומט באַזונדערס צום אויסדרוק אין אַזאַ עסיי ווי „דהי סופּעראַניועיטער מען" (אַ מענטש וואָס האָט זיך צוריקגעצויגן פון זיין אַרבעטס־פּאָסטן און איז אויף פּענסיע). דער מחבר, וואָס האָט צענטליקער יאָרן געאַרבעט אַלס באַאַמטער פון „איסט אינדיע האוז", אויספילנדיק זיינע טעג מיט דער לאַנגווייליקער רוטין פון האַנדלס־ביכער, האָט ענדלעך געקריגן די גוטע נייעס, אַז זיינע באַלעבאַטים האָבן באַשלאָסן אים צו פּענסיאָנירן, אין אנערקענונג פון זיין פלייסיקער לאַנגיעריקער אַרבעט אין דער קאָמפּאַני.

דער עסיי איז מייסטערהאַפט מיט דער מעלאָדישקייט פון דער שפּראַך און רייכקייט פון בילדער, וואָס גיבן איבער דעם געמיט־צושטאַנד פון אַ זעלטן־פיינעם קינסטלער נאָך זיין באַפרייט ווערן פון דער לאַנג־יעריקער גראָער, פּראָזאַישער אַרבעט. דאָס איז דער „עפּעס", דער געהיימ־נישפולער עסטעטישער פענאָמען, וואָס איז דאָס העכסטע און טיפסטע אין דער קונסט — איבערגעגעבן אין אַ דערהויבענעם און טיפן אינהאַלט אין אַ גלענצנדיקער מייסטעריש־אויסגעשמידטער פאָרם: אַ דימענט, איינגע־פאַסט אין אַ גאָלדענעם מעדאַליאָן.

צו די גלענצנדיקסטע נעמען פון עסיי־קינסטלער דאַרפן גערעכנט ווערן, אויסער די אויבנדערמאַנטע: וויליאַם העזליט, אייבערעהעם קאַולי, סעמועל דזשאָנסאָן, טאָמאַס קאַרלאַיל, דזשאָן ראַסקין אין ענגלאַנד, הענרי דעיווידט טאָראָ, ראַלף וואַלדאָ עמערסאָן — אין די פאַראייניקטע שטאַטן; לאַבריער, סענט בעוו און אַנאַטאָל פראַנס — אין פראַנקרייך — בלויז

אויסצורעכענען עטלעכע גרויסע נעמען — לרוב פון די פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער.

יעדער פון די גלענצנדיקע עסייִסטן האָט זיין אייגענעם חותם, זיינע נשמה־אָפּדרוקן אין זיין שרייבן. קאָולי האָט די שטאַרקייט פון זיינע עמאָציעס; העזליט די פּערפעקטע, עלעגאַנטע פאָרם און דעם געמיטלעכן טאָן, אַפילו אין זיינע ליטעראַריש־דידאַקטישע עסייען; סעמועל דזשאָנסאָן האָט זיין אייגנאַרטיקן „עספּרי״; קאַרלאַיל, זיין אַ ביסל באָמבאַסטישן אָבער דאָך עכטן לייבן־קול פון אַ באַגייסטערטן מאָראַל־פּרעדיקער; ראַסקין איז אַ פרומער דאַווענער אין טעמפּל פון דער שיינקייט — און ער רופט מיט אַן איבערצייגנדיקער שפּראַך אין דעם מוזע־הייליקטום אַריין.

טאָראָס עסייען זיינען ווידויים בשמחהדיקע טאָגביכער, ווו ער פאַר־צייכנט זיינע טיפע איבערלעבונגען אויף זיין פאָרש־רייזע צו זיך אַליין; עמערסאָן גייט מיט שטילע טריט און גיט אַן אינדיווידואַליסטישן פּירוש צו דער רעאַליטעט, און ער דערהויבט די מאַטעריע מיט זיין נאָבעלער אויסשטראַלונג.

לאַבריערס עסייען זיינען אפשר די קירצסטע אין דער גאַנצער ליטעראַטור, אָבער זיי זיינען גרויס מיט דער שאַרפער אַנאַליטישקייט און אַריינדרינגלעכקייט אין די מענטשלעכע לאַבירינטן; סענט־בעוו עסיי באַזיצט די גרינטלעכע ערודיציע פון אַ קלאַסישן געלערנטן צוזאַמען מיט דער הויפּט־אייגנשאַפט פון דעם זשאַנער — די לייכטע, שפּילעוודיקע גראַציעזקייט און חנעוודיקייט; און אַנאַטאָל פראַנס עסיי האָט דעם רייץ פון זיינע ראָמאַנען, דעם אַראָמאַט פון קולטור, אין אַ געבענטשטער „מישונג״ פון דעליקאַטער סקעפּטישער איראָניע און טיפער מענטשלעכ־קייט.

דאָס זיינען אָבער, פאַרשטייט זיך, נישט די איינציקע עסייִסטישע שטערן פון ערשטער גרייס און גלאַנץ. אָבער צו געבן אַ ברייטערן איבער־זיכט איז נישט אין די ראַמען פון דעם אַרטיקל.

אַנאַטאָל פראַנס, דער פרייער און קלאָרער גייסט, האָט געשריבן, אַז דער עסיי איז די ליטעראַרישע פאָרם פון דער צוקונפט. איז דאָס נאָך

אַ פראַגע, אויב די פאָרם וועט „איבערנעמען״ די ליטעראַטור. אַ פאַקט איז אָבער, אַז די פאַרגרעסערונג און פאַרשפּרייטונג פון דעם זשאַנער אויף אומצייליקע געביטן און צווייגן איז נישט מזל־ברכהדיק פאַר דעם עסיי, דעם ליטעראַריש־עסטעטישן, קינסטלערישן „שפּאַציר־גאַנג״ אויף די אינ־טים־יחידישע וועגן.

עס באַקומט זיך דער רעזולטאַט, אַז צוליב דעם פּאַפּירענעם וואַלד זעט מען נישט די בוימער. אָבער דאָ סהאָט שוין צו טאָן מיט דער „מכות־עפּאָכע״, דער אָנשיקעניש פון אומענדלעכער צעלן־פאַרמערונג, דעם קאַנסער פון דער ליטעראַטור, וואָס דראָט מיט די זעלבע רעזולטאַטן ווי די פיזישע קראַנקהאַפטע פאַרמערונג.

די ליטעראַטור פון אַבסורד

ס'איז דער פּאַראַדאָקס פון פאַרשידענע צעשטערערישע און צוימען־ברעכנדיקע באַוועגונגען, וואָס זיי אַליין ווערן אין לויף פון דער צייט „עסטאַבלישמענט"־געביידעס און שטעלן אַליין אויף צוימען אַרום זיך. דאָס איז אויך דער פאַל מיט ליטעראַטור און קונסט־באַוועגונגען.

די אַזוי גערופענע אַנטי־נאָוועלע, דאָס אַבסורד־טעאַטער און די אַבסורד־ליטעראַטור פון מיטן 20טן יאָרהונדערט, וואָס איז אַליין געווען אין די עקספּערימענטאַל־אַמאַטאָרישע „וויקעלעך", האָט לעצטנס באַקומען „סטאַטוס", איז געוואָרן סיי אַ „סקול" פון דעם נייעם וועלט־בליק און אויסדרוק, און סיי אַ „שול", ווו מען איז מתפּלל צו... גאָרנישט. און די נייע „געביידע" האָט באַקומען באַזונדערע חשיבות דורך דעם נאָבעל־פּרייז פאַר סעמועל בעקעטן.

מען קאָן נישט זאָגן, אַז די „סקול" אָדער „שול" האָט נישט קיין יחוס. די נייע דראַמע, נאָוועלע, ליד און אַנדערע ליטעראַרישע פאָרמען האָבן זייער בראשית אין די ווערק פון גרויסע מייסטערס, דעם „פען־די סיעקל" אין אָנהייב פון דעם יאָרהונדערט — האַמסון, פּרוסט און קאַפקאַ. אין די ווערק פון די שרייבערס און אַפילו אין די ראָמאַנען פון דזשעימס דזשאָיס, דאָמינירט די אינערלעכע אַקציע, דער דיאַלאָג מיט זיך אַליין און פרויד־ענלעכע נשמה־לאַבירינטן.

די פראַגע איז אָבער צי דערגרייכן די הייַנטיקע צוימען־ברעכער און צוימען־בויערער אַזעלכע טיפקייטן און תהום־פּאַנאָראַמעס, וואָס זענען אויפגעבליצט געוואָרן אין די ווערק פון די אויבן דערמאָנטע שרייבערס?

מען קאָן נישט לייקענען, אַז סעמועל בעקעט איז אַ גאָר טאַלאַנטירטער שרייבער, מיט אַ סוגעסטיווער אייגנאַרטיקייט פון וויזיע און שפּראַך. מען מוז אָנערקענען, אַז אויך אַנדערע שרייבערס פון דער שול זענען טאַלאַנטירט און שאַרפזיניק. די צרה איז נישט בלויז וואָס דאָס נייע איז פּאַקטיש

אַלט, נאָר אויך וואָס די „אַבסורדיסטן" פּאַרמויערן זיך אַליין אין דעם „גאָרנישט"־קעלער, ווי דער העלד אין לעאָניד אַנדרעיעווס אַ דערציילונג, וואָס האָט זיך אַליין איינגעזעצט אין אַן אייגן געבויטער טורמע.

דער שאַרפזיניקער לאַבריער האָט אָנגעהויבן זיינע פּערלדיקע „כאַראַק־טערן" מיט דעם זאַץ: „טוט־ע־די": אַלץ איז שוין געזאָגט געוואָרן.

באמת? יאָ.

אפילו — אַז אַלץ איז שוין געזאָגט געוואָרן. אַזוי האָט דער לאַטיינישער קאָמעדיע־שרייבער טערענץ (פּובליוס טערענטיוס אַפער), וואָס האָט געלעבט אין צווייטן יאָרהונדערט פון דער קריסטלעכער צייט־רעכערונג, געשריבן: „גאָרנישט ווערט ווען ס'איז געזאָגט, וואָס איז שוין פריער נישט געזאָגט געוואָרן". דער אַבסורד פון לעבן, וואָס ווערט אַנטדעקט אין די ווערק פון די מאָדערנע שרייבערס, איז אויסגעדריקט געוואָרן אין לאַקאָנישן זאַץ: „הבל הבלים, אמר קהלת, הבל הבלים, הכל הבל". דער געשלאָסענער קרייז פון דער עקזיסטענץ איז אין זעלבן אַלטערטימלעכן ווערק אויס־געדריקט געוואָרן אין דער אַקסיאָמע: „ואין חדש תחת השמש". פּאַקטיש זענען ביידע אמתן שוין פריער באַקאַנט געווען אַזוי, אַז אפילו דער „אין חדש" איז אויך נישט געווען קיין נייעס, און דער „הבל הבלים" איז דעם מענטשנס דערקענטעניש זינט ער האָט טועם געווען פון די פּרוכטן פון עץ הדעת.

דער מאָטיוו פון נאַכט, טויט און תהום איז אַ „שוואַרצער פאָדעם", וואָס ציט זיך דורך דעם געוועב פון גייסטיקע און קינסטלערישע שאַפונגען פון אַלע צייטן. איוב, בודאַ, קהלת, אָמאַר כאַיאַם, שאָפּענהויער — דער פאָדעם ציט זיך אין דער אומענדלעכקייט, אָן דעם „טרעידמאַרק" פון עקזיסטענציאַליזם און אַבסורד־ליטעראַטור.

„גיי דורך די דערהויבענע שטחים פון הויכע הימלען און זאָג עדות ווי דו פּילסט, אַז ס'זענען נישט פאַראַן קיין געטער" — רופט אויס דער רוימישער שריפטשטעלער־פילאָסאָף סענעקאַ אין זיינער אַ דראַמע. די אַנטדעקונג, אַז „גאָט איז געשטאָרבן" איז דעריבער נישט קיין מאָנאָפּאָל פון ניטשען און אַוודאי נישט פון די עקזיסטענציאַליסטן.

בעקעט אַליין ציטירט דעמאָקריטן, אַז „גאָרנישט איז אַזוי רעאַל ווי

גאָרנישט". אויך דאָס איז גאָרנישט קיין נייעס. פּליני „דער עלטערער", דער רוימישער געלערנטער און שריפטשטעלער, האָט געשריבן מיט 19 הונדערט יאָר צוריק, אַז איין זאַך איז זיכער: גאָרנישט זיכערס עקזיסטירט, און אַז גאָרנישט איז אַזוי עלנט און חוצפּהדיק ווי דער מענטש. און דעם זעלבן סוד האָט שוין אין באַגינען פון דער מענטשלעכער קולטור געוווּסט האָמער, וואָס האָט מיטן מויל פון „אָדיסעי" געזאָגט, אַז קיין שום וועזן איז נישט אַזוי אייטל און „אומבאַשטענדיק" ווי דער מענטש. מיט העראַקליטס „אַלץ פליסט" און מאָנטענס „וואָס ווייס איך" איז אין געציילטע ווערטער אויסגעדריקט דאָס, וואָס די אַבסורד־אַנטדעקער פאָרמולירן אין אומצייליקע ווערטער. „מיר גייען נישט, מיר ווערן געשלעפּט ווי זאַכן וואָס שווימען... נישטאָ קיין שום סטאַבילע עקזיסטענץ..." נאָך דער דערקענטעניש האָבן די עקזיסטענציאַליסטן און זייערע „גייסטיקע קינדער" נישט מער וואָס מחדש צו זיין.

קרעדאָ קוויאַ אַבסורדום עסט — איך גלייב ווייל ס'איז אַן אַבסורד, זאָל האָבן אויסגערופן דער קריסטלעכער „קירכן־פאָטער" טערטוליאַן, פון סוף פון 2טן און אָנהייב 3טן יאָרהונדערט. דאָס איז אַן אויסדרוק פון רעליגיעזן עקזיסטענציאַליזם פון דער מאָדערניסטישער פאַרווייַלונג און אַבסורד־קאַטעכיזם, קעגנאיבער וועלכן ס'פאַרבלאַסן זיך אַלע עפּיגאָנישע „אַבסורדיסטן".

פּאַסקאַל און קירקעגאָר האָבן זיך געשטיקט מיטן גאָרנישט — דעם קאָסמישן „שטיקשטאָף" — און געטרונקען זיך אין דעם מאַרע טענעבראַרום „דעם ים פון פינצטערנישן". זיי האָבן איינגעאָטעמט דעם זויערשטאָף פון גלויבן און זיך אַנגעכאַפּט אין שאָטן פון דעם קרייץ. דער אַבסורד איז דורך זיי געשטאַלטיקט געוואָרן אויף אַ טיפערן און מער קינסטלערישן אופן ווי דורך די מאָדערנע אַבסורדיסטן.

אויך די פּאָעטן פון „וועלט־שמערץ" אין דער ערשטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט און פון דער „דעקאַדאַנס" אין דער צווייטער העלפט, האָבן טיפער און פאַנטאַזיע־רייכער געשטאַלטיקט דעם וועלט־„אפס", דעם גאָרנישט־שטאָף ווי די היינטיקע „צוימען־ברעכער". האָבן מיר איצט אַזאַ בונט־פאַרביקן לירישן און דראַמאַטישן בונטאַר ווי בייראָן, אַזעלכע פילאָ־

סאָפּיש־טיפּע קינסטלער ווי לעאָפּאַרדי צווישן די איצטיקע גאָרנישט־כּוהנים? מיר האָבן איצט נישט אַזעלכע שעפּער ווי באָדלער, וואָס האָט געפּלאַנצט זיינע „בלומען" אויף דעם תּהום און באַנוצט די „נבילהס" און דאָס גראָע עקזיסטענץ־מיסט אַלס „פּערטילייזער" פאַר זיין ווונדערלעך־רייפער פּאָעטישער „פלאָרא". עדגאַר פּאָוס טיפע און דערהויבענע זעונגען האָבן מעטאַפיזישע דימענסיעס און אפילו אין זיינע קאָשמאַר־היילן רייסט זיך אַריין אַ זון־שטראַל און אַ זין־אָטעם.

*

דער אַבסורד אין דער קונסט ווי אַן אויסדרוק פון דעם „גאָרנישט", פון זיין רעדוצירן די שעפערישע מאַניפעסטאַציעס פון מענטשלעכן גייסט צו אַ „מעכאַניזם" פון פּראָפאַנישער פּאַראָדיע, דעגראַדירט זיי צו אַ שאַב־לאָנישער רוטין פון אומשעפערישע „מאַלפּערייען".

אָט די אַלע אַבסטראַקציעס אין דער מוזיק, פּלאַסטישער קונסט און ליטעראַטור — די אַנטי־מוזיק, אַנטי־קונסט און אַנטי־ליטעראַטור — זענען ספּעציעל געוואָרן „מאָדע" אין דער נאָך־אוישוויץ און נאָך־היראָשימאַ וועלט. זיי שטעלן מיט זיך פאָר אַ דערשיינונג פון דעקאָמפּאָזיציע, פון צעפאַלונג און אויפלייזונג, אַ גייסטיקע „אַטאָם־ראַדיאַציע", ווי דער מאָנס־טער־שוואָם איבער די חורבות פון היראָשימאַ און נאַגאַסאַקי.

מיט דער „אַבסורדאָלאָגיע" אין דעם מאָדערנעם טעאַטער געשעט ווי מיט די אויפגעפּוישטע פּסיידאָ־דראַמעס פון דעם לאַנד־מייסטער בערנאַרד שאָו. איך האָב שטענדיק געזען אין זיינע מיילן־לאַנגע פּאָררעדעס צו זיינע דראַמאַטישע שפּילערייען אַ מיטל צו „פּאַרעדן די ציין" און צו דעקן אַ געוויסן דעפיציט. און איך בין געווען צופרידן צו לייענען, אַז דזשעימס דזשאָיס האָט זיך אויסגעדריקט אין אַן ענלעכן טאָן וועגן דעם (דאַכט זיך אַז ער האָט געזאָגט, אַז שאָוס לאַנגע הקדמות שאַפן דעם איינדרוק ווי ער וואָלט געוואָלט פאַרדעקן מיט זיי דעם מאַנגל פון דראַמע אין זיינע דראַמעס).

ענלעכע פּאַרדעקונג־מאַנירן שיינען צו זיין די אַבסורד־סטערעאָטיפּן, וואָס ווערן אַזוי אָפט גענוצט דורך די „דאַוועגער" פון דער „שול".

געלויבט צו גאָט (פון דער קונסט), וואָס מען הערט נאָך פון צייט־צו־צייט דערפרישנדיקע שטימען קעגן דעם מאָדערניסטישן געצנדינסט פון פסיידאָ־קונסט.

איגאָר סטראַווינסקי האָט דאָס געצנדינסט באַצייכנט ווי די „קללה פון מאָדערניזם". ער האָט דערקלערט, אַז אין דער איצטיקער מוזיקאַלישער קולטור פאַרלירט זיך וואָס אַ מאָל מער דער זין פאַר המשך און דאָס געפיל פאַר צוזאַמענקייט. ער האַלט, אַז אינטעלעקטועלע אַנאַרכיע און דער אינדיווידועלער קאַפּריז איזאָלירן דעם קינסטלער און פאַראורטיילן אים צו דערשיינען ווי אַ „מאָנסטער פון אָריגינאַליטעט". דער גרויסער מוזיק־מייסטער האַלט, אַז „מאָדערן" מוז אַנטשפּרעכן די צייט לויט דער ווירקונג, וואָס איז אָבער נישט דער פאַל מיט דער איצטיקער מאָנסטער־קונסט. ער ברענגט ווי אַ ביישפּיל דעם פאַקט, וואָס בעטהאָווען איז דער צום מערסטן „געזוכטער" קאָמפּאָזיטאָר אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אין דער צייט וואָס הינדעמיט איז אין גאַנצן נישט דערמאָנט געוואָרן אין אַן אַנקעטע וועגן פּאָפּולערע קאָמפּאָזיטאָרן.

איגאָר סטראַווינסקי קומט צום אויספיר, אַז אונדזערע פאָרגייער זענען נישט געווען נאַרישער פון אונדז, און אַז דער איצטיקער מאָדערניזם איז אַ צייכן פון אַ ירידה פון זינען און געשמאַק.

אין אַן אינטערוויו קורץ פאַר זיין טויט האָט אַנדרעי מאָרואַ אַרויסגעזאָגט אינטערעסאַנטע געדאַנקען וועגן דעם הייַנטצייטיקן מאָדע־געלויף. ער האָט אָנגעוויזן, אַז קונסט האָט אַ מאָל בייטיק „שאָק־עפעקטן", כדי צוריק צו דערוועקן די עמפּינדלעכקייט. ער „גלייבט אָבער נישט", אַז מען וועט אויפהערן שרייבן ראָמאַנען אויפן שטייגער פון באַלזאַק און סטענדהאַל: די מענטשלעכע ליידנשאַפטן און אַוואַנטורעס בלייבן דאָס, וואָס זיי זענען שטענדיק געווען.

דער באַרימטער פראַנצויזישער שרייבער האָט באַזונדערס געהאַט שאַרפע קריטישע ווערטער פאַרן „אַוואַנגאַרד": „סטענדהאַל האָט נישט געזאָגט, אַז ער געהערט צום אַוואַנגאַרד. אונדזער צייט פּראַקטיצירט פאַנאַטיש דעם קולט פון אומגעריכטן; דאָס פּראַוואָצירט די מיסטיפיצירער". מאָרואַ האָט געהאַלטן, אַז ביי געוויסע שרייבערס הייַנט איז פאַראַן אַ מורא

פּאַר יעדער ענלעכקייט. אַזעלכע שרייבערס זאָגן: „לאָמיר זיך היטן צו שרייבן אַ ראָמאַן ווי באַלזאַק". דער באַרימטער דערציילער און ביאָגראַף מיינט, אַז ווען זיי וואָלטן דאָס יאָ געטאָן, וואָלטן זיי אומ־באַוווסטזיניק געפונען זייער אָריגינעלקייט.

מאָרואַ האָט איראָניזירט וועגן די הייַנטיקע שריפטשטעלערס, וואָס שרייען וועגן דעם אַבסורד פון דער וועלט: „אַ גרויסע אַנטדעקונג!" אויך מאָנטען און פּאַסקאַל האָבן וועגן דעם געשריבן. זיי האָבן אָבער פאַרשריבן מעדיצינען. די הייַנטיקע „מאָדערנע" באַשרייבן נאָר דעם גאָרנישט פון דער עקזיסטענץ און די באַמיונגען פון די אומגליקלעכע מענטשן צו פאַרגעסן זייער עקזיסטענץ דורך עראָטיק און שיכרות.

די טוב־טעם־ודעתדיקע ווערטער נייטיקן זיך נישט אין קיין קאָמענטאַרן. אָבער מאָרואַ איז אומגערעכט בלויז אין איין פּונקט. אַ קינסטלער מוז נישט פאַרשרייבן קיין „רעצעפּטן". פאַראַן טאַקע גרויסע גייסטער, וואָס האָבן פאַרשריבן רעצעפּטן, אָבער די „אומשטערבלעכקייט" פון די מעדיצינען ליגט אין זייער שיינעם „האַנטשריפט".

וואָס שייך די שילדערונגען פון עראָטיק און שיכרות, איז געוווּג אָנצווייזן אויף אַזעלכע דיכטער ווי פּאָ, באָדלער און ווערלען, וואָס האָבן אַליין געזונקען אין „דראַג"־אָפּגרונט, אָבער האָבן פון דעסטוועגן זיך דער־הויבן אין זייערע קרישטאָלענע קינסטלערישע שאַפונגען.

וואָס שייך איראָניע האָט מאָרואַ פאַרפעלט אויסצודריקן דעם גרעסטן חוזק־אַבסורד, די העכסטע איראָניע, וואָס די חלשותדיקע שיכור־ברעכע־רייען פון דעם „הייליקן" זשאַן זשענע ווערן באַטראַכט ווי „אַוואַנגאַרד".

*

קריטיקער־חסידים פון דער אַבסורד־„שול" ווייזן אָן אויף דעם נייעם וועלט־אויסבליק פון די מאָדערנע קינסטלער, אויף זייער געשטאַלטיקן די פאַרלוירנקייט פון דעם מענטש אין אַ פיינטלעכער און אומפאַרשטענדלעך־אומזיניקער וועלט, אויף דעם תהום וואָס שיידט אָפּ איין מענטש פון צווייטן. אויב די עלעמענטן זענען מאָדערניזם, זענען די גרעסטע מאָדערניסטן געווען — „איוב", סאָפאָקלעס און שעקספּיר, וואָס האָבן נישט נייטיק געהאַט קיין אַבסורדאַלע מאַנירן, כדי אַרויסצוברענגען דעם טראַגי־

קאָמישן אַבסורד פון דער וועלט, גאָר דעם תהום צווישן דעם מענטש און דעם זיין און צווישן איין יחיד צום צווייטן. דער מאַנגל אין יעדער „בריק" צווישן מענטש און וועלט — די עקסקאָמוניקאַציע — איז נאָך קיין מאָל נישט אַזוי שטאַרק אַרויסגעבערענגט געוואָרן און אַוודאי נישט דורך דער מאָדערנער „סקול".

אויב עס גייט וועגן בין אָדם־לחברהדיקן תהום פון אַבסורד און „עקס־קאָמוניקאַציע" איז ביז איצט נישט אַרויסגעזאָגט געוואָרן קיין שאַרפערער און מער קאָנדענסירטער „סטעיטמענט" ווי אין שעקספירס סאָנעט: „דהי וואַירלדס וועי" און אין זיין 11־שורותדיקן „אָור רעוועלס נאו אַר ענדעד" (פּראָספּעראָ אין „טעמפּעסט"). דאָס איז די אונטערשטע שורה, די „סומאַ סומאַרום" פון דעם טיפסטן און שענסטן וואָס איז ווען ס'איז געזאָגט געוואָרן וועגן דעם מענטשלעכן גורל און זיין עקסקאָמוניקאַציע פון דעם ערד־קיילעך, וואָס איז אַליין, „דהי גרעיט גלאָוב איטסעלף", פאַרמשפּט צו אויפלייזונג און אונטערגאַנג.

„איוב", „עדיפּוס רעקס", „קעניג ליר" און „דער פּראָצעס" זענען די מייסטערווערק פון קאָסמישן אַבסורד — זייערע שעפערס זענען די מאָ־דערניסטן.

*

די אַבסורד־ווערק זענען אויסגעוואַקסן ווי שוואָמען נאָכן לעצטן מלחמהדיקן בלוט־רעגן, ווי די ווילדע „דאַדאַ"־בלומען נאָכן ערשטן רויטן וועלט־מבול, און ענלעכע ליטעראַרישע שטורעם־באַוועגונגען. די אַלע ניי־טענדענצן זענען ווי די זעלבסט־צופרידנקייט פון קינדער ביי די ערשטע טריט, ווי קינדערישע תנועות און „חנדלעך". אָבער די גרויע צייט פאַרשלינגט אַלץ ווי אַ לאַווינע. ווער געדענקט איצט דעם מעטערלינקישן „עמעצער... עפּעס... מיסטיציזם"? די אַנטי־ליטעראַטור וועט מיט דער צייט דעלעגירט ווערן צום ליטעראַטור־היסטאָרישן קעלער, וווּ ס'וואַלגערן זיך די קינדהייט־רעקוויזיטן — די אַלטע, אויסגעשפּילטע מאָדע־לאַלקעס.

ס'איז נישט קיין צופאַל, וואָס די „אַקושערקע" פון די נייע ליטעראַ־רישע מאָדעס איז פּאַריז. די אַלטע מאָדע־„הייבאַם" האָט אַ שוואַכקייט צו אַזעלכע „זויגלינגען". דאָס וויגעלע פון אַבסורד איז געשטאַנען אין דער

מאָדע־מעטראָפּאָליע, ווו ס׳האָבן געלעבט און געשאַפן: בעקעט, יאָנעסקאָו, אַדאַמאָוו און זשענע, ווי אויך אַראַבעל און אַנדערע (אגב, אַדאַמאָוו האָט אויפגעגעבן די אַבסורד־סכעמע און איז צוריק איבערגעגאַנגען צו קאָנ־ווענציעלער ליטעראַטור).

דערמיט איז אָבער נישט געמיינט צו פּסלען די אמת־שעפערישע ווערטן און קונסט־פאָרמען וואָס אַנטשטייען אין דער סען־שטאָט. ס׳מוז אָבער געצויגן ווערן אַ גרענעץ־ליניע צווישן דעם עכטן און דעם „גע־מאַכטן״; צווישן דעם סורעאַליזם (איבער־רעאַליזם) און סר־רעאַליזם (אונטער־רעאַליזם); צווישן מיסטיק און מיסטיפיקאַציע; צווישן קאַפקאַ־פאַנישע וואָדעוויל־עקסטראַוואַגאַנדאַס און ספּאָנטאַנישער אָריגינעלקייט.

שעפערישע פאָרמען — אפילו וועגן אַ זינלאָזן מענטש און וועלט — מוזן האָבן אַ זין, אָדער מען זאָל זיי קאָנען באַנעמען מיטן זין (מיט די חושים). דאָס לעצטע — דאָס חושימדיק־סוגעסטיווע קומט נאָך, וואָס אַן אמת, צום אויסדרוק ביי בעקעטן. די פראַגע איז בלויז, וואָס אפילו ביי אַזאַ עכטן טאַלאַנט ווי בעקעט באַקומט זיך אַן איינדרוק פון אַ מאָנאָטאָנעם אוניווערס, אַ תוהו־ובוהודיקן כף הקלע, ווו עס בלאָנקען אַרום די מאַלאָיס, מאַלאָניס העמס קלאָווס און אַנדערע עובר־בטלדיקע אַלטע אינוואַלידן, וואָס כאָרכלען אויס זייערע מאָנאָלאָגן „איידער זיי קומען צוריק צו זייער באַוווסטלאָזיקייט״.

די מאָדערנע אַבסורד־דראַמע: „גוט מאָרגן, געלע!״ — „רעטעך טראָג איך ני״.

די אַנטי־נאָוועלע: ניהיליזם אין קוואַדראַט, פּאַראָדיע פון אַ פּאַראָדיע, אַ בורלעסק מאַסקעראַדע, אַ גראָטעסקער אינפראַ־נאַטוראַליזם; אפילו זיי זאָלן אַלע זיין „פּרעמירט״ האָבן זיי קנאַפּע שאַנסן אויף „בענעפיטס״ אין דער אינשורענס־פירמע: „אייביקייט עט קאָמפּ.״.

פּאָלעמיש

סוזאַן זאָנטאַגס „קרייצצוג"
קעגן דער ווייסער ראַסע

סוזאַן זאָנטאַג פאַרנעמט אַן אָנגעזעען אָרט אין אַמעריקאַנער ליטעראַרישן „אַוואַנגאַרד". זי איז אַ פּיליזייטיק באַגאַבטע שרייבערין מיט אַ סטאַזש פון ראָמאַנען, עסייען און אַנדערע זשאַנערס.

מען דאַרף אָבער אָנווייזן, אַז ביי אירע גאַנץ ברייטע קענטשאַפטן און דערפינדערישקייטן, איז סוזאַן זאָנטאַג אַלס ליטעראַטור־קריטיקערין, אַ געמיש פון פּראָפעסאָרישער פּעדאַנטישקייט און צעשויבערטע געדאַנקען־סיסטעמען פון אַ ליטעראַרישער „היפּיניצע". זי שטעלט אַרויס אירע ליטעראַריש־קינסטלערישע אורטיילן און צווייפלהאַפטע קריטעריעס ווי דעם לעצטן „ענדגילטיקן" אמת. עס קומט אויס, אַז מאָדע איז מאָדע און סוזאַן איז איר פּראָפעט.

די צרה מיט דעם טיפּ גלענצנדיקע, אָבער אומפאַראַנטוואָרטלעכע שעפער פון פאַרקערטע אינטעלעקטועלע פּיראַמידן איז, וואָס זיי האָבן נישט קיין הומאָר און קיין היסטאָרישע פּערספּעקטיוו, כדי איינצוזען, אַז דאָס „אַלטע", וואָס זיי באַקעמפן אַזוי פאַנאַטיש, איז נישט לאַנג צוריק געווען ניי; און דאָס נייע — זייער אָפּגאָט — וועט מאָרגן זיין אַלט.

נאָך מער פּאַראַדאָקסאַל און צווייפלהאַפט זיינען די „אַקסיאָמעס" וואָס די שרייבערין פּראָקלאַמירט אויפן געביט פון קולטור־קריטיק און סאָציאַלער פילאָזאָפיע.

לעצטנס איז קעגן אירע פּאַראַדאָקסן אַרויסגעטראָטן בוירטאָן פעלדמאַן אין באַוווסטן אַמעריקאַנער זשורנאַל „דיסענט", וואָס האָט ריכטיק באַמערקט, אַז נישט קוקנדיק אויף איר געוואַלדיק־גרויסן אינטעלעקטועלן און שעפערישן האָריזאָנט, האָט סוזאַן זאָנטאַג בלויז עטלעכע אינטערעסן, קאָנצענטרירטע אויף אַן ענגן מאָדערניזם. אָט דער מאָדערניזם אירער

גיט אַרויס אַגרעסיווע אורטיילן וועגן פאַרשיידענע קינסטלערישע, קול־טורעלע און סאָציאַלע פּראָבלעמען. דאָס וואָס פּאַסט נישט פאַר איר פּראָגראַם, ווערט אָנגערופן „אַלט", אָדער ערגער „מאָראַל", אָדער צום צום ערגסטן „אינהאַלט".

מוז מען זאָגן, אַז די אָנגריפן קעגן דער שרייבערין זיינען באַרעכטיקט, און מיר ווען צוגעבן, אַז צו זיין פּראָגרעסיוו מיינט נישט שטענדיק צו זיין הומאַניסטיש און אמתדיק פריהייטלעך און עסטעטיש, ווייל עס איז אויך פאַראַן אַ נעגאַטיווער פּראָגרעס; למשל — אַ פּראָגרעסירנדיקע קראַנקהייט.

כדי צו אילוסטרירן דעם געדאַנקען־גאַנג — אָדער דעם געדאַנקען־אויסגליטש — פון סוזאַן זאָנטאַג, דער קולטור־קריטיקערין און סאָציאַלער דענקערין, איז גענוג צו ציטירן אַזאַ „פּערל", אַז: די מאָנגאָלישע האָר־דעס שרעקן זי פיל ווייניקער, ווי דער שאָדן צוליב דעם „אידעאַליזם" פון דעם מערב־מענטש.

אָדער אַזאַ געדאַנקען־קראַך:

„די ווייסע ראַסע איז דער קאַנסער פון דער מענטשלעכער געשיכטע; עס איז די ווייסע ראַסע און זי אַליין — אירע אידעאָלאָגיעס און דער־פינדונגען — וואָס האָבן פאַרסמט דאָס לעבן".

די צרה מיט סוזאַן זאָנטאַגס געדאַנקען־הינקעריי איז, וואָס דאָס איז נישט בלויז איר אייגנשאַפט, נאָר דער סימפּטאָם פון פאַרבלאָנדזשעטע היפּער־ראַדיקאַלן, וואָס פאַרשרייען זייער רעוואָלט־דראַנג מיט סלאָגאַנס, וואָס האָבן אַ שוואַרצן חן און באַצירן זייער גראָקייט מיט אויגן־פאַרבלענ־דיקע קאָלירן־וואָקכאַנאַליעס.

פאַראורטיילן און דיסקרימינירן קעגן ראַסן און פעלקער ווערט מיט רעכט געשטעמפּלט אַלס פאַנאַטיזם. אַזאַ פאַנאַטישער נעגאַטיווער ראַסיזם ווערט זעלבסטפאַרשטענדלעך נישט געכשרט, ווען עס איז געווענדט קעגן דער ווייסער ראַסע.

אויב ס׳גייט וועגן פאַרברעכנס און קאָלעקטיווע משוגעתן פון די פאַר־שיידענע פעלקער, זיינען זיי זיכער נישט קיין מאָנאָפּאָל פון דער ווייסער ראַסע, נישט קוקנדיק אויף דעם פאַקט, וואָס די גרויזאַמסטע און שרעק־

לעכסטע זייִנען באַגאַנגען געוואָרן פון אייראָפּעאישע פעלקער אין דעם יאָרהונדערט.

עס איז גענוג צו דערמאָנען וועגן די אינוואַזיעס פון די הונען, אויף די דעראָבערונגס־צוגן פון די מאָנגאָלישע האָרדעס און אַנדערע קאָלירטע פעלקער.

אָבער סוזאַן זאָנטאַג, ווי אַן אמתע „אַוואַנגאַרדיסטקע" איז, זעט אויס, נישט פאַראינטערעסירט אין אַזעלכע באַטראַכטונגען. לויט איר לאָגיק קומט אויס, אַז „שוואַרצלאַנד, שוואַרצלאַנד איבער אַלעס!"

— צו־וואָס אַזאַ אַנטי־ווייסער ראַסיזם קען דערפירן, איז שווער פאַר־אויסצוזאָגן. אין ליטעראַרישן זין דערפירט דאָס אָבער צו נאָכמאַלפּעווען געוויסע „מאָדערניסטישע" טענדענצן, וואָס באַשטייען צווישן אַנדערע, אין „רייצן דעם בירגער", און ציען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט מיט פאַרשיידענע שרייענדיקע און שאָקירנדיקע אידעאישע קאָלירטע סטענגעס.

סוזאַן זאָנטאַג איז זיכער אַ טאַלאַנטירטע שרייבערין. אָבער דאַכט זיך, אַז זי אַליין געהערט צו אַ „געוויסער ראַסע" — די אַזוי־גערופענע „וואונדער־קינדער". און די צרה מיט אַזעלכע דערוואַקסענע וואונדער־קינדער איז, וואָס זיי... דערוואַקסן נישט, אין געוויסע הינזיכטן.

די אייביקע קינדער שפּילן זיך מיט אידעאָלאָגישע זאַמד־טורעמס און פאַרשידענע געדאַנקלעכע שערבלעך, און האַלטן, אַז די טריוויאַליטעטן זייִנען ליטעראַרישע פּיראַמידן.

מען דאַרף אָבער באַמערקן, אַז די קינדישע נאַרציסיסטן, וואָס שפּיגלען זיך אין דער אייגענער גרויסקייט, האָבן נישט דעם אומבאַ־שרייבלעכן חן פון קינדישער נאַאיוויטעט. און אַזעלכע שפּילערייען בײַ דערוואַקסענע זייִנען נישט לעכערלעך.

מען קאָן נישט לייקענען אַז אַזעלכע שרייבערס, ווי סוזאַן זאָנטאַג, באַזיצן פיל אינטעלעקטועלע פלינקייט. און סוזאַן זאָנטאַג „טאַשט" זייער געשיקט די דיאַלעקטישע קאָרטן. אָבער אינטעלעקט, אַפילו ווען ער גייט צוזאַמען מיט טאַלאַנט, קאָן אַרײַנפירן אין אַ גרוב, אויב דער שרייבער האַלט אַן אויג אויף דער „גאַלאָרקע" און פּאַראַדירט מיט געוויסע מאָדישע מיני־געדאַנקען, וואָס אַנטבלויזן אַ גייסטיקן כאָאָס.

זיכער, פֿאַר אַ קינסטלער איז גענוג צו זיין טאַלאַנטירט, כּדי צו שאַפֿן. טאַלאַנט איז זיין „געצייג״, מיט וועלכע ער פּראָדוצירט. אָבער ווען דער שרייבער וויל אַרויסקומען מיט מאַניפֿעסטן און אידעאָלאָגישע „סלאָגאַנס״, טאָר ער זיך נישט „פּאַרקוקן״ אויף דעם מאָדע־פּובליקום, נאָר מוז קומען מיט אַ שטימע פֿון די אייגענע טיפֿענישן. אויך דאָ — אין שרייבן — גילט דער פּרינציפּ פֿון טעאַטער, ווו דער אַקטיאָר דאַרף איגנאָרירן דאָס פּובליקום און האָבן אין זין, אַז ער שפּילט נישט פֿאַר אַ זאַל מיט מענטשן, נאָר ער האַנדלט פֿאַר אַ פּוסטן רוים.

דער באַרימטער ענגלישער שרייבער אָסקאַר ווײַלד האָט דערקלערט ביי זיין פּראָצעס, אַז אינטעלעקט איז נייטראַל, אָדער אוממאָראַליש. און דאָס איז, ווי ווײַלדס באַמערקונגען אין אַלגעמיין זייער טרעפֿלעך און שאַרפֿזיניק. ווען דער גלענצנדיקער שרייבער האָט געמאַכט די באַמערקונג אין ענגלישן געריכט, איז דאָס געווען אַ טראַגיקע אַרויס־פֿאָדערונג פֿון אַן אינטעלעקטועלן „דענדי״, פֿון אַ מאָדישן סאַלאָן־לייב, וואָס האָט פֿאַרבלענדעט מיט זיין בליציקן לייכטזין און איבעראַשט מיט זיינע געוואַגטע ווערטער־שפּרונגען.

אָבער דער אומגליקלעכער אָסקאַר ווײַלד, וואָס איז פֿולשטענדיק רואינירט געוואָרן דורך דעם שענדלעכן אורטייל פֿון אַ צוויי־יאָריקער טורמע־שטראָף, האָט דאָך אין אַ געוויסן זין פּראָפֿיטירט פֿון זיין טראַגעדיע. ער איז מאָראַליש ווידער־געבוירן געוואָרן און קינסטלעריש דערהויבן געוואָרן אין זיין טיפֿסטער דערנידערונג.

אין דעם תּהום פֿון זיין געפֿאַלנקייט האָט פֿאַר דעם טראַגישן קינסטלער אויפֿגעבליצט אַ דערלייזנדיקער שטערן — די מענטשלעכקייט, גוטסקייט און לויטערקייט. און דער מאָדישער שרייבער, דער „אַוואַנגאַרדיסט״ פֿון סוף 19טן יאָרהונדערט, וואָס האָט פּאַראַדירט מיט צו־להכעיסדיקע לייכט־זיניקייטן, האָט דערזען, אַז „מיטגעפֿיל איז די זייט, ביי וועלכער אַ ווערק איז אָפֿן, דורך וועלכער עס דערשיינט אומענדלעך...״

אָסקאַר ווײַלד איז דערגאַנגען צו טיפֿקייט, צו דער דערהויבנסטער דימענסיע פֿון נאַאיווקייט, דורך דעם שווערן וועג; אָבער ער איז דער־

גאַנגגען. און ער האָט מיט זיינע ווערק פון טורמע ווייט זיך דערהויבן איבער דעם נייטראַלן און אוממאָראַלישן אינטעלעקט.

ווען ריינעם אינטעלעקט, וואָס מאַכט גימנאַסטישע טריקס אויף דער אַרענע, קאָן מען זאָגן, אַז ער קאָן ווי אַ באַרימטער תנא — מטהר זיין אַ שרץ מיט 150 טעמים. און מיר ווייסן, אַז פאַרשידענע שרצים, אין עסטעטיש־מאָראַלישן זין, זיינען גערייניקט געוואָרן דורך אַזעלכע אינטעלעקטואַלן.

מען קאָן נישט פאַרלאַנגען פון אַ קינסטלער, אַז ער זאָל זיין אַ פּראָפּאַגאַנדיסט, מאָראַליסט, און זיכער נישט, אַז ער זאָל זיין אַ נביא; מען קאָן אָבער יאָ פאָדערן פון אים, אַז ער זאָל נישט זיין אַנטי־מאָראַליש; אַז ער זאָל נישט זיין קיין פאַלשער נביא.

אַזעלכע שרייבערס, ווי סוזאַן זאָנטאַג, פּראָפּאַגירן אַ שוואַרצן און געלן הומאַניזם, וואָס איז אין איינקלאַנג מיט די צעדרייט־סאָפיסטיצירטע „אַנטדעקונגען" פון צעטומלטע מוחות. אַזעלכע סאָפיסטישע אינטעלעקטן דאַרף מען דערמאָנען, אַז „ריינער" אינטעלעקט, אָן כאַראַקטער און מאָראַלישן באַלאַסט, איז ווי די „בלום אָן פּרוכטן", וועגן וועלכער ס'האָט דערמאָנט ר' יהודה הלוי.

טאַלאַנט און אינטעלעקט, ווען זיי זיינען „נייטראַל", אַנטי־הומאַניסטיש, ווירקן ווי אַ זון אין אַ פּראָסטיקן ווינטער־טאָג, וואָס לייכט, אָבער וואַרעמט נישט. און פון אַזאַ צו־להכעיסדיקער זון דרינגט אַריין אַ מוראדיקע קעלט אין די ביינער.

הוילער אינטעלעקט איז עלאַסטיש ווי גומי און מען קען אים דרייען אויף אַלע זייטן.

און טאַלאַנט וואָס איז אָן גייסטיקן גערעַנגל און כסדרדיקער זעלבסט־קאָנפראָנטאַציע איז געצנדינסט פון הוילע פאָרמען.

סוזאַן זאָנטאַג דערקלערט אין איינעם פון אירע עסייען (אין בוך „עגעינסט אינטערפּרעטעישאַן", אַז דער גרעסטער טייל פון געטעס שאַפונגען איז לאַנגווייליקע שול־ליטעראַטור.

דאָס איז, דאַכט זיך, אַ מוסטער פון „רייצן־דעם־בירגער" אויסדרוקן און אויסגערעכנט־שאָקירנדיקע ליטעראַרישע קאָקעטעריע. מען קאָן זיכער

נישט אָנרופֿן „סקול־רום באָור" אַזעלכע ווערק ווי „פֿאוסט", „ווילהעלם מייסטערס לערן־יאָרן", „דיכטונג און וואָרהייט" און נאָך פֿיל ווערק פֿון דעם אַלטן „בודניק" געטע.

אָבער נישט אין דעם גייט עס.

סוזאַן זאָנטאַג און אירע מיטאָוואַנגאַרדיסטן גיבן זיך נישט אָפּ קיין רעכענונג, אַז גאָר אַ גרויסער — אויב נישט דער גרעסטער־טייל פֿון דער היינטיקער מאָדיסטישער ליטעראַטור וועט אין הונדערט, צי אין 50 יאָר אַרום נישט זיין קיין לאַנגווייליקע שול־ליטעראַטור, נאָר פּשוט — לאַנג־ווייליקע ליטעראַטור, מיט וועלכער די שולן וועלן זיך נישט „באַדערן" צו פֿאַרנעמען.

מאָדערנע טעאָלאָגן רעדן וועגן דעם גרויסן היסטאָרישן „געטער־בית־עולם", מיינענדיק די פֿאַרשידענע אָפּגעטער פֿון די פּאָליטעאיסטישע רעליגיעס פֿון אַלטע פֿעלקער.

מען קאָן אויך רעדן וועגן „ליטעראַרישע סעמעטעריס", ווו עס וואַל־גערן זיך די אַמאָל־באַרימטע פּרעטענציעזע מאָדע־ווערק.

צו דער דיסקוסיע אַרום יעזשי קאָשינסקיס „דער געפּאַרבטער פויגל״

דער ענגלישער שרייבער סעמיועל ראַדזשערס האָט ביי איינעם פון זיינע „טיש־געשפּרעכן״ זיך אויסגעדריקט: „ווען ס׳דערשיינט אַ ניי בוך, לייען איך אַן אַלטס״. מיט דעם אַפאָריזם האָט ער באַטאָנט זיין איבער־ צייגונג, אַז ליטעראַטור געהערט צו די זאַכן, וואָס זיינען אויסגעצייכנט ווען זיי זיינען אַלט, ווי ווייַן און פריינטשאַפט.

איז עס טאַקע אמת, אַז נישט שטענדיק איז דאָס „נייע״ ווירקלעך ניי. דאָס מיינט אָבער נישט, אַז ראַדזשערס איז געווען אַבסאָלוט גערעכט מיט זיין פעסטשטעלונג. ס׳דערשיינען פון צייט צו צייט ביכער, וואָס זיינען באמת ניי מיט זייער פאָרם און אינהאַלט און זען אויס צו געהערן צו דעם מין ווערק, וואָס דערלעבן צו אריכות ימים, אָבער ווערן נישט פאַרעלטערט. צו אַזעלכע נייע ביכער געהערט יעזשי קאָשינסקיס „דער געפּאַרבטער פויגל״, וואָס האָט אַרויסגערופן אין פיל לענדער באַגייס־ טערטע אָפּשאַצונגען, ווי אויך אָנפאַלן מצד דער פוילישער פּרעסע.

„דער געפּאַרבטער פויגל״ ווירקט צוליב דעם טאַלאַנט פון דעם שרייבער, וואָס שילדערט אַן אויסערגעוויינטלעכע צייט. דער אינהאַלט פון דעם בוך איז: דער ליידנסוועג פון אַ 6יאָריק טונקל־הויטיק און שוואַרץ־אויגיק ייִנגל, וועמען די עלטערן האָבן געוואָלט ראַטעווען פון די היטלער־האָרדעס ביים אָנהייב פון צווייטן וועלט־קריג.

דאָס קינד איז אַוועקגעפירט געוואָרן אין אַ דאָרף אין מזרח־אייראָפּע (פוילן), וואָס איז געווען אין איינער פון די אָפּגעשטאַנענסטע געגנטן פון לאַנד. דאָס זיינען אַן ספק די אַזוי גערופענע „מזרח־קרעסן״ — די פוילישע ראַנד־געביטן אויף דער גרענעץ מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואָס איז באַוווינט געווען פון אַ פולשטענדיק אומציוויליזירטן פויערטום. אויף אַט דעם געאָגראַפישן און עטנישן הינטערגרונט האָט יעזשי קאָשינסקי

פֿאַנאַנדערגעוויקלט אַן אויפֿטרייסלענדיקן פֿילם פֿון סצענעס און פּאַסי־רונגען. דאָס געפּייניקטע קינד וואַלגערט זיך אין די פּרימיטיוויסטע באַדינ־גונגען פֿון איין באַלעבאָס צום אַנדערן. ער ווערט געשלאָגן און פֿאַרפֿאַלגט, אַנטרעפֿנדיק אויף זיינע וואַנדערונגען — מיט ווינציקע אויסנאַמען, — אויף געמיינקייט, באַרבאַרישקייט, סאַדיזם און ווילדן עקלהאַפֿטן אָבער־גלויבן. מאַרטאַ, ווו דאָס היימלאָזע יינגל האָט זיין ערשטן „פּענסיאָן", זאָגט אים אַז ער זאָל שפּייען דריי מאָל, און זיך צלמען אײדער ער גיט אַ בליק אויף איר, כּדי ער זאָל איר נישט טאָן קיין בייז מיט זיינע טונ־קעלע אויגן פֿון וועלכע עס לויערט דער „נישט־גוטער". ער לערנט אויך, אַז וואַסער און לופֿט זיינען לעבנס־געפֿערלעך. ביי זיין צווייטער באַלע־באָסטע, די זנאַכערקע אָלגאַ, איז שוין דער אָבערגלויבן אַ פּראָפֿעסיאָ־נעלער, אָבער נישט ווייניקער אָפּשטויסנדיק. ווען דאָס יינגל ווערט איינמאָל קראַנק, פֿאַרגראָבט זי אים אין דער ערד ביז צום האַלדז און לאָזט אים אַזוי אַ גאַנצע נאַכט, אַז די פֿייכטקייט זאָל אַרויסציען זיין היץ...

מיר זעען סצענעס — איינע שוידערלעכער פֿון דער צווייטער. די שילדערונג פֿון דעם „שווייגנדיקן" פֿויער, וואָס רייסט אַרויס די אויגן ביי זיין יונגן אַרבעטער, אויף וועמען ער איז אייפֿערזיכטיק צוליב דעם, וואָס ער געפֿעלט זיין פֿרוי — איז איינע פֿון די שוידערלעכסטע אין דער ליטע־ראַטור און דערמאָנט אין דעם גורל־גרויל פֿון סאָפֿאָקלעס.

דער מחבר ווייזט זיין מייסטערשאַפֿט פֿון רעאַליסטישן שילדערן גרויל־סצענעס אין דעם בילד פֿון דעם קינד, וואָס איבערכיטרעוועט דעם דאָרפֿישן טישלער. ווען דער פֿויער גרייט זיך אַריינצולייגן דאָס קינד אין אַ זאַק און דערטרינקען אים, פּירט ער אים צו אַ פֿאַרלאָזענעם מיליטערישן בונקער, מיטן צוזאָג, אַז ער וועט דאָרט טרעפֿן אַן אוצר פֿון מלבושים. דער פֿויער קוקט אַריין אין דער עפֿענונג פֿון דעם בונקער... נאָך אַ מינוט און ער וועט דערמאָרדן דאָס קינד מיט דער האַק און אים אַריינוואַרפֿן אין דעם בונקער, ווו ס'ראַיען זיך מחנות ראַטן, וואָס פֿרעסן זיך איינע די אַנדערע פֿאַר הונגער. דאָס יינגל גיט פֿאַרצווייפֿלט אַ צי דעם שטריק, מיט וועלכן ער איז צוגעבונדן צום טישלער — און דער מערדערישער פֿויער פֿאַלט אַריין אין דער טיף און ווערט באַלד אויפֿגעפֿרעסן פֿון די ראַטן...

איינער פונעם יינגלס „פּראָטעקטאָרן" אויף זיין אומהיימלעכן 4־יאָריקן וואַנדער־וועג איז דער פּויער גאַרבאָס, וואָס האָט פריער „באַשיצט" אַ יידיש מיידל פאַר אַ גרויסער סומע געלט. ער פלעגט זי שלאָגן, פאַר־גוואַלטיקן, און צום סוף איז זי אינגאַנצן „פאַרשוווּנדן". דער סאַדיסטישער פּויער שפּייזט דאָס יינגל מיט פולע פּאָרציעס קלעפּ. און אויב דאָס איז נאָך ווייניק הענגט ער אים אויף ביי די הענט אין דעם שפּייכלער און לאָזט אַריין דעם נישט־ווייניקער מערדערישן וואָלף־הונט, האָפנדיק אַז דאָס קינד וועט מיד ווערן און אַראָפּלאָזן זיך אויף דער ערד, ווו דער הונט וועט אים טויטן...

די ברוטאַלקייט פון די פּויערים, און נישט בלויז פון סתּם מערדערישע טיפּן, ווערט געשילדערט אין די בילדער און סצענעס מיט די באַנען, וואָס פירן יידן אין די טויט־פאַבריקן. די פּויערים רעאַגירן מיט בייזוויליקער שאָדן־פרייד אויף דער טראַגעדיע פון „גאָטס מערדער", און פאַרגעסן נישט גלייכצייטיק אַראָפּצוציען די מלבושים פון די קינדער, וואָס ווערן אַרויסגעוואָרפן דורך זייערע פאַרצווייפלטע עלטערן פון די וואַגאָנען און בלייבן טויט־פאַרווונדעטע אויף דעם וועג.

*

טיילמאָל ווייזן אויס די געשילדערטע אין בוך סצענעס שוין צופיל אויסערגעוויינטלעך אין זין פון וואַרשיינלעכקייט. ס'איז אָבער שטענדיק אין זיי דאָ דער קינסטלערישער אמת, וואָס איז באַזירט אויף דעם אוי־סערגעוויינטלעכן גרויל פון „לעבן" אין מזרח־איירפּע אונטערן נאַצי־רעזשים.

דער גרויל און דער קאָשמאַר, וואָס וויקלט זיך פאַנאַנדער אין דעם בוך, איז קאָנצענטרירט אויף אַן איינציקן וועזן — דעם געפּייניקטן, געיאָגטן און פאַרפאַלגטן קינד אין דער דזשונגלדיקער סביבה פון ברוי־טאַלע פּויערים, מיט אַ מענטאַליטעט, וואָס איז אפשר נידעריקער ווי ביי ווילדע שבטים.

די קאָשמאַר־רעאַליטעט אין דעם בוך ווירקט געוואַלדיק צוליב פיל סיבות. איינע פון זיי איז, וואָס אַזוי פיל גרויל און פּיין און אומקום ווערט געשילדערט נישט אין אַ געטאָ, קאָנצענטראַציע־לאַגער אָדער „טויט

פאַבריק״. דאָ קומט אַלץ פאָר „אויף דער פריי״, אויף וויפל מען קאָן איבערהויפּטריידן וועגן פרייהייט אין אַ קאָנטינענט, וואָס איז כמעט אינגאַנצן געווען צעדריקט אונטער די שטיוול פון די היטלער־מערדערס און פאַרפעסטעט פון דער נאַציסטישער „אידעאָלאָגיע״.

גראַד האָט איינער פון די ווייניקע דייטשן אין דעם בוך אַ מענטש־לעכן פונק, און ווען ער קריגט דעם באַפעל אָוועקצופירן דאָס ייִנגל אין פעלד און דערשיסן — הייסט ער דאָס קינד אַוועקלויפן אין וואַלד און ראַטעווען זיין לעבן.

גראַד זעט זיך אַזוי פיל גלייכגילטיקייט צו מענטשלעכע ליידן — ביי דער ציווילער באַפעלקערונג אין דעם „מזרח־לאַנד״, הגם דאָס איז דער אָפּגעשטאַנענסטער עלעמענט צווישן די פויערים, וואָס זיינען בכלל דער אָפּגעשטאַנענסטער עלעמענט אין פיל לענדער. און אַחוץ גלייכגיל־טיקייט — אַזוי פיל דעגענעראַציע, באַרבאַרישקייט און אומגלויבלעכער אָבערגלויבן, וואָס מ׳קען אים נישט פאַרגלייכן אַפילו צו דעם „ספּיריטור־אַליזם״ פון די ווילדסטע שבטים ערגעץ אין קאָנגאָ אָדער אין אַן אַנדער אַפריקאַנער לאַנד.

אַזאַ אוממענטשלעך־ווילדן אָבערגלויבן האָב איך נאָר געפונען אין דער רייזע־באַשרייבונג פון דעם אויסגעצייכנטן ענגלישן שרייבער מייקל סוואַן, פון זיינע וואַנדערונגען אין בריטיש גויאַנאַ. („מאַרטשעס אַזור עלדאָראַדאָ״). אין איינער פון זיינע שילדערונגען באַשרייבט דער מחבר, אַז ווען אַן אינדיאַנער ווערט דערמאָרדעט און דער מערדער האָט זיך נישט אָפּגעזוכט, לייגן די אינדיאַנער אַריין די הענט פון דעם טויטן קערפּער אין אַ קאָכנדיקן קעסל און אין דער ריכטונג ווי אברים באַוועגן זיך אין זידנדיקן וואַסער — זוכן זיי דעם מערדער...

*

די קאָנטראָווערסיע אַרום יעזשי קאָשינסקיס בוך איז פאַרשטענדלעך, נאָכדעם ווי מען גייט דורך אָט דעם שרעקלעכן דזשונגל פון „צוויי־פיסיקע״, וואָס איבערשטייגן אַ סך, אין פיל הינזיכטן, די פיר־פיסיקע...

פון איין זייט איז צו באַגרייפן דעם אָפּרוף, וואָס איז באַזירט אויף די טראַגישע דערפאַרונגען — און די נישט ווייניקער טראַגישע אַנטוי־שונגען — אין די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער, ווו אַ גרויסער טייל פון דער באַפעלקערונג האָט פאַרנומען אַ פיינטלעכע שטעלונג צו די פאַר־פאָלגטע און געמאָרדעטע יידן.

פון דער צווייטער זייט איז פאַרשטענדלעך, אַז די פוילישע קרייזן זעען אין דעם בוך אַ מעכטיקע אָנקלאַגע קעגן צאָלרייכע שיכטן פון פוילן. מען פאַרשטייט, אַז פוילישע וואָרטזאָגער פילן זיך באַליידיקט פון דעם געשילדערטן דאָרפּישן דזשונגל און פון די באַרבאַרישע פּויערים און זייער אָפּשטויסנדיקן לעבנס־שטייגער און מנהגים. (אַפילו פון פוילישע שרייבערס האָט מען געהערט אייניקע, וואָס האָבן פאַרטיידיקט קאָשינסקיס בוך).

מען דאַרף אָבער אין אַכט דער קאָנטראָווערסיע זיך באַמיען אָנצו־האַלטן דאָס געפיל פון מאָס און לאָגישן אַנאַליז, הגם מיר טרעטן אויף אַ באמת „הייליקער ערד" — אויף דעם הינטערגרונט פון די מוראדיקע ליידן און אומקום פון יידישן פאָלק אין מזרח־אייראָפּע. און עס איז שווער אָנצוהאַלטן וואָג און מאָס אויף דער דינער שטריק איבערן תהום פון דער אומבאַשרייבלעכער טראַגעדיע.

עס איז אמת, אַז די פיגצטערע מאַסע, פון שטאָטישן און דאָרפישן אָפּפאַל — אין קיין לאַנד נישט צופיל סימפּאַטיש — איז געווען גאָר אָפּשטויסנדיק אין פוילן. מען דאַרף אָבער געדענקען אין שאַפעגהאָוערס פאַרביטערטן, אָבער גערעכטן זאָג, אַז יעדעס פאָלק „פילט זיך" אויף זיין שטייגער...

מען דאַרף אויך נעמען אין באַטראַכט, אַז די נאַצישע אינפעקציע האָט אַרויסגערופן אויף דער אויבערפלאַך די פאַרבאָרגענע מיקראָבן, אין דעם פאָלקס־אָרגאַניזם אין אַ צאָל אייראָפּעאישע לענדער. די הויפּט־שול־דיקע בלייבן אַלץ די נאַציס, וואָס האָבן אָנגעשטעקט די וועלט מיט זייער „קלעפּיקער" קראַנקהייט. דאָס האָבן זיי, די נאַציס, געשאַפן דעם קלימאַט פון רעכטלאָזיקייט; זיי האָבן דערמאָרדעט דאָס געזעץ, און מאָרד — דערקלערט פאַר געזעץ. און אין אַזאַ פאַרפעסטעטער אַטמאָספער פון דעם שרעקלעכסטן און אַכזריותדיקן טעראָר פון די היטלערישע מאָנסטערס

האָבן די פינצטערע אינסטינקטן פון דעם פינצטערסטן און אָפּגעשטאַנענסטן עלעמענט געהאַט אַ מעגלעכקייט אַ „הוליע״ צו טאָן אומגעשטערט.

ס׳איז נישטאָ פאַר די פוילישע קריזן (אויב עס האַנדלט זיך וועגן די באמת אויפגעקלערטע), קיין באַרעכטיקטער גרונט אָנצוגרייפן דעם הויך־טאַלאַנטירטן יעזשי קאָשינסקי פאַר זיין קינסטלערישער אָנקלאַגע. אַרויסשטעלן די פאַרשימלטע זייט אויף דער זון — איז געזונט, אויב מען וויל באמת געזונט מאַכן די קראַנקע טיילן פון אַ פאָלק.

אַלע פעלקער האָבן וואָס צו פאַרבעסערן — און זיכער איז דאָס אין אַ גרויסער מאָס חל אויף דעם פוילישן פאָלק. צי מעג מען אָבער פאַר־אורטיילן דאָס פוילישע פאָלק אויף אייביק. און „אַנגראָ״? געוויס נישט.

דער הויפּט־באַציל פון דער פאַרשלעפּטער נאַצישער פעסט איז דער ווילדער, אומגעצוימטער האַס און דאָס אַריינוואַרפן אַנדערע פעלקער און ראַסן אין אַ „נידעריקער גרופּע״.

וויכטיקער אָבער איז אַ צווייטער ענין:

אויפן גרונט פון אַזאַ שטאַרקן בוך ווי „דער געפאַרבטער פויגל״, קאָן מען זאָגן, אַז רוסאָס טעאָריע וועגן דעם „גוטן ווילדן מענטש״ באַשטע־טיקט זיך נישט. ווען מיר לייענען אין דאָזיקן בוך וועגן די אָבערגלויבנס מיט די „נישט־גוטע״ קען זיך דוכטן, אַז נישט נאָר איז דער מענטש נישט גוט, נאָר אַז עס זיצט אין יעדן מענטש — אַ „נישט־גוטער״.

מען קאָן... מען טאָר נישט פאַרצווייפלען, ווייל אַנדערש בלייבט כמעט נישט קיין פאָלק, מיט וועלכן מען קאָן לעבן צוזאַמען אויף דער וועלט. אַחוץ דעם: פעלקער, ווי יחידים, מאַכן דורך אַנטוויקלונגען און קאָנען, ביי גינסטיקע באַדינגונגען, דערצויגן ווערן צום גוטן.

און לאָמיר פאַרענדיקן אונזער פעסימיסטיש־אָפּטימיסטישע אָפּשאַצונג מיט די ווערטער פון דעם פוילישן פּאָעט, יאַן קאָספּראָוויטש:

Błogosławiony niech będzie ktokolwiek przyjdzie ze wschodu czy z zachodu.

דער אײנציקער ענטפֿער אויף דער „גוט" — אָדער — „נישט־גוט" פֿראַגע איז — אַ װעלט, װוּ די פֿאַרבאָרגענע „נישט־גוטס"־„װירוסן" פֿון שאָװיניזם און קריג זאָלן בלײַבן אין דעם פֿאַרמאַכטן „קעלער" פֿון אונטערבאַװוּסטזײַן און קײנמאָל מער נישט האָבן די מעגלעכקײט צו װערן אַקטיװ.

אַ ליבערום וועטאָ

חשובער לייענער:

צוטרעטנדיק אַרויסצוגעבן די־אַ שריפט ווייסן מיר, אַז ס׳איז שווער זיך אַרויסצוזאָגן אויף אַזאַ באַגרענעצטן שטח (וואָס איז אפשר געבוג אויף אַריינזאָגן — אָבער דאָס איז נישט אונדזער עיקר־כוונה). פונדעסטוועגן גלייבן מיר, אַז אונדזער יחידישע טריבונע וועט האָבן איר עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג. מיר זאָגן גאָרנישט צו, קומען נישט מיט קיין הסכמות און „זשירעס" פון פאַרשידענע ירום הודוס און קאָמיטעטן. מיר קומען נישט ראַטעווען די וועלט, דאָס פאָלק אָדער די ליטעראַטור. מיר קאָנען אויך נישט זיך באַרימען, אַז מיר קומען אין נאָמען פון אמת. קיינער האָט פון אים נישט קיין פאַרטרעטערשאַפט־פּאַפּירן; קיינער איז נישט דער שאַרזשע־ד׳אַפער פון יושר, ווייל יעדן פּרעטענדענט קאָן מען שטעלן וואָלטערס פראַגע צום גלח וואָס האָט אים געזאָגט, אַז ער איז געשיקט צו אים פון גאָט: — „אייערע קרעדענשלס!"...

וואָס מיר ווילן איז דער „ליבערום וועטאָ" פון אַ יחיד, דאָס רעכט צו האָבן אַ מיינונג און זי אַרויסזאָגן — אַ דעמאָקראַטישע זעלבסטפאַר־שטענדלעכקייט. אונדזער כוונה? כדי זי צו דעפינירן וואָלטן מיר געזאָגט, אַז זי איז אומפּאָליטיש — אין פּסיכאָלאָגישן זין. נישט דער „טוירן־אָוועט" פון קאָמערסאַנטן און נישט די ציל־הייליקייט פון פּאָליטיק, אָפּאָרטוניזם און דוכט זיך, אַז אַמבעסטן איז אָט די דובלאָמאַטיע געקענצייכנט און גע׳קין־צייכנט אין עזאָפּס משל מיטן וואָלף־פּראָוואָקאַטאָר, וואָס קומט מיט נקמה־פּרעטענזיעס צום — שעפּסל...

יאָ, ווידערשטאַנד איז אַ יחידישע טריבונע, אַ ריין פּערזענלעכער מיינונגס־מעדיום פון אַרויסגעבער. און אַלס אומאָפּהענגיקע צייטשריפט

וועלן מיר אויך האָבן די דרייסטקייט זיך אַנטקעגנצושטעלן דער טיראַניע פון זיין מאַיעסטעט, דעם „ברייטן לייענער". מיר וועגדן זיך טאָקע צום לייענער מיט אַנדערע דימענסיעס, ווי ברייט... ווידערשטאַנד איז ווייט פון אָפיציעלער „פייערלעכקייט", „חשיבות", „גרויסקייט", און אַנדערע אָנגעבלאָזענע קלייניקייטן... מיר שטייען אומבאַשיצט קעגן יעדן מעגלעכן ליטעראַרישן גלית, אַ באַפּאַנצערטן מיט סטאַזש־מעש און אַרומגערינגלט מיט רעקלאַמע תופים ומחולות. מיר פאַרמאָגן בלויז אין אונדזער טאָרבע אַ ביסל ווערטער און ווערטערלעך — און מיט זיי רעכענען מיר, אין אַ נויט, אויסצוקומען.

דיסטאַנצירנדיק זיך פון פאַרשידענע ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכע טישן, ווו „זיי זאָלן לעבן" טיילן אויס עולם הבאדיקע און עולם הזהדיקע שיריים; און אויך צוליב דעם, וואָס ווידערשטאַנד איז באַשטימט פאַר אַן אויסגעוויילטן קרייז לייענער, — איז דאָס דערשיינען פון דער אויסגאַבע באַדינגט דורך דעם אָפּרוף פון אָט דעם קרייז וואָרט־ותיקים. מיר וועלן נישט באַזונדער אַפּעלירן צו דיר, ח׳ לייענער, ווייל מיר האַלטן, אַז אַנשטאָט דער שרייבער זאָל רעדן פאַר זיין שרייבן — זאָל דאָס געשריבענע רעדן פאַרן שרייבער.

דער פּאָגראָם אויף יידיש און יידיש-שעפערס אין ראַטנפאַרבאַנד

די וועלט־געשיכטע איז רייך מיט פיל גלענצנדיקע נעמען פון גייסטיקע העלדן, וועלכע שטראַלן אין פאַנטעאָן של מעלה; זי האָט אָבער אויך איר „קאַרצער", וואָס איז באַפעלקערט מיט פיל טרויעריק באַרימטע נעמען. נעראָן, דזשינגיס־כאַן, צעזאַר באָרדזשאַ, איוואַן גראָזני און אַנדערע מאַסן־מערדערס, ביז צום גרויליקסטן פון זיי אַלע — דעם הערשט פון דער ברוינער פּעסט, דעם נאַצי־שרץ, וואָס פאַרנעמט דעם אונטנאָן און „שאַנדעאָן" פון דער מענטשהייט.

וואָס שייך יאָסיף סטאַלין, דוכט זיך אַז ער דאַרף האָבן זיין לאָזשע בשכינות פון דעם „הייליקן" קאָנסטאַנטין דעם „גרויסן", וועמענס פּאָליטיק איז געווען פול מיט פּראַט און רציחה. אויך יאָסיף גראָזני איז באַגאַנגען אומצייליקע פאַרברעכנס און זיך אויך געלאָזן זאָלבן אַלס אַ מין „הייליקער". ס'האָט אים בלויז געפעלט דער טיטל גאָט, ווי דאָס איז געווען דער נוסח פון די קאַליגולאַס און קלאַודיוסעס. יאָסיף גראָזני האָט באַוויזן די זעלבע „גרויסקייט" ווי די אַמאָליקע פּרעהס: ער האָט אויפגעבויט זיינע פּתום ורעמסס — מיט מענטשן אַלס בוי־מאַטעריאַל. אַלס ראַדיקאַלער קאָלעקטיוויסט האָט ער, אויפן אָרט פון די אינדיווי־דועלע עקסמיסיעס אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, איינגעפירט פעל־קער עקסמיסיעס. ער האָט זיך אויך אויסגעצייכנט אַלס רעזשיסער פון די שענדלעכע פּראָצעסן, ווו דער טיוול איז אויפגעטראָטן אין דער טאָגע פון פּראָקוראָר. און די שורות ווערן געווידמעט צו איינעם פון די פּראָצעסן — דעם פאַקטישן פּאָגראָם אויף יידיש און יידיש־שאַפנ־דיקע אין דער מדינה פון סטאַלין־כאַן.

די שענדלעכע ליקווידאַציע האָט זיך אייגנטלעך נאָך אָנגעהויבן לאַנג פאַר 1948. אין משך פון די דרייסיקער יאָרן זענען פאַרפאַלן געוואָרן: משה קולבאַק, איזי כאריק און אַנדערע. סטאַלינס בלוטיקע האַנט האָט

זיך אָראָפּגעלאָזן אויף יעדן גייסט־מענטש וואָס האָט געוואָגט אויפ־צוהויבן דעם קאָפּ העכער פון דער דאָגמאַטישער קאַריטע. און דאָס איז געווען דער טראַגישער פינאַל פון אַ פונדאַמענטאַל פאַלשן און שעד־לעכן צוגאַנג צו קונסט און צום קינסטלער. מען האָט דעם קינסטלער־זינגפויגל איינגעשפּאַרט אין דער סאָציאַלער שטייג און געהייסן אים זינגען אויף „באַטן״ — פון פּאַרטיי־באַשלוסן... אמת, מען האָט אים, דעם גייסטיק שאַפנדן, באַפרייט פון איין פּלאָג: די מאַטעריעלע זאָרגן; דערפאַר אָבער האָט מען ביי אים צוגענומען די נשמה. ווייל מוזע גראָמט זיך נישט מיט מוז, צוואַנג. און עס זעט אויס, אַז פּעטער אַלטענבערגס לאָזונג, — „באַפרייט דעם דיכטער פון ערדישע זאָרגן!״ — קאָן נישט אָנגענומען ווערן אָן באַוואָרעניש. אמת, אין סאָוועט־רוסלאַנד האָט מען דעם דיכטער באַפרייט פון ערדישע זאָרגן; די צרה איז אָבער, וואָס מען האָט אים באַפרייט פון נאָך עפּעס — פון דער פרייהייט גופא. און די וואָס האָבן נישט געוואָלט פאַרוואַנדלט ווערן אין קיין ליטעראַ־רישע פּאַפּוגייען, זענען פשוט ליקווידירט געוואָרן. קולבאַק איז אַנטלאָפן פון דער ליידיקער קליינבירגערלעכקייט קיין רוסלאַנד, ווו „אַ ריז אַ פאַרבלוטיקטער ברענגט אונדז זיינע גילדערנע לוחות״. נו, דער בלו־טיקער ריז האָט אויך געברענגט בלוטיקע לוחות. מן הסתם האָט דער איידעלער דיכטער און שיינגייסט נישט געוואָלט בלינד נאָכגיין דער ליניע — און איז אויסגעגאַנגען ערגעץ אין אַ וויסטעניש. „געטער שטאַרבן נישט — און מענטשן שטאַרבן!״ — האָט געזונגען משה קולבאַק. און איך גלייב, אַז ער אַליין איז געווען אַן עדות ווי געטער שטאַרבן — — —

איך גלויב אויך, אַז שעלי האָט בביאישער און טיפער פון אַלע אויס־געדריקט די סכנה פון מאַכט, און דעם מיאוס־ברויך פון איר אין דער פאָרם פון ברוטאַלער דיקטאַטור:

„Power, like a desolating pestilenee, pollutes whate’er it touches”.

מאַכט איז אַ דערדריקנדע לאַסט פאַרן מענטשל, אָן אונטערשיד פון „קאָליר״.

זאָל דעריבער אויסגעדריקט ווערן אונדזער שאַרפסטער פּראָטעסט

קעגן דעם אומדערהערטן באַרבאַריזם פון דעם מאַסן־מערדער יאָסיף גראָזני, — אַ באַרבאַריזם וואָס גייט נאָך אַלץ אָן — אויב נישט צו דער שאַרית הפּליטה פון דער סטאַלין־הריגה — לגבי דער יידישער קולטור און ליטעראַטור אין סאָוועט-רוסלאַנד.

אין אונדזער עלנטער וועלט איז, צווישן אַנדערע אונטערדריקטע גרופּעס, נאָך אַלץ פאַראַן דער אונטערדריקטער שיכט קינסטלערס. אויב אין רוסלאַנד האָט מען ביים שרייבער פריער קאָנפיסקירט די נשמה, זיין געוויסן, און נאָכדעם — זיין גוף, — קומט אין די דעמאָקראַטישע לענדער פאַר אַ פאַרקערטע דערשיינונג: קודם קאָנפיסקירט מען ביי אים זיין גוף; דורך דעם כסדרדיקן צוואַנג מיטצולויפן אין דעם פּראָ־זאַישן וועטלויף ווערט זיין נשמה ביסלעכווייז אָפּגעטויט. ער ווערט געשטעלט פאַר דער דילעמע: צו ווערן אַ גאַנץ אָדער טיילווייז פאַר־קויפטער שרייבער (מיטצוטאַנצן מיטן ביליקן מאַרק־געשמאַק, שונד־מלאכה, פּאָליטיש נאָכשלעפּערישע עבודה־זרה, א. א. וו.), אָדער צו וועגעטירן פיזיש און שעפעריש צו אַטראָפירן, ס'האַלט נאָך אַלץ ביי פרידריך שילערס: „דער פּאָעט איז געבליבן ביי דער לבנה." הגם ער ווערט שוין איצט אפילו אַרויסגעשטויסן פון זיין לעצטן געביט — דער רעפלעקטיווער לבנה... אויך אַהין דערגרייכן די בעלי־תכלית! ווי אַ נעכטיקער דרייט זיך אַרום דער בעל־חלומות צווישן די „סוחרים און ישמעלים"... און די ווולגאַרע סטייק־עסערס דאַרפן דאָך נישט אַזאַ פּראָ־דוקציע — זייער קולטור איז אין „סטייק". קומט אויס, אז ביי „זיי" האָט דער קינסטלער מורא צו גיין שלאָפן (ער ציטערט פאַר די פאַטאַלע גהינום־שמשים); דאָ האָט ער מורא אויפצושטיין, און די זאָרג, די אומזיכערקייט איז דער אויטאָמאַטישער „וועקער". און איז נישט מורא — אין איר אנימאַלישער פאָרם — אַ דעגראַדירנדיקער צושטאַנד פאַרן מענטש?

מיט דער קריטיק אויף דער באַציאונג צום גייסטיק שאַפנדיקן אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער ווערט נאַטירלעך נישט געמיינט קיין פאַרגלייך. ווייל טראָץ אַלע סכנות, בזיונות און יסורים שטייט אים נישט פאָר קיין דירעקטע געפאַר פון פאַרטיליקונג...

אונדזער ווידערשטאַנד

ווען מען שפּאַצירט זיך דורך אין אונדזער בלעטערוואַלד האָט מען דעם איינדרוק פון אַ גוואַלדיקן ליטעראַטור רענעסאַנס. ביכער דערשיינען מאַסנווייז; די קולטור־חברהס קאָנפערירן, פּראָקלאַמירן און אָרגאַניזירן... נו, און ווו זענען די „קולטור־דעפּאַרטעמענטן״? נישט קיין קלייניקייט. די פּובליסיסטי אַרבעט מעשים. ויאמר, וידבר, ויסע, ויחן...

דער אמת איז אָבער, אַז די לאַגע איז ווייט נישט אַזוי פויגלדיק. ס׳וואַקסט טאַקע אויס אַ ריזיקע מאָנומענטאַלע חורבן־ליטעראַטור (אגב, צווישן די שרייבערס — עטלעכע באַדייטנדיקע טאַלאַנטן); אָבער וואָס איז מיטן ליטעראַטור־חורבן? נאָך קיינמאָל האָבן מיר נישט געהאַט אַזאַ אויפשוווּנג פון שווינדלאַזע שאַפונגען. און דערשיינט שוין יאָ אַ גוט ווערק — וואָס איז די פּעולה? דער שרייבער איז דעגראַדירט צו דער מדרגה פון אַ מאַקולאַטור־פּעדלער. דאָס שטערט אָבער נישט די קולטור־טרומייטערס איינצואָרדענען דעם בורלעסקן „חודש פון יידישן בוך״. (דאָ ווערט נישט געמיינט דרום אַמעריקע, ווו די באַצייכענונג האָט נאָך אַ ממש, נאָר די פּאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע). ווער בוך, וואָס בוך? ס׳קומט זיך צוזאַמען אַן עולם אויסצוהערן אַ ביסל פּוסטע רעקלאַמע און חניפה פון דעם ממונה, ד״ר פּיטשעמאַנטשיק, צו די גרויסע טוערס און אויפטוערס פון דער פּאַרוואַלטונג...

וואָס שייך די לייענערס איז דאָס אַ באַזונדערע „הגדה״ מיט ארבעים וארבעה בנים, וואָס זענען „כנגד״. שוין אָפּגערעדט פון דעם רשע מיט זיין קלאַסישן מה העבודה הזאת לכם — האָבן מיר נאָך אַ גאַנצע ריי „תמימים״ און „שאינו יודע לשאול״...

מיר האָבן די באַגרענעצטע פּאַרטיי־אָנהענגערס מכל המינים, וואָס האָבן דעם פּלאַכן, ביליק געשמאַקלאָזן שאַבלאָן: „איך ווייס נישט מיט וואָס עס שמעקט.״ נו, מיר ווייסן יאָ מיט וואָס דער שאַבלאָן־מענטש

שמעקט: מיט קייען זיין גייסטיקע שפּייז בלויז אין דער פּאַרטייאישער קאַריטע...

אין קיין שפּראַך, דאַכט זיך, זיינען נישט פאַראַן אַזויפיל פּרינציפּיעלע פּאָטענציעלע און פּאַקטישע נישט־לייענערס. דער רעליגיעזער עלעמענט, וואָס איז דער קלאַסישער עם הספר, האָט דאָך די באַציאונג צום וועלט־לעכן בוך אַלס טריפה־פּסול. ביי אַנדערע פּעלקער אָבער, זענען די רעליגיעזע עלעמענטן — און קודם כל די גייסטלעכקייט — גוטע קענערס און קאָנסומענטן פון וועלטלעכער ליטעראַטור. (גענוג צו ברענגען איין כאַראַקטעריסטישןביישפּיל: דער פּויבסט יאָהאַן דער23סטער האָט, בעת זיינער אַ רעדע פאַר אַ זשורנאַליסטן־דעלעגאַציע, זיך פאַררופן און גע־ברענגט אַ ציטאַט פון אַן איטאַליענישן שרייבער).

מיר ווילן נישט פאַרלייקענען, אַז ס׳זיינען אויך פאַראַן נעגאַטיווע סאָציאַל־שטייגערישע גורמים פון דעם מצב פון דער יידיש־ליטעראַטור אין אַמעריקע. ס׳פעלט, צו אונדזער גרויס אומגליק, דאָס קאָמפּאַקטע יידישע מאַסן־לעבן פון אמאַליקן פּוילן, ליטע, רומעניע און אַנדערע יישובים. אָבער ס׳זיינען נאָך פאַראַן אַנדערע וואָרצלען פון בייז. דער ביליק וואָכעדיקער צוגאַנג פון אונדזערע אַמאַליקע פּרעסע „לויתנס״, צו פאַרוואַנדלען די ליטעראַטור אין אַן אינדוסטריע און שרייבערס אין שקלאַפן־אַפּרייטאָרס... די פּרעסע, וואָס איז אייגנטלעך — באַנוצנדיק אַ קבלה טערמין — די סטרא אחרא פון דער ליטעראַטור, האָט פון איר אַרויסגעכישופט דאָס לעבן... אַלץ וואָס איז געווען אמתדיק גרויס, הויך טאַלאַנטירט און כאַראַקטער, איז צעבראָכן געוואָרן פיזיש און גייסטיק אין דעם ארץ מאכלת את סופריה. אַזעלכע ריזן ווי יונה ראָזענפעלד, מ. ל. האַלפּערן, מאַני לייב און אַ גאַנצע ריי אַנדערע ערלעכע טאַלאַנטן זיינען צוגרונט געגאַנגען. עס האָבן זיך נאָך דערהאַלטן די שרייבערס וואָס האָבן אַ חוץ דעם ליטעראַרישן טאַלאַנט, געהאַט דעם פּראַקטישן טאַלאַנט פון צופּאַסן זיך צו די אומשטענדן. אויך האָבן זיך געמערט די שרייבערס מיט בלויז עלנבויגן־טאַלאַנט. און דער רעזולטאַט איז, אַז אַ גרויסער טייל פון די צוגעשניטענע פאַבריצירטע ווערק איז ליטעראַרישע טאַנדייט־פּראָ־דוקציע. „לע קלענקאַן״ — גלענצנדיקער גאָלד־בראַנקאַט, אויסערלעך

שימערירנדיקע און אינערלעך ווערטלאָזע קעגנשטאַנדן — איז אין פראַנ־צויזיש אַ טרעפלעכע באַצייכענונג פאַר דעם סאָרט כמו־ווערק, וואָס פרעטענדירט, פאַראַדירט און בלענדט מיט קאַלטער שיין...

האָבן מיר דאָ טאַקע געזען דעם אמתן עולם הפוך: פרינצן זענען פאַרוואָגלט געוואָרן אין שוסטער־געסל, און ליטעראַרישע „שוסטערס״ — אין פאַלאַצן... און אויף דעם פאַרשטויסענעם דיכטער־פרינץ האָט געקלאָגט באָדלער:

מאַנכע בלום הויכט אויס, אַ טרויער,
איר פאַרפוס זיס ווי אַ סוד, צום באַדויער,
אין דער טיפער איינזאַמקייט.

און דער פוילישער פּאָעט אַדאַם אַסניק:

אַ שאָד די בלומען וואָס וואַקסן אין אַ ווינקל...

דערפאַר, אָבער, באַקומען מיר אַזוי אָפט, און מיט פּאָמפּע, דעם קוואַזי־ראָמאַן, דעם קוואַזי־עסיי און דאָס קוואַזי־ליד.

און די דאָזיקע ליטעראַרישע נביאי השקר ברענגען וואָרט־קרבנות אויף די פּאַפּירענע מזבחות — ס׳פעלט בלויז דער אש מן השמים, דאָס פייער פון הימל...

און ווי אַ צולאָג צו דעם אַלעם האָבן מיר נאָך דעם מבול פון די ליטעראַטור־פּרעמיעס. ווילן מיר נישט לייקענען, אַז מאַנכע האָבן די פּרעמיעס ערלעך פאַרדינט; אָבער דאָ גייט נישט בלויז וועגן דעם גרויסן טייל אומפאַרדינטע פּרעמיעס — עס גייט בכלל אין דעם אויפגעשרויפטן דיסקרעדיטירטן אַפּאַראַט פון פּרעמיע־געבעריי...

און אָט דער ספּעקטאַקל פון שוואָמען־נאָך־אַ־רעגן־פּרעמיעס — דער־מאָנט שוין גאָר שטאַרק אין אַנדערסענס מעשהלע „דער פליענדיקער קופערט״: „דער בעזים האָט אַרויסגענומען אַ ביסל גרינע פּעטרישקע... און געקרוינט דערמיט דעם קאָך־טאָפּ... און, אויב איך קרוין אים היינט — האָט ער געטראַכט — וועט ער מיך קרוינען מאָרגן״... איז דאָס נישט ווי אַנגעמאָסטן פאַר אונדזערע קהלישע בעזימס, קאָך־לעפל און קאָך־טעפּ?...

(מיר ווילן ביי דער געלעגנהייט שאַרף זיך אָפּגרענעצן פון די פּראָ־טעסטירערס, ביי וועלכע דאָס גאַנצע אומגליק באַשטייט אין דעם — וואָס

זיי האָט מען נישט געגעבן... געלויבט צו גאָט. דער שרייבער פון די שורות פאַרעפנטלעכט נישט קיין ביכער און האָט נישט פאַר וואָס צו קריגן די פרעמיע).

וועלכע קולטור־רעזולטאַטן עס קאָנען ברענגען די אומשעפערישע ביוראָקראַטן פון די קולטור־דעפּאַרטעמענטן, און אַנדערע משלחתן, באַווייזט די מעשה מיט דעם אַרטיקל וועגן דער יידישער ליטעראַטור, געשריבן פון ד״ר אהרן שטיינבערג פאַר דער „ענציקלאָפּעדיע בריטאַניקאַ״. מיר האָבן געלייענט אין דער פרעסע („אונדזער שטימע״, פּאַריז), אַז אין א״ד אַרטיקל זענען אינגאַנצן נישט דערמאָנט געוואָרן די טאַלאַנטירסטע יידישע שרייבערס: י. מ. ווייסענבערג, מ. ל. האַלפּערן, יונה ראָזענפעלד, דוד בערגעלסאָן, משה קולבאַק, מאני לייב — די גרעסטע מייסטערס פון יידישן ליד און דערציילונג. איז דאָס מעגלעך, אַז אין אַן אַרטיקל וועגן דער פּוילישער ליטעראַטור זאָל מען נישט דערמאָנען קאָכאַנאָווסקין, נאַרווידן, מיצקעוויטשן, סלאָוואַצקין, ריימאָנטן? — אָבער ביי אונדז איז עס, לײַדער, יאָ מעגלעך.

די אָנשיקעניש פון פאַרשידענע דיפּלאָמירטע ליטעראַטור־זנאַכערס איז איינע פון אונדזערע קולטור־צרות. שוין וואָלטער האָט זיך באַקלאָגט: „דאָס אַלטערטום האָט נישט געוווסט פון דעם סאָרט מענטשן, וואָס נישט קענענדיק זיך פאַרנעמען מיט אַ נוצלעכער מלאכה, זענען זיי געוואָרן מעקלערס פון דער ליטעראַטור״.

דאַכט זיך, אַזעלכע שלימזלדיקע מעקלערס איז שווער צו געפינען ערגעץ אַנדערש. — —

און אָט פאַרוואָס מיר האָבן פּראָקלאַמירט ווידערשטאַנד: —

ווייל אין אונדזער ליטעראַרישער מלוכה איז אַ גרויסע אינפלאַציע — און נאָך גרעסער די צירקולאַציע פון פאַלשע ליטעראַרישע באַנקנאָטן...

און וואָס מער דרוקבויגנס — אַלץ ווייניקער ליטעראַטור...

און אונדזערע פּאָליטישנס זענען ווי די נביא השקר: וואָס מער דער בעל־געץ איז געווען טויב און שטום — אַלץ מער האָבן זיי געלאַרעמט, געקראַצט זיך מיט ריטער... וואָס מער די יידיש־לאַגע איז ביין איילן אין דער אדמה; וואָס מער דער יידישער שרייבער איז פאַרוואַנדלט

געוואָרן אין אַ ביכער פּעדלער; וואָס מער יידיש־פּאָזיציעס און לייענערס זיינען נישט געוואָרן — אַלץ האָפּערדיקער טאַנצן די פּאָליטישנס און קראַצן מיט די פּענעס...

פּראָקלאַמירן מיר ווידערשטאַנד און שמייסן מיט אַ פייערדיקן בליצן־קאַנטשיק די פאַלשע נביאים...

ווידערשטאַנד קעגן „אַגגענומענע" אמתן, פאַרשטויבט־געליימטע פון צופיל שלום עליכם געבן...

ווידערשטאַנד קעגן יעדן מוטנעם סאַזשעלקעלע וואָס דערקלערט זיך אַלס ים הגדול...

און וואָס מער די „נביאים" וועלן לייגן שווערע שטיינער קעגן אונדזער ווידערשטאַנד־שטראָם — אַלץ האַסטיקער וועט זיין זיין וואַסערפאַל. — —

ווידערשטאַנד, נ. 2 (11), אַפּריל, 1959

להחזיר עטרה ליושנה

אַ פלוגתא צווישן די חכמי יידיש — פּעסימיסטן און אגיל ואשמחניקעס.

די ערשטע האַלטן אַז יידיש־ליטעראַטור האָט אַ געשיכטלעכן „וויראַק". די לעצטע זענען, להיפוך, גאַר־גאַר האָפּערדיק און באַוויזן, אַז יידיש איז אַ מין בריטישע אימפּעריע, ווו די זון גייט נישט אונטער...

דאָס אַסאָציאירט זיך מיט דער דעפיניציע פון פעסימיזם און אָפּטימיזם בכלל. די פּעסימיסטן זענען, אין תוך, די גרעסטע אָפּטימיסטן, און די אָפּטימיסטן — די גרעסטע פּעסימיסטן. ווייל דער וואָס האַלט אַז ס'איז שלעכט, מוז דאָך האָבן עפּעס אַ גוטן אויסגאַנגס־פונקט; ער איז אַן אידעאַליסט, זוכער פון העכסטן גוטס. פאַרקערט, דער אָפּטימיסט, איז, אין תוכן, אַ טיפער פּעסימיסט. ער אַקצעפּטירט אַלע גורל־קרישקעלעך, ווייל ס'האָט געקאָנט זיין נאָך ערגער... וויל מען עפּעס מתקן זיין אין יידיש — מוז מען קודם קאָנסטאַטירן: דער דורכשניטלעכער יידיש־לייענער אין צפון־אַמעריקע איז דאָך דער געניסער פון די „שטאָנענדיקע געשיכטעס פון פייפער". די קוואַליטעט פון דער ליטעראַרישער פּראָדוקציע? — מיטלמעסיק, ולמטה. אויך אונדזער ליטעראַטור־קריטיק — מיט

געציילטע אויסנאַמען — האָט זיך נישט דערהויבן צום סימבאָל פון טעמים, דער געטין פון יושר, מיט דער וואָגשאָל פון דין און משפט אין דער האַנט. און די גילטיקע וואָגשאָל פון אונדזער ליטעראַרישן מאַרק איז די פון גרינצייג־באַזאַר...

דער קריטיקער מוז האָבן אָפענע אויגן, כדי צו זען, שאַצן ווערטן: ער דאַרף אָבער אויך האָבן, אין אַ געוויסן זין, „פאַרבונדענע אויגן"... ער דאַרף נישט זיין קיין נושא־פנים, קיין קליקל־מענטשל, קאָך־לעפל, הויף־קריטיקער און פּאַלאַדין פון ליטעראַרישע אימפּעראַטאָרן. ער דאַרף נישט, ווי פרעה, האָבן קיין געטער־קאַטאַלאָג פון היימישע גרויסקייטן. ער דאַרף זיין אַן אַנטדעקער פון ליטעראַרישע שטערן און נישט קיין לויבער פון גרויסקייטן, וואָס זענען אפשר לאַנג אויסגעלאָשן. אַפשיטה, אַז כדי צו זיין אַ קריטיקער, מוז מען באַזיצן אַן אָרגאַנישע שייכות צום מיסטעריעזן אוניווערס פון קונסט — און נישט שטיין ווי אַן אוממעכ־טיקער געדונגענער היטער פאַרן פּאַלאַץ פון דער שיינקייט... און אָט האָבן מיר געהאַט אַזאַ קריטישן דיקטאַטאָר, אַ ליטעראַרישן נעגוס, וואָס האָט פּרעטענדירט צו זיין דער „לייב פון יהודה" — און זע, ווי כל מיני שרייבעריש קריכוואַרג האָט געפויזט אַ קאַראַהאָד אַרום דעם טרוקענעם גיגאַנט, דעם קריט־עקר...

...אונדזער פּרעסע־וואַלד איז זיך צוואַקסן — אַ סך בלעטער און בלעטלעך, אָבער ווייניק פּירות... ווערבאַלע איגפלאַציע. דער וואָרט־פּאַלאַץ איז באַלאַגערט פון מיריאַדן טערמיטן, מיר גייען צוריק צו פּרעצוזנזעריזם, גראַם־שטראַמיזם און בטלנישער „חקירה".

וויל מען מתקן זיין, געפינען אַ תרופה פאַר דער יידיש־מערכה, מוז מען אָנווענדן דעם עלעמענטאַרן פּרינציפּ פון חשבון. ערשט ווען מיר וועלן זיך קלאָר מאַכן דעם פאַרשידנאַרטיקן דעפיציט, קאָן מען טראַכטן וועגן אויסגלייכן דעם בילאַנס. און קודם כל מוזן מיר זיך קלאָר מאַכן — מי ומי ההולכים? די צאָל פון לייענער און אָפּנעמער פון יידישן בוך איז נישטיק קליין. עס מוז אויפהערן דער רחמנות און נעבעך־קאָמפּלעקס צו דער יידישער ליטעראַטור. עס מוז אויפהערן דער ויחזיקו שבעה שרייבערס ב'לייענער אחד...

די יידישע וואָרט־יוניע מוז אויסגערייניקט ווערן פון ליטעראַרישע שטאַרקע, פון קליקיאַנישן געמויזעכץ. געגוג האָבן געבאַלעבאַטעוועט די זינגער פון פּרנסה־באַרג, די קינסטלערס מיט אידעאישער סקלעראָזע, די פּרות הבשן פון פּאָזיציעס און קאַריערעס.

קומט, איר פאַרשיקטע אויף גייסטיקן סיביר, איר לשמה־ערנסטע, נדחי־יידיש — זייט די מבשרים פון אַ נייעם רענעסאַנס!

פאַר אויפוועקן, קאָנצענטרירן די שלומערנדיקע שעפערישע שרייבערישע און לייענערישע פונקען; פאַר די אַנשי כנסת הגדולה פון יידיש — אָן פּאָליטיקאַנסקע־קולטורעוואַטע ערב־רב!

להחזיר עטרה ליושנה!

שלא על מנת לקבל פּרייז

אַ פּרעמיע פאַר דער בעסטער שטודיע אויף דער טעמע: „פונוואַנען שטאַמט די פּרעמיע־אַנשיקעניש?" — אַפּנים, פון פראַנקרייך. שוין לאַפאָנטען האָט זיך באַקלאָגט, אַז „די אייטלקייט איז דאָס פראַנצויזישע בייז". פלאָבער האָט אָט דעם נאַציאָנאַל־שטריך אויסגעדריקט אין לאַקאָנישן פינאַל פון „מאַדאַם באָוואַרי": „אָמע האָט באַקומען דעם מעדאַל"...

און פון פראַנקרייך שטאַמט נישט בלויז די ליטעראַטור פון דעקאַדענץ, נאָר אויך די דעקאַדענץ פון דער ליטעראַטור. מאַכערייקע־סעאַנסאַציעס, טעגלעכע באַרימטקייטן און אויפגייענדיקע שטערן, וואָס זייער וועג איז געוועזן דורך קאָרידאָרן און פאָרצימערן פון ליטעראַטור־אַסטראָנאָמען... אין דער באַרימטער „אַקאַדעמיע פון די אומשטערבלעכע" זענען מערסטנס אָנגעקומען ליטעראַרישע נולן. און די אומשטערבלעכקייט פון די אַקאַדעמיקער איז, לרוב, באַשטאַנען אין זייער אומשטערבלעכן ערגייץ... אומשטערבלעך זענען גראָד די, וואָס האָבן נישט זוכה געווען אַרייַנצוקומען אין דער פראַנצויזישער אַקאַדעמיע. אפילו אַזאַ ריז ווי באַלזאַק האָט, צום דריטן מאָל פון זיין קאַנדידירן, באַקומען גאַנצע צוויי שטימען צו דער אייביקייטס־אינסטיטוציע... די צייט איז די אינסטאַנץ, וואָס עקסמיטירט די אוזורפּאַטאָרן פון די פאַרכאַפּטע שיינע דירות. די צרה מיט די ווערק

פון די וואָס האָבן באַקומען דעם פּרייז — איז דווקא אין זייער קנאַפּן ווערט...

מען דאַרף דערמוטיקן קינסטלערס, דיכטערס: אָבער איז דאָס דער וועג? ביי די אומות העולם זענען פאַראַן סטיפּענדיעס, סינעקיורס (פּריווילעגירטע פּאָזיציעס) פאַר טאַלאַנטירטע יחידים. — ביי אונדז, אין דער רייכער אַמעריקע, ווערגט מען זיך ממש און מען קאָן זיך נישט קיין עצה געבן מיט עטלעכע צענטליק שעפערישע מענטשן.

און די פּרעמיעס — די ליטעראַרישע „שישים״ — ווערן פאַרטיילט נאָר צו „שיינע״ יידן. אונדזער קולטור־אַנשיקעניש, די גבאישע קאַסטע, פאַרטיילט דאָך „מי שבירך׳ס״ אויף רעכטס און לינקס, לויטן שליסל פון בעבור שנדב, ד״ה אויף וויפל פלוני אלמוני איז אַ מקורב צו דער אוזורפּאַטאָרישער קאַסטע...

בנאמנות, ווער נעמט שוין ערנסט די בלעכענע מעדאַלן? אַז די פּרעמיע־מיניסטאָרן און כבוד־פּענסיאָנערן זענען היינו הך. בלויז דאָס שוישפּיל האָט די „מעלה״, וואָס די נותנים און די מקבלים טוישן זיך כסדר מיט די ראָלן — —

שטאָלצירט מיט אייערע פאַרכאַפּטע פּאָזיציעס — איסתרא בלגינאָס, איינגערעדטע גרויסקייטן און באַלעבאַטישע נולן — הינטער אייערע פּלייצעס וואַרט אויף אייך אַ באמת גרויסער גאָרנישט: די אומעגדלעכע פאַרגעסונג פון דער אומענדלעכער צייט. אין דעם ליטעראַרישן גן עדן — דער צוקונפט — זענען די „אַדווערטייזינגס״ און „רעקאָמענדיישנס״ פון אונדזערע בעלי־פּובליסיטי און תקיפים־גבאימלעך — ווערטלאָז און נישטיק ווי זייערע אויסשטעלערס...

די מיתה־מאַשינע פון דער קולטור

אין משך פון 200 יאָר, זייט רוסאָס מרידה קעגן דער קולטור, זיינען פיל גרויסע גייסטער געווען די פאָנען־טרעגערס פון אָט דער נאַטור־פילאָסאָפיע.

טאָרא, טאָלסטאָי, גאַנדי, שווייצער, און אַנדערע דענקערס, האָבן אַרויסגעבראַכט דעם דעפיציט פון אונדזער מאַטעריאַליסטישער ציוויליזאַציע.

אמת, מען קאָן נישט „צוריקדרייען דאָס ראָד פון דער געשיכטע". אָבער צו האָבן מיר זיך אַליין נישט פאַרשפּאַרט הינטער טעכנישע קראַטן? איז נישט צו הויך דער פּרייז, וואָס מיר צאָלן פאַר די טעכנישע דערגרייכונגען? דיספּראָפּאָרץ צווישן פיזיש־מאַטעריעלן קאָמפאָרט און מאַנגל אין געמיטלעכער הרחבת הדעת. טעכנאָלאָגישע מהר״לס האָבן אַריינגעלייגט דעם מאַטעמאַטיש־כעמישן שם־המפורש אין מויל פון נאַטור־גולם — און ער דראָט אונדז מיט חורבן. נישט מיר טרייבן די מאַשין — די מאַשין טרייבט אונדז. און דוכט זיך, אַז טאָראָ האָט דאָס וווּנדערלעך פאָרמולירט. „דער מענטש איז געוואָרן אַ מכשיר פון זיינע מכשירים". די וועלט איז געוואָרן אַנטכישופט. אַוועק די פּאָעזיע פון לעבן און דאָס לעבן פון דער פּאָעזיע. ווייל דער עלעמענט פון געמיטלעכקייט איז — פרייע צייט, שטילקייט, ווו ס׳רעדט די נשמה. ווען ס׳פאַרשטומט בילעקער רויש — רעדט דאָס געמיט. אַזוי באַווייזן זיך אין זייער אומענדלעכער פּראַכט די שטערן־קאָנסטעלאַציעס, ווען ס׳פאַרשווינדט דאָס טאָג־ליכט.

מעגן מיר זיך באַרימען מיט „סופּערסאַונד" טראַנסקאָנטינענטאַלע נסיעות; ס׳קאָן זיין, אַז דער מענטש וואָס האָט מיט יאָרן צוריק געשלעפּט זיך מיט אַ פורל, האָט פיל אינטערעסאַנטערס, שענערס איבערגעלעבט, ווי אונדזערע באַפליגלטע אוניווערס־וואָיאַזשאָרן. די אינערלעכע אָרעמקייט אין באַציונג צו אויסערלעכער רייכקייט דערמאָנט אין אַ געניאַל וואָרט פון סאָקראַטעסן. איינער פון זיינע באַקאַנטע האָט זיך פאַר אים באַקלאָגט, אַז נישט קוקנדיק אויף זיינע ווייטע נסיעות, האָט ער זיך נישט באַפרייט פון זיין לאַנגווייל. „דאָס דאַרף דיך נישט וווּנדערן" — האָט דער אַטענער חכם אים געענטפערט — „דו נעמסט דאָך זיך אַליין מיט אויף דיינע רייזעס"... יאָ, אונדזער מאָדערנע קולטור האָט איינגענומען אַ מיתה־מאַשינע...

און ווי אין דער לעגענדע, האָבן מיר פאַרן פּרייז פון מאַטעריעלן קאָמפאָרט פאַרקויפט אונדזער נשמה — רו, פרייהייט און מנוחת הנפש.

מיר קאָנען נישט צוריקגיין צו גאַנדיס שפּינרעדל.

אָבער מיר קאָנען אָפּרייסן צייט־שטחים פון ציוויליזאַציע־מדבר, פון פאַרביזנעוועטן תהו ובהו און פאַרוואַנדלען זיי אין שעפערישע אָאַזעס. „לייענט נישט די „טיימס" — „לייענט די אייביקייט" — האָט געעצהט טאָראָ. מען קאָן טאַקע נישט לעבן אינגאַנצן אויסער דער צייט. אָבער מיר מוזן נאָכן וואָכעדיקן הו־האַ נעמען אַן אינטעלעקטועל באָד, רייניקן זיך פון אַקטיוון שטויב...

מיר דאַרפן צוריק אַריינפירן אין אונדזערע שטובן דאָס באַליידיקטע מעבלשטיק — דאָס ספרים־שענקל. לאָמיר איינפלאַנצן ליבשאַפט און פיעטעט פאַרן בוך. להכעיס דער וואולגאַרער פיזקולטור, אָדער פּיס־קולטור, זאָלן מיר וואַרפן די לאָזונג: „צוריק צו גייסטיקע ווערטן!"

צו אַ „דיגרידירטן"

באַוואָפנט מיט דער דיגרידאַציע, זענט איר זיך מכין
און שאַפט מיט חשיבות, מאַנירלעך,
אייער ביסל פסולת און רופט עס אָן: „עסיי";
אַפּנים, איר האַלט דעם לייענער פאַר אייערסגלייכן —
דערלאַנגט אים דעם „אינהאַלט" פון אשר־יצר־פּאַפּירלעך —
די עקס־קליאַטשע —: „נאַ, עס היי!"

צו די מלאכי חבלה

דעם דערפאָלג פון מיתה־מיסילס, „ע־עיטש"־באָמבעס, ראַקעטן,
פּראָקלאַמירט איר מיט טריומף און פּאָמפּ.
און ס'נעמט נישט קיין סוף צו די פאַרלענד־געוועטן,
געפירט פון די גענעראַלן: שרעק, גיר און קאַמפּ.
— געלטזעק פון עמרהקע, קאַציקס פון רויטן סדום,
ווי אייך, אונדז — ווער ס'זאָל נישט קריגן די טראָפּיי־ערע —
דעם געשפּענסטיקן גלאָבאַלן שוואָם,
די טאָטאַל פאַרסמטע אַטמאָספערע.

וידערשטאַנד, נ. 1, מאָנטרעאָל, דעצעמבער 1957

אַ גוטע נאַכט!

דאָס איז דער לעצטער נומער פון אונזער אויסגאַבע. מיר האָבן זיך די גאַנצע צייט געראַנגלט מיט די פינאַנציעלע שוועריקייטן, כדי אויפֿצוהאַלטן אַ פרייע יחידישע טריבונע. נו, מוזן מיר שטעלן אַ ווידערשטאַנד... אונדזער ווידערשטאַנד־דראַנג. מיר האַלטן זיך צו ווירדיק, כדי צו רעדן צו טויבע אויערן און רירן די שמאַלץ־פּאַרפּאַנצערטע הערצער פון אונדזערע ווולגאַרע געלט־מענטשן... באַקעמפנדיק פּרינציפּיעל די ליטעראַרישע פּעדלעריי, ווילן מיר אליין נישט באַנוצן די זעלבע מעטאָדן. „ווידערשטאַנד" גייט אונטער — לויט דעם געבאָט און די פּרינציפּן פון ווידערשטאַנד...

מיר האָבן געפּרוווט, לויט אונדזערע באַשיידענע מיטלען, צו באַשטראַלן מיט „ראַדיום" אונדזער גלאָבאַל צעשפּרייטן ליטעראַטור־קאָנסער. מיר האָבן געצייכנט דעם פּראָפיל פון יידיש — און ס'האָט זיך באַקומען אַ רעאַליסטיש בילד פון אַ חורבן־קולטור... מיר האָבן געשליידערט ווערבאַלע גראַנאַטן אין דעם גרויסן ניו־יאָרקער ליטעראַרישן דזשונגל, ווו ס'הערשט דער „כל דאלים גבר". מיר האָבן געקעמפט קעגן שטן אין אַמעריקע, וואָס האָט אַלעמען איינגעאימפט דעם דאָלאַר־סם אין די אָדערן... קעגן דעם שטן אין ניו־יאָרק, ווו די שעפסן טרוימען אַליין צו ווערן וועלף... ווייל מיר האַלטן, אַז אין דער ליטעראַטור ווי אין יעדער אידעאַלער ספּערע, הערשט דאָס געזעץ פון — שוואַכן... ווער ס'איז „שוואַכער", דער איז גובר...

נישט די „באַרימטע" מיטלען: חניפה, אָפּאָרטוניזם און ווינטמיל־פּראָגרעס... דער וואָס האָט די שוואַכקייט צו גלייבן אין פּרינציפּן, צו זאָגן וואָס ער דענקט און דענקט אומאָפּהענגיק פון דער הערשנדיקער גייסטיקער דיקטאַטור — דער זיגט, סוף כל סוף.

איז אונזער קאַמף געווען אַ דאָן קיכאָטישער? ניין. דער ריטער אויפֿן

יושר־אייזעלע האָט געוואָלט קעמפן קעגן ריזן און זיך אָנגעשטויסן אויף ווינטמילן. אונדז איז געגאַנגען אין דעם, צו באַווייזן אַז די „ריזן" זיינען נישט מער ווי ווינטמילן, וואָס באַוועגן זיך לויטן בלאָזן פון דעם קאָניונקטור־ווינט... מיר האָבן אָנגעוויזן, אַז די מחנה ווערט, ווי געוויינטלעך, געפירט — נישט פון אַוואַנגאַרדישן עמוד האש, נאָר פון אַריערגאַרדישן עמוד הענן — פון אידעאָלאָגישער פאַרלוירנקייט, פון אָנגענומענעם סטאַנדאַרט און פון די גייסטיקע שקלאַפן וואָס זיינען געבונדן מיט דער שווערסטער קייט — דער פּאָפּולער־קייט...

מיר האָבן אָנגעוויזן אויף דער טויט־געפאַר פון די טינט פאַרפליי־צונגען, אויף דער גענעראַל־צעשריבנקייט. (שוין מיט 400 יאָר צוריק האָט מאָנטען באַצייכנט די דערשיינונג אַלס אַ רעזולטאַט פון אַ כאַאָטישער צייט, באַווייזנדיק אַז קיינמאָל האָט מען נישט אַזוי פיל געשריבן אין אַלטן רוים, ווי אין דער צייט פון זיין דעקאַדענץ).

מיר האָבן אָנגעוויזן אויף דעם אמתן פּנים פון אונדזער קולטור־„אימפּעריע": עטלעכע מנינים גוטע לייענערס, צעוואָרפן איבערן כדור הארץ. מיר האָבן באַקעמפט די פּרעמיע־עפּידעמיע, וואָס דערמאָנט אין היינעס באַצייכענען אַ געוויסע ליטעראַרישע עפּאָכע: „איך דערמאָן זיך אָן אַ דעמלטיקן שרייבער, וועלכער האָט גערעכנט, אַז אים קומט אַ דאַנק דערפאַר וואָס ער קען נישט שרייבן; פאַר זיין הילצערנעם סטיל האָט ער געקראָגן אַ זילבערנעם ערן־בעכער"...

מיר האָבן אָנגעוויזן אויפן דיריזשירטן קולטור־בלאָף, וואָס איז אַ „קרדום לחפור" אין די הענט פון פּוסטע פראַזעאָלאָגן, ביליקע פּאָלי־טישנס און כלערליי כיטרע־פאַלשע גבאים פון דער ליטעראַרישער חברה קדישא, וואָס טוען יידיש „איר רעכט" — און כאַפּן אַ גוטן טרונק בראָנפן...

מיר האָבן — באַנוצנדיק אַ בילד פון אַלפרעד דע ויני — אונדזערע 12 „ס.אָ.ס." אַריינגעלייגט אין אַ פלאַש און געלאָזן אויפן אָקעאַן פון דער צייט...

אַ גוטע נאַכט!

*

טאַציטוס, דער אַבערגלויבערישער אָבער גייסטרייכער רוימישער

היסטאָריקער האָט טרעפלעך באַצייכנט אין זיינע „רוימישע אַנאַלן״ די דערשיינונג פון ליטעראַרישער אונטערדריקונג. „דער סענאַט האָט פאַר־אָרדנט... צו פאַרברענען זיין ווערק; אָבער דאָס ווערק האָט עקזיסטירט, באַהאַלטן, שפּעטער איבערגעשריבן: אַזוי אומזיניק איז די טיראַניי, צו גלייבן אַז איר מאַכט פון אַ מאָמענט וועט דערשטיקן ביז דער צוקונפט דעם געשריי פון אמת! פאַרפאָלגן דעם גייסט — דאָס איז פאַרגרעסערן זיין איינפלוס; און די וואָס האָבן... באַשטראָפט די טאַלאַנטן האָבן גאָרנישט דערגרייכט ווי שאַנד פאַר זיך אַליין און רום פאַר זייערע קרבנות.״

ווידערשטאַנד, נ. 3 (12), סעפטעמבער, 1959

אַ קולטור פון קאָנגרעסן...

מיר שטייען לעצטנס אונטערן צייכן פון קאָנגרעסן פאַר יידישער קולטור. ס'ווערן אָרגאַניזירט קאָנפערענצן, וואָס האָבן דעם ציל צוצוגרייטן די דאָזיקע קאָנגרעסן. דער צד איז פאַר „אַזאַ" קאָנגרעס, יענער — פאַר אַן „אַנדערן". האָבן די „ציקאָ"־קרייזן אָרגאַניזירט ערב קאָנגרעס־קאָנפע־רענצן — האָט דער „איקוף", ווי אַ קולטור־קאָנקורענט, באַלד אָרגאַניזירט אַ נאַציאָנאַלע קאָנפערענץ פאַר קולטור. דער קולטור־רעש האָט זיך אויך אַריבערגעטראָגן אויפן קליינעם קאָנטינענט.

מיט דער איניציאַטיוו פון די פאַריזער „איקוף"־טוער ווערט אין דעם חודש איינגעאָרדנט אַן אייראָפּעישע קולטור־קאָנפערענץ, צו וועלכע ס'האָבן זיך, ווי ס'מעלדעט די פאַריזער „אַרבעטער וואָרט", אָנגעשלאָסן קולטור־אָרגאַניזאַציעס און רעפּרעזאַנטאַטיווע יידישע קערפּערשאַפטן פון אַ ריי אייראָפּעישע לענדער. פון דייטשלאַנד באַטייליקט זיך אין דער קאָנפערענץ (לויט אַ מעלדונג פון דער א. ד. צייטונג) — די לאַנדסבערגער „יידישע צייטונג", וואָס האָט, „נאָכן פאַרשטענדיקן זיך מיט די לאַנדסבערגער ייד. קולטור־קרייזן אויך געוויילט אַ דעלעגאַציע פון 3 פּערזאָן".

אויך אין איטאַליע האָט די טעג געזאָלט פאָרקומען אַ קאָנגרעס פאַר יידישער קולטור — אַלס צוגרייטונג צום וועלט־קאָנגרעס אין ניו־יאָרק.

און אַזוי ווי די קאָנגרעס־כוואַליע האָט שוין דערגרייכט פאַריז און רוים, איז נאַטירלעך, אַז אויך מינכען איז נישט אויסגעמיטן. לעצטנס זיינען אויך ביי אונדז אין דער פּרעסע אַרויסגעשטעלט געוואָרן פאָדע־רונגען איינצואָרדענען למעה"ש, וואָס גיכער אַן „אייגענעם" קולטור־קאָנגרעס אין גלות דייטשלאַנד: אַז קאָנגרעסן — זאָל זיין קאָנגרעסן!

האָבנדיק די בעסטע באַציונג צום וועלט־קאָנגרעס פאַר יידישער קולטור, וואָס דאַרף פאָרקומען היי־יאָר אין ניו־יאָרק, ווילט זיך פונדעסט־

וועגן ברענגען צום אויסדרוק אַ ריי געדאַנקען, רעפלעקסן און אסאציאַציעס — אַרויסגערופענע דורך דעם קולטור־קאָנגרעסישן הויך־סעזאָן.

און באמת, מאַכט אונדזער קולטור־געזעלשאַפטלעך לעבן, וואָס איז פול מיט דרשות, רעדעס, אַרטיקלען און קאָנגרעסן וועגן קולטור — אַ גאַנץ נעבעכדיקן איינדרוק, עס דערמאָנט יענעם שכור, וואָס טרייסט זיך מיט רעדן וועגן בראָנפן, ווען קיין בראָנפן איז נישטאָ.

מיר מוזן דאָך געדענקען, אַז נאַציאָנאַלע קולטור שאַפט זיך נישט און אַנטוויקלט זיך נישט מיט שיינע רעזאָלוציעס און פרומע רעדעס אויף קאָנפערענצן. — נאַציאָנאַלע קולטור ביי יעדן פאָלק הייבט זיך אָן מיטן לשון פון דער מאַמע, וואָס דאָס קינד זויגט איין ווי מילך פון דער מוטערס ברוסט. נאַציאָנאַלע קולטור אין דער פאָלקס־שפּראַך ווערט געגרונטפעסטיקט אין שול, ווו דאָס קינד באַקומט אַלע געהעריקע לימודים אין זיין מוטער־שפּראַך; די פאָלקס־קולטור אַנטוויקלט זיך, וואַקסט אָן מיט נאַטירלעכע גייסט־פּראָצעסן, דור נאָך דור, ווי רייכע פלאָסטן אין ערד־שויס, זי — די פאָלקס־קולטור אין דער פאָלקס־שפּראַך באַקומט קאָלאָריט, לעבן און אָריגינעלן חן דורך דעם בצבורדיקן זשעני פון דעם פאָלקס־גייסט, וואָס דריקט זיך אויס אין דער שפּראַכלעך־מאָנאָליטישער אייגנהייט.

די פאָלקס־שפּראַך ביי אַנדערע אומהס איז אַ געשאַפּענער און גלייכצייטיק שאַפנדיקער וווּנדער־כוח, אַן אלגעמיין־נאַציאָנאַלע גייסטיקע אַקציען־געזעלשאַפט, אין וועלכער עס איז נישט קלאָר ווער ס'האָט אין איר אַ גרעסערן „פּאַי", דער פויער אויפן פעלד, צי דער פּראָפעסאָר אויף דער קאַטעדרע; דער פילאָלאָג און פאָלקלאָריסט איז נאָר אַ דערגענצונג צום טראַמוויי־קאָנדוקטאָר, וואָס ווילט די פּאַסאַזשירן; דער ראָמאַניסט, פּאָעט איז אַ קולטור־רעזומירנדיקער סך־הכל פון פול־בלוטיקן לעבנס־שטייגער, נאַטירלעכן און קולטווּוירטן נוסח פון זיין פאָלק.

ביי אַנדערע פעלקער, וואָס זיינען פון אייביק אָן „שכור" מיט זייער „אקעוויט", וואָלט געוועזן מאָדנע צו הערן, אַז מען דאַרף גרינדן אַ געזעלשאַפט „פריינט פון דער פאָלקס־שול", פריינט פון דער אייגענער פאָלקס־שפּראַך; ס'וואָלט געוועזן מאָדנע צו הערן וועגן פּראָפּאַגאַנדע־אַקציעס צו רעדן די אייגענע נאַציאָנאַלע שפּראַך, צו פאַרשפּרייטן ביכער, זשורנאַלן

אאַ״ו. דאָס וואָלט נישט מעגלעך געווען פּשוט דערפֿאַר, וואָס זי, די שפּראַך איז אַ הי הנושא את עצמו און איז די קולטור־אַטמאָספֿערע, אין וועלכער ס׳אַנטשטייען, געדייען און אַנטוויקלען זיך אַלע נאַציאָנאַלע גייסט־דערגרייכונגען.

און ביי אונז?

...אַ בונטער מישמאַש פֿון שפּראַכן און דיאַלעקטן, לעבנס־נוסחאות און לאַנד־קאָלאָריטן, אומצייליק זיינען די „קולטור־גערטנער״, וואָס מיר האָבן אין אונדזער אייגענער פּאַרוואָרלאָזטקייט און אומעט. אויך אין די „גוטע צייטן״, זיינען די פֿאַרשידענע קולטור־צווייגן באַשיידן געבליבן נאָר ביי אַ באַגרענעצטן קרייז פֿון יידיש־וועלטלעכע קולטור־אָנהענגער.

ס׳דערמאָנען זיך די ווערטער פֿון אומגעקומענעם פּאָעט ישראל ראַבאָן, געשריבענע פֿאַרן חורבן: ...אָט איז „ייוואָ״ אַ פֿאָלק אָן פֿאָלקס־שול, אָן טעאַטער, אָן פֿאַרלאַגס־וועזן, בויט אויף קודם כל אַן אוניווערסיטעט, אַ מוזעאום. מען הויבט אָן בויען דעם דאַך. די אונטערשטע שטאָקן וועלן קומען שפּעטער. ווען? ווער ווייס?״

ס׳איז זיך אַליין געענאַרט ווען די, וואָס שרייען ביי אונדז: גיט אַ קאָנ־גרעס לאָמיר ראַטעווען די קולטור. נישט מיט רעש און צו גאָרנישט־פֿאַרפֿליכטנדיקע „ספּיטשן״ וועט מען פֿאַרהינדערן דאָס אַסימילירטע־וואַסער וואָס שטראָמט אַריין דורך אַלע לעכער אין אונדזער פֿאָלקס־שיף.

מיר מוזן דעם גאַנצן ענין נעמען ערנסטער, אינדיווידועל־פּאַרטיפּטער. מיר מוזן דעם ענין יידיש־קולטור נעמען, ווי אַ נאַציאָנאַלן חוב. מיר מוזן אָנהייבן, יעדער איינציקער יידיש־וועלטלעכער מענטש, פֿון זיך, אין אַן אינטימער, נפשי־קשורה־בנפשו־באַציונג.

די יידישע שפּראַך דאַרף ווערן אַן אַלגעמיין־פֿאַרפֿליכטנדיקער נאַצי־אָנאַל־קולטורעלער פֿאַקטאָר ביי יידן אין די גלות־לענדער. ס׳מוז אנגעהויבן ווערן פֿון קינדער־צימער, פֿון שול, וואַרשטאַט, קלוב און טעאַטער. ס׳מוז אָנגעהויבן ווערן פֿון דער יידישער פּרוי, וואָס אנערקענט נאָך אַלץ נישט יידיש, דע פֿאַקטאָ. ס׳מוז, ס׳מוז...

און דערווייל —

די יידישע קולטור אין לאָנדאָן, באַשטייט אין אַן אָרעמען זשורנאַל,

אָדער פון אַ פּאָר צענטליק ייִדיש־מאָהיקאַנער אַלטע פאָלקס־מענטשן, עמך־ווייבער, וואָס באַזוכן די קולטור־שבתים, געפירט דורך דעם ייִדיש־פאַנאַטיקער א. נ. שטענצל — אַ בילד — גלייכצייטיק רירנדיק און מיזע־ראבל, פיין און שאַרף געשילדערט פון ה. לייוויק. אַ ייִדיש־צאַנקעניש אין הונדערט טויזנט קעפּיקן וועלט־כּרך, לאָנדאָן.

אין לאָדזש, איינער פון די גרעסטע ייִדישע קבוצים אין דער וועלט, פאַרן קריג, רופט מען קאָנפערענצן, נאָך קאָנפערענצן, כּדי צו שאַפן אַ געזעלשאַפט „פריינט פון דער ייִדישער שול", בכדי צו שיקן אַ פּאָר הונדערט קינדער אין אַ ייִדישער שול.

אין מינכען, דער דרומדיקער הויפּט־שטאָט פון דער מדינה הנידחת, פּוסטעווען צוויי קליינע ייִדישע ביבליאָטעקן, וואָס ווערן מיט דער גרעס־טער מי קאָמפּלעטירט מיט ייִדישע ביכער, געפירט דורך ראָזענבערגס־וואַנדאַלן־שטאַב אין גאַנץ אייראָפּע, אין דעם 6 טויזנט־קעפּיקן „ייִדישן" מינכען, קען פּאַסירן, אַז אויף אַן אָוונט לכּבוד אַ טאַלאַנטירטן שריפט־שטעלער, וואָס האָט דאָ אַרויסגעגעבן אַ בוך נאָוועלן, אַז דאָ זאָלן אויף אַזאַ אָוונט קומען גאַנצע אַכט פּערזאָן! קען פּאַסירן אַז... אַאַז"וו, אַאַז"וו. ס'איז, נאַטירלעך, שוין איבעריק צו רעדן וועגן אַמעריקע, וווּ מיט יעדן פרישן ייִדישן בר מינן ווערט מינוס אַ ייִדישער לייענער; וועגן אַמעריקע — וווּ דער עלטערער דור „חובבי שפת ייִדיש" שטייט אַ רעזיגנירט־פאַרקלעמטער ביי די רווישיקע, אַלרייטנע וואַסערן פון אַמעריקאַניזם — אַ רעזיגנירט־פאַרקלעמטער און עלעגישער.

ניין, נישט קיין קאָנגרעס פון קולטור, נאָר אַ קולטור פון קאָנגרעסן ווערט ביי אונדז געפּראַוועט.

אויך דאָ, ווי אין פיל אַנדערע געביטן פון מענטשלעכן לעבן הערשט דער אויבערפלעכער ליאַרעם, דער קוואַזי־פּאַטאָס, דער קולטור־שכנא, וואָס „קולטורעוועט" — מען זאָל מיינען, אַז ס'איז דאָ קולטור.

אויך דאָ, אין דעם דריטן לויט דער ריי, פון דער מעכטיקער דריי־איינ־קייט: פאָלק, לאַנד, קולטור — אויך דאָ הערשט אַלמעכטיק דער דיקטאַטאָר פון מיסטיפיקאַציע — דער „קאַנווענציאָנעלער ליגן". גוואַלד, אַ קאָנגרעס

און אָבער אַ קאָנגרעס. אַ קאָנגרעס אין ניו־יאָרק, אין פּאַריז, רוים און אין דער שטאָט פון „אוידיטאָריע פון אַכט" — מינכען...

אַ קאָנגרעס — אַ „תשליך" ביים רעדעס־ים, ווו מען וואַרפט אַריין די זינד פון געוויסן...

נישט אין קאָנפערענצן און קאָנגרעסן־רעש, וועט אויפשטיין צו אַ תחיה אונזער יידיש אין גלות, נאָר אין קול דממה דקה פון חשבון־הנפש, פון קולטור־עול, פון יידישער קולטור־רעליגיע, וואָס זאָל שאַפן אַ מאָראַ־לישע דיסציפלין פון שפּראַך און קולטור־נוסח!

*

זיינען מיר קעגן וועלט־קאָנגרעס פאַר יידישער קולטור? ניין.

דער בלויזער ווילן און גרייטקייט גובר צו זיין די טעכנישע שוועריקייטן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט אַזאַ קבוץ־גלויות, איז שוין אַ פּאָזיטיווער פאַקטאָר, וואָס דאַרף אונטערשטיצט ווערן. דער פּועל־יוצא פון דעם געזאָגטן איז נאָר:

אַ) אַנצווייזן די נישט־עפעקטיווקייט און ממשותלאָזיקייט פון סתם „קולטור־"־האוועניישן און „קאָנגרעס"־יאַרידן, וואָס ווערן אָפט געפּראַוועט און האָבן אַלס רעזולטאַט נאָר אויסן איבערפאָרן זיך און רעדן: בגפו יבוא — בגפו יצא;

ב) רופן די אָנהענגער פון יידישער קולטור, צו אַ חשבון נפש און איינצוזען אַז ס'איז נישט גענוג צו האָבן צו יידישער קולטור אַ פּראָטעזשי־רנדיקע באַציִונג, ווי צו אַן אָרעמען קרוב, נאָר אַ באַציונג, ווי צו אַ מאַמע, וואָס איז מחייב: ליבע, פליכט, צוגעבונדנקייט.

(„באַפרייאונג", מינכען, 1949)

פון דאָ און דאָרט

(ליטעראַרישע באַמערקונגען)

אין אַמעריקע, איז אין יאָר 1946 דערשינען אַ זאַמלונג פון יידישע עסייען צונויפגעשטעלט פון שלמה ביקל — אַ יידישער שרייבער פון רומעניע. עס איז אין אַלגעמיין אַ גוטער אויפטו צונויפשטעלן אַ מין עסייִשע אַנטאָלאָגיע, ווו ס'זיינען באַטייליקט דער רוב יידישע עסייִסטן.

ווי ס'טרעפט אָפטמאָל מיט גוטע כוונות און אפילו מיט גוטע אויפטוען, זיינען אויך דאָ אין דעם צונויפשטעלן די אַנטאָלאָגיע אַ ביסל חסרונות — און דאָס נישט בלויז פאָרמעלע — גאָר אויך מעריטאָרישע. כנהוג בעולם, דאַרפן אין אַזעלכע זאַמלונגען זיין פאַרטרעטן קודם כל די וואָגיקסטע און אייגנאַרטיקסטע שעפער פון דעם געגעבענעם זשאַנער, און דאַן — ערשט די ווייניקער וויכטיקע.

אין ביקלס זאַמלונג זיינען אָבער אַריין אַ צאָל אַרבעטן, וואָס ס'איז מערסטנס ספּקדיק, צי זיי קענען איבערהויפּט אָנגערופן ווערן עסייען. ביים באַשטימען צי דאָס אָדער אַנדער גוט אָנגעשריבן אַרטיקל איז עסיי, דעצידירט נישט די טעמע, נאָר די מיטלען מיט וועלכע די געגעבענע אַרבעט איז געשאַפן. מען קען, למשל, אָנשרייבן אַ גלענצנדיקן עסיי וועגן אַ באַנאַליטעט, דאַקעגן קען אַן אַרבעט, וואָס איר טעמע איז „עסיי" — זיין באַנאַל.

ווי געזאָגט, געפינען זיך טאַקע אין דער אַנטאָלאָגיע פון ביקל אַ ריי אַרבעטן אויף וויכטיקע טעמעס, אָבער צו דער פּאָעטיש־פילאָסאָפישער שאַפונג „עסיי" — קומען זיי נישט. דאַקעגן פעלן אין דער זאַמלונג עסייען פון מאַנכע אייגנאַרטיקע און וואָגיקע שעפער פון אָט דער פאָרם, למשל, ש. גאָרעליק, ישראל שטערן, ישראל ראַבאָן א"א.

איז טאַקע גערעכט ש. ניגער, שרייבנדיק בשייכות מיטן נישט אַריינ־

נעמען פון זעלטענעם עסייִסט ש. גאָרעליק אין דער יידישער עסיי״:
(„טאָג״, 14 סעפטעמבער, ה״י).

„פון ש. ביקלס אַנטאָלאָגיע „די יידישע עסיי״ קען מען אפשר קיין ראיה נישט ברענגען. דאָרט פעלן מוסטערן אויך פון אַנדערע, נאָך וויכטיקערע יידישע עסייִסטן — אויב מען זאָל צו דעם דאָזיקן סוג שרייבערס צורעכענען אַזעלכע — און אַזויפיל — פאַרשיידענע סאָרטן זשורנאַליסטן, פּובליציסטן, קריטיקערס, וואָס זייערע אַרטיקלען זיינען אין דער דאָזיקער אַנטאָלאָגיע יאָ אַריינגענומען געוואָרן. אין איר פעלט אפילו אַ. ליעסין! און נישט נאָר ליעסין דער פּובליציסט, אויך ליעסין דער שרייבער פון די פּרעכטיקע פּאָליהיסטאָרישע און מעמואַריסטישע עסייען! דאַרף מען זיך דעריבער אפשר נישט וווּנדערן, וואָס די לעזער פון „די יידישע עסיי״ איז נישט געגעבן געוואָרן קיין איין מוסטער פון ש. גאָרע־ליקס טיפּיש־עסייִסטישן פאַרברענגען מיטן עולם — און מיט זיך אַליין״.

(„לאַנדסבערגער לאַגער־צייטונג״, 1948)

פון נאָנט און ווייט

אין דער ליטעראַרישער משפּחה פון דער ש״ה אין דייטשלאַנד איז פאַראַן אַ שטיקל ברוגזא פאַרוואונדערונג אויף די יידישע „קולטור־מע־טראָפּאָליטן״, פאַר זייער אויפפאַלנדיק פאַרשווייגן די ליטעראַרישע און קינסטלערישע דערגרייכונגען פון די היגע שרייבער.

שווער אַנצונעמען, אַז די „פאַרשווערונג״ פון שווייגן פון דער יידישער „וועלט״ לגבי אונדזערע קונסט־ און קולטור־דערגרייכונגען און זייערע שעפער — זאָל זיין אַ רעזולטאַט פון דער קוואַליטאַטיווקייט פון אונדזערע קולטורעלע און קינסטלערישע לייסטונגען. קודם־כל, פאַרשטייען מיר דאָך דעם באַגריף „שארית הפליטה״ נישט בלויז אין קוואַנטיטאַטיוון זין: ס׳פעלן אונדז אַזעלכע טיף־פאַרצוויקעטע דיכטער, ווי ישראל שטערן און פאַרביקע וויזיע־שעפער, ווולקאַנישע פאָלעמיקער ווי ישראל ראַבאָן; ס׳פעלן אונדז פּאָעטן ווי קולבאַק און לערער; קולטור־אַנגעזאָפּטע און גייסט־שפּרודלנדיקע שרייבער ווי נ. פּרילוצקי, מ. בורשטין און פיל אַנדערע. עס וואָלט אָבער געווען אַ גוזמא, צו באַהויפּטן, אַז אונדזערע קולטור־שעפערישע דערגרייכונגען זיינען אַזעלכע מיזעראַבלע, וואָס ס׳איז נישט כדאי זיי צו דערמאַנען.

דאָס, וואָס באַוועגט מיך איצט צו באַרירן דעם ענין איז, אַ קריטיק פון דער ליטעראַרישער ש״ה אין דייטשלאַנד און אירע שאַפונגען, וואָס איז לעצטנס פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין אַמעריקאַנער „טאָג״ פון אַ באַקאַנטן שרייבער ד״ר שלמה ביקל, וועלכער האָט אַדורכגעבראָכן די ליטעראַרישע „בלאָקאַדע״ פון דער ש״ה מיט אַן אַרטיקל וועגן דריי היגע ליטעראַרישע אויסגאַבעס: דעם זשורנאַל „פון לעצטן חורבן״, דאָס זכרונות־בוך „פּאָד־ליאַשע און אומקום״ פון י. מ. פייגענבוים און דעם ליטעראַרישן זשורנאַל „שריפטן״.

ביים בעסטן ווילן מוזן מיר פעסטשטעלן, אַז דעם חשובן דאָקטאָרס אַרטיקל איז אַ מין פּובליציסטישע ספּק־רעצענזיע און ספק־ביבליאָגראַפישע נאָטיץ. צו ווייניק אַלס דאָס ערשטע און „צו פיל" אַלס דאָס לעצטע. און באמת: וואָס פאַר אַ קריטישן איבערבליק קען דער יידישער לעזער אין אַמעריקע באַקומען וועגן יידישע ליטעראַרישע אויסגאַבעס אין דייטשלאַנד — פון אַ 60 שורותדיקער רעצענזיע, אין וועלכער די „פּערסאָנאַליען" פונעם ווערק פאַרנעמען אַ קאַרגע העלפט.

מיר וועלן שוין נישט רעדן דערפון, וואָס ד"ר ביקל פּאַקט אַריין די ערשטע צוויי היסטאָרישע אויסגאַבעס אין אַ זאַק פון פאַרנעפּלטע און פון יוצא וועגן, לעבלעכע באַטראַכטונגען און אויספירן, וואָס דערמאָנען די „ווערטער־אַנאַליזן", ווען מען האָט נישט וואָס צו זאָגן. מיר וועלן זיך בלויז באַגנוגענען מיט דער „אָפּשאַצונג" פון די „שריפטן". אַ זשורנאַל אין וועלכן ס'זיינען פאַרטראָטן כמעט אַלע היגע שרייבער — עלטערע און אָנפאַנגער — האָבן די „שריפטן" זיכער פאַרדינט אַ זאַכלעכע און ערנסטע אָפּשאַצונג. נעמענדיק אין באַטראַכט דעם פאַקט, וואָס אינעם זשורנאַל נעמען אָנטייל, ווי געזאָגט, אויך אָנפאַנגער (מאַנכע מיט ניצוצות פון טאַלאַנט), — איז אַזאַ באַלערנדיקע אָפּשאַצונג פאַר אַ יונגן ש"ה־שרייבער, וואָס איז סביבהלאָז אין זין פון ליטעראַרישע אויטאָריטעטן — ממש אַ קולטורעלע און חברישע מצווה.

ליידער... אין ד"ר ביקלס אָפּהאַנדלונג וועגן די „שריפטן" וואָס אַנטהאַלטן אַ 60 „טאָג"־שורות, פאַרנעמען די „פּאַספּאָרט־און „דאַטעס"־ידיעות (נעמען פון רעדאַקטאָרן, אַרויסגעבער, באַטייליקער א.אַ.וו.) — אַ 20 שורות. דאָס איבעריקע באַשטייט פון אַזעלכע „קריטיק אַנאַליזן":

„...די שריפטשטעלער, וואָס באַטייליקן זיך אין דעם זאַמלבוך, זיינען, פאַרשטייט זיך, נישט פון איין און דער זעלבער מדרגה. מען האָט בפירוש דאָס געפיל, אַז עס זיינען פאַראַן דאָרט זאַכן, וואָס האָבן געמעגט בלייבן אומגעדרוקט און דער ניווּאָ בכלל איז נישט קיין הויכער אפילו דעמאָלט, ווען עס איז פאַראַן אַ טענדענץ זיך אינטעלעקטועל אָנצושטרענגען און אַריבערצושרייען...

מיר איז פון דער פּראָזע אין די שריפטן אויפגעפאַלן מ. א. כוכבס

„דער באָבעס געוועלב". עס איז אַ טעמע, וואָס מען פלעגט באַגעגענען ביי דעם דערציילער שמעון האָראָנטשיק. עס איז אַ טעמע, וואָס אָטעמט מיט בראַשותדיקע געפילן פון האַס און קנאה און עס קוקן פון איר אַרויס געשטאַלטן ווי געגאָסן פון בראָנז. ביי אַזעלכע טעמעס פון ווארן לעבן נויטיקן זיך די געשטאַלטן ווייניק וואָס אין שרייבערס הילף. זיי זיינען פון לכתחילה דאָ און בעטן זיך ביים שרייבער, ער זאָל זיי נאָר נישט קאַליע מאַכן מיט ליטעראַרישער אָרנאַמענטיק".

ס'ווילט זיך פרעגן דעם חשובן ד"ר ביקל: „מה קה משמע לן?" וואָס איז דאָס געזאָגט ממשותדיקס וועגן די „שריפטן", אַז „די שריפטשטעלער, וואָס באַטייליקן זיך אינעם זאַמלבוך, זיינען, פאַרשטייט זיך, נישט פון איין און דער זעלבער מדרגה"? און צי זיינען בלויז אין די „שריפטן" — „די שריפטשטעלער נישט פון איין און דערזעלבער מדרגה"?

און צי זיינען די „שריפטן" דער איינציקער ליטעראַרישער זשורנאַל, אין וועלכן ס'זיינען פאַראַן זאַכן, וואָס האָבן געמעגט בלייבן אומגעדרוקט און דער גיווּאָ בכלל (וועמענס? — י. ג.) איז נישט קיין הויכער"?

דעם „הויכפונקט" דערגרייכט אָט די „זעלטזאַמע רעצענזיע" אין דער באַהאַנדלונג פון מ. א. כוכבס נאָוועלע „דער באבעס געוועלב". יאָגנדיק זיך נאָך אומבאַנאַלע אויסדרוקן און געדאַנקען, דערגרייכן דאָס מאַנכע שרייבער — אָבער זיי פאַרלירן דערביי דאָס וויכטיקסטע — דעם זין און שכל הישרדיקייט פון דער אַרויסגעזאָגטער מיינונג. אַזעלכעס האָט פּאַסירט אין דער קריטיק וועגן כוכבס „דער באבעס געוועלב". לויט ד"ר ביקל קומט אויס, אַז די „באבע" פון „געוועלב" איז אַליין אַריינגעקומען אין כוכבס נאָוועלע, ווי אַ געשטאַלט פון בראָנז, נישט נייטיקנדיק זיך אין זיין, דעם שרייבערס, הילף. זי בעט זיך נאָר, הייסט עס, ביי כוכבן אַז ער זאָל זי נישט „קאַליע מאַכן מיט זיין ליטעראַרישער אָרנאַמענטיק". איז דאָס אַ זאַכלעכע אָפּשאַצונג פון אַן אייגנאַרטיקער און זאַפטיקער נאָוועלע פון אַ יונגן, אומ־באַקאַנטן שרייבער, וואָס באַווייזט, אַ כישוף, „אָן זיין אייגענער הילף" אַריינצופירן אין אַ זשורנאַל געשטאַלטן ווי געגאָסן פון בראָנז?

ס'איז ממש צו באַדויערן, וואָס אַ יידישער שרייבער, פאַרנעמט זיך אויף אַזעלכע „הויכן", פון וואַנען אַלץ זעט אים אויס פיגמייע־אַרטיק.

יאָ, זאָל אונדז ד״ר ביקל מוחל זיין, ווען מיר וועלן לגבי זיין מאָדנער ספק־רעצענזיע באַנוצן זיין אייגענע באַצייכענונג, אַ ביסל פּאַראַפראַזירט:

„מען האָט בפירוש דעם איינדרוק, אַז די „זאַך״ האָט געמעגט בלייבן אומגעדרוקט און דער ניוואָ בכלל, פון זיין „קריטיק״, איז נישט קיין הויכער, אַפילו דעמאָלט ווען ס׳איז פאַראַן אַ טענדענץ זיך אינטעלעקטועל אָנצושטרענגען און אַריבערצושרייען מיט אָריגינאַליזמען...״.

(„באַפרייאונג״, מינכען, 1948)

ניואַנסן און וואַריאַציעס
אַפאָריזמען

קונסט איז די רעליגיע פון שיינקייט.

*

„געלט איז קיילעכדיק״: דעריבער קייקלט עס זיך **צום נידריקסטן.**

*

„אַ פּנים איז אַ מסור״; אַמאָל איז עס — אַ פּראָוואָקאַטאָר: עס פאַרפירט.

*

די מיטלען הייליקן דעם ציל.

*

רעוואָלוציעס — אַן „אָדער־לאָזן״ אויף סאָציאַלע אָרגאַניז־מען וואָס ליידן פון אַרטעריע־סקלעראָזיס.

*

אויף אַ לינק־פרומען כל־בו־זשורנאַליסט: ער דאַוונט אין אַ רויטער יאַרמולקע.

*

מאמראָלאָגיע פון אַ ליטעראַרישן „פּיליבוסטער״: אינטע־לעקטועלע קיי־גומי.

*

דער וויסנשאַפטלער לערנט דאָס לעבן; דער חכם לעבט דאָס לערנען.

*

אַ יידישער שרייבער איז אַ בעל־מדרגה — ער איז עוסק אין יידיש לשמה.

*

סעקטעס — אינשורענס־קאָמפּאַניס פון עולם הבא.

*

הינדואיזם: די וועלט אַ קאָסמישע קאַטאָרגע; דער מין האנושי — באַשטראָפטע רעצידיוויסטן.

*

אויך אין ליטעראַרישן הימל זיינען מאַנכע שטערן וואָס שיינען צו זיין די העלסטע און גרעסטע — אין דער ווירקלעכקייט גאָר פון אַ קלענערער מדרגה; בלויז זייער נאָענטקייט צו אונדז מאַכט זיי אַזוי דערשיינען.

*

דער שטן רעגירט, און די וויסנשאַפט, זיין דינערין, איז אַ חכם להרע: צי קאָן די מענטשהייט לעבן אין אַזאַ אַטאָמאָספערע?

*

קאַפקאַס סטיל: אַ „קאָקטייל" פון רבה בר בר חנא, תוס־פות, זיגמונד פרויד און עדגאַר פּאָו.

זיין פילאָסאָפישער לייטמאָטיוו: דער באַשעפער שפּילט מיט די באַשעפענע אין „בלינדע באַבע".

זיין לאַנדשאַפט: הר עיבל, דער גריכישער „טאַרטאַרוס", אין דער פאָרם אַ מאָדערנער גרויסשטאָט.

*

טאָלסטאָיס גרעאַנגל:

ער האָט געוואָלט רעפאָרמירן דעם מענטש, ווי אַ באַלע־באָסטע וואָס שניידט אַוועק די פוילע טיילן פון אַן עפּל. ער האָט אַוועקגעשניטן: רעגירונג, קירכע, קולטור, קונסט, תאווה, געלט — די ציוויליזאַציע. אָבער זיין שאַרפער חוש האָט דער־שפּירט, אַז דער „עפּל" „הערט זיך" נאָך אַלץ; דער סאַמע קערן — דאָס האַרץ — איז ווערעמדיק. האָט ער אַוועקגעוואָרפן דעם **גאַנצן** עפּל: אָנטלאָפן שטאַרבן.

אַ שרייבנדיקער „פיליבוסטער"

זיינע ביכער זענען אין אַ קריטישן מצב:
ס'זאָל זיך אויף זיי מרחם־זיין דער קצב,
ווייל נישט דראָט זיי אַן ערגערער טויט —
קבורה אויפן ליטעראַרישן „הינטערן פלויט".

וואָגיק זענען זיינע שריפטן, אַלע צעזאַמען,
ווען מ'וועגט זיי אויף פונטן, קילאָגראַמען —
אויף דער וואָג פון גייסט וועגן זיי קיין האָר נישט,
ווייל ,איקס' מאָל נול איז — גאָרנישט...

אמת, נוצלעך איז פאַרט אונדזער שרייבנדיקער „פיליבוסטער":
פון נישט קאָנען שרייבן — אַ לעבעדיקער מוסטער;
און ווען ס'זאָגט דער חכם: „אין קץ לדברי הרוח" —
מיינט ער אים, דעם גייענדיקן ליטעראַטור־לוח...

לעולם איז אויך אַ לוח גאָר נוצלעך,
ווייל ר'איז באַשיידן, קלאָר, לאַקאָניש,
וואָס נישט דער פאַל איז מיט אונדזער לא־יצלח,
וואָס קרייעט אויפן ליטעראַטור־בוידעם האָניש...

וואָלט ער זיך באַגנוגנט מיט זיין אַ שמש,
אַ יאָרצייט־דערמאָנער אין אונדזער יידיש־קלויז,
וואָלט נאָך געהאַט אַ זין און אַ ממש
די עבודה פון רעגיסטרירן בלויז.

מאַכט ער אָבער מאָנאָטאָנעגראַפּיעס פון די קאָריפייען,
און קאָרמעט קלוגע לייענערס מיט שטרויענע עס־הייען;
„שעצקע" „אָבראָק" — פון אינהאַלט אויסגעדראָשן —
די בעסטע באַצייכענונג פאַר זיין סטיל, לשון.

זיינע כל כתבי — אַ גענעץ אין פיל המשכים:
„מאַרקיש", „דער נסתר" אָדער „שלום עליכם",
און ווי אַ לאַטוטניק, וואָס לייגט אַלטע לאַטעס,
פאַרדעקט ער זיין דלות מיט בוכהאַלטעריע־דאַטעס.

איז טאַקע אַ רחמנות צו קוקן,
ווי ר'שלעפּט זיך מיט די דאָפּל־קוליעס־אויסדרוקן:
אידייען־געדאַנקען, קאַמף־געראַנגל, „גשם־רעגן",
אויף דער ליטעראַטורס בידנע „וועגן־שטעגן"...

דער „צדיק אין פעלץ"

דעם „צדיק" איז גוט אין זיין זעלבסט־הנאה־פעלץ
גרימט ער און שעלט די רשעות דער וועלטס,
און ס׳איז טאַקע לייכט די רשעים צו שעלטן,
ווען ר׳האָט פאַרן „צדקות" איינגעהאַנדלט ביידע וועלטן.

אָבער, אַז מען טוט טעגלעך ליציטירן אויפן מאַרק
ס׳אייגענע קלומיקל „קדושה", וכדומה בראָכוואַרג,
ווערט שוין די פעדלעריי מיטן אייגנלויב אַ פּראָפעסיע,
און מען דינט צום אוכל־עבודה־זרהלע בפרהסיה.

האָט דער „צדיק" אַ מקורבישע לייבוואַך,
וואָס מאַכט ביולעטינען פון זיין יעדער גרימאַסע, לאַך;
האָט ער אַ דאַבראָוואָלנע פּובליסיטי־קאָמאַנדע,
וואָס גיסט נאָך וואַסער אין זיין ברונעם־פּראָפּאַגאַנדע.

און דער „צדיק"? — ער באַמקעט־צו: „באָם",
און זשויבט ביז חצות אין זיין דביקות־קראָם,
דאַן נעמט ער אַ מאַסאַזש פון חניפה־בוימל,
און נאָך יעדן ניס, בענטשט ער עפּנטלעך „גומל".

קאָן מען, טאַקע, מיטן זעלבן קרומען רעכט,
אים אָנרופן „צדיק" און זיינע ביזנעס — „צדקות",
ווי „צנועה" — אַ מיידל, וואָס גיט די פריזור אַ צעפּלעכט,
און זשעסטיקולירט מיט די היפּטן, ווייזט די לידקעס...

ווייל: וואָס צר־פּיל – אויף כּפּרות — אויך די פרומקייט,
אייביק פאַראַדירן מיטן יושר־פּעלץ — אַ קרומקייט,
און ס׳איז, במחילה, די „קדושה״ — אַ הוילע לעגענדע,
ווען איינער נעמט זי, אינגאַנצן, אין אַרענדע.

רייזע־באשרייבונגען

אַ באַזוך אין טאָראָס שטוב

די 6 ניו אינגלענד סטעיטס — מעין, ווערמאָנט, ניו־העמשיר, מאַ־סאַטשוזעטס, ראָוד איילענד און קאָנעטיקאָט — וואָלטן געקאָנט באַצייכנט ווערן, אין געשיכטלעכן זין, אַלס „דהי סיווילאַיזד איסט״ אין קעגנזאַץ צו „דהי וואַילד וועסט״.

אין די סטעיטס, באַזונדערס אין מאַסאַטשוזעטס איז איבערגעפלאַנצט געוואָרן די קולטור פון אַלטן ענגלאַנד און פון אייראָפּע אין אַלגעמיין.

אַ באַזוך אין די געגנטן איז באַלוינענדיק מיט פּרעכטיקע פּייסאַזשן און היסטאָרישע רעליקוויעס, און באַזונדערס מיט ליטעראַרישע „לענד־מאַרקס״ פון די גרויסע גייסטער, וואָס זיינען געווען אַ פּראָדוקט פון די געגנטן און גלייכצייטיק געגעבן זייער חותם צו ניו־אינגלענד.

עס איז גענוג צו דערמאָנען בלויז 6 רעפּרעזענטאַנטן פון דעם ציווי־ליזירטן מזרח, וואָס זיינען דאָרט געבוירן געוואָרן און די מערסטע פון וועלכע האָבן דאָרט געלעבט און געשאַפן — ראַלף וואַלדא עמערסאָן, נאַטאַניעל האָדהאָרן, דזשאָן גרינליף וויטיער, הענרי וואַדסוואָירט לאָנג־פעלאָו, וויליאַם קאַלען ברייענט און הענרי דעיווידד טאָראָ.

באַזונדערס איינדרוקספול איז אַ באַזוך אין דעם „פּאַלאַץ״ פון הענרי דעיוויד טאָראָ, דעם גרויסן אַמעריקאַנער דיכטער־פילאָסאָף און עסייִסט, דעם מחבר פון „וואַלדן״ „סיוויל דיזאָבידיענס״ און אַנדערע ווערק.

טאָראָ איז געבוירן געוואָרן אין קאָנקאָרד, מאַסאַטשוזעטס, אין 1817. נאָכן גראַדואירן אין 1837 פון הארווארד־אוניווערסיטעט, האָט ער זיך פאַרנומען מיט פאַרשידענע באַשעפטיקונגען : אַלס שוואַרץ־אַרבעטער, לאַנד־אויפזעער, רעדנער און אזוי ווייטער. אין 1845 האָט ער זיך אויפגעבויט אַ הייזקע אין אַ וואַלד נעבן דעם „וואָלדן־פּאָנד״, אַרום 1 מייל פון קאָנקאָרד, און דאָרט געלעבט אין פאַרלויף פון איבער 2 יאָר. אין דער צייט האָט ער געשריבן זיינע בעסטע ווערק און אין רעזולטאַט פון דעם „וווּינ־

עקספּערימענט" האָבן מיר דאָס בוך „וואָלדן" — איינס פון די שענסטע און אייגנאַרטיקסטע ליטעראַטור־שאַפונגען.

טאָראָס „פּאַלאַץ" באַשטייט פון אַ גרויסער קופּע שטיינער אויפן אָרט, ווו זיין הייזקע איז געשטאַנען. דער פּלאַץ איז אַרומגענומען מיט אַן אייזערנער פּאַרצוימונג. אין פראָנט — אַן אָנדענק־שטיין, ווו ס'ווערט דערמאָנט, אַז דער פּלאַץ פון טאָראָס הייזקע איז אַנטדעקט געוואָרן דעם 11טן נאָוועמבער 1945 דורך ראָסלאַנד וועלס ראַבינס. אינעווייניק, נעבן דער שטיינער־פּיראַמידע, אַ פּלאַטע מיט דער אויפשריפט:

„בעניט דהיז סטאָונס לאיס דהי טשימני פונדאמענט אָוו טאָראָס קעבין (1845—1847), גאָו דהאָו מאַי אינסענס אפּוואָרד פראָם דהיס טשימני".

אויף אַ דערנעבנדיקער שטיינערנער פּלאַטע איז אויסגעקריצט: „סאַיט אָוו ווּוד שעד".(פּלאַץ פון דעם האָלצקאַמער.)

דאָס אַלץ?

פאַראַן אָבער פיל סימבאָלישעס און שטאַרק־רירנדיקעס אין דעם שטיין־מאָנומענט, אין דעם עטערישן הויך פון די טאָראָ־רעליקוויעס אינמיטן דער לאַנדשאַפט פון וואַלד און פון וואָלדן־סטאַוו, וואָס דער גרויסער שרייבער און פערזענלעכקייט האָט פאַראייביקט.

נישט ווייט פון דעם אָרט, אין דעם שטעטל קאָנקאָרד, געפינט זיך די ווילליע ווו עמערסאָן האָט געוווינט, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מוזיי. אינעווייניק — די רחבות פון אַן איינגעפונדעוועטן דאָרפישן פריץ און די קעגנשטאַנדן פון אַ קולטור־מענטש און שריפטשטעלער: ביכער־שאַפעס, בילדער און אַזוי ווייטער. עטלעכע מייל פון דאַ, אין באָסטאָן, געפינט זיך דאָס רייכע לאָנגפעלאָר־הויז, וואָס איז אַן אַטראַקציע פאַר טוריסטן.

טאָראָס „מוזיי" מאַכט אַ שטאַרקערן איינדרוק גראָד צוליב דעם פעלן פון אַלעם מאַטעריעלן, און דעם אַקצענט אויפן גייסטיקן און אידעאַלן, וואָס האָט באַצייכנט זיין גאַנץ לעבן און שאַפן.

מען דאַרף צוגעבן, אַז די געגנט פון וואָלדן־פּאַנד ווערט געהאַלטן אין דעם גייסט פון דעם גרויסן מענטש, וואָס האָט דאָ געלערנט און געשאַפן. אויף די בוימער, אַרום דעם סטאַוו, זעט מען מעלדונגען פון

דעם וואַלדן פּאַנד סטעיט רעזערוועישאַן קאָמישאַן, וואָס האָט די אויפזיכט אויף דער גאַנצער געגנט.

אויף די מעלדונגען איז אויסגערעכנט אַ גאַנצע ליסטע פון „לא נעשהס״ — וואָס מען טאָר דאָ נישט טאָן, און אויך וואָס ס׳איז דערלויבט. די ליסטע פון נישט־דערלויבטע טעטיקייטן איז גאָר אַ גרויסע, און ווייזט ווי דערפינדעריש מענטשן זיינען אין די פאַרשידענע אופנים פון... דער־הרגענען די צייט און קוילענען די שטילקייט. די וואַלדן־קאָמישאַן פאַרבאָט צו שיטן, אויפרייסן „פייערקרעקערס״ און צענדליקער אַנדערע טעטיקייטן פון וווּלגאַרע און אַפּשטויסנדיקע פאַרוויילונגען מיט וועלכע מענטשן פאַרטרייבן — אָדער פּרוּוון צו פאַרטרייבן — די פוסטקייט אַרום זיך און אין זיך.

כדאי צו דערמאָנען, אַז מיט עטלעכע יאָר צוריק זיינען וועגן דער וואַלדן־געגנט אַנגעגאַנגען גרויסע שטרייטן. קאָמערציעלע קרייזן האָבן געוואָלט דאָרט איינאָרדענען אַ „ריזאָרט־פּלעיס״ מיט אַלע פּיטשעווקעס, מיט די באַגלייט־דערשיינונגען פון „מאַסן־פאַרוויילונגען״ פון ביליקער גרעגעריי פון טראַנזיסטאָר־ראַדיאָס, „האָט־דאָגס״ פּרעסעריי, ליאַרעם און שמוץ; מיט איין וואָרט — וואַלדן־פּאָנד וואָלט געוואָרן פולשטענדיק „פאַלוטעד״ און געשענדעט.

צום גליק זיינען געווען כוחות, וואָס האָבן נישט דערלאָזט צו אַזאַ קאָמערציעלער שעדיקונג פון טאָראָס „ריעל עסטעיט״. און די וואָרנונג פון דער קאָמיסיע ווערט נאָך באַקרעפטיקט דורך ספּעציעלע וואַך־לייט, וואָס פּאַטרולירן אין דער געגנט.

טאָראָ איז געווען אַ גרויסער רעבעל קעגן די קאָנווענציעס און ליגנס פון דער געזעלשאַפט און האָט פייערלעך פּראָקלאַמירט זיין „מערהייט״, וואָס איז לויט אים באַשטאַנען אין זיין מער גערעכט ווי די אַנדערע. אויסער דעם איז ער אויך געווען אַ גרויסער „דאַוונער״ אין דעם טעמפּל פון דער נאַטור. „וואַלדן״ און שטעלן פון זיינע אַנדערע שאַפונגען, באַזונדערס אין זיין טאָגבוך, זיינען עקזאַלטירטע געזאַנגען צו דעם בראשיתדיקן גן־עדן, צו דער פּאַסטאָראַלער לאַנדשאַפט, פון וועלכער דער מענטש טרייבט זיך אַליין אַרויס.

ער דערמאָנט אין זיין טאָגבוך פון אויגוסט 1845, אַז ווען ער איז געווען 5 יאָר אַלט, האָט מען אים צום ערשטן מאָל געבראַכט פון באָסטאָן צו זען דעם וואָלדן־פּאָנד, און ער באַמערקט, אַז די וויזיע פון דער וואָלד־געגנט איז אין פאַרלויף פון אַ לענגערער צייט געווען די קאַנווע פון זיינע חלומות. ער האָט דאָרט דערזען די „זיסע איינזאַמקייט", אין וועלכער ער האָט זיך שוין אַזוי פרי געגנויטיקט.

טאָראָ לעבן און שאַפן זיינען איין גרויסע גאַנצקייט, ווייל ער האָט געהערט צו די זייער זעלטענע גייסטיקע העלדן, קינסטלער, וואָס לעבן־איבער זייער דיכטונג און דיכטן־אויס זייער לעבן. ער איז געווען אַ מענטש פון הויכע ספערן און פון הויכע פּרינציפּן און ער האָט זיך געוווּנדערט ווי אַזוי אַ מענטש קען אַרויסזאָגן אַ מיינונג און זיין צופרידן פון איר. פאַר טאָראָ — און פאַר די זעלטענע קינסטלער פון זיין מין — איז שטענדיק געווען אַ גאָלד־רעזערוואַר פון טאַט, פון פולשטענדיקער ער־לעכקייט און איבערגעבנקייט, הינטער די וואָרט־באַנקנאָטן, וואָס ווערן אַזוי אָפט דעוואַלוּאירט, ווייל הינטער זיי איז נישטאָ קיין דעקונג.

טאָראָ איז געווען אַ מענטש מיט אַ בריליאַנטענעם גייסט און מיט „גאָלדענע הענט", וואָס האָבן זיך געטויגט צו אַלצדינג. ער האָט זיך אָבער געפּלאָגט אין פאַרלויף פון זיין גאַנצן — קורצן — לעבן, ווייל עטישע און עסטעטישע פּרינציפּן זיינען געווען זיינע איינציקע ריכטליניעס. ווען ער האָט גראַדואירט פון דער האַרוואַרד־אוניווערסיטעט, האָט ער אָנגע־נומען אַ פּאָסטן אַלס לערער אין אַ שולע פון קאָנקאָרד. ער האָט אָבער רעזיגנירט אין ערשטן מאָנאַט פון זיין אַרבעט, צוליב זיין קעגנערשאַפט צו שמייסן די שילער.

עמערסאָן, ביי וועמען טאָראָ האָט געוווינט אַ צייט און פאַר וועמען ער פלעגט טאָן פאַרשידענע אַרבעטן, האָט געהאַט אַלס אייגנטום אַ שטיק פּלאַץ נעבן דעם וואָלדן־פּאָנד און ער האָט דערלויבט זיין יונגן פריינט דאָרט אויסצובויען זיין הילצערנע הייזקע. דאָס איז געווען אַ „פּאַלאַץ" פון איין שטוב, וואָס האָט נישט געהאַט קיין פאַרהאַנגען און אויך נישט קיין טיר־שלאָס. ער פלעגט, פון צייט צו צייט, האָבן געסט און פלעגט אויך קומען אויף באַזוך קיין קאָנקאָרד צו די עמערסאָנס.

זיינע טיפֿע און דערהויבענע איבערלעבונגען אין דער וואַלדיקער געגנט נעבן דעם שיינעם „פּאָנד" האָט טאָראָ פֿאַראייביקט אין דעם בוך „וואָלדן", וואָס איז אַ הימן צו דער נאַטור. דאָרט, אין דער געזעלשאַפֿט פֿון דער שטילקייט און ריידנדיקע נאַטור־דערשיינונגען, האָט ער געוועבט זיינע איידעלע מחשבות און טרוימען און האָט געשאַפֿן אויסער „וואָלדן" אויך זיין באַרימטן עסיי, „סיוויל דיזאָבידיענס", וואָס איז דערשינען אין 1849, און האָט שפּעטער באַאיינפֿלוסט גאַנדין, און איז אויך איצט אַ מאָראַ־לישער לייכט־טורעם פֿון פֿרידלעכן ווידערשטאַנד.

טאָראָ האָט נישט געהאַלטן פֿון „תּכלית". אין איין שטעלע אין זיין טאָג־בוך זאָגט ער פּשוט, אַז ער האַלט נישט פֿיל פֿון דער „כעמיסטרי", וואָס קאָן אַרויסציִען קאָרן און קאַרטאָפֿל פֿון אַ וויסטן באָדן, נאָר פֿון דער כעמיע, וואָס קאָן אַרויסציִען געדאַנקען און געפֿילן פֿון אַ מענטשנס לעבן אויף יעדן באָדן.

אין אַ שפּעט־זומערדיקן פֿאַרנאַכט האָב איך זיך צוריקגעקערט פֿון דער מיט זון־באַגילדעטער און מיט דופּטיקע ווינטלעך דורכגעדרונגענער וואַלדן־געגנט. איך האָב געטראַכט וועגן די, וואָס זיינען די נאָבלסטע און אין זייער צייט און אויך שפּעטער, אָבער זיי אַליין מאַטערן זיך. טאָראָ אַליין האָט אָנגעהויבן צו זען די פּרוכט פֿון זיין ליטעראַרישער מי, צוויי יאָר פֿאַר זיין טויט — אין 1862 — ווען ער איז שוין געווען שווער קראַנק און האָט שוין נישט געקאָנט פֿון דעם געניסן.

איך האָב געטראַכט וועגן די „מאָדנע טיפּן", „יוצאי־דופן", „נאָן קאָנפֿאָרמיסטן"... אין אַ זינלאָזער וועלט זיינען גראָד די „טשודאַקעס" — די נאָרמאַלע און געזונטע מענטשן. זיי, די רוסאָס, טאָלסטאָיס, טאָראָס און רעבעלן פֿון זייער גלייכן, זיינען די אמתע פּאַטריאָטן, דער רוקנביין פֿון זייערע לענדער און פֿון גאָר דער וועלט.

הינטערן גלאַנץ פון אייראָפּעאישע פּאַלאַצן

דער רוימישער דיכטער האָראַץ האָט אין איינעם פון זיינע בריוו געשריבן, אַז די וואָס פאָרן איבערן ים ענדערן דעם קלימאַט, אָבער נישט דעם גייסט. איז דאָס אמת, אַז רייזעס ענדערן נישט דעם מענטשנס וועזנטלעכע כאַראַקטער־שטריכן, אָבער זיין בליק אויף דער וועלט ענדערן זיי יאָ.

צו דעם אויספיר בין איך געקומען נאָך אַ רייזע אין אַ צאָל אייראָ־פּעאישע לענדער, ווו כ׳האָב געזען ביידע זייטן פון דער מטבע — די שיינע, לעגענדאַרישע פּאַסאַדע און די ווירקלעכקייט.

אַ באַזוך אין די וועלט־באַרימטע קעניגלעכע פּאַלאַצן פון פראַנקרייך — ווערסאַי, פאָנטענבלאָ און אַנדערע — איז אַ רייזע אין אַ וווּנדערלאַנד. און באמת, די ריזיקע געביידעס, וואָס זיינען געבויט און צוגעבויט געוואָרן אין לויף פון יאָרהונדערטער, פאַרבליפן מיט דער שיינקייט פון זייער אַרכיטעקטור, מיט דער פּרעכטיקער אויסשטאַטונג פון די זאַלן — די פאַרבנרייכע פרעסקאָס, סקולפּטורן, בילדער, מאָזאַאיקס און אַנדערע קינסט־לערישע זעענסווירדיקייטן.

אַ גרויסער טייל פון די קינסטלערישע באַפּוצונגען זיינען שוין לאַנג צעשטערט דורך דער צייט און אירע שטורעמס. אָבער דאָס געבליבענע אין די קעניגלעכע פּאַלאַצן איז נאָך גענוג, כדי אַרויסצורופן די באַוווּנ־דערונג פון דעם באַזוכער. דאָס איז באַזונדערס דער פאַל מיט דער נאַטירלעכער לאַגע: די שיינע לאַנדשאַפטן, וואָס רינגלען אַרום די פּאַלאַצן, די לעיקס, פאָנטאַנען, וועלדער, פּאַרקן זיינען באמת אייביק זיך־באַנייענדיקע ווערק פון דעם נאַטור־קינסטלער, וואָס ווערן נאָך פאַרשענערט דורך די געשיקטע הענט פון מענטשן־קינסטלער. ווען מען פאָרט, למשל, מיטן אויטאָבוס פון פּאַריז קיין פאָנטענבלאָ, איבער סען־קלו, ווערט מען נישט זאַט אָנקוקנדיק דעם באַרגיקן פּייזאַש, באַבויט מיט אַלטערטימלעכע

געביידעס, וואָס מאַכן דעם איינדרוק פון אַנטיק־טעפּיכער מיט ווונדערלעך־אויסגעהאָפּטענע בילדער.

אָבער דאָס אַלץ — איינשליסנדיק דעם באַרימטן שפּיגל־זאַל פון לואי דעם 14טן אין ווערסאַי — איז אייגנטלעך אַ מין גלענצנדיקע פּאַסאַדע, הינטער וועלכער מען דערזעט דעם פאַרשימלטן און פאַרזשאַווערטן „בעק־יאַרד" — די ווירקלעכקייט.

און די ווירקלעכקייט, אין און אַרום די לוקסוס־פּאַלאַצן, איז געווען אַ מיאוסע און אָפּשטויסנדיקע. פון די פּוילע און פוילנדיקע מאָנאַרכן האָט זיך כסדר געפילט אַ מיאוסער ריח. אין היגיענע פון היגיענע האָט ביי זיי דער מיטלאַלטער אָנגעהאַלטן ביזן סוף פון 18טן יאָרהונדערט, וואָס איז אויך געווען דער סוף פון דער פראַנצויזישער מאָנאַרכיע.

מען האָט מורא געהאַט זיך צו וואַשן און אַריינצולאָזן פרישע לופט צוליב דעם מיטלאַלטערלעכן אַבערגלויבן, אַז דאָס איז שעדלעך פאַרן געזונט. (היינט איז דאָס, צום באַדויערן, נישט מער קיין אַבערגלויבן). פלעגן די קעניגן, פּרינצן און אַדעליקע הויפלייט זיך בלויז „אָפּגיסן נעגל־וואַסער", אויף די שפּיץ־פינגער, פאַר יוצא־זיין. די גאָלדענע קרוינען האָבן אָפּט צוגעדעקט אַן (אומגעזאַלבטן) קאָפּ מיט אומפלייט, און די זייד־און סאַמעט־מלבושים — אַזעלכע קערפּערס. וואָס שייך זייערע „טאָילעט"־מנהגים, דאַרף מען דאָס בעסער פאַרשווייגן, כדי נישט צו זינדיקן קעגן גוטן געשמאַק.

גאָר באַזונדערס האָבן זיך די פראַנצויזישע לואיס (נאָך מער פון די שפּאַנישע אַלפאָנסן) „אויסגעצייכנט" מיט זייער אומגעהויערער צעלאָזנקייט אויפן סעקסועלן געביט. די פאַרשיידענע „קעפּס־ווייבער" — די מאַדאַם דע מענטענאָנס, די די־באַריס, פּאָמפּאַדורס און פיל אַנדערע שיינע קורטי־זאַנעס — וואָס די פרומע קאַטוילישע מלכים האָבן אָפן געהאַלטן ביי זיך אין פּאַלאַץ, זיינען געווען „דיגניטאַרן אין ספּודניצעס", און עטלעכע פון זיי, ווי מאַדאַם די־באַרי און מאַדאַם דע פּאָמפּאַדור, האָבן דעצידירט וועגן די העכסטע מלוכה־ענינים, נאָמינירט מיניסטאָרן אָדער זיי אַראָפּגעזעצט, און אפילו געהאַט צו זאָגן וועגן מלחמה אָדער שלום.

לואי דער 15טער האָט, זייט־ביי־זייט מיט די פאַרשיידענע הויף־מעט־

רעסעס, נאָך געהאַט אַ גאַר אייגנאַרטיקן האַרעם. ער האָט איינגעאָרדנט אין זיין הויף אַ כלומרשטן רעליגיעזן סעמינאַר פאַר שיינע יונגע מיידלעך און — ער איז געשלאָפן מיט זיי.

און אָט די קעניגלעכע ‚טרעמפּס' צעפרעסענע פון מיאוסע געשלעכט־קראַנקהייטן (פראַנסואַ דער 1טער, לואי דער 15טער א. אַ.), האָבן פאַרדעקט זייער פיזישע און מאָראַלישע דעגענעראַציע אונטערן פאַלשן גלאַנץ פון אויסערלעכע דעקאָראַציעס און לוקסוס. זיי האָבן פּאַראַדירט מיט די גע־פאַרבטע פּאַרוקן און גאָלד־געשטיקטע מלבושים. אָט דאָס אַלץ איז געווען אַ פאַרפירערישע פאַסאַדע פאַר דעם מיאוסן, בישט־אַנגענעם שמעקנדיקן „בעק־יאַרד".

וואָס שייך דער געזעלשאַפטלעכער מאָראַל פון די געקרוינטע „אומגע־זאַלבטע", דאַרף מען נישט פאַרגעסן, אַז דאָס פאַרשווענדערישע לעבן אין קעניגלעכן הויף און די כסדרדיקע מלחמות האָבן עקאָנאָמיש רואינירט דאָס לאַנד, ספּעציעל די מיטעלע און אָרעמע שיכטן.

*

פּאַריז איז די קוזניע פון דעמאָקראַטיע, ווו ס'זיינען אויסגעשמידט די פּרינציפּן און פאָרמען פון מאָדערנעם סאָציאַלן לעבנס־סדר. ווען איר שפּאַצירט איבער די פּאַריזער גאַסן טרעט איר ממש אויף געשיכטע. כמעט יעדער פּלאַץ און יעדעס הויז איז אַ היסטאָרישער פראַגמענט. און די געשיכטע פון פּאַריז, ספּעציעל פון דעם רעוואָלוציע־פּעריאָד, איז באַקאַנט, דאָך איז נישט גלייך הערן — צו זען. און ווען מען באַזוכט די געביידע פון דער אַזוי־גערופענער „קאָנסיערזשערי", וואָס איז אין דער רעוואָ־לוציע־צייט געווען אַ קאָנצענטראַציע־פּונקט פאַר פּאָליטישע געפאַנגענע, ווערט מען דורכגעדרונגען פון אַ גרויל, וואָס קיין שום אַבסטראַקטע ציפערן קאָנען נישט איבערגעבן. הינטער אומהיימלעך־גרויע און דיקע מויערן, אין צימערן ווו ס'דרינגט אַריין בלויז אַ גאַר־קאַרגער אָפּשיין פון טאָג־ליכט, פלעגן אין צייט פון רעוואָלוציאָנערן טעראָר זיצן צו־זאַמענגעפּרעסט הונדערטער מענטשן אין שמוץ, הונגער און קעלט. זיי האָבן דאָ געוואַרט אויף זייער משפּט, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער עמאָציאָנעלער אַטאָמספער פון אַ לינטש־געריכט. איז טאַקע נישט קיין

וואונדער, וואָס געוויינטלעך פלעגן נאָך אַזאַ פּראָצעדור באַפרייט ווערן בלויז אַרום 10% פון די אַרעסטירטע. די איבעריקע פלעגן נאָכן פאַר־לייענען זיי דעם אורטייל, אָפּגעשיקט ווערן צו דער טויט־קאַמער און פון דאָרט, דורך אַ קליינעם קאָרידאָר, צו דער אַזוי־גערופענער „שאַרעט", אַ פויערישן וואָגן, וואָס האָט זיי געפירט צום עקזעקוציע־פּלאַץ אויפן באַסטיליע־פּלאַץ אָדער אין אַנדערע פּונקטן.

צווישן די צענדליקער טויזנטער, וואָס זיינען דאָרט געזעסן, איז אויך געווען די קעניגין מאַרי־אַנטואַנעט, ווי אויך כמעט אַלע פירער פון דער רעוואָלוציע מיט ראָבעספּיערן בראש. דער לעצטער האָט געהאַט די „פּריווילעגיע" צו זיין אין אַ באַזונדערער איינצל־קאַמער אין משך פון דער נאַכט איידער מען האָט אים געפירט צו דער גילאָטינע. מען האָט אים דאָרט אַריינגעפירט אַ שרעקלעך צעהרגעטן, זיין אויספּאַרשער האָט אים צעשמעטערט דעם קינבאַק מיט אַ זעץ פון אַ ביקסן־קאָלבע.

ראָבעספּיער האָט, מסתמא, נישט געלערנט קיין פּרק און נישט געקענט דעם זאַץ: „דערפאַר וואָס דו האָסט דערטרונקען (אַנדערע) האָט מען דיך דערטרונקען". אָבער זיינע קעגנער האָבן סיי ווי מיט אים געלערנט אַ „פּרק". און די שרעקלעכע לעקציע האָט אים געמוזט צווינגען זיך צו פאַרטראַכטן וועגן דעם טעראָריסטישן גרויל־רעזשים, פון וועלכן ער איז איצט אַליין געפאַלן אַ קרבן.

און ווען מען קומט אַרויס פון די קאָנסיערזשעריס קאַשמאַר־קעלערן, קוקט מען מיט אַנדערע אויגן אויף דעם גאַנג פון דער געשיכטע, וואָס איז פאַקטיש אַ מאַרש איבער אומצאָליקע אומשולדיקע קרבנות.

*

אין האַאַג, ווי בכלל אין האָלאַנד, זיינען פאַראַן פיל מוזייען. דאָס געהערט צו די „האָביס" פון די האָלענדער, נעבן בלומען, ריינקייט און קולינאַרער קונסט. געוויינלעך צו זאָגן, אַז אַמסטערדאַם האָט אַרום פערציק מוזייען. האַאַג, די הויפּט־שטאָט, האָט נישט אַזויפיל זעענסווירדיקייטן, אָבער עס איז אויך נישט צו „פאַרזינדיקן": דער פרידנס־פּאַלאַץ (וווּ ס'געפינט זיך דאָס אינטערנאַציאָנאַלע שידס־געריכט), מיט זיינע איינ־דרוקספולע היסטאָרישע פרעסקן, וואָס שילדערן אויף אַ פּלאַסטישן אופן

דעם זיגזאַג־מאַרש פון דעם מענטש אויפן וועג צו דער צוקונפט. אין די זאַלן געפינען זיך פאַרשידענע מתנות פאַר דער שלום־אינסטיטוציע, צווישן אַנדערע — אַ ריזיקע וואַזע פון אַ זעלטענעם מינעראַל געשענקט פון צאַר ניקאָלאַי דעם 2טן.

אַן אַנדערע זעענסווירדיקייט איז די „מעסדאַג־פּאַנאָראַמע״, אַן אָרי־גינעלער קינסטלערישער אויפטו פון אַ האָלענדישן מאַלער: אַ געביידע, וואָס איר אויבערשטער טייל איז אין דער פאָרם פון אַ קרייז און די געמאָלטע לאַנדשאַפטן גיבן־איבער אַן אומפאַרגעסלעכן אָפּטישן איינדרוק פון רעאַלע פּערספּעקטיוון.

אַן אוניקאַט אין זיין מין איז אויך די מאָדעל־שטאָט מאַדוראַדאַם, די וואָס איז געבויט געוואָרן פון אַ רייכן האָלענדער פון סורינאַם, וועמענס איינציקער זון איז געפאַלן אין קאַמף קעגן היטלערן קורץ נאָכן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. מען זעט אין דער אייגנאַרטיקער „שטאָט״ מאָדעלן פון וווין־הייזער, שלעסער, ווינט־מילן, שלוזן און אַנדערע מיניאַטור־קאָנסטרוקציעס, וואָס אילוסטרירן אויף א בילדלעכן אופן דעם האָלענדישן לעבנס־שטייגער דורך די יאָרהונדערטער.

אַן אַנדערער אוצר איז דאָס „מאַוריציוס־הויז״, אַ פּערמאַנענטע ביל־דער־גאַלעריע מיט צאָלרייכע ווערק פון האָלענדישע און אַנדערע קינסט־לער, וואָס פאַרכאַפּן מיט זייער שיינקייט.

אָבער אין דער זעלבער שטאָט קעגנאיבער דער שיינער בילדער־גאַלעריע און דעם קעניגלעכן פּאַלאַץ, געפינט זיך דער „געפאַנגענפּאָרט״, אַ 700־יאָר אַלטע טורמע, וואָס וואַרפט אַ שרעקלעכן שאָטן אויף די געמיטלעכע, אויסגעצירטע געביידעס פון דער צווייטער זייט גאַס.

אין „געפאַנגענפּאָרט״, הינטער מויערן וואָס זיינען דריי־פיר פוס דיק, זעט מען די גרויליקע רעליקוויעס פון אַלערליי טאָרטור־אינסטרומענטן, מיט וועלכע מען האָט געפייניקט די געפאַנגענע. די אכזריותדיקע מיטל־אַלטערלעכע „מכשירים״ רופן אַרויס פאַרשידענע גרויל־בילדער, און געדאַנק־אַסאָציאַציעס. דער „גאַיד״ ווייזט־אָן אויף אַ שווערן, פאַרזשאַווערטן האַמער, מיט וועלכן דער תליון פלעגט געבן אַ „גנאָדע־זעץ״ אין האַרץ פון דעם פאַרמשפּטן, אויסלייזנדיק אים פון זיינע אומבאַשרייבלעכע יסורים.

און ווען מען געפינט זיך ווידער אויף דער ליכטיקער שיין, פילט מען זיך נאָך אַלץ ווי אין אַ קאָשמאַר. ס׳דערדריקט דאָס באַוווּסטזיין פון דער מענטשלעכער פאַרדאָרבנקייט, וואָס „קאָנקורירט״ און שטייגט פילפאַך איבער די ווילדסטע רויב־חיות אין איר מוראדיקן סאַדיזם, אין דער קרענקלעכער פערווערזער הנאה פון פאַרשאַפן יסורים, אפילו ווען דאָ האָט זיך מערסטנס געהאַנדלט וועגן קרימינעלע פאַרברעכער.

איינער פון די אומשולדיקע קרבנות פון „געפאַנגנפאָרט״ אין 1672 איז געווען דער בירגערמייסטער פון דאָרדרעכט, קאָרנעליס דע־וויט, וואָס איז באַשולדיקט געוואָרן אין הויך־פאַרראַט. נאָכדעם ווי דער אומגליקלעכער האָט אויסגעהאַלטן דעם „געריכט־פאַרהער״, (וואָס איז, לויט דעם מנהג פון 17טן יאָרהונדערט, באַשטאַנען אין צעברעכן די הענט און פיס פון באַשולדיקטן) און זיך נישט מודה געווען, האָט ער געזאָלט באַפרייט ווערן, דאַן איז אָנגעקומען אין טורמע דעם געפייניקטנס ברודער, יאָהאַן דע־וויט, וואָס איז געווען גרויס־פּענסיאָנער מיניסטער. באַלד דערנאָך האָט אַן אויפגעהעצטער צעווילדעוועטער המון זיך אַריינגעריסן אין טורמע און אַרויסגעפירט די 2 ברידער אין גאַס, ווו זיי זיינען דערמאָרדעט געוואָרן מיט אַ שרעקלעכער אכזריות. אויף דעם אָרט פון דעם פאַרברעכן האָט די רעגירונג שפּעטער אויפגעשטעלט אַן אימפּאָזאַנטן מאָנומענט נאָך די 2 מאַרטירער.

און אַזאַ געביידע ווי דער געפאַנגענפאָרט איז ווידער אַ מין מיאוסער „בעקיאַרד״ הינטער דער פאַסאַדע פון דעם גאָר געמיטלעכן און נאַבעלן האָלענדישן פאָלק. אפילו אַזאַ העלדיש און פרייהייט־ליבנדיק פאָלק האָט אויך אַ שמוציקן „הינטערהויף״ הינטער איר באמת רומפולער געשיכטלעכער פאַסאַדע — דעם כסדרדיקן ווידערשטאַנד קעגן די שטאַרקע — די פאַרשיידענע אָקופּאַנטן — און די טאָלעראַנץ פאַר די שוואַכע, די אַרויסגעטריבענע יידן פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל.

אָבער פראַנקרייך און האָלאַנד זיינען נישט קיין אויסנאַם מיט זייערע „הינטערהויף״. אַזעלכע סתירות צווישן אויסערלעכן גלאַנץ און אינערלעכער צעפוילטקייט קאָן מען געפינען אומעטום.

צו גאַסט ביי שפּינאָזאַן

דאָס קליינע האָלאַנד האָט נישט קיין אויגן־פאַרכאַפּנדיקע לאַנדשאַפטן מיט רעליקוויעס פון געאָלאָגישע אויפטרייסלונגען. דערפאַר איז אָבער דאָס גאַנצע לאַנד וווּנדערלעך — מיט זיין קולטיווירטער שיינקייט, וואָס ווירקט ווי איין גרויסע דעקאָראַציע, געצייכנט פון אַ פיינעם קינסטלער. די פעלדער זענען אייביק גרין און בלומען פאַרשענערן אפילו דאָס אָרעמסטע הויז.

די שטעט און שטעטלעך זענען איינגעהילט אין אַן אַטמאָספער פון פּאַסטאָראַלן מיטלאַלטער, אַן די נעגאַטיווע באַגלייט־דערשיינונגען פון די ווייטע יאָרהונדערטער. די קאַנאַלן, וואָס שניידן דורך די שטעט און דערפער הויכן אויס אַן אומבאַשרייבלעכן כישוף און פילן אַן מיט אַ פּאָעטישן האַלב־דרימל אפילו די באַלעבטסטע גאַסן אין די גרויסע שטעט פון דעם לאַנד. דאָס קלימאַטיש גראָע און אָפט פאַררעגנטע האָלאַנד איז אפשר איינס פון די פּאָעטישסטע לענדער, פול מיט קאָלירפולער טראַדיציע, זינגעוודיקער אידיליע און שפּילעוודיקער געמיטלעכקייט.

האָלענדער האָבן אַ היסטאָרישן חוש און אַ קולט פאַר אַנטיקן. און נישטאָ אַזאַ שטעטל אָדער דערפל, וואָס זאָל זיך נישט באַווייזן מיט אַזאַ אָדער אַנדערן יחוס־דענקמאָל אָדער טריוויאַלן קוריאָז פון די פאַר־גאַנגענע יאָרהונדערטער, פון וועלכן די טריוויאַליטעט ווערט באַדעקט מיט אַ דיקן דורותדיקן שטויב־שיכט, און מען זעט בלויז אַרויס די קוריאָזיטעט.

צו איינעם פון מיינע אינטערעסאַנטסטע איבערלעבונגען אין דעם ווינטמילן־לענדל געהערט מיין „באַזוך" ביי שפּינאָזאַן, אַ קאַפקאַ־ענלעכע וואַנדערונג, אויף די שפּורן פון אַ גרויסן מענטש, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט אויסגעפינען דאָס קליינע הויז אין אַ קליין דאָרף, ווו ער האָט געוווינט עטלעכע יאָר.

איך האָב שוין באַזוכט אויף מיינע רייזעס אין פיל לענדער פאַרשי־

דענע ערטער, וואָס זענען אויף אַזאַ אָדער אַנדערן אופן פֿאַרבונדן מיטן אָנדענק פֿון קינסטלער, דענקער און שריפֿטשטעלער. אָבער איך האָב אין ערגעץ נישט געפֿילט אַזאַ — צו באַנוצן אַ „מליצה" — הייליקן ציטער, ווי ביי מיין באַזוך אין שפּינאָזאַ־הויז, אין דעם אַלטערטימלעכן האָלענדישן דאָרף ריינסבורג, נעבן האאַג.

האָלאַנד האָט זינט עראַזמוס פֿון ראָטערדאַם נישט אַרויסגעגעבן קיין איין וועלט־באַרימטן שריפֿטשטעלער. דערפֿאַר אָבער קאָן דאָס קליינע לאַנד שטאָלצירן מיט גלענצנדיקע קאָנסטעלאַציעס פֿון ערשט־ראַנגיקע מאָלערס. די בילדער פֿון אַ רעמבראַנד, פֿראַנס האַלס, ווערמיר, וואַן גאָג און אַנדערע גרויסע פֿאַרבן־קינסטלער, זיינען אויסגעשטעלט אין פּרעכטיקע מוזייען און גאַלעריעס, וואָס פֿאַרוואַנדלען דאָס לאַנד אין אַ מעקאַ פֿון דער קונסט. באַזונדערס איז דאָמינירנדיק דער קולט פֿון רעמבראַנדן אין אמסטערדאַם, ווו איינער פֿון די שענסטע פּלעצער איז אָנגערופֿן אויף זיין נאָמען: „דער רעמבראַנד פּלעין".

איז טאָקע גרעסער דער חידוש, וואָס שפּינאָזאַ, די גרעסטע פּערזענ־לעכקייט, וואָס האָלאַנד האָט אַרויסגעגעבן און איר גרעסטע באַרעכ־טיקונג אויף נאַציאָנאַלן שטאָלץ — איז זייער ווייניק באַקאַנט אויף דער האָלענדישער „גאַס".

איך האָב געהאַט זייער אַ שווערע אויפֿגאַבע צו דערפֿרעגן זיך אין האאַג צו דעם הויז, אין דער אַלטער שטאָט־טייל, ווו דער גרויסער פֿילאָזאָף האָט געוווינט. אפֿילו ווען איך בין אָנגעקומען אין סאַמע „האַרץ" פֿון דער געגנט, ווו מען האָט נאָך געקאָנט פֿילן די שאָטנס פֿון אַמאָליקן לעבן, האָט קיינער פֿון דעם „פֿאָלק", די גוטמוטיקע „מיינהערס", — בעקערס, רעסטאָראַן־אייגנטימער און פֿאַרשידענע הענדלער — נישט געהערט אַזאַ נאָמען.

סוף כל סוף, עפּעס ווי דורך אַ וווּנדער, האָב איך זיך דערשלאָגן צו דעם פּלאַץ, וואָס איז פֿאַרבונדן מיט שפּינאָזאָס אויפֿהאַלט, עטלעכע יאָר פֿאַר זיין טויט (פֿון 1669 ביז 1677).

דאָס הויז — אַ טיפּיש־האָלענדישע 3־שטאָקיקע געביידע מיט אַ פֿאַסאַדע פֿון רויטע ציגל און פֿענצטער מיט לאָדנס, וואָס זעען אויס

ווי אַרויסגענומען פון אַן אילוסטרירט בוך פון צוויבער־געשיכטעס. פאַר דער מלחמה איז דאָרט געווען אַ שפּינאָזאַ־הויז מיט פאַרשידענע רעליקוויעס. אָבער די נאַציס האָבן דאָרט אַלץ צוגערויבט און אויך צעשטערט דעם שפּינאָזאַ־מאָנומענט אויף אַ קליינעם פּלאַץ נישט ווייט פון דעם הויז.

איצט וווינט אויף דעם אויבערשטן שטאָק — אין שפּינאָזאָס שטובן — אַן אַדוואָקאַט. עס הייסט, אַז אין דער וווינונג געפינען זיך נאָך קעגנשטאַנדן וואָס זיינען פאַרבונדן מיט שפּינאָזאָס נאָמען. אָבער דער אַדוואָקאַט איז ביי מיין באַזוך נישט געווען אין דער היים און איך האָב נישט געקאָנט זען דאָס אָרט, ווו דער גרויסער פילאָסאָף האָט פאַרבראַכט די לעצטע טעלעכע יאָרן פון זיין קורץ לעבן.

מער מזל האָב איך געהאַט אין דעם אַלטערטימלעכן האָלענדישן דאָרף, ווו שפּינאָזאַ האָט געלעבט עטלעכע יאָר, איידער ער איז אַריבערגעפאָרן קיין האַאָג. איך בין אָנגעקומען צו אַ קליינער הייזקע, ווו שפּינאָזאַ האָט געוווינט אין 2 מיניאַטור־שטיבלעך אויפן פאַרטער, זעט אויס אַלס „סוב־לאָקאַטאָר” ביי אַן אָרעמער האָלענדישער פאַמיליע.

אין דעם שטילן מיטלאַלטערלעכן דאָרף האָט דער 26יאָריקער שפּינאָזאַ געפונען אַ רואיקן פּלאַץ נאָך די שטורמישע יאָרן אין אַמסטערדאַם. ער האָט געשליפן פאַרשידענע אָפּטישע גלעזער און די קלאָר־מאַטעמאַטישע זאַצן פון זיין פילאָסאָפישער אָפּהאַנדלונג וועגן די יסודות פון זיין.

דאָרט, אין קליינעם הויז האָט ער געשריבן זיין „קורצע אָפּהאַנדלונג וועגן גאָט, מענטש און זיין גליק־צושטאַנד”, ווי אויך זיין „אָפּהאַנדלונג וועגן אויסבעסערן דאָס פאַרשטיין”.

אין דער זעלבער צייט האָט אָבער זיין אידעאַליסטישער לעבנס־שטייגער נישט געווירקט צו דער פאַרבעסערונג פון זיין געזונט; פאַר־קערט, ער האָט געקריגן טובערקולאָז פון דעם גלאָז־שטויב, וואָס ער האָט איינגעאָטעמט אין די פּרימיטיווע אַרבעטס־באַדינגונגען.

איצט איז די הייזקע פאַרוואַנדלט אין אַ שפּינאָזאַ־מוזיי. אין די דער־בייאיקע צימערן וווינט אַ פרוי, וואָס האָט די אויפזיכט איבער דעם באַשיידענעם הויז, מיט דעם קליינעם אָבער פּרעכטיקן גאָרטן אין הויף, ווו

ס׳געפינט זיך אויך אַ דענקמאָל פון דעם גרויסן ברוך־בענעדיקטוס שפּי־נאָזאַ.

אין דעם ערשטן צימער זיינען אַרום אַן „אַלט־פראַנקישער״ קיך אויסגעהאַנגען: בלייענע לעפל, שיסלען און טעלער — פון וועלכע דער גייסטיקער מיליאָנער האָט געגעסן זיינע אָרעמע מאָלצייטן. די ווענט זיינען באַהאַנגען מיט בילדער פון שפּינאָזאָס צייט־חבר און פריינט, דעם פראַנצויזישן פילאָסאָף דעקאַרט, וואָס איז געווען אַ פּאַרוואָגלטער פּליט פון דעם רעליגיעז־ און פּאָליטיש־אַבסאָלוטישן פראַנקרייך, ווי אויך מיט בילדער פון אַנדערע אַנגעזעענע פּערזענלעכקייטן, מיט וועלכע שפּינאָזאַ איז געקומען אין באַרירונג. אין אַ ווינקל פון צימער — אַ גרויסע ביכער־שאַפע מיט פאַרשלאָסענע גלאָז־טירן. דאָ געפינען זיך די ביכער אין פאַרשידענע שפּראַכן — הויפּטזאַכלעך אין לאַטיין, אָבער אויך אין העברעאיש, גריכיש און האָלענדיש, וואָס דער איינזאַמער דענקער האָט באַנוצט פאַר זיינע שטודיעס און לעקטור. אַ טייל פון די ביכער זיינען צוגערויבט געוואָרן דורך די נאַציס און אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין דייטשלאַנד. אַנדערע זיינען באַהאַלטן געוואָרן דורך קולטור־מענטשן. נאָכן קריג איז דורך פיל זוכענישן געלונגען אויסצוגעפינען און צוריק־צוברענגען דעם גרעסטן טייל פון די ווערק.

אויף אַ טיש אין מיטן צימער ליגן גרויסע העפטן מיט שפּינאָזאָס קאָרעספּאָנדענץ: בריוו אין לאַטיין און האָלענדיש צו פאַרשידענע פריינט און אויך „געשעפטלעכע״ בריוו. אין אַ געדענק־אַלבום זיינען פאַרצייכנט די אונטערשריפטן און באַמערקונגען פון טוריסטן, וואָס האָבן באַזוכט דעם פּלאַץ. די אונטערשריפטן זיינען נישט פיל, צווישן זיי עטלעכע געציילטע אין יידיש און העברעאיש.

אין צווייטן צימערל געפינען זיך פאַרשידענע אַלטע הילצערנע און גלעזערנע אינסטרומענטן, וואָס דער געדאַנקען־שלייפער האָט באַנוצט פאַר זיין פאַך פון גלאָז־שלייפעריי. אַ פּרימיטיווע שלייף־מאַשין פון האָלץ מיט אַ לעדערנעם רימען אויף אַ ראָד, וואָס איז געבראַכט געוואָרן אין באַוועגונג, דורך באַוועגן מיט די פיס אַ ברעטל אויפן שטיינערנעם באָדן. פאַרשידענע פּרימיטיווע אינסטרומענטן, אָפּטישע רערלעך און

אַנדערע משכּירים פון „קעניג סאָביעסקיס צייטן". די אויפזועערין האָט מיר אָבער געזאָגט, אַז די אינסטרומענטן פון גלאָז־שלייפעריי, הגם זייער אַלטע, זיינען וואָרשיינלעך רעליקוועס.

מען קאָן זיך פאָרשטעלן די קעלט, וואָס האָט געהערשט אין שפינאָזאָס פּאַלאַץ, באַזונדערס אין דער גלאָז־שלייפעריי. אָבער אויך אין דעם גייסטיקן וואָרשטאָט האָט דער אויוון זיכער נישט געגוגנדיק געקאָנט וואָרעמען דאָס שטיבל אין די נעכט וואָס שפינאָזאָ האָט פאַרבראַכט אויף שטודירן, לייענען און שרייבן. שטיבלעך וואָס זענען געווען פון אַלע זייטן אָפן פאַר די ווינטן. און נאָך דערצו מיט שטיינערנע ווענט און שטיין־דילן, איז געווען שווער צו וואָרעמען אין ווינטער. דער פילאָסאָף האָט מסתמא אַליין אויסגעשטראַלט זיין אינערלעכע וואַרעמקייט, אַ הויכע גייסטיקע טעמפּעראַטור, וואָס האָט אים געמאַכט פאַרגעסן אין דער פיזישער קעלט און אָרעמקייט.

ברוך שפינאָזאַ (אויף פּאָרטוגעזיש דעספּינאָזאַ) איז געבוירן געוואָרן דעם 24טן נאָוועמבער, 1632, אין אַמסטערדאַם, אין אַ פאַמיליע וואָס האָט אויסגעוואַנדערט פון פּאָרטוגאַל, צוליב דעם באַקאַנטן „אַדער־אַדער", וואָס די דאָרטיקע יידן — ענלעך ווי אין שפּאַניע — האָבן געקראָגן: שמד אָדער גירוש. האָלאַנד איז געווען אַ טאָלעראַנט לאַנד און איז געווען אַ מקום־מקלט פאַר די פאַרטריבענע יידן פון דער איבערישער האַל־אינדזל.

אין יאָר 1656, צו 24 יאָר, איז דער יונגער ברוך אַריינגעלייגט געוואָרן אין חרם און אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון דער יידישער קהילה אין אַמסטערדאַם, צוליב זיינע „שרעקלעכע פאַלשע לערעס". די ווייטער־דיקע 21 יאָר פון זיין לעבן האָט דער טיפער דענקער פאַרבראַכט אין פאַרשידענע ערטער: נעבן אַמסטערדאַם, אין ריינסבורג און אין האַאַג.

נישט קוקנדיק אויף זיין אָרעמקייט און שווערע לעבנס־באַדינגונגען, האָט ער אין יאָר 1673 אָפּגעוואָרפן אַ פאָרשלאַג אָנצונעמען אַ פּראָפע־סאָר־שטעלע אויף דעם היידעלבערגער אוניווערסיטעט. ער האָט זיין אָפּזאָג מאָטיווירט מיט זיין באַגער צו קאָנען פילאָסאָפירן, וואָס ער

וואָלט נישט געקאָנט טאָן אַלס אוניווערסיטעטס־פּראָפעסאָר, אין יענער עפּאָכע און באַדינגונגען.

ס'איז פאַרשטענדלעך, אַז פון „אָפיציעל־רעליגיעזן" שטאַנדפּונקט, באַזונדערס אין 17טן יאָרהונדערט, האָט שפּינאָזאָס פּאַנטעאיסטישע לערע, זיין גאָט־נאַטור היינו־הך („דעאוס סיווע נאַטורא"), נישט געקאָנט אַנדערש באַטראַכט ווערן, ווי אַפּיקורסות, ווייל זי אָנערקענט אינגאַנצן נישט דעם טראַנסצענדענטאַלן גאָט פון השגחה פּרטית, שכר ועונש און אַנדערע פּרינציפּן.

אַ פאַקט איז אָבער, אַז די וואָס האָבן אים באַצייכנט אַלס „גאָט־פאַרשיכורטן" דענקער, האָבן זיך נישט טועה געווען. שפּינאָזאָס שטאַרקער איינפלוס האָט זיך ביסלעכווייז אויסגעברייטערט אויף דער גאַנצער גייסטיקער עליטע פון דער וועלט, אָנהייבנדיק פון געטעס באַגייסטערטע פאַרערונגס־ווערטער. צו דערקענען און ליב האָבן גאָט — איז אַ פּרינציפּ וואָס איז דער וועזנטלעכסטער קערן פון רעליגיע „אונטער די פאַרשידנאַרטיקע שאָלן פון סיסטעמען".

אויב שפּינאָזע איז געווען אַ פילאָסאָפישער דעטערמיניסט, וואָס האָט געלייקנט אין פרייען ווילן, האָט ער אָבער אויפן סאָציאַל־פּאָליטישן געביט געפּרעדיקט די אידייע פון אַ מלוכה, וואָס איז געבויט אויף פרייהייט און דעמאָקראַטיע. און דאָס שטעלט אים אַוועק אין דער ריי פון די גרויסע סאָציאַלע דענקער פון מענטשלעכן פאָרשריט.

ווען איך האָב זיך געפונען אין שפּינאָזאָס „פּאַלאַץ", האָב איך אָבער נישט געטראַכט וועגן זיין רעליגיעזער און מאָראַל־פילאָסאָפיע, אָדער פון זיינע פאָרגעשריטענע סאָציאַלע אידייען. איך האָב געפילט די אַטמאָספער פון אַן אַלטערטימלעכן פילאָסאָף, פון אַ סאָקראַטעס, פון אַן עפּיקורוס און זיינע נאָכפאָלגער, פאַר וועמען פילאָסאָפיע האָט נישט געמיינט צו מאַכן אַ שיין לעבן, נאָר צו לעבן שיין, אין איינקלאַנג מיט דערהויבענע פּרינציפּן. לא המדרש עיקר אלא המעשה, נישט דאָס לערנען לשם לערנען, נאָר די פּראַקטישע אָנווענדונג דערפון. דאָס האָבן אויך פאַרשטאַנען די וואָס האָבן פאָרמולירט דעם לאַטיינישן זאָג: „אָן סקאָלעי דיסקימוס,

סעד וויטעי״: מיר לערנען נישט צוליב דער וויסנשאַפט, נאָר צוליב דעם לעבן.

שפּינאָזאַס שטיבלעך הויכן אָן אַ געפיל פון יראת הכבוד. די אָרעמע בלייענע קיך־כלים, די אַלט־פּרימיטיווע הילצערנע אינסטרומענטן, די שטיינערנע דילן, די אַלטע ביכער און די פאַרשלאָסענע ביכער־שאַפע און די גלאָז־טירן — אַלץ ווייט־אָן אַ געפיל פון באַוווּנדערונג פאַר דעם רעליגיעזן „שיכור״, וואָס האָט באַוויזן צו פאַרשיכורן מיט זיין גייסטיקן „אַלקאָהאָל״ די גרעסטע וועלט־גייסטער.

די שיינע אמסטערדאַם און די קעניגלעכע רעזידענץ האַאַג און אַנדערע שטעט פאַרמאָגן פּרעכטיקע בילדער־מוזייען, וואָס ווערן באַוווּנדערט פון היימישע און אויסלענדישע באַזוכער. די שענסטע פּלעצער און גאַסן ווערן אָנגערופן אויף די נעמען פון די גרויסע האָלענדישע קונסט־מייסטערס. שפּינאָזאַ איז אין האָלאַנד פאַררוקט אין אַ ווינקל.

מען קאָן נאַטירלעך נישט מאַכן קיין פאַרגלייך. פּלאַסטישע קונסטן אַפּעלירן צו אַלע — אפילו נישט צו קיין גרויסע קונסט־מבינים. פילאָסאָפיע איז אָבער אַ געביט פון דענקערס. דאָס קאָן זיין איין מאָטיוו פאַר דער גרויסער אומפּאָפּולערקייט פון שפּינאָזאָן אין האָלאַנד.

אפשר קומט נאָך דערצו וואָס די קירכן אין האָלאַנד האָבן נאָך אַלץ אַ שטאַרקן איינפלוס אויפן פאָלק און שפּינאָזאַ איז זיכער נישט געווען קיין גרויסער אָנהענגער פון דער קירכע און די אומליבע איז געווען אַ קעגנ־זייטיקע (דאָס איז באַזונדערס געקומען צום אויסדרוק אין זיינע בריוו).

דער שפּינאָזאַ־קולט ווערט אָנגעהאַלטן פון אַ באַגרענעצטן קרייז, אַ שפּינאָזאַ־געזעלשאַפט, אונטער וועמענס אויפזיכט עס געפינען זיך די עטלעכע געדענק־פּלעצער פון דעם גרויסן גייסט. איינמאָל אַ יאָר קומט פאָר אַן אָנדענק־פייערונג, ווו ס׳קומט אויך אַ פאַרשטייער פון דער קעניגין.

אָבער, ווי געזאָגט, פילאָסאָפיע איז נישט קיין פּאָפּולער געביט, באַזונדערס אַ רעבעלירנדיקע פילאָסאָפיע און אַ נאָן־קאָנפאָרמיסטישער פילאָסאָף. אין דעם פאַל וועט מען קאָנען אָנווענדן די ווערטער פון דעם

אַלטן כינעזישן לערער לאַאָ־צע: „די וואָס קענען מיך זענען נאָר אַ הייפל, און דעריבער איז מיין כבוד גרעסער".

שפינאָזאָס גייסטיקע גבורה איז נישט געקומען צום אויסדרוק בלויז אין דערקענטענישן און פּרינציפּן, וועגן וועלכע מען קאָן האָבן פאַרשידענע מיינונגען; זי איז נאָך מער געקומען צום אויסדרוק אין זיין נאָבעלן אידעאַליזם, אין זיין „בכיסו", אין האַנדלען אין די פראגן פון געלט, כבוד און אַנדערע עולם־הזה ווערטן.

אין די צענדליקער בריוו צו זיינע הויך־געשטעלטע און געלערנטע קאָרעספּאָנדענטן, זעט מען אויך — צווישן די עניינים העומדים ברומו של עולם — דעם פּריוואַטן שפּינאָזאַ, דעם האַרציקן, איידעלן מענטש, וואָס „גאָרנישט מענטשלעכס איז אים פרעמד געווען". אָט די רירנדיקע בריוו האָבן באַוויזן געטען, איינעם פון זיינע טיפסטע פאַרערער, אויסצורופן מיט באַגייסטערונג: „דאָס אינטערעסאַנטסטע בוך, וואָס מען קאָן לייענען אין דער וועלט פון אויפריכטיקייט און מענטשן־ליבע".

רעפעראטן

געהאַלטן געוואָרן אין קאַנאַדע, אין 66 — 1965

סאָציאַל-משיחישע טענדענצן אין דער וועלט-ליטעראַטור

דער תלמוד, די רעליגיעזע ענציקלאָפּעדישע שאַפונג, איז מיט רעכט באַצייכנט געוואָרן ווי דער ים התלמוד. די באַצייכענונג פּאַסט אוודאי פאַר דער ריזיקער שאַפונג, וואָס טראָגט דעם נאָמען וועלט־ליטעראַטור. אין דעם ליטעראַרישן ים געפינען זיך פאַרשידענע שטראָמונגען. איינע פון זיי איז די סאָציאַל־משיחישע, די נביאיש־הומאַניסטישע.

פאַראַן אין דער וועלט־ליטעראַטור אויך בלויז־סאָציאַלע און בלויז־משיחישע ריכטונגען. די באַטאָנונג פון פאַרבינדונג־וואָרט „סאָציאַל־משיחיש" מיינט אַ סינטעז פון סאָציאַלן און משיחישן:ביידע האָבן זיך גייסטיק־כעמיש אויפגעלייזט און געוואָרן איין עלעמענט.

מיר וועלן איצט נישט באַרירן קיין סתם־סאָציאַלע און סתם־משיחיסטישע ריכטונגען אין דער ליטעראַטור. אין דעם ערשטן דאָמינירט דאָס סאָציאַלע, די פאַרבעסערונג פון די צווישן־מענטשלעכע באַציאונגען. אין דעם צווייטן דאָמינירן רעליגיעז־מיסטישע בענקשאַפטן, די באַציאונגען צווישן מענטש און דער גאָטהייט.

ביידע שפיגלען אָפּ געוויסע פאַזן פון דעם מענטשנס גייסטיקן האָריזאָנט; זיי אַנטשפּרעכן זיינע ביידע גרעסטע בענקשאַפטן צו דערלייזונג. אָבער יעדע איינע פון די ריכטונגען, וואָס איז בלויז אַ העלפט פון דעם מענטשנס וועלט, טענהט אַז זי איז די גאַנצע וועלט. די סאָציאַלע אידעאָלאָגן האַלטן, אַז די מאַטעריעלע גלייכהייט אַליין וועט פאַרוואַנדלען דעם ערדישן עמק־הבכא אין אַ גן־עדן. די סתם־משיחיסטישע אידעאָלאָגן שטעלן דעם טראָפּ אויף דער מיסטיש־רעליגיעזער זייט. זיי זיינען איבערצייגט, אַז זייערע נעפּלהאַפטע חלומות זיינען די לייכט־טורעמס, וואָס ווייזן אונדז דעם וועג צו דער גליקלעכער צוקונפט. דער מין האנושי וועט

דערלייזט ווערן דורך עפּעס אַ מאַגישער פאָרמולע, אַ קאָנקאָרדאַט צווישן מענטש און די העכערע כוחות.

מען קאָן אָננעמען, אַז דער סאָציאַליזם וועט אָפּשאַפן אַ סך געזעלשאַפטלעכע צרות; עס איז אָבער נישט וואַרשיינלעך, אַז ער וועט אויסגלייכן אַלע קרומקייטן.

מיר גלייבן אַז די רעליגיעז־עטישע מאָמענטן שפּילן אַ גרויסע ראָלע אין דער פאַראייִדעלונג פון די צווישן־מענטשלעכע באַציאונגען; די דערפאַרונג לערנט אונדז אָבער, אַז די מענטשלעכע נאַטור איז זייער פאַרענדערלעך און אַז די מענטשלעכע חברותא מוז לעבן לויט אַ סאָציאַלער נאָרמע, און נישט אויפן גלויבן אַליין.

די סינטעזע פון ביידע — פון אידעאַליסטיש־מיסטישן הימל און פון דער רעאַל־מאַטעריאַליסטישער ערד — שליסט איין אין זיך דעם גאַנצן מענטש, אַלע זיינע שענסטע חלומות, האָפענונגען און וויזיעס. אָט די וויזיעס, וואָס דער ענגלישער דיכטער לאָרד טעניסאָן האָט אַזוי פייערלעך סומירט אין זיין ליד „נבואה״:

„ביז די מלחמה־פויקן פייקלען נישט מער, און די קאַמף־פאָנען זיינען אויפגעראָלט אין דעם פּאַרלאַמענט פון מענטש, אין דער פעדעראַציע פון דער וועלט״.

אין מדרש, וואָס איז אַזוי רייך מיט פּערלען פון געדאַנק און פאַנטאַזיע, געפינען מיר אַ ביז גאָר אינטערעסאַנטן מאמר וועגן אז ישיר. דער מדרש פרעגט אַ גראַמאַטישע קשיה. ווען משה האָט געזונגען זיין נצחון־אָדע צו גאָט נאָך דער רעטונג פון די יוצאי־מצריים, איז געשריבן אין דער תורה: „אז ישיר משה ובני ישראל״. פאַרוואָס ווערט עפּעס באַנוצט די צוקונפטיקע פאָרם „ישיר״ — ער וועט זינגען — און נישט „שר״ — ער האָט געזונגען?

דער מדרש דערקלערט דאָס מיט דעם, וואָס די יציאת־מצריים איז נאָך נישט געווען די ריכטיקע גאולה. און דערציילט, אַז גאָט האָט פאַרגעוואָרפן די מלאכים פאַר זייער שירה־זינגען: „מעשי ידי טובעים בים ואתם אומרים שירה״. דעריבער זאָגט זיך אין דער תורה: „אַז ישיר״ — דאַן, ווען ס׳וועט זיין די ריכטיקע גאולה, וועט ער זינגען...

אַט די פּרעכטיקע אויסטייטשונג פון מדרש איז מער ווי אַ טיפזיניקע מחשבה; זי קאָן באַנוצט ווערן ווי אַ לייטמאָטיוו פון דער גאַנצער מענטש־לעכער קולטור און באַזונדערס פון דער סאָציאַל־משיחישער שטרעמונג אין דער וועלט־ליטעראַטור.

אין פאַרשידענע עפּאָכעס זיינען אויפגעקומען פאַלשע משיחים און פאַלשע משיחיסטישע באַוועגונגען. זיי אַלע באַנוצן די אָדע, דאָס לויב־געזאַנג אין לשון עבר. אָבער די אמתע נביאים — אַן אונטערשייד פון פאַרשידענע אויסערלעכע אַספּעקטן — באַנוצן די גראַמאַטישע פאָרם פון עתיד. און לויט דער טיפזיניקער אויסטייטשונג פון מדרש, זינגען זיי אַלע, אויף זייערע באַזונדערע אופנים, די פאַרבענקטע און אויסגעחלומטע צוקונפט־סימפאָניע: אז ישיר, דעמאָלט וועט ער זינגען...

*

ווען מען רעדט וועגן סאָציאַל־משיחיזם, וועגן דער נשמהדיקער שטרעמונג, וואָס פאַראייניקט אין זיך דערהויבענע הומאַניסטישע אידעאַלן און גאָט־פאַרשיכורטע רעליגיעזיטעט, דאַרף מען קודם כל זיך ווענדן צו אַן עפּאָכע פון קרוב 3000 יאָר צוריק, צו אונדזערע אייגענע וועלט־קלאַסיקערס פון קינסטלערישן וואָרט און די ערשטע קעמפערס פאַר סאָציאַלן יושר און הומאַניזם — די נביאים.

מיר קענען דעם פלאַם־פייערדיקן, דינאַמישן און אוממיטלבאַרן סטיל פון די נביאים; זייער גאָט — און גערעכטיקייט־דאַרשטיקע ליידנשאַפט, און זייער סאָציאַלן פּראָטעסט און רעליגיעזן אויפברויז קעגן פאַרשטיי־נערטע דאָגמאַטישע רעליגיע־פאָרמען. דער אינהאַלט פון דער נביאישער קלאַסיק איז, מיט רעכט, געוואָרן פאַרהייליקט — און נישט בלויז ביים יידישן פאָלק — און זייער סטיל איז דער העכסטער פּונקט פון באַפליגלטן אויסדרוק. — די נביאים זיינען גלייכצייטיק געווען רעאַליסטן און וויזי־אָנערן. זיי האָבן מיט זייער פייערדיקן וואָרט פאַרטיידיקט די רעכטן און אינטערעסן פון די אונטערגעדריקטע אָרעמע שיכטן; זיי נעמען זיך אָן פאַרן יתום און דער אלמנה; פאַר די אָרעמע און שוואַכע; זיי שטראָפן און

דראָען די עקספּלאָאַטירערס מיט געטלעכן צאָרן, וואָס איז אין זייער צייט געווען אַ ווירקזאַם מיטל פון מאָראַלישער אַגיטאַציע.

דאָס וועזנטלעכסטע, דאָס וויכטיקסטע אין זייער גראַנדיעזער דער־שיינונג איז געווען דאָס וויזיאָנערישע, די געטלעכע מוזיק פון דער צוקונפט־סימפאָניע; דער והיה: עס וועט זיין. דער לשון עתיד, דער אַז ישיר — דעמאָלט וועט ער זינגען.

אין געטעס „פאוסט", וואָס איז פול מיט שיינע און טיפע געדאַנקען, געפינען מיר די שטעלע פון דעם לעגענדאַרישן העלד לינקעוס וואָס זינגט אויף זיין פּאָסטן ביי דער שלאָס־וואַך:

„צום זעען געבוירן,
צום בליקן באַשטעלט.
נישט מיך אַליין צו באַוווּנדערן,
בין איך דאָ אַזוי הויך געשטעלט".

ווי געטעס לעגענדאַרער העלד, איז דער נביא נישט געקומען זיך אַליין צו באַוווּנדערן אויף זיין הויכער מאָראַלישער פּאָזיציע, נאָר צו זיין דער וועכטער און זעער פון דער מענטשהייט.

דער נביאישער דיכטער איז געבוירן צו זען. ער איז באַשטעלט צו בליקן, אָבער נישט דאָס רעאַלע, דאָס שוין־פּאַראַנענע, דעם עבר און הוה; ער איז „באַשטעלט" צו זען דאָס צוקונפטיקע, די געבענטשטע קומענדיקע פּאַנאָראַמע, וואָס ליגט הינטערן נעפּל פון די צייטן. דער נביא, דער זעער און וויזיאָנער איז ווי אַ קאַפּיטאַן פון אַ שיף, וואָס בלאָנדזשעט אויף אַ פינצטערן צעשטורעמטן ים. ער גייט אַרויף אויף דער העכסטער בריק און שפּיזט דורך מיט זיינע בענקענדיקע בליקן דעם חושך פון די פינצטערע מרחקים. ער פילט, אַז ערגעץ ווו הינטער דעם שטורעם און פינצטערניש איז ליכט און לאַנד.

דער נביא, דער זעער, פאַרנאַכלעסיקט נישט דעם היינט. אָבער גלייכ־צייטיק איז זיין בליק געווענדעט צו דער צוקונפט. ער קעמפט לטובת די נויטן און נויטליידנדיקע פון דער קעגנוואַרט און פאַר די פּאָלקסמאַסן און זייערע טאָג־טעגלעכע פּראָבלעמען. אָבער גלייכצייטיק סאָנדירט ער

דעם חושך פון דער צייט, לייכט־דורך מיט זיין אינטואיציע כוח די נאַכט פון דער געשיכטע און קומט מיט זיין „והיה״, עס וועט זיין. ער קומט צום „והיה באחרית הימים״, צו דעם ענדגילטיקן אידעאַל פון אייביקן שלום און האַרמאָניע אויף דער וועלט.

ווען מיר אַנאַליזירן די גראַנדיעזע דערשיינונג פון די נביאים און זייער לייכטנדיק וואָרט, זעען מיר אַ פּערפעקטע פאַרקערפּערונג פון סאָציאַל־משיחישער שטרעמונג. דאָס סאָציאַלע און דאָס קאָסמישע איז קריסטאַליזירט אין אַן אומצוטיילבאַרער עטיש־עסטעטישער איינהייט. ווען מען הערט זיך איין צום תוכן פון נביאישן וואָרט, באַגרייפט מען די דאָזיקע איינהייט פון הונגער נאָכן סאָציאַל־גערעכטן און בענקשאַפט צום געטלעך־דערלייזנדיקן. באַנטשע שוויגס „בולקע מיט פּוטער״ איז בייטיק פאַרן גוף, אָבער עס זעטיקט נישט די נשמה... די גרעסטע פּאַרציע הייליקייט קאָן נישט שטילן דעם פיזישן הונגער... דאָס ערדיש־סאָציאַלע און קאָסמיש־נשמהדיקע מוז אויפגעלייזט ווערן און פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ ניי־עם שטאָף — די פולשטענדיקע דערהייבונג פון דעם מענטשלעכן מין צו דעם העכסטן שטאַפּל פון קולטורעלער עוואָלוציע און עטיש־עסטעטישער שלימות.

די סאָציאַל־משיחישע וויזיאָנערן פון נביאישן טיפּ האָבן געמיינזאַם מיט אַנדערע סתם־טעאָרעטיקער פון סאָציאַלן פּראָגרעס און עוואָלוציע — דעם גלויבן אין מענטשלעכער דערלייזונג, וואָס וועט קומען סיי מיט דער הילף פון מענטשן און סיי מיט דער הילף פון העכערע כוחות. ביי די נביאים איז דאָס — גאָט, און ביי סתם־סאָציאַלע טעאָרעטיקערס איז דאָס — דער א״ג ״גאַנג פון דער געשיכטע״, עקאָנאָמישע נויטווענדיקייט און אַזוי ווייטער. דאָס הייסט:ביידע גרופּן אָנערקענען סיי אָביעקטיווע און סיי סוביעקטיווע פאַקטאָרן אין דער מענטשלעכער עוואָלוציע.

די נביאים האָבן אונדז איבערגעלאָזט אַן אומדערשעפּלעכן קוואַל פון עטישער דערפרישונג און דערהייבונג. מיר שעפּן נאָך אַלץ פון דעם אַלטן קוואַל און מיר זינגען נאָך אַלץ:

אז ישיר משה — דעמאָלט וועט משה זינגען...

*

עס וואָלט געווען אַ טעות צו דענקען, אַז די סאָציאַל־משיחישע שטרעמונגען אין אַלטערטום האָבן זיך געענדיקט מיט די יידישע נביאים. ס׳איז געגנוג אָנצווייזן אויף דעם גרויסן גריכישן פילאָסאָף פּלאַטאָ, וואָס איז אויך געווען אַן אַרכיטעקט פון צוקונפט־פּאַלאַצן. ער איז געווען דער מחבר פון דער „רעפּובליק״, אַ ווערק אין וועלכן ער האָט געגעבן אַ ליטעראַרישן מאָדעל פון אַ מוסטער־מלוכה. מיר האָבן דאָ איינעם פון די ערשטע מאָדעל־שטאַטן, וואָס זיינען געגרינדעט געוואָרן דורך בעלי־חלומות.

פּלאַטאָ האָט דערקלערט:

„אונדזער ציל ביים גרינדן די מלוכה איז געווען — נישט דאָס אומפּראָפּאָרציאָנעלע גליק פון וועלכן נישט איז קלאַס, נאָר דאָס גרעסט־מעגלעכע גליק פון אַלע״...

פּלאַטאָ האָט געהאַלטן, אַז דער הויפּט־באַדינג פאַר דער אַנטשטייאונג פון זיין אידעאַלער מלוכה איז, אַז די הערשערס זאָלן זיין פילאָסאָפן און די פילאָסאָפן זאָלן זיין הערשערס. ער שרייבט אין זיין „רעפּובליק:

„ביז די פילאָסאָפן זיינען מלכים אָדער די מלכים זיינען פילאָסאָפן, און הערשערס פון דער וועלט האָבן דעם גייסט און כוח פון פילאָסאָפיע, און פּאָליטישע גרויסקייט און חכמה טרעפן זיך צוזאַמען... ביז דאַן וועלן שטעט קיינמאָל נישט האָבן קיין רו פון זייערע צרות... און נישט דער מין האנושי״. מען דאַרף וויסן, אַז אין אַלטערטום איז אַ פילאָסאָף געווען נישט דער, וואָס האָט געמאַכט אַ שיין לעבן, נאָר דער וואָס האָט געלעבט שיין...

מען דאַרף נעמען אין באַטראַכט, אַז הגם פּלאַטאָס אידעאַלע מלוכה איז ווייט פון זיין אידעאַל, ווען פאַרגליכן מיטן געטלעך מענטשלעכן וועלטשטאַט פון די נביאים, און אוודאי פון מאָדערנעם הומאַניסטיש־סאָציאַליסטישן באַגריף פון אַן אידעאַלן געזעלשאַפטלעכן סדר — איז דאָך דער עצם פאַקט פון דער בענקשאַפט נאָך אַן אידעאַלער מלוכה שוין אַ סאָציאַל־משיחישע שטרעמונג.

דאָס קומט אויך צום אויסדרוק אין זיין שאַרפן אַנאַליז פון עקזיס־

טירנדיקן געזעלשאַפטלעכן סדר מיט זיינע נעגאַטיווע אויסווירקונגען אויף אַלע געביטן פון לעבן.

פלאַטאָ שרייבט וועגן דער הערשאַפט פון דער אָליגאַרכיע:

„און דאַן, ווען איינער זעט אַז דער אַנדערער איז רייך, וויל ער מיט אים ריוואַליזירן. דעריבער ווערן די גרויסע מאַסן פון די בירגערס ליבהאָבערס פון געלט. וואָס מער זיי דענקען וועגן מאַכן אַ פאַרמעגן אַלץ ווייניקער דענקען זיי וועגן טוגנט; ווייל ווען רייכטום און מאָראַל ווערן געלייגט אויף דער וואָגשאַל, שטייגט איינע שטענדיק אין דער הייך, ווען די אַנדערע גייט אַרונטער".

פלאַטאָ איז געווען, אַחוץ אַ גרויסער פילאָסאָף און סאָציאַל־משיחי־שער טרוימער, אויך אַ גרויסער קינסטלער, וואָס האָט זיינע לויטערע געדאַנקען פאַרקערפּערט און געשטאַלטיקט אין וווּנדערלעכע בילדער און שילדערונגען. ווי פּלאַסטיש־קינסטלעריש איז דאָס בילד פון רייכקייט און מאָראַל אויף ביידע שאָלן פון דער וואָג, וואָס איינע גייט שטענדיק אַרויף אין דער הויך, ווען די אַנדערע גייט אַראָפּ!...

און ווי פּסיכאָלאָגיש־וואָר איז זיין דעפיניציע פון דער אַנטשטייאונג פון דער אָליגארכיע!

דאָס איז ווי אָפּגעמאָסטן פאַר דער היינטיקער מאַטעריאַליסטישער ציוויליזאַציע. דאָס וועלן ריוואַליזירן מיטן צווייטן אָדער, נישט בלייבן הינטערשטעליק לגבי דעם צווייטן אין די אַזוי־גערופענע סטאַטוס־סימבאָלן.

מיט זיין טיפזיניקער פּשטות און פּערפעקטער ליטעראַרישער האַר־מאָנישקייט, האָט פּלאַטאָ אַנאַליזירט דעם אומעטישן סדר־העולם און אויפגעוויזן ווי וואַקלדיק עס זיינען זיינע פונדאַמענטן. עס איז אמת, אַז ער איז נישט געווען אין פּערזענלעכן לעבן קיין נביאיש־אַסקעטישער טיפּ, און ער איז אויך נישט אינגאַנצן פריי געווען פון די פּאַראורטיילן פון זיין צייט. אָבער סוף־כל־סוף, ווי אַ פּרעדיקער און טרוימער פון „גרעסט־מעגלעכן גליק פאַר אַלע", קאָן ער צוגערעכנט ווערן צו דער הערלעכער פּלעיאַדע פון זעערס און גייסטיקן אַוואַנגאַרד פון דער מענטשהייט.

*

אָנהויבנדיק פון פלאַטאָס עפּאָכע ביזן סוף פון אַלטערטום — דעם 5טן יאָר־הונדערט, זיינען אין די לענדער פון ווייטן מזרח און אין גריכנלאַנד און רוים געווען אַ צאָל דערהויבענע פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייערע הומאַניסטישע טענדענצן. עס איז גענוג צו דערמאָנען די גרויסע לערערס פון כינע, קאָנפוציוס און לאַאָ־צע; דעם רוימישן אימפּעראַטאָר אַנטאָנינוס פּיוס וואָס באַדייט אַנטאָנינוס דער פרומער, און וואָס ווערט, אגב, דערמאָנט מיט ליבּ אין אונדזער מדרש; זיין אַדאָפּטירטן זון, מאַרקוס אוירעליוס, דעם ווונדער־לעכן סטאָאישן פילאָסאָף און טרוימער פון אַ וועלטשטאָט, און אַנדערע.

קאָנפוציוס איז געווען אַ גרויסער חכם און פּרעדיקער פון „קאָמאָן־סענס" אין די באַציאונגען בין אדם־לחברו און בין אדם למקום. אָבער עס האָט אים געפעלט די פייערדיקע וויזיע און דער סאָציאַלער פּאַטאָס. לאַאָ־צע איז געווען צו הימל־הויך און דערהויבן איבער די רעאַלע ענינים, הגם עס ווערט ביי אים דאָ און דאָרט גערעדט קעגן מלחמות און שטרעבונג צו רייכטום. אַנטאָנינוס פּיוס איז געווען אַ זעלטענער קעניג־פילאַנטראָפּ. מאַרקוס אוירעליוס, דער פילאָסאָף און בעל־מוסר, איז דער עיקר געווען אַ דענקער, וואָס האָט זיך פאַרטיפט אין די אייביקע פּראָבלעמען פון לעבן און טויט, און ער איז געקומען צו אַ מין ניהיליזם פון רעליגיעז־פילאָסאָפישער און אינטראָספּעקטיווער באַאַרבונג.

וואָס שייך די גריכיש־רוימישע ליטעראַטורן, געפינט מען דאָ און דאָרט הומאַניסטישע שטריכן ביי אַ פּלוטאַרך, ציצעראָ, האָראַציוס און אפילו אַ נביאישן טאָן ביי ווירגיל אין זיין 4טער עקלאָג. אָבער דאָס זיינען בלויז שטריכן פון פיינעם הומאַניזם, אָבער נישט פון סאָציאַל־משיחיזם.

בנוגע דעם מיטלאַלטער — מיטן אויסנאַם פון דאַנטע און געציילטע אַנדערע — איז דאָס אַ גרויסער געשיכטלעכער בלויז, אַ מילעניום פון איגנאָראַנץ, אַבערגלויבן, מגפות און סכאָלאַסטיק. עס איז גענוג צו דערמאָנען, אַז קאַרל דער גרויסער, דער קייסער פון דער מעכטיקסטער

אימפעריע אין זיין צייט, האָט זיך נישט געקאָנט אונטערשטרייבן. אייראָפּע איז געווען באַווינט פון 2 מינים שקלאַפן: די אַזוי גערופענע „לייב־אייגענע" פּויערים, און די גראַפן און פירשטן. די ערשטע זיינען געווען פאַרשקלאַפט ביי די פּריצים, און די לעצטע — ביי זיך אַליין; פאַרשפּאַרטע אין די באַפעסטיקטע שלעסער אין חדרים אָן פענצטערס, ווייל זיי האָבן שטענדיק מורא געהאַט פאַר אָנפאַלן. די אַמאָליקע אדללייט זיינען געווען שמוציקער ווי די ערגסטע וואַגאַבונדן און בעטלערס. זיי האָבן מורא געהאַט פאַר וואַסער און זיך געוואַשן אויף אַ סימבאָלישן אופן. זיי פלעגן אינדערפרי איינטונקען 2 פינגער אין וואַסער און אַ פיר טאָן איבער די אויגן.

דער ערשטער שימער פון ליכט אויפן וועלט־האָריזאָנט איז געקומען מיטן אויפשטייג פון הומאַניזם אין 15טן י"ה.

איינער פון די הומאַניסטן, עראַזמוס פון ראָטערדאַם, איז אין זיינע שריפטן אַרויסגעטרעטן פאַר אַלעס וואָס איז שיין און דערהויבן. ער האָט אויסגעלאַכט דעם דאָגמאַטישן פאַנאַטיזם און אבסקוראַנטיזם אויפן גייסטיקן געביט און דעם וווּלגאַרן נאַציאָנאַליזם אויפן סאָציאַלן געביט. דער עיקר האָט ער באַקעמפט דעם באַרבאַריזם פון מלחמות. שוין מיט 500 יאָר צוריק האָט ער מאַניפעסטירט זיין אני־מאמין אין זיין אַנטי־מיליטאַריסטישן ווערק, „די אָנקלאַגע פון שלום": „די גאַנצע וועלט איז איין בשותפותדיק פאָטערלאַנד". זיין אידעאַל איז געווען אַ וועלטשטאַט געבויט אויף די פונדאַמענטן פון מענטשנליבע און ראַציאָנאַליזם. איינס פון די מיטלען האָט געזאָלט זיין די איינפירונג פון אַן אינטערנאַציאָ־נאַלער שפּראַך — לאַטיין. עראַזמוס האָט געוווּסט, אַז דער הויפּט־שונא פון וועלט־שטאַט איז דער מאָנסטער פון מלחמה און דער פּרינציפּ פון ברוטאַלער קראַפט. מלחמה איז ביי אים „דער פעלז, אויף וועלכן אַזויפיל גוטע זאַכן ליידן שיפבראָך". עראַזמוס האָט געהאַט דעם מוט צו זיין אַ שלום־קעמפער אין אַן עפּאָכע פון פערמאַנענטן מלחמה־שגעון.

אין משך פון יאָר 1504 ביז 1517 האָט ער פאַרעפנטלעכט 5 ווערק קעגן דעם גרעסטן פאַרברעכן לגבי דער מענטשהייט — דער מלחמה. צווישן זיי — „דאלקע בעלום אינעקספערטיס" — די מלחמה זעט אויס

צו זיין זיס נאָר פאַר די, וואָס האָבן זי נישט מיטגעמאַכט; די אנקלאַגע פון שלום, א.אַ.וו.

מאַרטין לוטער האָט נישט געקאָנט מוחל זיין עראַזמוסן, וואָס ער איז נישט צוגעשטאַנען צו דער רעפאָרמאַציע־באַוועגונג, און ער האָט געשריבן אין אַ בריוו צו זיינע אָנהענגער: „איך האַלט עראַזמוס פאַרן ערגסטן שונא פון קריסטוסן פאַר די לעצטע טויזנט יאָר. אינטעלעקט פאַרשטייט נישט קיין רעליגיע... ער באַהאַנדלט טעאָלאָגיע ווי אַ הויפנארס אַ וויץ און די עוואַנגעליע ווי אַ פאַבל, צוגעפאַסט פאַר אומוויסנדיקע, אַז זיי זאָלן אין איר גלויבן".

אָבער עראַזמוס האָט דערקלערט, אַז עס האָט נישט קיין זין צו באַפרייען זיך פון די בישאָפן, כדי אַרונטערצופאַלן אונטערן יאָך פון די פאַנאַטישע פראָטעסטאַנטן.

עראַזמוס איז געווען דער ערשטער גרויסער גייסט, די ערשטע שוואַלב נאָכן גייסטיקן אייז־פעריאָד פון דער מענטשהייט — דעם מיטל־אַלטער. ער האָט זיין גאַנץ לעבן געווידמעט דער אידעע פון אַ וועלט־מלוכה און להיפוך צו אַלעקסאַנדער און צעזאַר, האָט ער דעם וועלט־שטאַט געוואָלט דערגרייכן — נישט איבער אַ בריק פון מענטשלעכע קערפּערס, נאָר איבער די גרינע פעלדער פון שלום. זיין וועלט־מלוכה האָט געזאָלט זיין קאָסמאָפּאָליטיש אין דאָפּלטן זין: גייסטיק און מאַ־טעריעל.

עראַזמוס קאָן צוגערעכנט ווערן צו די נביאים פון סאָציאַלער משי־חישקייט, הגם זיין וויזיע איז געקומען מער פון אינטעלעקט, ווי פון הארץ. דער אויסגאַנג־פּונקט איז געווען אַ ראַציאָנעלער, אָבער אין דער כוונה און אין רעזולטאַט געהערט ער צו דער אומשטערבלעכער חברותא, וואָס האָט געזונגען „והיה", און עס וועט זיין.

*

אַ מער בולטע געשטאַלט פון אַ סאָציאַל־משיחישן נביא האָבן מיר אין דער פּערזענלעכקייט פון זשאַן־זשאַק רוסאָ, דעם פראַנצויזישן דיכ־טער־דענקער פון 18טן יאָרהונדערט. זשאַן־זשאַק איז געקומען פון פאָלק,

אַ זון פון אַ זייגערמאַכער, און ער האָט דורכגעמאַכט, ווי אַ יתום, די שווערע גלגולים פון אינטערנאַטן און לערן־וואַרשטאַטן. שפּעטער איז ער געוואָרן אַ וואַגאַבונד; געוואַנדערט און געלעבט פון פאַרשידענע געלעגנהייטלעכע באַשעפטיקונגען, ביז ער האָט זיך אַליין אַנטדעקט ווי אַ דענקער און מאָראַליסט. רוסאָ דערציילט אין אַ בריוו צו זיינע פריינט, און שפּעטער אין זיין „ווידוי", די דראַמאַטישע אומשטענדן פון זיין התגלות:

„איך בין געגאַנגען צו דידראָ, וואָס איז דאַן געזעסן אין טורמע אין ווענסען. איך האָב געהאַט אין טאַש די צייטונג „מערקיר דע פראַנס", וואָס איך האָב אָנגעהויבן צו לייענען גייענדיק אויפן וועג. מיין בליק פאַלט אויף דער אַנקעטע פון דער דיזשאַנער אַקאַדעמיע בנוגע אַן ענטפער אויף דער פראַגע:

„צי האָט דער פּראָגרעס פון קונסט און וויסנשאַפט געווירקט אויף אויסצובעסערן אָדער פאַרערגערן די זיטן?"

„אויב עפּעס איז אַמאָל ענלעך געווען צו אַ פּלוצימדיקער אינספּי־ראַציע, איז דאָס געווען מיין איבערלעבונג בעת דער לעקטור. פּלוצלינג פיל איך, ווי מיין גייסט וואָלט באַלויכטן געוואָרן פון טויזנט ליכט. אַ מאַסע אידעען קומען אויף אין מיין געדאַנק. איך פיל זיך באַרוישט ווי אין אַ שיכרות. אַ שטורמישע האַרץ־קלאַפּעניש דריקט מיך. און נישט קאָנענדיק מער אָטעמען גייענדיק, זעץ איך זיך צו אונטער אַ בוים ביים ראַנד פון וועג, וווּ איך בלייב אַ האַלבע שעה אין אַזאַ אויפרעגונג... אויב איך וואָלט נאָך ווען עס איז געקאָנט אָנשרייבן אַ פערטל פון דעם וואָס איך האָב געזען און געפילט אונטער דעם בוים — מיט וואָס פאַראַ קלאָרקייט וואָלט איך געקאָנט באַווייזן אַלע סתירות פון סאָציאַלן סיסטעם! מיט וואָס פאַראַ קראַפט וואָלט איך אַרויסגעשטעלט אַלע מיסברויכן פון אונדזערע אינסטיטוציעס! מיט וואָס פאַר אַ פשטות וואָלט איך באַוויזן, אַז דער מענטש איז נאַטירלעכערווייז גוט, און נאָר דורך די אינסטיטו־ציעס ווערן די מענטשן שלעכט!"

רוסאָ האָט זיין ענטפער צו דער דיזשאַנער אַקאַדעמיע געגעבן אין דער פאָרם פון אַ גרעסערן עסיי, וואָס איז פרעמירט געוואָרן פון דער אינס־

טיטוציע און שפּעטער אָפּגעדרוקט געוואָרן ווי אַ בראָשור. ווי אַ קול־טור־קריטיקער און סאָציאַלער דענקער פון אַ באַזונדערן מין, איז זיין שטאַרקער פונקט נישט געווען דער דערפאַרונגסמעסיקער מעטאָד, נאָר דער אידעאַליסטישער.

אין זיינע ערשטע ווערק און אויך אין זיינע שפּעטערדיקע, ווי „סאָציאַלער קאָנטראַקט" און „עמיל", האָט ער אנגעוויזן אַז די עקזיסטירנ־דיקע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס און דער גאַנצער סאָציאַלער סדר הינדערן די נאַטירלעכע אַנטוויקלונג און ווילזיין פון מענטשלעכן מין. אָבער הגם ער איז, קודם כל, געווען אַן אידעאַליסט און טרוימער, האָט רוסאָ — נישט געקוקט אויף זיינע דאָגמאַטישע טעותים, דאָך זיך אויס־געצייכנט מיט אַ טיפן איינבליק אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט און מיט אַ באַזונדערס שאַרפן חוש צו דערשפּירן אירע שוואַכקייטן.

רוסאָ האָט געחלומט און געפּרעדיקט אַ נייעם גאָלדענעם צייטאַלטער, ווען דער מענטש וועט צוריקגיין צו זיין נאַטירלעך גוטן שורש און זיך באַפרייען פון די אָן אַ שיעור צרות, וואָס עס ברענגען מיט זיך די אַלע אינסטיטוציעס און קאָנווענצן, וואָס ער האָט אַליין געשאַפן.

רוסאָס סאָציאַלע טעאָריעס האָבן אַ סך קעגנערס, באַזונדערס נאָכדעם ווי גאַנצע פעלקער האָבן זיך פרייוויליק איבערגעגעבן אין די הענט פון פאַרברעכערישע „פירערס" און קליקעס. דאָס פאַרשאַטנט אָבער נישט דאָס מאָנומענטאַלע געשטאַלט פון דעם טראַגישן מענטש און לערער רוסאָ.

אפילו זיינע שאַרפסטע קעגנערס מוזן מודה זיין, אַז ער איז געווען — ביי אַלע זיינע טעותים — אַן אויסערגעוויינטלעך ערלעכע פּערזענ־לעכקייט.

ער איז געווען אַ נביא נישט בלויז אין דעם זין, וואָס ער האָט אָנגעוויזן אויף נייע האָריזאָנטן פון דערלייזונג פאַרן מענטשלעכן מין; ער איז אויך געווען אַ נביא אין דעם זין, וואָס ער האָט געלעבט, לויט זיין לערע, אַ לעבן פון אָרעמקייט און נישט געוואָלט זיך לאָזן „אָפּקויפן" פון דער וועלט דורך רייכטום, כיבודים און פּאָזיציעס. דאָס איז ביי אים געווען אַ שטריך פון דעם פאַרצייטישן נביא און פילאָסאָף, וואָס האָט נישט בלויז געלערנט אַנדערע, נאָר אויך אַליין געלעבט זיין לערע.

דער גרויסער אַמעריקאַנער דיכטער־פילאָסאָף העגרי דעיוויד טאָראָ האָט געשריבן:

„ווי אַזוי קאָן אַ מענטש אַרויסזאָגן אַ מיינונג און זיין צופרידן דערמיט?״ טאָראָ האָט געהאַלטן, אַז מען מוז לעבן לויט דער איבער־צייגונג און נישט באַנוגן זיך סתם מיט שיינע ווערטער.

מען דאַרף נעמען אין באַטראַכט, אַז רוסאָ איז געווען — נעבן וואָלטערן — דער איינפלוסרייכסטער שרייבער פון זיין צייט. פונדעסטוועגן האָט ער אויסגעקליבן דעם שווערן וועג. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אַלע פּריווילעגיעס און כיבודים און געפירט אַ זייער שווער און אָרעם לעבן — אַלץ כדי צו זיין אומאָפּהענגיק און פריי. און וואָס ווייניקער ער האָט געהאַט, האָט ער געוואָלט נאָך ווייניקער, פונקט ווי זיין גרויסער ריוואַל, וואָלטער, האָט, להיפוך, געוואָלט האָבן וואָס מער, וואָס רייכער ער איז געוואָרן.

רוסאָ האָט געהאַט פריינט און אָנהענגער צווישן די העכסטע קרייזן פון דער פראַנצויזישער אַריסטאָקראַטיע און אפילו אין די אייראָפּעאישע קעניגלעכע הויפן. פון דעסטוועגן האָט ער געלעבט אָרעם און געצויגן זיין באַשיידענע פרנסה פון איבערשרייבן מוזיק־נאָטן. לויט זיין אייגענער אויסרעכענונג האָט ער אין די יאָרן פון 1770 ביז 1777 איבערגעשריבן אַרום עלף טויזנט זייטן מוזיק.

רוסאָס לעבן איז געווען טראַגיש. דער גורל האָט אים פאַרזאָרגט מיט קרענקלעכע קאָמפּלעקסן און מיט מעכטיקע שונאים. דאָס איז געווען אַ לעבן פון אַ טראַגישן דראַמאַטישן העלד. ער איז פאַרפאָלגט געוואָרן און איז געלאָפן פון איין אָרט צום צווייטן. זיינע אויפּברויזנדיקע ווערק זיינען עפנטלעך פאַרברענט געוואָרן. אָבער דער פאַרפאָלגטער מוזיק־קאָפּירער איז מיט זיין לעבן און ווערק — אַליין געווען מוזיק. דאָס איז געווען אַ געזאַנג, אַ טיפע סימפאָניע פון בענקשאַפט צו שיינקייט און האַרמאָניע אויף דער וועלט.

רוסאָ און זיין ווערק — דאָס איז בענקשאַפט און פּלאַטאָנישע נאָס־טאַלגיע צום פאַסטאַראַלן חן פון נאַטור און נאַטור־מענטש; דאָס איז בענקשאַפט נאָך פיזישער און מאָראַלישער ריינער לופט און פּראָטעסט

קעגן יעדע פאָרם פון קנעכטשאַפט און אונטערדריקונג. פאַראַן אין זיין „ווידוי״ אַ שטעל, וואָס געהערט צו די טיפסטע זעונגען אין דער וועלט־ליטעראַטור. דאָס איז די שטעל, ווו ער זאָגט — און איך ציטיר פון זכרון — אַז דאָס וויכטיקסטע אין דער וועלט איז צו שאַפן אַזעלכע אינסטיטוציעס און אַזעלכע באַדינגונגען, וואָס זאָלן דעם מענטש נישט צווינגען צו האַנדלען אוממאָראַליש. רוסאָ ווייזט זיך אין דעם פשוטן זאַץ אַרויס, נישט בלויז ווי אַ תהומישער פסיכאָלאָג, נאָר אויך ווי אַן אמתער נביא.

מיר האָבן געזען אין דעם יאָרהונדערט אין וואָס פאַר אַ שרעקלעכן תהום פון באַרבאַריזם עס זיינען געזונקען אַזוי גערופענע „ציוויליזירטע מענטשן״. רוסאָ האָט געוווסט „כי אדם עץ השדה״. ער קאָן געדייען פיזיש און מאָראַליש נאָר ביי געוויסע מינימום און מאַקסימום טעמפּעראַטורן. דער מענטש קאָן אויסהאַלטן נאָר אַ געוויסן דרוק, אַ געוויסע דאָזע שרעק און פּיין. מיטן אויסנאַם פון יחידים — העלדן, ברעכט ער צוזאַמען ווען דער דרוק און די מאָס פון ליידן ווערט איבערפולט.

וואָס שייך אונדזער עפּאָכע, איז רוסאָס וואָרענונג באַזונדערס אַקטועל. מיר האָבן דערגרייכט אַ פּונקט ווען דער מענטש איז געוואָרן אַן „אינס־טרומענט פון זיינע אינסטרומענטן״. דער טעכנישער גולם ווערט דער באַלעבאָס. מיר האָבן שוין היינט אַ פאַרסמטע אטמאָספערע, וואָס קאָן פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ גלאָבאַלער אַטאָם־ספערע. און אויב אפילו ס׳וועט נישט קומען צו קיין אַטאָם־ספערע, וועלן נאָך אַלץ בלייבן פיל סכנות, אויב דער מאָראַלישער פּראָגרעס פון דער מענטשהייט וועט נישט גיין פּאַראַלעל מיטן מאַטעריעלן פּראָגרעס.

געטע האָט געזאָגט: „מיט רוסאָ הייבט זיך אָן אַ נייע וועלט״. און דאָס איז אַ ריכטיקע באַצייכענונג. ער איז דער מבשר פון דער נייער וועלט, דער העראָלד פון דער וועלט־דעמאָקראַטיע און דער גייסטיקער פּאָטער פון די ערשטע סאָציאַליסטישע שוואַלבן, די אוטאָפּישע סאָציאַליסטן — פוריע, סען־סימאָן א״א.

דעמאָקראַטיע און סאָציאַליזם זיינען אָבער נישט קיין ענדצילן „פּער סע״. דער ענדציל איז דער אחרית הימים, דער „והיה״; דאָס איז די דערלייזונג פון יחיד און די הומאַניזירונג פון דעם מענטש און דער

געזעלשאַפט. איינער פון די נביאים, פון די אז־ישיר־זינגערס, איז בלי ספק, געווען דער טראַגישער העלד זשאַן־זשאַק רוסאָ, מיט זיין נאסטאַלגיע צו ליכט און האַרמאָניע און זיין גרויסער אומגעשטילטער בענקשאַפט צו דערלייזונג פון מענטש און וועלט.

*

אויב רוסאָ איז געווען דער אידעישער פאָטער פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, זיינען בייראָן און שעלי — די באַרימטע ענגלישע פּאָעטן אין אָנהויב פון 19טן י״ה — געווען אירע גייסטיקע קינדער. מיר וועלן דאָ נישט רעדן וועגן בייראָנען, ווייל זיין לעבן און ווערק פּאַסן זיך נאָר טיילווייז אַריין אין דער טעמע פון סאָציאַל־משיחיזם. בייראָן איז געווען אַ קעמפער פאַר פרייהייט, אָבער עס האָט דאָך אין אים דאָמינירט דאָס ראָמאַנטיש־דעמאָנישע און אַוואַנטוריסטישע.

דער אמתער יורש פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע איז געווען פּוירסי ב. שעלי.

ווען מיר רעדן פון דער ירושה פון דער רעוואָלוציע, מיינען מיר נישט, דעם זאָאָלאָגישן „חד־גדיא״, דעם טעראָריסטישן מאָנסטער, וואָס האָט, סוף כל סוף, זיך אַליין ליקווידירט און פריגעמאַכט די פּאָליטישע אַרענע פאַרן נייעם אַבסאָלוטיזם פון דעם קליינעם קאָרסיקאַנער אָפיציר; מיר מיינען די גלענצנדיקע ירושה פון דעם גרויסן אידעישן פייער, פון דער אינערלעכער מוזיק פון דעם רעוואָלוציאָנערן גייסט, וואָס האָט געצונדן די הערצער מיט דער בשורה פון באַפרייונג. די זון פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע איז פאַרזונקען הינטערן געשיכטלעכן האָריזאָנט, אָבער דער הימל איז נאָך צענטליקער יאָרן געווען באַלויכטן מיט אַ פייערלעך־מיסטישן פאַרבנשפיל. דאָס איז געווען די בענקשאַפט נאָך די גראַנדיעזע האָפענונגען אויף מענטשלעכער דערלייזונג, וואָס זי האָט אָנגעזאָגט, אָבער נישט רעאַליזירט.

אָט אַזאַ מיסטיש־בענקשאַפטלעך ליכט האָט אַרויסגעשטראַלט פון דעם וועזן און ווערק פון פּוירסי שעלי. עס איז שווער צו געפינען אין

דער גאַנצער וועלט־ליטעראַטור נאָך אַזאַ מעסיאַנישע פּערזענלעכקייט און שריפטשטעלער. אין אים איז געווען די האַרמאָנישע פּאַראייניקונג פון וואָרט און טאַט, פון לעבן און קונסט, פון כאַראַקטער און סטיל. דער גאַנצער מענטש איז געווען אין זיין דיכטונג און די גאַנצע דיכטונג איז געווען אין זיין פּערזענלעכקייט.

זיין לעבן איז געווען מעטעאָריש־קורץ, אָבער דער וווּנדערלעך־ליכטיקער שטריך, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אויפן פירמאַמענט פון דער געשיכטע, וועט אייביק בלענדן און כישופן און צינדן די מענטשלעכע פאַנטאַזיע.

שעליס כאַראַקטער, זיין וועזן און זיינע מעשים זיינען געווען לע־גענדאַריש. ער איז געווען אַ פּריצישער זון, וואָס האָט זיך געשטעלט אויף דער זייט פון פרייהייט, נישט בלויז ווי אַ פּאָליטישע לאָזונג, נאָר אין נביאיש־וויזיאָנערישן זין.

ווען מען באַקענט זיך מיט די פאַרשידענע אַספּעקטן און פּרטים פון שעליס טאָגטעגלעכן לעבן, ווערט מען פאַרבליפט פון זיין נשמהדיקייט, פון זיין מלאכישן וועזן.

ער איז פאַרגעטערט געוואָרן פון די מענטשן, וואָס זיינען געקומען מיט אים אין נאָענטער באַרירונג און אַפילו דער דעמאָניש־אַריסטאָקראַ־טישער בייראָן האָט געפילט צו אים אַ רעליגיעזן רעספּעקט.

אין די זכרונות פון זיינע נאָנטע פריינט — דערשיינט שעלי פאַר אונדז ווי די העכסטע פּערזאָניפיקאַציע פון אידעאַלן הומאַניזם. און די אַלע וואָס האָבן אים באמת נאָנט געקענט — נישט צורעכענען די בייזוויליקייטן פון פיליסטעריש־רעאקציאָנערע קעגנערס — האָבן געהאַלטן ווי זיין פריינט האַג, אַז „די לויטערקייט און הייליקייט פון זיין לעבן איז געווען זייער אַנזעעוודיק". ער האָט איינמאָל פאַרמשכונט זיין טייערן מיקראָס־קאָפּ, כדי צו העלפן אַן אָרעמען מענטש, ווען ער האָט קיינמאָל פריער נישט געזען. אין יאָר 1817, אין עלטער פון 19 יאָר, פלעגט ער באַזוכן אָרעמע אַרבעטער און זיי באַדינט בעת זייערע קראַנקהייטן.

איינמאָל, אין ווינטער, ווען ער איז געווען אַן געלט, האָט ער אַוועק־געגעבן די שיך פון זיינע פיס צו אַן אָרעמער פרוי, וואָס ער האָט געטראָפן

גייענדיק באָרוועס איבער שטיינער. ער פלעגט אָפּרעדן קלײנע ייִנגלעך פון וואַרפן שטיינער אויף וועווערקעס און האָט פאַראָרדנט זיין גערטנער, אַז ער זאָל קויפן לעבעדיקע פיש און זיי צוריקוואַרפן אין טייך.

ער האָט אויסגעהאַלטן אַ סוויטע פון נאָנטע און פריינט, אָבער זיך אַליין האָט ער פאַרנאַכלעסיקט, זייענדיק אַבסאָרבירט אין גייסטיקע ענינים. ער איז לרוב געווען פאַרנומען מיט לייענען אָדער שרייבן און פשוט פאַרגעסן וועגן עסן. זיין פריינט טרעלאָני דערציילט, אַז ער האָט איינמאָל פאַרלאָזט שעלין, 10 אַזייגער אינדערפרי, ווען ער איז געשטאַנען ביים קאַמין פאַרטיפט אין אַ פילאָסאָפיש בוך. ווען ער איז צוריקגעקומען 6 אַזייגער ב״מ, האָט ער נאָך אַלץ געטראָפן שעלין אין דער זעלבער פּאָזיציע. דער דיכטער האָט געגלויבט, אַז ער האָט שוין געגעסן דאָס מאָלצייט, וואָס איז געשטאַנען נעבן אים אומבאַרירט. דאָס ווערט אויך באַשטעטיקט פון אַ 2טן שעלי־ביאָגראַף, וואָס שרייבט, אַז שעלי האָט זיך אַזוי ווייניק אינטערעסירט מיטן ענין אכילה, אַז ער פלעגט טיילמאָל פרעגן זיין פרוי: „מערי, האָב איך שוין געגעסן מיטאָג?״

אַן אַנדערער פריינט פון שעלין האָט געשריבן, אַז ער איז אַזוי געווען דורכגעדרונגען מיטן געפיל פון זיין שליחות, אַז ער האָט איגנאָרירט ענינים פון שפייז, קליידונג און קאָנווענציעלע סאָציאַלע פאַרפליכטונגען.

דאָס געפיל פון זיין שליחות צו דער מענטשהייט איז געקומען צום אויסדרוק אין זיינע טאַטן, אין זיינע געשפרעכן מיט גוטע פריינט און אין זיינע אינספּירירטע און אינספּירירנדיקע ווערק.

זיין פרוי מערי האָט געזאָגט: „שעלי האָט געגלויבט, אַז די מענטשהייט וואָלט בלויז באַדאַרפן צו וועלן אַז עס זאָל נישט זיין קיין שלעכטס, און עס וואָלט נישט געווען״. און זי האָט צוגעגעבן: „דער עיקר פון זיין סיסטעם איז, אַז דער מענטש וואָלט געקאָנט זיין אַזוי שלימותדיק, אַז ער זאָל קאָנען פאַרטרייבן דאָס בייזע פון זיין נאַטור און פון דעם גרעסטן טייל פון דאַזיין״.

דאָס פייער, די וויזיע פון וועלט־ און מענטש־דערלייזונג איז דער צענטראַלער פילאַר, אויף וועלכן ס'רוען שעליס גראַנדיעזע ווערק: זיינע

אויסערגעוויינטלעך־צאַרט מוזיקאַלישע און גראַציעזע לידער און דראַמאַ־טישע פּאָעמעס.

אין דער פאָררעדע צו „דער באַפרייטער פּראָמעטעוס״, וואָס איז איינס פון די עטערישסטע פּאָעטישע שאַפונגען אין דער וועלט־ליטעראַטור, אַנאַליזירט דער געניאַלער דיכטער־נביא דעם מהות פון זיין ווערק און ער דעפינירט די קווינטעסענץ פון זיין שאַפונג, וואָס איז נישט אַנדערש ווי אונדזער טעמע: „די סאָציאַל־משיחישע שטרעמונג״. ער שרייבט דאָרט:

„ס׳איז אַ טעות צו גלויבן, אַז איך ווידמע מיינע פּאָעטישע שאַפונגען אויסשליסלעך צו דער פאַרווירקלעכונג פון רעפאָרם...

„מיין ציל איז ביז איצט געווען פשוט: צו באַקענען די הויך־ראַפינירטע פאַנטאַזיע... מיטן פּרעכטיקן אידעאַליזם פון מאָראַלישער פּערפעקציע; האָבנדיק דאָס באַוווּסטזיין, אַז ביז דער גייסט וועט פעיק זיין צו ליבן און באַוווּנדערן און גלויבן און האָפן און אויסדויערן — זיינען די אינטעלעקטועלע פּרינציפּן — זוימען וואָס ווערן פאַרשפּרייט אויפן שאָסיי פון לעבן, וועלכע דער אומבאַוווּסטזיניקער פאַרבייגייער צעטרעט אויף שטויב, הגם די זוימען וואָלטן אים געקאָנט ברענגען דעם רייפן שניט, דעם ,האַרוועסט׳ פון זיין גליק״.

שעלי ווייזט דאָ אָן אין זיין בילדערישער שפּראַך, אַז הגם די ראַציאָנעלע פּרינציפּן זיינען די זוימען פון פרייהייט און דערלייזונג פון מענטשלעכן מין, זיינען זיי דאָך נישט מער ווי פּאָטענצן, וואָס נויטיקן זיך אין דער אַקטיווער שעפערישקייט, וואָס זאָל זיי ברענגען מכוח אל הפועל. און אָט דער שעפערישער כוח איז די קאָסמישע ליבע, דער פּרעכטיקער אידעאַליזם פון מאָראַלישער דערהויבנקייט, דער בליציקער נביאישער גייסט, מיט וועלכן דער דיכטער פון „באַפרייטן פּראָמעטעוס״ איז געווען דורכגעדרונגען. ער האָט באַזונגען דאָס קעניגרייך פון מענטש, פון דער מענטשלעכקייט, און געקעמפט מיט זיין באַפליגלט וואָרט קעגן אַלע פאָרמען פון אומגערעכטיקייט און רשעות — דעם ציוויליזירטן דזשונגל פון אָרעמקייט און מלחמות, פאַנאַטיזם און אָבערגלויבן. גלייכצייטיק איז זיין וויזיאָנעריש געזאַנג געווען געווענדעט צו דער צוקונפט. אין

„באַפרייטן פּראָמעטעוס״ הערט מען אַ געזאַנג פון די שטערן, אַ גוואַלדיקע קאָסמישע סימפאָניע פון אַן אויסגעחלומטן אחרית הימים.

אָבער גראָד דער משיחישער רוף, דאָס רעוואָלוציאָנערע פייער, דער דערהויבענער הומאַניזם פון שעלין האָט אַרויסגערופן אַנטיפּאַטיע ביי אַנדערש־געזינטע נאַטורן, וואָס האָבן זייער סוביעקטיווע פּאַרטייאישקייט לעגאַליזירט מיט אַן אימפּראָוויזירטן ליטעראַטור־קריטישן הכשר. אָבער דער וועסט־ווינט האָט „געפאָלגט״ שעליס רוף: ער האָט צעשפּרייט זיינע געדאַנקען צווישן דער מענטשהייט. שעליס שטערן שיינט העל אויפן הימל פון דער וועלט־פּאָעזיע. און טרעפלעך איז די אויפשריפט אויף זיין מאָנומענט: COR CORDIUM — דאָס האַרץ פון הערצער.

דער פילאָסאָף דזשאָרדזש סאַנטאַיאַנאַ כאַראַקטעריזירט ווי געהעריק שעליס איינמאָליקייט:

די אויסגעצייכנטקייט פון שעלי איז, וואָס זיינע אילוזיעס זיינען אַזוי ווונדערלעך, פיין, סובטעל... וואָס זיי ווייזן אָן אויף... באַזונדערס איידעלע און לויטערע ליידנשאַפטן און נשמה־שטריכן. און פאַרוואָס? ווייל ער האָט נישט געגלויבט אין דער נויטווענדיקייט פון דעם וואָס איז וווּלגאַר... די פאַרגאַנגענהייט האָט זיך אים אויסגעוויזן נישט צו זיין קיין גילטיקער פּרעצעדענס; די קעגנוואַרט — נישט קיין ענדגילטיקע אינסטאַנץ... וואָלט זיין פּאָעזיע נישט פאַרנומען זיך מיט דעם וואָס איז געווען דאָס העכסטע אין זיינע אויגן, און צום טייערסטן אין זיין האַרץ, וואָלט זי קיינמאָל נישט געקאָנט זיין די אויסגעצייכנטע און פאַרכישופנדיקע פּאָעזיע, וואָס זי איז... שעליס גייסט איז געווען מלאכיש נישט בלויז אין זיין ריינקייט און פייער, נאָר אויך אין זיין מאָראַלישער אויטאָריטעט, אין זיין פּראָפעטישער שפּאַנונג... זיין גוטער ווילן איז אַ געזעץ און וועט נישט איינשטימען צו ווערן קאַלט... און זיין אייגענע נאַטור איז ווערט געווען גלאָריפיצירונג. דאָס איז געווען די ריינסטע, צאַרטסטע, רייכסטע, ראַציאָנעלסטע נאַטור, וואָס איז ווען עס איז געקומען...

„אַזאַ גייסט ווי שעליס האָט גענוג אינערלעך פייער, כדי צו שאַפן אַ צווייטן אויסגעשטערנטן אוניווערס״. ביי שעלין איז דאָס סאָציאַלע פּראָבלעם אַ טייל פון זיין גראַנדיעזן קאָסמישן סאָציאַליזם. עס איז די

פּייערדיקע בענקשאַפֿט צו אַבסאָלוטער שיינקייט, צו אינטעגראַלער דער־לייזונג פֿון וועלט און מענטש. ווי יעדער גרויסער סאָציאַל־משיחישער זעער, פּרעדיקט שעלי די דואַליסטישע דערלייזונג פֿון דער מענטשהייט — פֿון גייסט און מאַטעריע. ווייל דער מענטש איז אַ דואַליסטיש וועזן — ליכט און שטויב.

ער איז געווען אַ מעכטיקער נשמהדיקער גענעראַטאָר, וואָס האָט אויסגעשטראַלט הויך־געלאַדענעם שטראָם פֿון אוניווערסאַלער ליבע צו דער גאַנצער נאַטור און צו דער גאַנצער מענטשהייט. דער „באַפֿרייטער פּראָמעטעוס" איז דער שיר־השירים פֿון סאָציאַל־משיחישע שטרעמונגען אין דער וועלט־פּאָעזיע. די שענסטע בענקשאַפֿטן און חלומות פֿון די שענסטע און איידלסטע פֿון אַלע דורות, זיינען געקומען צום אויסדרוק אין די באַפֿליגלטע קאָסמישע געזאַנגען.

דער זעלבער אַדלער־פֿלי אין די עטערישע רוימען פֿון דיכטערישער שיינקייט און הומאַניסטישער דערהויבנקייט, די זעלבע משיחישע בענק־שאַפֿט און וויזיע, דאָס לייכטנדיק־דערלייזנדיקע וואָרט פֿון שליחות צו דער מענטשהייט שטראַלט אויך אויס פֿון זיינע לידער, ווי „אָדע צום מערב־ווינט", דער „וואָלקן" א״א. פֿון דער „אָדע צום מערב־ווינט" שטראָמט אַרויס אַ גוואַלדיקע פּאַנטעיִסטישע הימנישקייט. מיר דערהערן דאָרט די טיפֿע מוזיק פֿון קאָסמישער ליבע, פֿון אידענטיפֿיקאַציע מיט דער גאַנצער נאַטור און פֿון אַ דערהויבענעם „אחרית הימים".

שעלי ענדיקט זיין געזאַנג מיט אַ מאַיעסטעטישן קרעשטשענדאָ:

„מאַך מיך דיין ליבע, פּונקט ווי דער וואַלד איז!
איז וואָס אויב מיינע בלעטער פֿאַלן ווי זיינע?
דער רויש פֿון דיינע מעכטיקע האַרמאָניעס
וועט נעמען פֿון ביידע אַ טיפֿן האַרבסטיקן טאָן,
אָבער דאָך אַ זיסן, הגם אין טרויער. זיי דו, ווילדער גייסט,
מיין גייסט! זיי דו — איך, דו שטורעמדיקער!
צעפֿיר מיינע טויטע געדאַנקען איבערן אוניווערס
ווי פֿאַרוועלקטע בלעטער, צו פֿאַרשנעלערן אַ נייע געבורט!

און ביי דעם אויפזינג פון דעם פערז,
צעשפרייט, ווי פון אַן אומפּאַרלאָשענעם קאַמין.
אש און פונקען, מיינע ווערטער צו דער מענטשהייט!
זיי, דורך מיינע ליפּן צו אומדערוואַכטער ערד
דער שופר פון אַ נבואה! אָ ווינט,
אויב ווינטער קומט, קאָן דער פרילינג זיין ווייט?"

שעליס וואָרט איז באמת אַ נביאישער טרומפּייט פון סאָציאַל־משיחיזם, וואָס דערוועקט די עצמות היבשות צו אַ סאָציאַלן און נשמהדיקן תחית־המתים.

מען קאָן רעזיומירן די כאַראַקטעריזאַציע פון זיין פּערזענלעכקייט און דעם אַנאַליז פון זיין ווערק מיט דער פעסטשטעלונג, אַז זיי טראָגן ביידע דעם פייערדיקן חותם פון העכסטן עקסטאַז, דעם עקסטאַז פון אַ גאָט־באַזעסענעם און גאָט־באַטרונקענעם נביא און זעער. זיי זייבען פול מיט אַ נביאישן טאָן פון „האזינו השמים ואדברה, והארץ תישמע אימרי פי". זיי, זיין פּערזענלעכקייט און ווערק פּראָקלאַמירן דעם נישט־ווייטן פרילינג פון הומאַניזם. שעלי האָט פאַרקערפּערט אין זיך און אין זיין ווערק די העכסטע פּאָעזיע — דעם סינטעז פון גוטס און שיינקייט.

און די פאָלגנדע שורות — אַן אויסצוג פון אַ לויבגעזאַנג צום פּאָעט, ווען ער איז אַלט געוואָרן 23 יאָר — וועלן זיין דער לאָרבער־קראַנץ לכבוד זיין אייביקן רום:

„די אמתן ווען אין קומענדיקע צייטן פּראָקלאַמירן די פעלקערס שטים, און לויבן און בענטשן דיין נאָמען: סאַלוט, אומשטערבלעכער זינגער, סאַלוט צו דיין קומענדיקן רום".

*

אַ מאָנומענטאַלן רעפּרעזענטאַנט פון סאָציאַל־משיחישע שטרעמונגען אין דער וועלט־ליטעראַטור האָבן מיר אין דער דראַמאַטישער פּערזענ־לעכקייט פון לעוו טאָלסטאָי, דעם גרויסן קינסטלער, סאָציאַלן רעפאָר־מאַטאָר און מאָראַלישן פּרעדיקער.

אייגנטלעך איז די רוסישע ליטעראַטור, בדרך כלל, אַ משיחישע ליטעראַטור, אַ ליטעראַטור וואָס איז דורכגעדרונגען מיט הומאַניסטישן געוויסן און סאָציאַלן פּראָטעסט. עס איז גענוג צו דערמאָנען אַזעלכע גלענצנדיקע נעמען, ווי פּושקין און לערמאָנטאָוו, דאָסטאָיעווסקי, גאָרקי א״א, אין וועמענס לעבנס און ווערק עס זיינען געקומען צום אויסדרוק די דערלייזערישע בענקשאַפטן, וואָס מיר באַצייכענען ווי סאָציאַל־משיחיזם. יאָ, אפילו דאָסטאָיעווסקי, וואָס איז שפּעטער געוואָרן אַן אולטראַ־נאַציאָנאַליסט און רעליגיעזער מיסטיקער, קאָן אויך באַטראַכט ווערן ווי אַ מעסיאַניסטישער שרייבער, הגם נישט ווי אַ סאָציאַל־משיחיסטישער שרייבער.

אויף פּושקינס לוויה, אין 1880, האָט דאָסטאָיעווסקי, אין זיין טרויער־רעדע, געזאָגט צווישן אַנדערן:

„וואָרום וואָס איז דען דער כוח פון רוסישן פאָלקסגייסט, אין זיינע ענדגילטיקע צילן, אויב נישט דאָס שטרעבן צו אוניווערסאַליזם און פּאַן־הומאַניזם ?... יאָ, דער גורל פון רוסישן מענטש איז... פּאַן־אייראָפּעיש און אוניווערסאַל. פאַר דעם אמתדיקן רוס זיינען אייראָפּע און די אייראָפּעישע ראַסע אַזוי טייער ווי רוסלאַנד אַליין... ווייל אונדזער גורל איז אוניווער־סאַליזם ; און טאָקע נישט דער, וואָס וועט געווינען דורך דער שווערד, נאָר אַן אוניווערסאַליזם דערגרייכט דורך ברידערלעכקייט און דער שטרעבונג צו דער פאַראייניקונג פון אַלע מענטשן".

ווי מיר זעען, האָט אין דעם מיסטיש־שאָוויניסטישן דאָסטאָיעווסקי דאָך געטליעט אַ פּייערל פון קאָסמאָפּאָליטישן הומאַניזם. דאָס זעלבע קאָן געזאָגט ווערן וועגן אַזאַ אַפּאָליטישן שרייבער, ווי טשעכאָוו. קודם כל איז זיין פּערזענלעכקייט געווען אַ פאַרקערפּערונג פון שענסטן הומאַניזם און מענטשן־ליבשאַפט. און אפילו אין זיינע ריין־קינסטלערישע ווערק, ווען מען לייענט „צווישן די שורות", טרעפט מען זיך אויך אָן אויף דעם הומאַ־ניסט, דעם שטרעבער און האָפער אויף אַלמענטשלעכער דערלייזונג. נעמט, למשל, דעם פּרט, וואָס זיינע העלדן, באַזונדערס אין זיינע דראַמעס, האָבן די טבע צו חלומען אויפן קול וועגן דעם מענטשלעכן פּראָגרעס אין הונדערט אָדער אין 2 הונדערט יאָר אַרום. עס זעט אויס, אַז אַ רוסישע

נשמה איז נישט אָפּצושאַצן, און ביי זיין גאַנצער סקעפּטישקייט און פּעסימיזם, האָט דאָך טשעכאָוו אַ געוויסן שטריך פון נביאישקייט אין זיינע ווערק. וועגן פּושקין, לערמאָנטאָוו און גאָרקי — איז דאָך אָפּגערעדט.

פון דעסטוועגן באַטראַכטן מיר ווי דעם פּערפעקטסטן רעפּרעזענטאַנט פון סאָציאַל־משיחישער טענדענץ אין דער רוסישער ליטעראַטור — טאָלסטאָי. אפילו גאָרקי, ביי זיין גאַנצן לייכטנדיקן הומאַניזם, אין זיין לעבן און אין זיינע ווערק, קאָן בלויז באַטראַכט ווערן ווי אַ סאָציאַלער הומאַניסט, אָדער הומאַניסטישער סאָציאַליסט, אָבער נישט ווי אַ רעפּרעזענטאַנט פון משיחיזם.

אויב „סאָציאַל" איז דער שם התואר פאַר דעם קאָמפּלעקס באַציאונגען בין אדם לחברו, איז „משיחיש" דער סינאָנים פון די עטעריש נשמהדיקע גאָט־זוכענישן און ראַנגלענישן צום אַבסאָלוט. און מיט דעם האָט זיך גאָרקי נישט אויסגעצייכנט.

אין לעבן און אין די ווערק פון לעוו טאָלסטאָי איז פאַראַן אַ דראַמאַטישע דעמאַרקאַציע־ליניע, וואָס טיילט אָפּ דעם עולם־הזהדיקן גראַף פון דעם שפּעטערדיקן אסקעט און גאָט־זוכער. אַ ליניע, וואָס שיידט־אָפּ זיינע פּראָזע־ווערק פון זיינע סאָציאַל־משיחישע ווערק, וועלכע ער האָט געווידמעט אויסשליסלעך דעם קעניגרייך פון מענטש און דעם קעניגרייך פון גאָט.

טאָלסטאָי האָט געשאַפן קונסטווערק, וואָס ער האָט שפּעטער, ווי אַ בעל־תשובהדיקער סאָציאַל־רעפאָרמאַטאָר און גאָט־זוכער, אינגאַנצן פאַרלייקנט.

עס איז נאָך נישט געבוירן געוואָרן דער גרויסער קינסטלער, וואָס זאָל אָנשרייבן דעם עפּאָס, די פאַרכאַפּנדיקע דראַמע פון טאָלסטאָיען — פון זיינע דראַמאַטישע אידעישע גילגולים און אינערלעכע ראַנגלענישן. טאָלסטאָי, דער געניאַלער מחבר פון „מלחמה און שלום", האָט אַליין כסדר געפירט מיט זיך אַ מלחמה, אפילו נאָכן יאָר 1880 — ווען עס איז פאָרגעקומען דער גרויסער איבערברוך אין זיין לעבן. ער האָט אויך זינט דאַן, געקעמפט מיט אַלע כוחות פאַר שלום אין דעם ברייטסטן זין פון דעם וואָרט — סאָציאַל־פּאָליטיש און רעליגיעז־אינדיווידועל. נישט קיין קלע־

נערע מלחמה האָט ער געפירט מיט זיך אַליין — מיט דעם געבוירענעם פּריץ און עולם־הזהניק, וואָס ער האָט גרימירט אין דער פּויערישער הלבשה און וועמען ער האָט געפּייניקט מיט אַן אָרעמער וועגעטאַריאַנישער דיעטע, פּיזישע אַרבעט וכדומה.

טאָלסטאָי פאַרדינט אַריינצוגיין אין דעם פּאַנטעאָן פון סאָציאַלן משיחיזם, קודם כל דערפאַר ווייל זיין דערלייזונג־פּראָגראַם איז געווען אַ דואַליסטישער, ווייל זיין קאַמף איז געווען אויף ביידע פראָנטן — בין אדם לחברו און בין אדם למקום; און גאָר באַזונדערס, ווייל דער סאָציאַל־עטישער מאָמענט איז ביי אים געווען אַן אומבאַדינגטער באַשטאַנד־טייל פון זיין פערזענלעכער רעליגיעז־עטישער דערלייזונג.

אויב ס׳גייט אין זיין סאָציאַל־פּאָליטישער קריטיק פון דער דעספּאָטישער צאַרישער מלוכה און זיינע נביאישע שטראָפרייד קעגן דער מלוכה בכלל, איז דער גרויסער טאָלסטאָי אומפאַרגלייכלעך מיט דער לייבן־שטאַרקייט פון זיין קול, מיט דער מעכטיקער דעמאַסקירונג פון דער שטאַט־מאַסקעראַד אין זיין גאַנצער קאָרומפּירטער דערשיינונג. טאָלסטאָי קאָן מיט רעכט באַטראַכט ווערן ווי דער גייסטיקער „סאַפּער״, וואָס האָט געהאָלפן דעמאָלירן דאָס שימלדיקע צאַרישע רוסלאַנד — סאָציאַלע אונטערדריקונג, פּאָליטישן דעספּאָטיזם און די קאָנווענציעלע שקרים פון דער געזעלשאַפט — דאָס איז געווען דער פראָנט פון בין אדם לחברו, אויף וועלכן ער האָט אַזוי ווירקזאַם און העלדיש געקעמפט.

אין דער באַציאונג צום סאָציאַלן פּראָבלעם זעט מען, אַז טאָלסטאָי איז נאָך אַלץ געווען אונטער דער דירעקטער השפעה פון רוסאָס אידיליש־פּאַסטאָראַלן נאַטוראַליזם. סיי רוסאָ און סיי טאָלסטאָי האָבן געפּרעדיקט אַ פולשטענדיקן צוריקקער צום נאַטירלעכן דאָרפישן לעבן מיט זיין פּשטות און ריינקייט. אָבער טאָלסטאָי איז נאָך מער עקסטרעם אין זיין „נעגאַטיוון סאָציאַליזם״. זיין אידעאַלע קאָמונע איז געבויט אויפן פּרינציפּ פון גלייכער אָרעמקייט פאַר אַלע און אָפּזאָגן זיך פון יעדן קאָמפאָרט.

נאָך ראַדיקאַלער און ליידנשאַפטלעכער איז געווען זיין קאַמף אויפן פראָנט פון „בין אדם למקום״, אויפן געביט פון רעליגיעז־עטישער דערלייזונג פון מענטש. דאָ האָט דער לייב געקעמפט סיי קעגן דער אָפיציעלער

רוסישער קירכע (וואָס האָט אים, אגב, געלייגט אין חרם אַריין) און סיי קעגן דעם גאַנצן קלאַפּערגעצייג פון דאָגמעס און אבערגלויבנס בכלל.

אויפן אינדיווידועל־עטישן געביט האָט טאָלסטאָי געפּרעדיקט די מאָראַלישע ווידערגעבורט פון מענטש, דורך באַקעמפן די אייגענע תאוות און שלעכטע אינסטינקטן, ווי אויך אַ זייער רעדוצירטע פאָרם פון אַ פּאַר־נעפּלטן קריסטנטום. און עס זעט אויס אַז דער אויסדרוק ,קריסטנטום׳ איז ביי אים געווען אַ פּסעוודאָנים פאַר דעיזם — דעם קולט פון אַן אַבסטראַקטער גאָטהייט.

אויף דעם פראָנט האָט ער געפירט אַ שווערן, אָבער האָפענונגסלאָזן קאַמף קעגן אַ מעכטיקן דעספּאָט — דעם מענטשלעכן עגאָ און זיינע שווער־באַוואָפנטע לייב־וועכטער: די אינסטינקטן און ליידנשאַפטן. דאָ דערשיינט ער פאַר אונדז ווי אַ העלד, וואָס ראַנגלט זיך מיט זיין יצר־הרע; ווייל ער האָט, קודם־כל, געקעמפט פאַר דער עטישער רעפאָרמאַציע ביי זיך גופא.

זיין העלדישן קאַמף קעגן דיביידע שונאים — דעם רשעותדיקן סדר־העולם און דעם רשעותדיקן מענטשלעכן עגאָיזם — האָט טאָלסטאָי געפירט מיט אַ סך פייער און מוט אין משך פון 30 יאָר — פון 1880 ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן אין יאָר 1910.

מער פּראָבלעמאַטיש זיינען אָבער די פּאָזיטיווע אַספּעקטן פון זיין העראָישן קאַמף, זיינע הילפסמיטלען פאַר דער רעאַליזירונג פון סאָציאַלער און רעליגיעזער דערלייזונג.

אויפן סאָציאַל־פּאָליטישן געביט האָט טאָלסטאָי געפּרעדיקט די אַנטשטייאונג פון אַ געטלעכן קעניגרייך אויף דער ערד. דאָס האָט געזאָלט זיין אַ מין אור־קריסטלעכע קאָמונע, געבויט אויף סאָלידאַרישקייט און אָרעמקייט. אויך אויף דעם געביט איז דאָס קריסטנטום בלויז אַן „עטיקעט״, ווייל טאָלסטאָי, ווי אַ סאָציאַלער נביא, איז אַן אייגנאַרטיקער טעאָרעטיקער פון אַ פּרימיטיוו־עטישן אַנאַרכיזם.

זיכער האָבן צו טאָלסטאָיען אַפּעלירט אין דער וואַנגעליע נאָר די עטישע מאָמענטן, און נישט דאָס דאָגמאַטישע ווילדגראַז. טאָלסטאָי האָט, ווי יעדער ראַציאָנאַלער מענטש, געקאָנט זען אין יעזוסן — אַ מענטש

וואָס האָט זיך פאָרשטעלט פאַר אַ גאָט און נישט אַ גאָט וואָס האָט זיך פאָרשטעלט פאַר אַ מענטש.

טאָלסטאָי איז, דער עיקר, געווען אַן עטיש־הומאַניסטישער אַנאַרכיסט פון גרויסן פאָרנעם, אַן אַנאַרכיסטישער נביא, וואָס האָט נעגירט די מלוכה און געזעלשאַפטלעכן סדר מיט אַלע זייערע אינסטיטוציעס. און זיין שטאַרקע זייט ליגט מער אין זיין נעגאַטיוויזם, ווי אין זיין פּאָזיטיוויזם. מיט זיינע פייערדיקע שטראָף־רייד קעגן אַלע אַנשיקעניש פון אונדזער סדר־העולם האָט ער דערמאָנט אין די אַמאָליקע נביאים. אין זיינע סאָציאַלע־עטישע שריפטן ווערן די איבלען פון דעם שטאָט דעמאַסקירט אויף אַ גרויסאַרטיקן אופן. און אפילו ער האָט אין יענער תקופה שוין געהאָט פאַרלייקנט די קונסט, האָט דאָך די קונסט נישט פאַרלייקנט אים. און זיין צעשמעטערנדיקע קריטיק אויף דער מאָדערנער מלוכה און דעם סאָציאַלן סדר איז בכוח צו אינספּירירן און סטימולירן יעדן עמפּינדלעכן לייענער — זיין קריטיק אויף די בין־אדם־למקום־באַציאונגען איז אויך פון וויכטיקער באַדייטונג, ווייל טאָלסטאָי, דער אַריסטאָקראַטישער פּריץ אין דער טראַכט פון אַ רוסישן מוזשיק, האָט געהאַט אין זיך עפּעס פון א"ג פּויערישן פאַרשטאַנד, וואָס איז ראַדיקאַל אין זיין אָפּשאַצן און איבערשאַצן ווערטן. טאָלסטאָי קראַצט אָפּ די אַרויפגעשמירטע דינע שיכט קולטור פון דעם יחיד און פון דער געזעלשאַפט, און ער ווייזט די גאַנצע ברוטאַלקייט און זינלאָזיקייט, וואָס ווערט פאַרדעקט מיט היפּאָקריזיע און גוטע מאַנירן. נאָך מער: ווי אַ רוסיאַנער, איז ער איבערצייגט, אַז די ציוויליזירטע פאַרב פאַרדאַרבט נאָך דעם מענטשנס כאַראַקטער און דערלאָזט נישט צו אים די היילנדיקע דאָזע פון זוניקער נאַטירלעכקייט.

די פראַגע איז אָבער, צי איז טאָלסטאָיס קאָנקרעטער פּראָגראַם פון וועלט־דערלייזונג אויספירבאַר? צום באַדויערן מוז מען ענטפערן: ניין. די עקספּערימענטאַלע טאָלסטאָיאַנישע קאָמונעס, וואָס זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן דורך זיינע אָנהענגערס, זיינען זיך שנעל צעפאַלן. און דאָס איז נישט קיין וווּנדער. פאַרקערט, עס וואָלט געווען אַ וווּנדער, אויב זיי וואָלטן זיך יאָ געהאַלטן. אין זיין ווידערווילן קעגן דער לייכטזיניקער וועלט, איז טאָלסטאָי דערגאַנגען צום צווייטן עקסטרעם — צו אסקעטיזם.

עס איז אפשר נאָך מעגלעך צו איבערדערציען מענטשן, אַז זיי זאָלן זיך אָפּזאָגן פון לוקסוס (הגם אין אונדזער עפּאָכע איז דאָס שוין זייער שווער), אָבער צו האָפן אַז אַלע זאָלן זיך פאַרוואַנדלען אין אסקעטן — דאָס איז שוין אבסורד. אסקעטיזם איז קעגן דער מענטשלעכער נאַטור, און די זעלטענע אסקעטישע נאַטורן זיינען בלויז אויסנאַמען, וואָס באַשטעטיקן דעם כלל.

אָבער הגם טאָלסטאָיס קאָנקרעטע מיטלען האָבן זיך אַרויסגעוויזן ווי נישט־עפעקטיוו, נעמט דאָס נישט אַוועק פון זיין גרויסער און דערהויבע־נער באַדייטונג ווי אַ זעער און פירער פון דער מענטשהייט. זיין גאַנץ וועזן און זיינע ווערק שטראָמען אויס פון דער סאָציאַל־משיחישע בענק־שאַפטן, האָפענונגען אויף ענדגילטיקער דערלייזונג פון מענטש. טאָלסטאָי איז געווען אַ וויזיאָנער און נביא, הגם דאָס איז ביי אים געקומען מער פון מוח, ווי פון האַרץ. אָבער, אין אַ געוויסן זין, איז ער צוליב דעם געווען אין אַ העכערער קאַטעגאָריע פון דעם נאַטירלעכן צדיק, וועמען די הייליקייט קומט אָן לייכט. דער זעער פון יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ האָט העלדיש געקעמפט מיט זיך אַליין, מיט זיינע מענטשלעכע שוואַכקייטן. עס איז דאָ נישט וויכטיק, וואָס ער האָט איבערגעכאַפּט די מאָס אין זיין אָפּענסיווע קעגן דעם שונא פון מענטשלעכקייט אין מענטש גופא. וויכטיק איז, וואָס ער האָט געהערט צו דער אומשטערבלעכער גלענצנדיקער קאָנסטעלאַציע פון אמת און שיינקייט־זוכערס; וואָס ער איז פון דעם פראַמעטעישן שטאַם, וואָס שטרעבט צו באַשענקען די מענטשהייט מיט פייער — מיט דער אַלץ־אַרומנעמענדיקער און אַלץ־דורכדרינגענדיקער סובסטאַנץ פון אַלמענטשלעכער סאָלידאַריטעט; וואָס ער איז אַ וועגווייזער צום קעניגרייך פון מענטש און אַ בעל־חלומות פון „והיה", פון „אז ישיר".

נאָר די קאָסמישע ליבע צו דער מענטשהייט, דער אוניווערסאַלער הומאַניזם פירט אַריין צום קעניגרייך פון דער צוקונפט.

„ווער שטענדיק שטרעבנדיק זיך באַמיט": און אַזאַ זיך מיענדיקער, קעמפנדיקער פאַר סאָציאַל־משיחישער דערלייזונג, איז געווען דער וווּנ־דערלעכער מענטש לעוו טאָלסטאָי, וואָס האָט געשריבן: „גאָט איז מיין באַגער אים צו זוכן".

*

אַ באַדייטנדיקע שייכות צו סאָציאַל־משיחישער וויזיע האָט וואלט וויטמאַן, דער גרויסער אַמעריקאַנער פּאָעט פון 19טן י"ה. ער איז נישט קיין כאַראַקטעריסטישער רעפּרעזענטאַנט פון סאָציאַל־משיחיזם. נישטאָ אין זיין ווערק די דורכגעדרונגענקייט מיט סאָציאַלן פּאַטאָס, דאָס שטעלן אין צענטער פון זיין אוניווערס די זון פון אַלמענטשלעכער דערלייזונג, ווי דאָס איז דער פאַל מיט אַ רוסאָ, שעלי און טאָלסטאָי.

אָבער הגם ער איז נישט געווען קיין כאַראַקטעריסטישער רעפּרעזענ־טאַנט, איז דאָך ביי אים פאַראַן אַ סאָציאַל־משיחישע סטרונע. דאָ און דאָרט אין זיינע לידער און עסייען, קומט צום אויסדרוק, אַ נביאיש הומאַניסטישער טאָן, אַ וויזיאָנערישקייט פון „והיה", אַ ניצוץ פון קאָס־מאָפּאָליטישן „אז ישיר". דעריבער קאָן מען אים מצרף זיין צו דער דערהויבענער חברותא פון די נאָבעלע זינגערס און זעערס פון די צוקונפ־טיקע האָריזאָנטן.

וואלט וויטמאַן איז קודם־כל דער וואָרטזאָגער פון אַמעריקע, פון איר דעמאָקראַטישער „עמד'דיקייט", דינאַמישקייט און פּאָזיטיוויזם. ער האָט כסדר באַזונגען דעם גייסט פון אַמעריקע — איר נייע קולטור, אירע לאַנדשאַפטן, לעבנסשטייגער, און אפילו איר אינדוסטרי און טעכנישע דערגרייכונגען. אָבער ווי אַ דיכטער מיט אַ נביאישן ניצוץ, האָט ער זיך נישט געפוילט און ווי געהעריק רעטושירט דאָס אידעאַליזירטע בילד, וואָס ער האָט געשאַפן פון זיין אַמעריקע. ער האָט געמאַכט אַ גייסטיקן אַנאַליז פון דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט, פון אירע טענדענצן און אַספּיראַציעס, און ער האָט אויסגעפונען די געפערלעכע מיקראָבן פון עקסטרעמען מאַטעריאַליזם און נעאָ־רוימישער דעקאַדענץ.

וואלט וויטמאַן האָט געוווּסט, אַז עס איז נייטיק אַ שטאַרקער מאָראַ־לישער סערום קעגן דער וווּלגאַר־מאַטעריאַליסטישער עפּידעמיע. און ער ווענדט זיך מיט זיין וויזיאָנערישן בליק צו דער צוקונפט, דער גרויסער מאָראַלישער באַנק, וואָס וועט דעקן אַלע חובות פון דער איצט־באַנקראָ־טירטער מענטשהייט:

„יאָרן נאָך־נישט אויפגעטרעטענע! אייער האָריזאָנט
גייט אויף...

איך זע נישט בלויז אַמעריקע —
איך זע נישט בלויז פרייהייטס־
נאַציע, נאָר אַנדערע פעלקער צוגרייטנדיק...
איך זע פרייהייט פולשטענדיק באַוואָפנט, און זיגרייך, און
זייער שטאָלץ, מיט געזעץ ביי איר זייט...

זיינען אַלע פעלקער זיך מתייחד? וועט באמת זיין נאָר איין
האַרץ צו דעם ערד־קיילעך?...
יאָרן נביאישע!

דער רוים פאָרויס איז פול מיט מיראַזשן, ווען איך גיי,
ווען איך פרווו אומזיסט אים דורכצודרינגען...
דאָס עקזיסטירנדיקע אַמעריקע און אייראָפע ווערן
נעפלהאַפט,
צוריקציענדיק זיך אין שאָטן פאַר מיר,
דאָס נאָך־נישט פאַראנענע, גיגאַנטישער ווי שטענדיק,
קום פאָרויס, קום אַנטקעגן מיר".

אין די שורות פון דעם ליד האָבן מיר בפירושע סאָציאַל־משיחישע טענער. וואָלט וויטמאַן זינגט דאָ דעם כדור־האַרץ, וואָס וועט האָבן „איין האַרץ". ער זינגט וועגן דעם נאָך־נישט פאַראנענעם אַמעריקע און אייראָפע; וועגן די איצט־עקזיסטירנדיקע קאָנטינענטן, וואָס ווערן פאַר־נעפּלט און ציען זיך צוריק אין שאָטן.

דאָס פריער־דערמאָנטע ליד איז נישט דאָס איינציקע, אין וועלכן עס קומט צום אויסדרוק וואָלט וויטמאַנס קאָסמאָפּאָליטיש־הומאַניסטישע רע־ליגיע. אין זיינע „גראָזן־בלעטלעך" איז פאַראַן אַ ליד, „סאַלוט אַ מאָנד" — אַ גרוס צו דער וועלט, וואָס אָטעמט מיטן גייסט פון אינטערנאַציאָנאַלער ברידערלעכקייט, מיט אַמתדיק־מענטשלעכער איינִיקייט. וואָלט וויטמאַן

זעט די אלמענטשלעכע פאַרברידערונג אַן אונטערשיד פון די געאָגראַפישע, היסטאָרישע און עטנישע באַזונדערקייטן פון די פעלקער. דער דיכטער גייט אַרויף אויף אַ הויכן באַרג — זיין הומאַניסטישע אינספּיראַציע, זיין קאָסמישע וויזיע — און ער זעט, צופוסנס זיך אויסשפּרייטן אַ ווונדערלעך־פאַרביקע עטנישע פּאַנאָראַמע פון דער מענטשהייט, פון די פאַרשידענע פעלקער און שטאַמען פון דער ערד. און מען פילט, לייענענדיק דאָס ליד, אַז דער לייטמאָטיוו דערפון איז: „מה טובו אהליך, מענטשהייט!"

אין זיין ווערק, „דעמאָקראַטישע אויסבליקן" שרייבט ער צווישן אַנדערן:

„ס'איז אפשר קיינמאָל נישט געווען מער ליידיקייט פון האַרץ, ווי איצט, דאָ, אין די פאַראייניקטע שטאַטן... מיר לעבן אין אַן אַטמאָספערע פון היפּאָקריזיע... אַ סך קירכעס, סעקטעס א.א.וו. אוזורפּירן דעם נאָמען פון רעליגיע... די אָפיציעלע אַמטן פון אַמעריקע, אויסער די געריכטלעכע, זיינען דורכגעזאַפּט מיט קאָרופּציע... די גרויסע שטעט — פול מיט רויבעריי און כוליגאַניזם.

אין דער בעסערער געזעלשאַפט... קליינע צילן, אָבער איבערהויפּט נישט קיין צילן, נאָר צו פּטרן די צייט. אין געשעפט... דער איינציקער ציל... געלט־געווינס. דעם מכשפס שלאַנג, אין דער פאַבל, האָט אויפגע־געסן אַלע אַנדערע שלאַנגען; און געלט־מאַכן איז אונדזער מכשפס שלאַנג... איך זאָג, אַז אונדזער „נייע וועלט"־דעמאָקראַטיע... איז... כמעט אַ פולשטענדיקער דורכפאַל אין איר סאָציאַלן אַספּעקט".

ער האָט געמאַכט אַ גייסטיקן אַנאַליז פון דער אַמעריקאַנער געזעל־שאַפט, פון אירע טענדענצן און אַספּיראַציעס, און אויסגעפונען די טויט־לעכע מיקראָבן פון עקסטרעמען מאַטעריאַליזם און בעאָ־רוימישער דע־קאַדענץ. וויטמאַן האָט געוווּסט, אַז עס איז נייטיק אַ שטאַרקער מאָראַלישער סערום קעגן דער מאַטעריאַליסטישער עפּידעמיע.

דאָס סאָציאַל־משיחישע איז נישט קיין ברייטע שטרעמונג אין די ווערק פון וואלט וויטמאַן. אין זיין פּאָעזיע דאָמינירט אַ געמיש פון דעטאַלן רעאַליזם און פייערלעכן טראַנסצענדענטאַליזם, די מיסטישע וועלט־השקפה, וואָס ער האָט איבערגענומען פון פאַרשידענע דיכטערס און דענקערס,

קודם כל פון זיין פריינט ראַלף וואַלדאָ עמערסאָן. אגב האָט עמערסאָן זיך אויסגעדריקט אַז די „גראָזן־בלעטלעך״ זיינען אַ געמיש פון „באַגאַוואַט־גיטאַ״ — דעם הינדואיסטישן „זוהר״ — און „ניו־יאָרק־העראַלד״. און מיט דער הילף פון דעם אידעישן געמיש האָט וואָלט וויטמאַן מאַניפעסטירט זיינע אינדיווידואַליסטישע אני מאמינס. אָבער צווישן סתם־פּאָעטיש פילאָסאָפישע דיסערטאַציעס וועגן לעבן און טויט, צווישן איך־גריבלערייען און דעקלאַמאַציעס וועגן דעמאָקראַטיע, — הערן מיר פון צייט צו צייט ביי אים אַן איידעלן נביאישן טאָן, אַן עקזאַלטירטן רוף, וואָס קומט פון סאָציאַל־משיחישער נאָסטאַלגיע. די לידער: „סאַלוט אַ מאָנד״, „יערס אַנפערפאַרמד״ און פראַגמענטן פון אַנדערע שאַפונגען זאָגן עדות, אַז וואָלט וויטמאַן האָט געהאַט אַ פונק, אַ ניצוץ פון דעם גרויסן סאָציאַל־משיחישן פייער, אַ דורשט און בענקשאַפט צו אַלמענטשלעכער גאולה.

וואָלט וויטמאַן האָט אָנגעהויבן ווי אַ זשורנאַליסט אין אַ פּראָווינץ־בלעטל, אין „לאָנג־איילענדער פּאַטריאָט״; ער האָט געענדיקט ווי אַ פּאַטריאָט פון דער וועלט.

*

איצט — אַ רעזיומע וועגן די באַהאַנדלטע רעפּרעזענטאַנטן פון סאָציאַל־משיחישע שטרעמונגען אין דער וועלט־ליטעראַטור. ביי עטלעכע פון זיי — ווי עראַזמוס און וואָלט וויטמאַן — זיינען פאַראַן בלויז געוויסע אַספעקטן פון סאָציאַלן משיחיזם. ביי עראַזמוס איז דאָס זיין לעבנסלענגלעכער קאַמף פאַר שלום און הארמאָניע צווישן די פעלקער. ביי וואָלט וויטמאַן איז דאָס די שטרעבונג צו דעמאָקראַטיע און אַן אומבאַשטימטע, פאַרנעפּלטע וויזיע וועגן אַ מענטשלעכער מענטשהייט. ביי אַנדערע, ווי שעלי און טאָלסטאָי, איז דער סאָציאַל־משיחיזם דער „אַלף און תיו״ פון זייערע לעבנס און ווערק; עס איז דער הויפּט־סטימול פון זייער שעפערישער ענערגיע און דער הויפּט־אַטריבוט פון זייערע פּערזענלעכקייטן. שעלי איז געווען אַ פייערדיק־נביאישער גייסט, וואָס האָט אַראָפּגענידערט אויף אונדזער ערד פון ווייטע ספערן; אַ לייכטנדיקער קאָמעט,

וואָס האָט איבערגעלאָזט אויף אונדזער האָריזאָנט אַן אומפאַרגעסלעכן ליכט־שטרייף. טאָלסטאָי איז געווען אַן אור־עלעמענט, אַ פּאַטריאַרך פון אַ נייער מענטשהייט, וואָס האָט מורד־געווען אין די אַנגענומענע קאָנווענצן און צעבראָכן די געטשקעס — די פאַרשידענע אומראַציאָנעלע סטאַנדאַרטן פון סאָציאַלן און אינדיווידועלן געביט.

דער צד השווה ביי די און אַנדערע פּאַטריאָטן פון דער מענטשהייט איז — דער אומדערשיטערטער גלויבן אין אַ באַנייאונג און עוואָלוציע פון דער מענטשהייט צו די העכסט־מעגלעכע שטאַפּלען פון שיינקייט און דערהויבנקייט.

ביי זיי אַלע דאָמינירט די וויזיע פון אַן אַבסאָלוט־פרידלעכער וועלט. זיי אַלע זעען אין זייערע וויזיעס ווי וואָלט וויטמאַן האָט דאָס געזען: „פרייהייט, פולשטענדיק באַוואָפנט און זיגרייך, און זייער שטאָלץ, מיט געזען ביי איר זייט...״

זיי און אַנדערע נביאים, סאָציאַל־משיחישע וויזיאָנערן, האָבן איבער־געלאָזט אַ ליכטיקע ירושה. זיי האָבן באַלויכטן דעם טונקעלן האָריזאָנט פון דער מענטשהייט מיט אַ פאַרבנרייכער ערב־זריחה, מיט אַ פאַרבענקטן מאָרגנרויט, וואָס זאָגט־אָן די בשורה פון אַן אוניווערסאַלן זון־אויפגאַנג. מיט זייערע לעבנס און ווערק זיינען זיי אַ ווייסע אנהאַלט־שנור אין טונקעלן לאַבירינט פון דער וועלטס קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען. זיי אַלע האָבן געקעמפט פאַר שלום.

און ריכטיק האָט באַמערקט דער ענגלישער פילאָסאָף, הערבערט ספּענסער, אַז „די מעגלעכקייט פון אַ הויך־אַנטוויקלטן סאָציאַלן שטאַט איז פונדאַמענטאַל אָפּהענגיק פון דעם אויפהערן פון מלחמות״. יעדער פון די גרויסע גייסטער האָט מיט זיין לעבן און מיט זיין טאַלאַנט געדינט דער זאַך פון דער מענטשהייט. און ווי דער געניאַלער גריכישער דראַמע־דיכטער, סאָפאָקלעס, האָט געזאָגט אין „קעניג עדיפּוס״: „דינען דער מענטשהייט איז דער שענסטער געברויך, וואָס אַ מענטש קאָן מאַכן פון זיין טאַלאַנט און זיין קראַפט״.

ווי האַלטן מיר אין דער איצטיקער קאָ־עקזיסטירנדיקער, אָדער בעסער געזאָגט: קוים־עקזיסטירנדיקער וועלט מיטן אידעאַל פון סאָציאַל־משיחיזם,

מיט דער הייליקער וויזיע פון קאָסמאָפּאָליטישער פעלקער־פאַרברידערונג און סאָציאַלער האַרמאָניע? מען קאָן נישט זאָגן, אַז אין דער איצטיקער וועלט איז לייכט צו זיין אַ מאמין אין דעם הומאַניסטישן משיח. ספּעציעל מיר, דאָס יידישע פאָלק, איבער וועלכן ס׳איז דורך די שרעקלעכע „שוא״, די שווידערלעכע קאַטאַסטראָפע, מוזן מאַכן איבערמענטשלעכע אנשטרענגונגען, כדי נאָך צו קאָנען גלייבן, אז דער מענטש איז גוט. אין די גיהנומדיקע פייערן זיינען נישט בלויז מענטשן פאַרברענט געוואָרן, — עס זיינען אויך פאַרברענט געוואָרן דער גלויבן און די האָפענונג אין מענטש — דער גלויבן אין אַ מענטשלעכער צוקונפט. מיר לעבן איצט אין אַ צייט פון אַ וועלט אויפן משקולת. מיר לעבן אין אַן אַטמאָספער פון אטאָמישער שרעק. און שרעק איז נישט קיין גינסטיקער תנאי פאַר ווירדיקער מענטשלעכער אַנטוויקלונג.

אונדזער עפּאָכע איז דעמאָניש, ווייל די גרעסטע מאַטעריעלע און גייסטיקע רעסורסן פון דער מענטשהייט גייען נישט אויף צו לייזן די דרינגנדיקע פּראָבלעמען און נויטן, נאָר כדי צו שאַפן נייע צרות און נייע פּראָבלעמען. מיר זיינען עדות פון דער טראַגי־קאָמישער סיטואַציע, ווען צענטליקער מדינות, אין וועלכע עס הערשן הונגער, קראַנקהייטן און אַנאַלפאַבעטיזם — אַז אָט די מדינות גיבן אויס דעם גרעסטן טייל פון זייערע בודזשעטן, און נעמען נאָך הלוואות, כדי צו שפּייזן די באַפעלקערונג מיט געווער און אַמוניציע.

מיר זיינען עדות פון דער טרויעריקער סיטואַציע, ווען דער מענטשלעכער געניוס, די מענטשלעכע דערפינדערישקייט ווערט אויסגענוצט צום שלעכטן — צו טעראָר און מלחמות.

און ריכטיק־נביאותדיק זיינען די ווערטער פון דעם גריכישן נביא טירעזיאַס אין דער דראַמע „קעניג עדיפּוס״:

„וויי, וויי! ווי שרעקלעך איז די וויסנשאַפט, ווען די דינט נישט דעם וואָס באַזיצט זי!״

אונדזער וויסנשאַפט דינט אונדז צו פאַרגרעסערן דעם סכום פון ראַדיאָ־אַקטיווער אויסשטראַלונג און צו פּראָדוצירן מעגאַטאָנען־באָמבעס.

מיר זיינען עדות, ווי אין דער יר־ען, אין דער פאַראייניקטער פעל־

קער־אָרגאַניזאַציע, — די לעצטע האָפענונג פון דער מענטשהייט — דאָמינירט קליין־פּאָליטישער שאַכער־מאַכער. מיר זעען דאָרט די העצערס פון אַראַבישן אימפּעריאַליזם און אַנדערע נאַציאָנאַליסטישע פאַ־נאַטיקערס, וואָס זיינען גרייט אַריינצושליידערן די וועלט אין אַן אָפּגרונט פון מלחמה און צעשטערונג. אָט די אינטערנאַציאָנאַלע העצערס און קאָנס־פּיראַטאָרן, וועגן וועלכע עס זיינען ווי אנגעמאָסטן די פּאַטעטישע ווערטער פון מאַרקוס טולוס ציצעראָ אין זיין ערשטער רעדע אין רוימישן סענאַט קעגן דעם דיקטאַטאָרישן פאַרשווערער קאַטילינא:

„דאָ, אין דעם הייליקסטן און ווירדיקסטן ראַט פון דער גאַנצער וועלט, זיינען פאַראַן מענטשן וואָס פּלאַנירן די פאַרניכטונג פון אונדז אַלע, וואָס פּלאַנירן דעם חורבן פון אונדזער שטאָט, און אפילו דעם חורבן פון דער גאַנצער וועלט!"

מיר לעבן אין אַן עפּאָכע, וואָס איז ממש מינירט מיט ביאָלאָגישן אויפרייס־שטאָף — דאָס זיינען: די פראַגע פון דער א"ג געבורט־עקספּלאָזיע, די פראַגע פון מלחמה־געפאַר און די פראַגע פון הונגער א"א סאָציאַלע צרות. אָבער די רעגירונגען פון די נויט־לענדער האַנדלען איין געווער — דאָס איז זייער לייזונג.

די צעריסנקייט פון דער וועלט, די מלחמה פון אַלע קעגן אַלע — דאָס אַלץ דערמוטיקט נישט צו גלויבן אין סאָציאַל־משיחישע אידעאַלן, וואָס זיינען שוין סיי־ווי — אַזוי צו זאָגן — אינוואַלידן פון לעצטן וועלט־חורבן.

אָבער נישט געקוקט אויף די אַלע טראַגעדיעס און דורכפאַלן פון דער פאַרגאַנגענהייט; נישט געקוקט אויף דעם טונקל־פאַרוואָלקנטן היינט, קאָנען מיר נישט אַנדערש ווי ווייטער חלומען און זיך האַלטן ביי דער ליכטיקער סאָציאַל־משיחישער ריכטשנור אין דעם איצטיקן כאַאָטישן וועלט־לאַבירינט. אָפּגעזען פון אַלע אַנטוישונגען מוזן מיר אויסרופן, ווי בייראָן אין זיין פּאָעמע „טשיילד העראַלד":

„דאָך פרייהייט! דיין פאָן, צעריסן, אָבער פלאַטערנדיק, שטראָמט ווי דער דונערשטורעם קעגן ווינט".

מיר מוזן ממשיך זיין דורך אַלע שטרויכלונגען און נישט אויפגעבן

אונדזער שטאַרקע גייסטיקע פּאָזיציע — דעם גלויבן אין אַ הומאַניסטישן אחרית הימים, און נישט אין אַן אחרית הימים פֿון דער מענטשהייט. מיר מוזן זיך קלאַמערן אין די אידעאַלן פֿון די פֿאַרגאַנגענע גרויסע גייסטער, וואָס לייכטן ווי שטערן אויפֿן הימל פֿון דער געשיכטע — זיי קאָנען אונדז פֿירן צום צוגעזאָגטן לאַנד; צום לאַנד פֿון סאָציאַל־משיחישער דער־לייזונג, צום נביאישן „והיה", צו דער ליכטיקער צוקונפֿט, צום „אז ישיר" פֿון יידישן פֿאָלק און פֿון דער גאַנצער מענטשהייט.

שלום עליכמס פֿאַרכישופֿטע וועלט

(צו זיין 50סטן יאָרצייט)

.1

דאַכט זיך, אַז ס'איז נישט פֿאַראַן קיין לייכטערע טעמע, ווי צו רעדן און צו שרייבן וועגן שלום עליכמען. אין דער לייכטקייט איז אָבער פֿאַראַן אַ גרויסע שוועריקייט. מען האָט ביי אונדז אַזוי פיל געשריבן און גערעדט וועגן דעם גרויסן יידישן מייסטער, אַז ס'איז שווער עפּעס מחדש צו זיין. אָבער ווי זאָגט זיך: פּטור בלא כלום אי אפשר.

בכלל איז פֿאַראַן אַן ענלעכקייט פֿון ליטעראַטור צו דער תורה וואָס יעדער מחבר גיט אויף איר אַן אַנדערן פּירוש. אויך ליטעראַרישע ווערק און זייערע שעפֿערס ווערן קאָמענטירט לויט די ראשי תיבות „פּרדס", דאָס הייסט: פּשט, רמז, דרוש, סוד. קריטיקערס און קאָמענטאַטאָרן האָבן שלום עליכמען אויף אַ פֿאַרשיידענעם אופֿן געטייטשט, פֿאַרטייטשט, אויסגעטייטשט און אַריינגעטייטשט. שמואל ראָזשאַנסקי, דער רעדאַקטאָר פֿון „יידישע ליטעראַטור" האָט אויף דעם אָנגעוויזן אין זיין אַריינפֿיר צו „מנחם מענדל". — איינער זעט זיין הויפּט־כוח אין שילדערן עלטערע מענטשן, אַנדערע האַלטן, אַז ער האָט זיך גאָר באַזונדערס אויסגעצייכנט אין שילדערן די מענטאַליטעט פֿון קינדער. פּראָפֿעסאָר קלויזנער האָט אים באַצייכנט אַלס איינעם פֿון די ציוניסטישע ראשונים, אָבער אין ראַטן־פֿאַרבאַנד ווערט ער באַטראַכט אַלס סאָציאַלער קינסטלער. פּרץ און בעל־מחשבות האָבן געזען אין מנחם מענדלען אַ סאָציאַלע סאַטירע, אַ מין קרומער שפּיגל, אָדער בעסער געזאָגט, אַ שפּיגל פֿון דער קרומער יידישער ווירקלעכקייט. לויט פּרצן, לאַכט ער אויס „די לופֿט־שלינגענדיקע נע־ונעדניקעס אין תוהו ובוהו. זיי ווערן דורך אים אַנטפּלעקט... אַנטפּלעקטע מוזן זיי גיין... אַוועקגיין".

לויט בעל־מחשבות, איז מנחם מענדל פֿון יעהופּעץ — „די יידישע

פאָלקס־משוגעת אין דער געשטאַלט פון אַ יידישן סוחרל... שלום עליכם האָט מיט זיין געלעכטער געקערט ווי מיט אַ בעזעם... דאָס גאַנצע באַלעבאַטישע יידישע לעבן האָט באַקומען צוליב זיין הומאָר אַ פּנים פון אַ נעכטיקן טאָג פון אַן עולם־התוהו..."

קומט י. י. טרונק און טייטשט אויס מנחם מענדלען על פּי דרוש, ווי די קווינטעסענץ פון יידישער כאַראַקטערהאַפטיקייט. און יעקב גלאַטשטיין זאָגט אַז שלום עליכם איז געווען „דער היסטאָריקער און זיטן־פאַרצייכנער פון אַ גאַנץ פאָלק" א. אַז. וו..

בלויז פון די עטלעכע ביישפּילן קאָן מען זען, אַז יעדער געפינט אין אים זיין אינטערפּרעטאַציע. און באמת, יעדער קריטיקער זעט לרוב דאָס, וואָס ער וויל זען און דאָס, וואָס ער איז מסוגל צו זען.

.2

אויב עס איז פאַראַן איינשטימיקייט וועגן שלום עליכמען, איז דאָס, ווי מיר שיינט, וועגן 2 פונקטן: אַז ער איז געווען און פאַרבליבן דער פאָפּולערסטער יידישער שרייבער, און אַז ער איז דער הומאָריסט בה' הידוע אין דער יידישער ליטעראַטור.

וואָס שייך זיין פּאָפּולערקייט, האָט שוין פּרץ באַמערקט אין אַ רעדע, אַז שלום עליכם איז דער פּאָפּולערסטער פון אַלע אונדזערע שרייבערס. „ער איז דער מייסטער פון לאַכן... ווער עס קען לייענען, איז זיין לייענער און ווער אויערן האָט — זיין צוהערער".

בעל מחשבות האָט דערקלערט, אַז „ש"ע געהערט צו די בר־מזלדיקסטע יידישע שרייבערס, וואָס דאַרפן נישט וואַרטן ביז אַ יובילײ ווען באַקאַנט מאַכן זיין נאָמען צווישן די ברייטע מאַסן פון פאָלק. נאָך איידער די קריטיק האָט זיך אָנגעהויבן צו באַשעפטיקן מיט ש"ע, איז ער שוין געווען באַוווסט כמעט אין איטלעכן יידישן הויז...ביים פאָלק גייט כמעט נישט אַריבער קיין מזל־טוב, קיין חתונה, אָדער גלאַט אַזוי אַן אָוונט, ווו מען קומט זיך צונויף פאַרברענגען, אַז מען זאָל נישט מכבד זיין די געסט מיט אַ שטיקל ש"ע, ווי מען איז מכבד מיט אַ גוט גלעזל וויין און אַ שטיקל טאָרט און לעקעך".

און באמת איז שלום עליכם אַ מין קאָנסטיטוציאָנעלער מאָנאַרך אין דער יידישער ליטעראַטור. ער איז דערוויילט געוואָרן פון פאָלק, להיפוך צו געוויסע גרויסע שרייבערס, וואָס ווערן אַרויפגעזעצט אויפן טראָן דורך די קריטיקערס. ש״ע האָט נישט געדאַרפט וואַרטן אויף ליטעראַרישע אונטערפירערס, וואָס זאָלן אויסרופן: „אלה סופריך ישראל.״

עס דערמאָנט זיך מיר ביי דער געלעגנהייט אַ קוריאָז: מיט אַ קורצער צייט צוריק האָט אַ יידישע לייענערין אין אייראָפּע אין אַ געשפּרעך מיט מיר זיך אויסגעדריקט וועגן איינעם פון די באַרימטסטע יידישע פּאָעטן, אַז ער שרייבט „פוטוריסטיש״. גלייכצייטיק האָט זי פּאַראַדירט זיין אומפאַרשטענדלעכן סטיל דורך לייענען עטלעכע אויסגעטראַכטע שורות, וואָס האָבן זיך נישט געקלעפּט איינע צו די אַנדערע. נאָך דעם אַלעם האָט זי צוגעגעבן: „יאָ, ער איז אַ גרויסער דיכטער״... הגם זי האָט נעבעך נישט געוווּסט וואָס ער וויל האָבן פון איר. דאָס איז דער כוח פון דער קריטיק.

וואָס שייך דעם צווייטן פונקט — וועגן זיין מייסטערהאַפטן הומאָר, טיילט זיך ש״ע אויס אַלס דער אומפאַרגלייכלעכער מייסטער פון דעם מין אין דער יידישער ליטעראַטור.

פאַראַן אַ פראַנצויזישער אַפאָריזם: „טאַלאַנט איז די וועלט געזען דורך אַ טעמפּעראַמענט״. ש״ע, דער גרויסער טאַלאַנט, האָט נישט בלויז געזען די יידישע וועלט דורך דער פיל־קאָלירנדיקער פּריזמע פון זיין טאַלאַנט, ער האָט פאַר אונדז געשאַפן אַ יידישן אוניווערס מיט יידישע שטעט און שטעטלעך: אַ יעהופּעץ, קאַסרילעווקע, בויבעריק און אַנדערע; מיט אַן אומצייליקער גאַלעריע פון טיפּן און געשטאַלטן. און אָט די וועלט האָט ער אויסגעכישופט פאַר אונדז און זי געלאָזט אין באַוועגונג דורך דעם געוואַלדיקן שטראָם פון זיין מעכטיקער לאַך־קאַסקאַדע און דעם ניאַגאַראַ־וואַסערפאַל פון זיין אומפאַרגלייכלעכן הומאָר.

דער אויסדרוק הומאָר באַדייט אין לאַטייניש: פייכטקייט, פליסיקייט. אין אַלטערטום און שפּעטער אין מיטלאַלטער האָט מען געהאַלטן, אַז דער טעמפּעראַמענט פון מענטש ווערט באַשטימט לויט דער פּרעדאָמינירונג פון געוויסע פליסיקייטן אין מענטשלעכן קערפּער. אָט די קאָנצעפּציע

איז שוין לאַנג דיסקרעדיטירט און פליסיק איז בלויז די אינטערפּרעטאַציע און די חשיבות פון הומאָר אין פאַרשיידענע יאָרהונדערטער. פאַקטיש איז הומאָר אַ געטלעכע מתנה, איינע פון די גרעסטע שעפערישסטע כוחות.

צווישן אונדזערע ליטעראַרישע אָבות איז דעריבער ש״ע אַזאַ אייגנ־אַרטיקע קינסטלערישע פּערזענלעכקייט, ווייל ער איז כולו הומאָריסט. מענדעלע — (און טיילווייז אויך פּרץ) איז געווען בעיקר אַ סאַטיריקער. דער אויסדרוק סאַטירע שטאַמט פון די אַלטע רוימישע צייטן. די רוימישע פּויערים און פּאַסטעכער פלעגן אין די יום־טובים פון איינזאַמלען די לאַנד־געוויקסן זיך צונויפקומען און זינגען פריילעכע שפּאַס־לידלעך, וואָס זיינען אָנגערופן געוואָרן „סאַטורעי״, אַ געמיש. דער סאַטירישער זשאַנער האָט זיך שפּעטער פאַרשפּרייט אין דער וועלט־ליטעראַטור אין פאַרשיידענע פאָרמען — אין דער דערציילונג, ליד, עפּיגראַם און אַזוי ווייטער. דאָס איינהייטלעכע אין די אַלע פאַרשיידענע פאָרמען איז דאָס וועלן אַריינזאָגן. אַמאָל וויל מען אויך דורך סאַטירע אומדירעקט לערנען — בעסערע זיטן, מאָראַל א. אַז. וו. אָבער מער נאָך פון לערנען, זיינען די סאַטירישע שרייבערס אויסן אָנצולערנען ווי מען זאָגט: למען ידעו דורותיכם. סאַטירע איז בייז. זי שטעלט אַרויס די שוואַכע און קרומע זייטן פון וועלט און מענטש לדוראון עולם. פאַרשטייט זיך, אַז די שאַרפסטע און גאַליקסטע סאַטירע מוז באַזיצן הומאָר, אַנישט איז זי קיין סאַטירע נישט. סאַטירע איז, אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן — אַ מין דעפּאַר־טמענט פון הומאָר. אָבער זי איז ביטער ווי גאַל און האָט הנאה פון לעכערלעך מאַכן יחידים און גרופּן, אַריינשיסן אין זיי די גיפטיקע פיילן פון שאַרפזיניקע שטעכווערטער און זיי מאַכן צו שאַנד און צו שפּאָט דורך קאַריקאַטור און שאַרזש.

מיט דעם איז גראָד נישט געמיינט, אַז מיט סאַטירע קאָן מען קינסט־לעריש ווייניק דערגרייכן. דער בעסטער באַווייז זיינען אַזעלכע אויסגע־שפּראָכענע סאַטירע־מייסטערס, ווי די דזשאָנאַטאַן סוויפט און אַלעקסאַנדער פּאָופּ — די גלענצנדיקע אָפּשפּעטערס און אָפּלאַכערס אין דער ענגלישער ליטעראַטור פון סוף 17טן און אָנהייב 18טן יאָרהונדערט; דער אומ־

פאַרגלייכלעכער ליטעראַרישער לץ, וואָלטער, דער עלעגאַנטער אַנאַטאָל פראַנס און דער קוועקזילבערדיקער הײַנריך הײַנע. בשעת הומאָר איז אַ דורכאויס לויטערער קונסט־קוואַל, אַ זייער נאָבעלער ליטעראַטור־מעדיום.

מענדעלע (און ווי געזאָגט, טיילווייז פּרץ) איז געווען אַ סאַטיריקער, הגם ער האָט אויך אין זײַנע ווערק אַ סך ריינע הומאָר־קוואַלן און אידילישע ברכו־נפשדיקע לאַנדשאַפטן. אָבער בעיקר און בדרך כלל איז ער געווען אַ סאַטיריקער פאַר עקסעלאַנס... מענדעלע סווישטשעט איבער דער כנסת ישראל שקאַפּע מיט אַ שנײַדיקער חוזק־בייטש. ער לערנט די קליינע מענטשלעך דרך־ארץ. אָבער הויפּזאַכלעך גייט אים אין אָנלערנען. ער שמייסט עפּנטלעך די פאַרשיידענע בעלי־טאַקסע און אַלערליי שטעטלדיקע אַנשיקעניש און ער שטעלט זיי צום שאַנד־סלופּ. אויך פּרץ, אין זײַנע דידאַקטישע דערציילונגען און אַרטיקלען איז סאַטיריש, הגם בדרך כלל, איז ער דער אינטעלעקטועלער פּיאָנער, דער אידעאישער זוכער אין דער יידישער ליטעראַטור.

מענדעלע און פּרץ זײַנען געווען דער שטורעם, די זיילן און בליצן אויפן האָריזאָנט פון דער מאָדערנער יידישער קולטור און ליטעראַטור. אַ שטורעם איז אויך אַ נוצלעכע זאַך. ער פרישט אָפּ און וואַשט אָפּ.

ש״ע איז געווען דער רעגנבויגן אויפן פירמאַמענט, די לייטערונג און אויסלייטערונג: דער סימבאָל פון גייסטיקן גלייכגעוויכט, ווי דער רעגנבויגן אין בראשית, וואָס איז געקומען נאָכן מבול און האָט אָנגעזאָגט שלום און רו.

מענדעלע האָט אונדז געגעבן דעם אינדערוואָכן פון יידישן לעבן, די ביטערע און טרויעריקע ווירקלעכקייט פון קאַבצאַנסק, גלופּסק און טוניעיאַדעווקע. פּרץ האָט אונדז געגעבן הויפּטזאַכלעך דעם שבת־יום־טוב — די אידעאַליזירטע געשטאַלטן פון „חסידיש״ און אַנדערע.

שלום עליכם האָט אונדז געגעבן דעם יום טוב אינדערוואָכן: זײַן יעהופּעץ, קאַסרילעווקע און בויבעריק; זײַנע טיפּן און געשטאַלטן, וואָס זײַנען באַשטראַלט מיטן ליכט פון זײַן אומפאַרגלייכלעכן אהבת הבריות־דיקן און אהבת־ישראלדיקן שמייכל און געלעכטער. צו באַלייכטן, צו

באַשיינען און צו באַחנען די גרויע עמך־טיפּן, די כל־הנערימדיקע געשטאַל־טן פון דער יידישער פאָלקס־מאַסע; צו באַוועגן זיי און צו געבן זיי די פליגלען פון זיין רייכן קינסטלערישן כוח הדמיון — דאָס איז דער אייגנציקאַרטיקער אויפטו פון ש״ע אין דער יידישער ליטעראַטור.

אין דער זאַמלונג פון „קאַסרילעווקע״, אין דער דערציילונג „שמואל שמעלקיס און זיין יובילעאום״, לייענען מיר: „ווער איז געווען דער ערשטער וואָס האָט צווויסן געגעבן דער וועלט, אַז ס׳איז גאָר פאַראַן ערגעץ אַ קאַסרילעווקע, און אַז אין קאַסרילעווקע איז פאַראַן אַ בלאָטע, און אַז אין דער בלאָטע טיאָפּקען אַרום מאָדנע נפשות, קליינע מענטשעלעך, וואָס קווטשן און וואָס דריקן און וואָס פרעסן און פרעסן איינס דאָס אַנדערע מחמת הונגער און מחמת פּינצטערניש און מחמת נויט און מחמת ענגשאַפט... ווער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט באַוויזן וואָס פאַר פּערלען עס וואַלגערן זיך אין דער דאָזיקער בלאָטע, אָט דווקא אין דער דאָזיקער פינצטערניש, אָט דווקא אין דער דאָזיקער ענגשאַפט, אין דעם דאָזיקן עיפּוש ?...״

פון אויבנאויף קאָן זיך דאַכטן, אַז שמואל שמעלקיס, אָט דער ליטעראַרישער אַנטדעקער פון קאַסרילעווקע, איז אויך אַ סאַטיריקער: ער לאַכט דאָך אָפּ פון זיינע קליינע מענטשעלעך! אָבער טיפער גענומען, זעט מען אַז הגם ער שטעלט זיי אַרויס אין זייער קאָמיזם, לאַכט ער נישט פון זיי, נאָר מיט זיי. ער באַשולדיקט זיי נישט און פאַראורטיילט זיי נישט. ווי ס׳איז דער דרך פון דעם סאַטיריקער, נאָר ער פאַרענטפערט זיי און רופט אַרויס צו זיי אונדזער סימפּאַטיע — ווי עס איז דער שטייגער פון אמתע הומאָריסטן. הערט זיך צו: „די קאַסרילעווקער פרעסן און פרעסן איינער דעם אַנדערן מחמת נויט און מחמת ענגשאַפט״. הייסט עס, אַז דער פּראָקוראָר איז גאָר פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פאַרטיידיקער. און אַוודאי זעען מיר דעם וועזנטלעכן ש״ע אין שמואל שמעלקיס, וועלכער האָט באַוויזן וואָס פאַר אַ פּערלען עס וואַלגערן זיך אין דער דאָזיקער בלאָטע.

„טביה דער מילכיקער״ און „מנחם מענדל״ ווערן מיט רעכט באַטראַכט ווי די 2 הויפּט־געשטאַלטן אין דער פאַרבנרייכער שלום עליכמדיקער

גאַלעריע. טביה איז דער יידישער פּיעכאָטניק, דער אינפאַנטעריסט, אין קעגנזאַץ צום יידישן לופט־פליער, מנחם מענדל.

טביה איז דער קאָלעקטיווער טיפּ פון לויטערן יידישן פאָלקסמענטש, דער פּראָסט־פּשוטער הומאַניסט, דער אַריסטאָקראַט אין פאַרלאַטעטע שטיוול, וואָס פאָרט מיט אַ פערד־און־וואָגן. ש״ע האָט מיט דעם טיפּ אידעאַליזירט די לויטערע יידישע פאָלקסטימלעכקייט, דעם מענטש וואָס האָט נישט די אויסערלעכע פאָליטור פון קולטור און ציוויליזאַציע, אָבער ער איז דורך און דורך אַ קולטורעלער און ציוויליזירטער מענטש, אָנגעזאַפּט מיט דורותדיקער עטיק, אָנשטאָט עטיקעט, מיט עכטן הומאַניזם, אָנשטאָט לפנימדיקער העפלעכקייט און מאַנירלעכקייט. דאָס בוך „טביה דער מילכיקער״ איז אָנגעזאַפּט און דורכגעדרונגען מיט שע״ס מייסטער־האַפטן הומאָר — מיט דעם לעבנס־עלעמענט פון זיינע העלדן. טביהס ווערטלעך, זיינע פּסוקים, פאַרגלייכן און מחשבות שפּרודלען כסדר ווי אַ לויטערער קוואַל אין דעם גאַנצן בוך. און פונדעסטוועגן האָט דאָך דאָס בוך אַזאַ טרויעריקן הינטערגרונט — די צרות פון אַ יידישן אָרעמאַן און האָרעפּאַשניק וואָס איז דאָפּלט אונטערדריקט געווען אין צאַרישן רוסלאַנד — סיי נאַציאָנאַל און סיי סאָציאַל, און די לייד און פּיין פון און מיט זיינע טעכטער. און דאָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַן אמתן הומאָריסט: צו זען ביידע זייטן פון דער מטבע — דעם טרויער און דעם קאָמיזם... און נישט נאָר לאַכט דער הומאָריסט מיט זיינע העלדן, נאָר ערליידט אויך מיט זיי. אַזעלכע מייסטערס, ווי שעקספּיר, סערוואַנטעס, ראַבלעי, עראַזמוס, באַוועגן אונדז נישט בלויז מיט זייער בריליאַנטענעם טאַלאַנט; זיי באַוועגן און באַווירקן אונדז אויך מיט זייער טיפן הומאַניזם, וואָס קומט פון זייער גרויסער פאַרשטענדעניש און איינבליק אין דער מענטשלעכער נאַטור און אין מענטשלעכן גורל.

וויפל פּאַטאָס און טראַגיזם איז פאַראַן אין דער שילדערונג פון טביהס געזעגענען זיך מיט זיין טאָכטער האָדל, וואָס האָט חתונה מיט איר געליבטן פּעפּערל, וועלכער ווערט טאַקע פאַרשיקט ווו דער פּעפער וואַקסט! זיכער איז פאַראַן טראַגיזם אין דער סצענע, ווי טביה ראַנגלט זיך מיט זיינע פאָטערלעכע געפילן, ווען זיין טאָכטער חוה, וואָס האָט

זיך איינגעליבט אין אַ קריסט, דערזעט אים אין וואַלד, און בעט זיך ביי אים רחמים: „העד מיך אויס פריער, טאַטע־פאַטער!" אָבער ער קומט מיט זיך און איז זיך אַליין גובר, אַנטלויפנדיק פון איר. (י. ראַפּאַפּאָרט האָט די מאָמענטן אַרויסגעבראַכט אין זיינעם אַן עסיי וועגן שלום עליכם).

און אַוודאי איז פאַראַן טראַגיזם אין דער שילדערונג פון זיין טאָכטער שפּרינצע, וואָס דערטרינקט זיך צוליב אַן אומגליקלעכער ליבע.

נישט געקוקט אויף די און אַנדערע טרויעריקע דערפאַרונגען, פאַר־לירט טביה נישט זיין גלויבן אין גאָט און אין מענטש. ער איז די פאַר־קערפּערונג פון דעם אַלטן יידישן בטחון.

טביה פרעגט אַ סך פילאָזאָפישע קשיות אויפן סדר העולם און ער פאַרענטפערט זיי אַליין מיט זיין אייגענער דיאַלעקטיק:

„גוואַלד, גאָטעניו!... דו ביסט דאָך עפּעס... אַ גרויסער גאָט און אַ גוטער גאָט... ווי קומט עס, אַוועקגעבן דעם איינעם גאָר, דעם אַנדערן גאָרנישט? איינעם פוטער־בולקעס, דעם אַנדערן מכות בכורות? און צוריק אָבער באַטראַכט איך מיך: ביסט אַ גרויסער נאַר, טביה, כ'לעבן... דו ווילסט אים זאָגן אַ דעה, ווי אַזוי צו פירן די וועלט? מסתמא, אַז ער הייסט אַזוי, דאַרף זיין אַזוי; אַ סימן האָט איר, אַז ווען עס זאָל באַדאַרפט זיין אַנדערש, וואָלט דאָך געווען אַנדערש. איי פאַרוואָס זאָל טאָקע נישט זיין אַנדערש? איז דער תירוץ: עבדים היינו — דערויף זיינען מיר דאָך עפּעס שטיקלעך יידן אויף דער וועלט..."

אויב מען וויל, איז דאָס טאָקע דער אייביקער יידישער בטחון — דער יידישער אַנטי־צרות־סערום; און אויב מען וויל, איז דאָס די אַלטע יידישע פילאָסאָפישע שיטה פון „בעל־כורחיזם", דאָס הייסט: בעל כורחך אתה חי — דו ביסט נישט קיין באַלעבאָס און זאָג נישט קיין דעות...

שלום עליכמס אהבת הבריות און הומאַניזם קומט צום אויסדרוק אפילו ביים שילדערן נעגאַטיווע טיפּן. איוואַן דער סטאַראָסטע, ווען ער קומט מיט די פּויערים צו פּאָגראָמירן טביהן, איז אַ מין יידישער גזלן: „מיר וועלן דיר כאָטש אויסהאַקן אַ פּאָר שויבן, אַבי פאַרשטאָפּן זיי דאָס מויל. כאַפּט זיי דער שוואַרץ יאָר. טאָמער פאָרט דורך נאַטשאַלסטווע,

לאָזן זיי זען, אַז מען האָט דיך נישט דורכגעלאָזט, אַנישט וועט מען איבער דיר אונדז באַשטראָפן".

וואָס שייך דעם הומאָריסטישן הינטערגרונט פון דעם ווערק, איז ער מייסטערהאַפט איבערגעגעבן דורך טביהס וווּנדערלעכער דיקציע, דורך זיין כסדר ריזלענדיקן הומאָר־קוואַל, דורך זיינע ווערטלעך, פסוקים און איינ־פאַלן. וואָס אַנבאַלאַנגט די פסוקים, זיינען זיי נישט בלויז ביי אים אַ מעדיום פון זיין קוועלנדיקן הומאָר, נאָר אויך אַ הילפמיטל אין אַ נויט. און בכלל איז אַ פסוק פאַר ש"עס אַ העלד — ווי אַ קעמל פאַר אַ בעדו־אינער און אַן אייזבער פאַר אַן עסקימאָס — ער שעפּט פון אים זיין גאַנצע פרנסה. אפילו ווען די פּויערים פון דאָרף טראַכטן וועגן חרוב מאַכן זיין הויז, צוליב מורא פאַר נאַטשאַלסטווע, העלפט ער זיך אויך אַרויס מיט אַ פסוק. און וואָס איז מכוח קללות? איז דער תירוץ, אַז ביי טביהן איז אַ קללה אָפט דער סינאָנים פון אַ ברכה. טביה, דער האַרציקער פאָטער, וואָס וואָלט נישט אָוועקגעגעבן קיין זאַק מיט באָרשט פאַר זיינע טעכטער, רופט אויס: „מיינע טעכטער ימך שמם, ווען זיי פאַרליבן זיך..." איז עפּעס שייך, אַז טביה זאָל שעלטן זיינע טעכטער, וואָס יעדע איינע איז ביי אים בעסער, שענער און ליבער פון דער אַנדערער?

דער תירוץ איז, אַז טביה, ווי אַלע אַנדערע העלדן פון ש"ע, עסט קדחת, פאַרזופּט מיט אַ קללה און פאַרבייסט מיט אַ פסוק...

אַן אַנטיפּאָד צו טביהן, דעם ערדישן מענטש, איז ווי געזאָגט, מנחם־מענדל, פון יעהופּעץ, וואָס פליט כסדר אין די וואָלקנס. אָבער פּונקט ווי דער ערדישער טביה פאַרמאָגט אַ סך הימלישקייט, אַזוי פאַרמאָגט אויך דער לופט־פליער מנחם מענדל אַ סך ערדישקייט. און זיין ערדישקייט באַשטייט קודם כל, אין קעגנזאַץ, צו דאָן קיכאָט, אין דעם וואָס ער חלומט ווי די גאַנדז פון האָבער: ער פאַנטאַזירט וועגן רעאַלע זאַכן, וועגן געלט, וואָס בלייבט אָבער כסדר אַ פּוסטער חלום.

ש"ע ברענגט אַרויס דעם מאָנומענטאַלן קאָלעקטיוון טיפּ פון יידישן פאַנטאָמען־יעגער אין דער פאָרם פון בריוו, וואָס זיינען אייגנטלעך מאָנאָ־לאָגן, ווי אין אַ גרויסן טייל פון זיינע ווערק; נאָר אין דעם פאַל זיינען דאָס געשריבענע מאָנאָלאָגן.

ש"עס אופן פון קרעאַציע, פון געבן ליטעראַריש בלוט און פלייש צו זיינע העלדן, איז דער מאַנאָלאָג. ער גיט דאָס וואָרט זיינע העלדן, כדי זיי זאָלן אויף אַזאַ אופן פּלאַסטיש זיך פאָרשטעלן דעם לייענער. און דאָס איז גאָר אַ וועזנטלעכער קינסטלערישער מעטאָד.

דער רוימישער קלאַסיקער אַפּולעיוס דערציילט אין איינעם פון זיינע עסייען, אַז סאָקראַטעס האָט איינמאָל, דערזעענדיק אַ יונגנמאַן פון שיינעם אויסזען, זיך געוואָנדן צו אים מיט די ווערטער:

„דערנענטער זיך צו מיר און רעד, כדי איך זאָל דיך זען".

און אַפּולעיוס גיט־צו זיין קאָמענטאַר: „סאָקראַטעס האָט געהאַלטן, אַז אַ שווייגנדיקן מענטש זעט מען נישט".

אָט דעם סאָקראַטישן פּרינציפּ האָט דער גרויסער יידישער קינסטלער אָנגעוואָנדן אין גאָר אַ גרויסער — אויב נישט אין דער גרעסטער — צאָל פון זיינע שאַפונגען.

אין איינעם פון זיינע בריוו שרייבט מנחם מענדל צו זיין זוגתו שיינע־שיינדל:

„מיר זיצן שוין ביי פאַנקאָנין אין דער קאַפע גלייך מיט אַלע גרויסע שפּעגעלאַנטן ביי ווייסע טישלעך פון מאַרמלשטיין און הייסן זיך געבן אַ פּאָרציע מאַראָזשענע, מחמת ביי אונדז אין אָדעס איז אַ מנהג, וויבאַלד מען זעצט זיך נאָר אַנידער, אַזוי קומט צו אַ מענטש מיט אַ פראַק און הייסט, מען זאָל הייסן געבן מאַראָזשענע. קאָן מען נישט זיין קיין דבר אחר און מען מוז הייסן געבן מאַראָזשענע. און אַז מען עסט אויף די פּאָרציע מאַראָזשענע, הייסט ער, אַז מען זאָל הייסן געבן נאָך אַ פּאָרציע..."

ש"ע, מיט זיין ראַפינירטן, פיינעם שפּראַך־געפיל און מיט זיין וויר־טואָזער שפּילעוודיקייט, גיט אונדז דאָ אַ וווּנדערלעכע ליטעראַרישע „ראַזשענקע", וואָס איז באַזירט אויף דעם דיאַלעקטישן שפּיל, מוזיקאַ־לישקייט פון „ער הייסט מען זאָל הייסן געבן"...

אין איינעם פון זיינע „עיקר שכחתי׳ס", וואָס זיינען אַ כסדרדיקער ליטעראַרישער „דעסערט" צו מנחם מענדלס הויפּט־מאכלים, מעלדעט דער העלד צו שיינע־שיינדלען:

„וואָס דו שרייבסט מכוח דיין שוועסטערל... האָב איך פון אירטוועגן

אַ חתן אַן אַנטיקל, טאַקע פון הי און דווקא אַ בחור, כאָטש אפילו נישט קיין יונגער, טאַקע רעכט אין די יאָרן, שוין מיט אַ גרוי בערדל. קיין גביר איז ער נישט, נאָר אַ מלאכה אין דער האַנט האָט ער, דהיינו ער איז אַ מעקלער און רייבט זיך אַרום צוקער...״

איז דאָס שוין איינמאָל אַ מלאכה: רייבן זיך אַרום צוקער. ש״עס אַ העלד וואָלט געזאָגט: ס׳איז מלאכה, אשר לא מלאכתינו אבותינו. וויפל ער זאָל זיך נישט רייבן אַרום צוקער, איז אים אַלץ ביטער. דאָס זיינען אַזעלכע שלימזלדיקע העלדן, אַז ווען זיי וואָלטן זיך געריבן אַרום שוועבעלעך, וואָלטן זיך די שוועבעלעך נישט אָנגעצונדן.

מנחם מענדל דרייט אַ קאַרבע: ער פליט, ער טומלט. ער האַנדלט מיט „פּאַפּירלעך, מיט יקנה״ז, מיט אַקציעס, הייסט עס, מיט פאַבריקן, מיט גיטער, הייזער, וועלדער און מיט וואָס נישט? אָט־אָט כאַפּט ער דעם פויגל — דאָס פעטע פאַרדינסט און ווערט נתעשר. אָבער דער גורל שפּילט זיך מיט אים אין קאַץ און מויז. ער הייבט אָן איינס נאָכן אַנדערן זיינע לופט־געשעפטן מיט עפּעס אַ פאַרדינסטל, כדי נאָכדעם אַלץ צו פאַרלירן. ער פאַרדינט עפּעס פון צייט צו צייט, כדי ער זאָל האָבן וואָס צו פאַרשפּילן. אָבער מנחם מענדל פאַרלירט נישט דעם קוראַזש. נאָך יעדן דורכפאַל נעמט ער זיך מיט פרישן מוט צו אַן אַנדער גאָלדן געשעפט, וואָס פּלאַצט באַלד ווי אַ זייפנבלאָז.

מנחם מענדל איז אַזאַ מין פאַנטאַזיאָר, וואָס האָט זיין קעגנזאַץ, זיין סאַנטשאָ־פּאַנטשאָ, אין זיין זוגתו תחיה, מרת שיינע־שיינדל. זי איז דער געזונטער שכל הישרדיקער מענטש מיטן רעאַליסטישן בליק, וואָס גיסט אים כסדר אָפּ מיט הייסע קללות און מיט קאַלטע אַרגומענטן.

שיינע־שיינדל טענהט כסדר, אַז „קרעפּלעך אין חלום איז נישט קיין קרעפּלעך, נאָר אַ חלום״ און אַז „כל־זמן דאָס געלט איז אויפן פּאַפּיר, איז דאָס נישט קיין געלט, נאָר פּאַפּיר״.

שיינע־שיינדל שרייבט צו איר שלימזל:

„עס געפעלט מיר ווי ער האַנדלט מיט „זאַוואָטריקלעך״: מאָרגן וועט ער זיין ביים גאָלדוואַרגער, מאָרגן וועט ער מיר קויפן וועש — אַלץ

אויף מאָרגן. נאַר איינער! דו קויף בעסער היינט! רייס־אָפּ, כאַפּ אַריין, עס וועט זיין גלייך ווי געפונען!"

און אַז מיר באַטראַכטן זיך אַליין, זיינען מיר אויך אין דעם זין מנחם מענדלס: מיר אַלע לעבן בלויז אויף באָרג אין דער צייט — „מאָרגן".

וואָס שייך שיינע־שיינדלען, איז זי נישט די ראַדיקאַלסטע עולם הזהניצע.

דער רוימישער עפּיגראַמאַטיסט מאַרטיאַל האָט אין איינעם פון זיינע עפּיגראַמען אויסגעלאַכט דעם נאַרישן מענטש, וואָס זאָגט זיך כסדר, אַז מאָרגן וועט ער לעבן און ער פאַרענדיקט: „היינט איז שוין שפּעט — דער קלוגער האָט געלעבט נעכטן".

שיינע־שיינדל זאָגט שטענדיק „דזשען דאָברי", ד. ה. היום הרת עולם; מנחם־מענדל זאָגט כסדר: „גוט־מאָרגן" — דאָס הייסט, מאָרגן וועט זיין גוט... אָט ווערט ער אויס שפּעגעלאַנט און ווערט אַ מעקלער; אָט ווערט ער אַ שרייבער, אַ שדכן, אַן אַגענט און אַזוי ווייטער. און פון אַלצדינג לאָזט זיך אויס אַ רויך. מיט מנחם מענדלס פאַרשיידענע יקנה"ז געשעפטן איז ווי מיט די מלאכים אויף דער לייטער אין יעקב אָבינוס חלום: איינער גייט אַרויף און איינער גייט אַראָפּ... און מנחם מענדל איז אַ מלאך, וואָס גייט שטענדיק אַראָפּ.

קריטיקער פון שלום עליכמען ווייזן אָן אויף דעם כאַראַקטעריסטישן פאַקט וואָס ער רופט זיך אָפּט מיט די נעמען פון זיינע הויפּט־העלדן, דער עיקר מיט די נעמען פון מנחם מענדל און טביה. און זיי ווייזן אָן אַז דאָס איז אַ רעזולטאַט פון זיין פילן זיך איינס מיט די טיפּן. אַז ש"ע האָט זיך אידענטיפיצירט מיט מנחם־מענדלען, איז אַ באַקאַנטע זאַך. ער באַמערקט דאָס באַזונדערס אין דער פאָררעדע צו דער 2טער אויסגאַבע פון דעם בוך. עס איז באַוווסט אַז ש"ע איז געווען אַ גביר, וואָס האָט שפּעטער פאַרלוירן זיין גאַנץ רייכטום אין בערזע־ספּעקולאַציעס, אַלאַ מנחם־מענדל. אין די ביידע פּרטים: די אידענטיפיצירונג מיט זיינע העלדן און דעם מנחם מענדעליזם איז ער גאָר ענלעך געווען צו איינעם פון די ריזן פון דער

וועלט־ליטעראַטור, דעם פראַנצויזישן ראָמאַניסט פון 19טן יאָרהונדערט — באַלזאַק.

אַגב, וואָס שייך דער אידענטיפיצירונג מיט זיינע העלדן, איז דאָס ביי באַלזאַקן דערגאַנגען צו אַ פאַנטאַסטישער מדרגה. ער איז איינמאָל אויפגעשפרונגען פון שרייבטיש און געעפנט די טיר פאַר איינעם פון זיינע העלדן, פירנדיק מיט אים אַ ליבהאַפטן געשפרעך. און דאָס איז געווען אַן אויסגעטראַכטער העלד פון זיינעם אַ בוך, וועלכן ער האָט גראָד געהאַלטן אין באַשרייבן אין אַן אַנטשפּרעכנדיקער סצענע.

אויך אין „מנחם מענדעליזם" איז באַלזאַק נישט אָפּגעשטאַנען פון ש"ע, פאַרקערט: אויב נישט נאָך העכער. ער האָט געגרינדעט פאַרלאַגן און נאָכדעם געבליבן מיט דער פאַרלעגענער סחורה; שפּעטער האָט ער זיך גענומען צו פאַרשיידענע אַנדערע מסחרים. צום סוף — צו זילבער־גרובנס אין סאַרדיניע. ער האָט אַזוי לאַנג געגראָבן, ביז ער האָט באַגראָבן אין די „מינען" דאָס לעצטע ביסל געלט. ער איז דאַן געוואָרן אַ וועטלויפער, דאָס הייסט ער האָט זיך געיאָגט און אַנטלאָפן פון זיינע קרעדיטאָרן, וואָס האָבן געוואָלט אים לאָזן אַרעסטירן.

און אפשר איז נאָך פאַראַן אַ דריטע ענלעכקייט צווישן די ביידע גרויסע קינסטלער — זייער אומגעהויערע אַרבעטס־קראַפט. זייער שע־פערישע קאַפּאַציטעט, וואָס האָט נישט געוווּסט קיין גרענעצן.

ב. צ. גאָלדבערג, שלום עליכמס אַן איידעם, באַמערקט אין זיינע זכרונות, אַז „ביי אים האָט דאָס שרייבן געפלאָסן ווי דאָס וואַסער פון אַ קרעניצע — אַ שטענדיקער שטראָם, פריש, קלאָר, מחיהדיק. עס איז געקומען פון זיך אַליין, אַן מאַטערניש און אַן פיין, אַן אָנשטרענגונג און אַן איילעניש". איז דאָס זיכער אַ פאַקט. אָבער ס'איז אויך אמת, ווי אַנדערע באַמערקן אין זייערע מעמואַרן, אַז ש"ע האָט אַ סך „רעטושירט", געמעקט, פאַרשטראָכן און כסדר איבערגעאַרבעט און איבערגעשריבן זיינע דערציילונגען. טאַלאַנט, אפילו דער גרעסטער איז אַ געטלעכע מתנה, אַ נאַטור־רייכטום, אַ זעלטענער דימענט. עס איז אָבער נויטיק שעפעריש־

קריטישער פּראָצעס פון שניידן, „קליוון" און שלייפן דעם אבן־טוב, ביז מען באַקומט אַרויס פון אים זיין גאַנצע שיינקייט און גלאַנץ.

דערמיט איז נישט געמיינט, אַז אַלץ וואָס ש"ע האָט געשריבן איז געווען קונסט פון העכסטער קוואַליטעט. אָבער נעמענדיק אין באַטראַכט די גרויסע שפע פון זיין שרייבן, זיין רייכע פּראָדוקטיוויטעט, מוז מען אָנערקענען, אַז ער האָט דערגרייכט אַ הויכע מדרגה פון שלייפן זיינע נאַטירלעכע דימענטן און אַרויסבאַקומען פון זיי דעם פולן גלאַנץ.

אין אַלע זיינע דערציילונגען־סעריעס שיינען אַרויס די סטיליסטישע בריליאַנטן, די ליטעראַרישע פּערל פון זיינע פּאָלקסטיפּן און געשטאַלטן, די מתיקותדיקייט, די באַחנטע נאַאיוויטעט פון די העלדן אין „מאָטל, פּייסי דעם חזנס"; דאָס פּיקאַנטע פון די עקזאָטישע געשטאַלטן אין אַזעלכע דערציילונגען, ווי „דער אורח", „קנאַרטן" און אַנדערע; די שעלמישע קינדער־טיפּן אין זיינע מעשיות פאַר קינדער; די „יענטע קורעלאַפּניטשקע"־טיפּן אין זיינע מאָנאָלאָגן־סעריעס און פיל אַנדערע, אַחוץ אין זיינע גרעסערע ווערק.

אין די און אין אַלע אַנדערע ווערק פון ש"ע לאַכן מיר מיט מיטן מחבר און מיט די העלדן און מיר פאַרגעסן אויך נישט צו לאַכן פון זיך — פון אונדזערע מענטשלעכע שוואַכקייטן און חסרונות. ווייל מיט הומאָר איז ווי מיט מאָראַל: ס'איז נישט גענוג צו רעדן אין דער צווייטער פּערזאָן: „לא תרצח" א. אַז. וו.. די גרעסטע און העכסטע מאָראַל איז צו פּרעדיקן צו זיך אַליין. ס'איז ווי פּרץ זאָגט אין זיין דערציילונג, „דער בעלעמער מלמד": „אין יעדן פון אונדז איז פאַראַן אַ שטיק פון בעלמער מלמד". און אַוודאי איז אין יעדן פון אונדז פאַראַן עפּעס פון מנחם־מענדלען — דעם מאַרגן־ספּעקולאַנט.

ש"ע איז געווען דער טיפּ קינסטלער, אויף וועמען מען קאָן אָנווענדן דעם אויסדרוק, מעיין המתגבר, אַ כסדר־שפּרודלענדיקער קוואַל און ער איז אויך געווען אַ בור סוד שאינו מאבד טיפּה: אַ רעזערוואוואַר, וואָס פאַרלירט נישט קיין טראָפּן וואַסער.

איך ווייס נישט פון נאָך אַ יידישן שרייבער, אויף וועלכן מען זאָל

קענען אָנווענדן דאָס וואָרט „קווועלט״, אין אַלע זיינע ניואַנסן, ווי ביי ש״ע. קוועלן באַדייט שטראָמען, שפּרודלען פון אַ קוואַל; קוועלן מיינט אויך — ספּאָנטאַן פריידיק זיך צעלאַכן. ש״ע קוועלט און שפּרודלט פון זיין אייביקן הומאָר־קוואַל; און דער לייענער קוועלט־אָן פון זיינע פאַרכישופטע העלדן און פון די קינסטלעריש־פאַרטראַכטע קאָמישע סיטואַציעס.

ס׳איז אמת, אַז די וועלט פון ש״עס טיפּן, זיינע הומאָריסטישע לאַנד־שאַפטן זיינען פאַרשוווּנדן. אָבער ס׳איז פאַראַן אַ תלמודישער אויסדרוק: סדנא דארעא חד הוא. וועזנטלעך איז די וועלט די זעלבע. דער סאָציאַלער שטייגער, די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אַספּעקטן האָבן זיך געענדערט. אָבער דער מענטש איז לעולם דער זעלבער אין זיינע פאַרענדערלעכקייטן, אין זיינע שטימונגען, בייגונגען און אימפּולסן; אין זיין מענטאַליטעט. יעהופּעץ, קאַסרילעווקע עקזיסטירן שוין נישט מער אין מזרח־אייראָפּע, אָבער זיי האָבן אַריבערגעוואַנדערט קיין אַמעריקע. ס׳איז די זעלבע קאַסרילעווקע, נאָר אַנדערש געשלייערט. סיי די פּאָזיטיווע, סיי די נעגאַ־טיווע טיפּן געפינען זיך אין שלוּהדיקער אַמעריקע, ווו יעדער ייִד געפינט זיך תחת באַנגלאַ׳תו און תחת טעלעוויזיאָנ׳תו. די זעלבע מנחם־מענדלס, טביהס, פּדהצורס, יקנה״ז אויפטוערס און אַנדערע צעלייגערס. שטעטל און קליינשטעטלדיקייט זיינען מער גייסטיקע, ווי פיזישע באַגריפן — סיי אין פּאָזיטיוון און סיי אין נעגאַטיוון זין.

מיר פילן אַז מיר ווּינען אין יעהופּעץ, ווען מיר לייענען מנחם־מענדלס בריוו צו שיינע־שיינדלען:

„אַלע מעקלערס, וואָס דרייען זיך דאָ אַרום געלט, ווערן גליקלעך, פאָרן אַרום מיט אייגענע פערדלעך. אַן אייגן פערד און וועגעלע, זאָלסטו וויסן, איז אַ סגולה צו פּרנסה; וואָרעם דאָ, אין יעהופּעץ, האָט מען פאַר אַ שיין פערד־און־וועגעלע מער דרך־ארץ ווי פאַר אַ מענטשן...״.

שטעלט אַריין „אויטאָמאָביל״ אַנשטאָט פערד און וועגעלע, און איר האָט דאָ יעהופּעץ מיט די ביינער...

גערוויסע שרייבערס, ווען ס׳פעלט זיי כוח אויסצודריקן אַ שטאַרקע

איבערלעבונג באַנוצן זיך מיט דעם שאַבלאָן: „אָ, די אָרעמע מענטשלעכע שפּראַך!" אָבער דאָס הייסט בלויז „אַרויפוואַרפן די בייגל" אויף דער אָרעמער מענטשלעכער שפּראַך, נעבעך! פּונקט מיט אַזאַ רעכט וואָלטן מוזיקערס, סקולפּטאָרן און מאָלערס זיך געקאָנט באַקלאָגן אויף די אָרעמע נאַטירלעכע שטיינער און מעטאַלן און די אָרעמע נאַטירלעכע פאַרבן. אַ גוטער קינסטלער וועט פון די מאַטעריאַלן זיכער אַרויסבאַקומען אַן אוצר פון טענער, אַן אומענדלעכקייט פון בילדער און געשטאַלטן. דאָס זעלבע איז אויך מיט ווערטער, מען דאַרף נאָר זיין אַ גוטער „שדכן" צונויפצופּאָרן די געהעריקע ווערטער אויפן געהעריקן פּלאַץ. אַ קינסטלער — דאָס איז אַ וואָרט־בעמיקער, וואָס נעמט אָפּגעריבענע ווערטער, מישט זיי דורך און שאַפט נייע גלעצנדיקע מעטאַלן. דער איטאַליענישער פּאָעט טאַסאָ האָט געשריבן, אַז „קיינער פאַרדינט נישט דעם נאָמען שעפער, אויסער גאָט און דער פּאָעט". דער פּאָעט און קינסטלער באַלעבט דעם דומם, די טויטע מאַטעריע ווי אין בראשית: ויפח באפיו נשמת רוח חיים. ער בלאָזט אַריין אַ לעבנס־אָטעם, אַ שעפערישע פּלאַסטיק און אַ שעפע־רישע דינאַמיק אין דעם חומר — אין דעם רויען וואָרט. וואָס פאַר אַ גרויסע קינסטלערישע מייסטערישקייט איז דערגרייכט געוואָרן אין תנ״ך — אין אַן אַרכאַאישער שפּראַך אין אַ לאַקאָנישן סטיל!

ש״עס סטיל איז ברייט ווי אַ טייך און אויך לאַקאָניש, ווי אין די דראַמאַטישע מאָמענטן פון טביה און אַנדערע ווערק, ווו ער דערגרייכט אַזעלכע טיפע דימענסיעס פון איבערלעבונג און אויסדרוק מיט אַזוי ווייניק מיטלען.

אין דער אַלטער גריכישער און רוימישער ליטעראַטור איז פאַראַן אַ לעגענדע וועגן איינעם אַ מידאַס, וואָס האָט זיך געוווּנטשן, אַז אַלץ, צו וואָס ער וועט זיך נאָר צורירן, זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין גאָלד. דער ווּנטש איז מקוים געוואָרן, אָבער מידאַס איז צוליב דעם שיעור אומגע־קומען פון הונגער: גיי עס גאָלד!

ביי דעם אמתדיקן קינסטלער — און אַזעלכער איז געווען ש״ע — ווערט ליטעראַריש־קינסטלעריש גאָלד אַלץ, צו וואָס נאָר ער רירט זיך צו.

אַגב איז ביי אים אויך גילטיק דאָס צווייטע: אויך דער קינסטלער קאָן נישט עסן זיין גאָלד...

שלום עליכמס גאָלד — דער וווּנדערלעכער אוצר פון זיין אומענדלעכער טיפּן־גאַלעריע, זיין ריזיקע קאָלעקציע פון פאָלקסטימלעכע אַנטיקן, די באַחנטע שפּראַך פון זיינע העלדן אין אַזוי פיל וואַריאַציעס און דער אומאויסשעפּלעכער קוואַל פון יידישער פאַנטאַמימע — דער יידישער קנייטש, זשעסט און תנועה — דאָס אַלץ וועט פאַרבלייבן אין דער דורות־דיקער שאַץ־קאַמער פון אונדזער ליטעראַטור און קולטור.

יידיש: הײַנט און מאָרגן

אין די לעצטע דרײַ צענטליק יאָר זײַנען פֿאָרגעקומען אַ סך ענ־דערונגען אין לעבן פֿון יידישן פֿאָלק. דער חורבן פֿון אײראָפּעאישן יידנטום מיט זײַנע יסודותדיקע קולטור־טראַדיציעס; די כסדרדיקע אָפּשוואַכונג פֿון יידיש־פּולס אין אַ צאָל לענדער, וואָס איז אַ רעזולטאַט פֿון אָביעק־טיווע סאָציאַלע פּראָצעסן און פֿון אַ באַשטימטער קולטור־פּאָליטיק פֿון רעגירונגען — האָבן אַוועקגעשטעלט אַ צאָל פּראָבלעמען אין אַן אַנדער ליכט. דעם אַלגעמײנעם מצב וואָלט מען געקאָנט באַצײכענען מיטן אויס־דרוק: „לינגוואַסיד״, שפּראַכן־מאָרד.

מיר געדענקען ווי אין די יידישע שטעטלעך אין מזרח־אײראָפּע פֿלעגט מען וועקן פֿאַרטאָג צו סליחות. די לאַגע איז הײַנט אַזעלכע, אַז אַ סך פֿון די וואָס וועקן, דרימלען אַליין אונטער. עס הערשט דער אַזוי־גערופֿענער „ליפּ־סערוויס״. מיר האָבן אויפֿן אַמעריקאַנער קאָנטינענט אַ סך „צווייגן״, אָבער ווייניק וואָרצלען און ווייניק פּרוכטן. מיר האָבן אויך אין די לענדער קולטור־טרעגער, אָבער קײנער וויל נישט טראָגן די לאַסט פֿון דעם יידישן בוך.

*

אין יעדער נעגאַטיווער דערשײַנונג איז נישט גענוג אָנצווײַזן אויף דער שלעכטער לאַגע. עס איז אויך אומבאַדינגט נויטיק אויסצופֿאָרשן די סיבות, וואָס האָבן צו איר געברענגט. נאָר אויף אַזאַ אופֿן איז פֿאַראַן אַ האָפֿענונג אויף אַ בעסערונג.

אַ וויכטיקער פּרט ביים אָפּשאַצן און אַנאַליזירן די לאַגע פֿון דער יידישער קולטור און ליטעראַטור איז דער פֿאַקט, וואָס מער ווי אַ העלפֿט פֿון יידישן וועלט־פֿאָלק געפֿינט זיך אויף דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט, דער עיקר אין צפֿון־אַמעריקע.

ס׳איז פֿאַראַן אַ מאמר אין תלמוד: גירסא דינקותא לא משתכת —

דער וואָס לערנט עפּעס אַלס קינד, פאַרגעסט עס נישט שפּעטער. דאָ וואָלט מען געקאָנט זאָגן: גירסא ד׳יענקיסע (פון דעם אויסדרוק „יענקי״) — מען זאַפּט איין אין זיך יונגערהייט די תורה פון די „יענקיס״ און „דאַדזשערס״, פון די שיקאַגער „סעוועדזשעס״ און די טאָראָנטער „רופּיאַנס״.
איך וויל מיט דעם נישט גיין אַזוי ווייט, ווי אינגאַנצן בעגירן דעם ענין ספּאָרט. עס איז אָבער שלעכט, וואָס די פיזישע גימנאַסטיק האָט אינגאַנצן אַרויסגעשטויסן די אינטעלעקטועלע גימנאַסטיק. מיר דאַרפן געדענקען, אַז אפילו אין אַלטן גריכנלאַנד, אין קלאַסישן לאַנד פון קערפּערלעכער קולטור, האָט אויך ספּאָרט נישט עלימינירט אַלע אַנדערע קולטור־אַקטיוויטעטן. אין אַטען האָט געהערשט אַ פּערמאַנענטע קאָ־עקזיסטענץ צווישן קערפּערלעכער און גייסטיקער קולטור. פּאַראַלעל מיט די פאַרשיידענע ספּאָרט־שפּילן און פאַרמעסטן האָט געבליט אַן אינטענסיווע אינטעלעקטועל און קינסטלעריש לעבן. אפילו אין די 5טאָגיקע אָלימפּישע שפּילן, וואָס פלעגן פאָרקומען יעדע 4 יאָר, זיינען אויך איינגעאָרדנט געוואָרן ליטעראַרישע אונטערנעמונגען און עס זיינען געלייענט געוואָרן פּאָעטישע שאַפונגען. ס׳איז אָנגעהאַלטן געוואָרן אַ גלייכגעוויכט צווישן דעם פיזישן און דעם גייסטיקן. און גאָרנישט וועט זיין ווייטער פון אמת, ווי זאָגן, אַז די גריכישע קולטור איז געווען אַ ווולגאַר־מאַטעריאַליסטישע. וועגן דעם זאָגן עדות די אומשטערבלעכע גריכישע קונסטווערק, די מייסטער־ווערק פון פילאָסאָפיע, פּאָעזיע און דראַמאַטישער קונסט.

וואָס שייך מאָראַל, האָט אויך קיינער נישט אַרויסגעקראָגן אויף דעם קיין אויסשליסלעכע „לייסנס״. אַז די גריכישע פילאָסאָפיע איז אינגאַנצן אַמאָראַליש, איז לעגענדע, וואָס ווערט אָפּגעלייקנט דורך די לעבנס פון אַזעלכע פילאָסאָפן, ווי עפּיקורוס און אַנדערע. ס׳איז גענוג בלויז צו ברענגען איין עפּיזאָד, דערציילט פון דעם אַלטן גריכישן היסטאָריקער דיאָגענעס לאַערטיוס וועגן דיאָגענעס דעם אַזוי גערופענעם ציניקער. פּלאַטאָן האָט איינמאָל געטראָפן דיאָגענעסן אין מאַרק פון אַטען, ווו ער האָט זיך פאַרנומען מיט אַ נישט בכבודיקער באַשעפטיקונג: וואַשן ירקות פאַר די הענדלערס. האָט ער אים געזאָגט: ווען דו וואָלסט געוואָלט זיין אַ הויף־מענטש ביי דיאָניזאָסן (דעם טיראַן פון סיראַקוז), וואָלסטו נישט

געמוזט וואַשן קיין ירקות. האָט אים דיאַגנעס געענטפערט: „ווען דו וואָלסט געוואַשן ירקות אין מאַרק, וואָלסטו נישט געמוזט זיין קיין הויפּ־מענטש ביי דיאַניזאָסן"...

אַזאַ באַלאַנסירטקייט פעלט איצטער אין אונזערע לענדער, ווו דער אַקצענט איז דער עיקר אויף פיזישן און מאַטעריעלן קאָמפאָרט. פּאַקטיש האָט אונזער מאָדערנער אַמעריקאַנער לעבנסשטייגער עפּעס בשותפותדיקס נישט מיט דער גריכישער, נאָר מיט דער רוימישער ציוויליזאַציע, וואָס איז צום סוף, אין איר דעקאַדענץ־צייט, פולשטענדיק וואולגאַריזירט געוואָרן.

פאַרשטייט זיך, אַז נישט אַלץ ביי אונדז איז פאַרספּאָרטעוועט און וואולגאַריזירט. אויך דאָס אַמאָליקע רוים איז דאָס נישט שטענדיק געווען.

פּאַקטיש איז בילדונג דאָ זייער פאַרשפּרייט, און מער יוגנטלעכע האָבן דאָ אַקאַדעמישע אויסבילדונג, ווי אין פיל אַנדערע לענדער. אָבער זאָל מען מיר מוחל זיין, ווען כ'וועל זאָגן, אַז די געלערנטקייט איז אַ מיטל צו דערגרייכן דעם סאָציאַל־עקאָנאָמישן סטאַטוס. די העכערע בילדונגס־אינסטיטוציעס גיבן אַרויס ספּעציאַליסטן, וואָס אינטערעסירן זיך בלויז מיט זייער געביט. און אפילו ביי די „פּי־עיטש־די" איז די הויפּט־אויפגאַבע צו מאַכן אַ שיין לעבן, אין דער צייט ווען ביי די אַמאָליקע פילאָסאָפן איז די אויפגאַבע געווען צו לעבן שיין, אָדער ווי די רוימער האָבן דאָס אויסגעדריקט אין דעם שפּריכוואָרט: „וויטא נאָן עסט וויוורע, סעד וואַלערע" (סתם לעבן הייסט נישט געלעבט: לעבן מיינט אַ ווערטפול לעבן).

די אַלגעמיינע אַקאַדעמישע בילדונג ווירקט נישט — אין רוב פאַלן — גינסטיק אויפצוהאַלטן די לעבעדיקע יידישע קולטור־טראַדיציעס. געוויינטלעך, ווען מען קריגט אַ „בי־עי", פאַרגעסט מען דעם א"ב...

ווייטערדיקע סיבות, וואָס ווירקן זיך אויס נעגאַטיוו פאַרן יידישן קולטור־לעבן און בעיקר פאַר דער ליטעראַטור, איז דער מעכאַניזירטער לעבנס־שטייגער. די אויטאָס, די טעלעוויזיע, די מעכאַניזאַציע און קאָמפאָרט פון טאָג־טעגלעכן לעבן זיינען זיכער גרויסע דערגרייכונגען, אָבער נישט שטענדיק זיינען טעכנישע דערגרייכונגען און קאָמפאָרט גינסטיק פאַר אויפנאַם־פעאיקייט, פאַר פאָעטיש לעבן. (פּאָעזיע איז אַ גייסטיקע בלום, וואָס קאָן וואַקסן און זיך צעבליען אפילו אין אַן אָרעמער סביבה.

נאָר אונטער ספּעציפֿישע באַדינגונגען פֿון פֿילבאַרקייט און בענקשאַפֿט נאָך שיינקייט).

עס דאַרף אָבער, למען האמת, געזאָגט ווערן, אַז דער אַזוי־גערופֿענער „מאַני־טעאיזם" איז נישט קיין אויסשליסלעך אַמעריקאַנער דערשיינונג. אין דעם זין איז אַמעריקע — אַ נעאָ־רוימישע ציוויליזאַציע. ס'איז גענוג צו נעמען ווי אַ ביישפּיל אַזעלכע גרויסע רוימישע שרייבערס, ווי האָראַ־ציוס און אַפּולעיוס, אין וועמענס ווערק עס קומט, דאָ און דאָרט, צום אויסדרוק אַ פֿאַראורטיילונג פֿון דער מאַטעריאַליסטישער געצנדינסט און וווּלגאַריזאַציע. לאָמיר דאָ ציטירן פּאַסנדיקע שטעלן פֿון די דערמאָנטע שריפֿטשטעלערס.

האָראַציוס, וואָס האָט געלעבט אין דעם 1טן יאָר־הונדערט פֿאַר דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג, האָט געשריבן אין זיין „פּאָעטישע קונסט":

„ווען די געלט־גייציקייט און תאווה פֿון רייכטום האָבן אָנגעשטעקט דעם גייסט, קאָנען מיר דען האָפֿן צו זען, אַז עס זאָלן געשאַפֿן ווערן לידער, וואָס פֿאַרדינען מען זאָל זיי פֿרעזערווירן מיט צעדער־אויל און זיי האַלטן אין קיפּערס־קעסטלעך?"

אַפּולעיוס, וואָס האָט געלעבט אין 2טן יאָרהונדערט פֿון דער קריסט־לעכער צייט־רעכענונג, האָט פֿאַראורטיילט די מאַטעריאַליסטישע טענדענצן פֿון זיין צייט און סביבה מיט אַ גלענצנדיקן מעטאַפֿאָר. ער האָט באַצייכנט די געלט־מענטשן, וואָס זיינען פֿאַרקויפֿט צום גאָלדענעם קאַלב, ווי פֿאַר־טריקנטעביימער, וואָס בליִען מער נישט און גיבן מער נישט קיין פֿרוכטן. און זייער אייניציקער ווערט איז בלויז אין זייער האָלץ. דער מענטש וואָס איז אַזוי וווּלגאַריזירט, אַז געלט ווערט זיין אייניציקער ציל, איז טאַקע נישט ווערט מער, ווי דאָס געלט וואָס ער פֿאַרמאָגט. אַן אַנדערער גייסטרייכער רוימישער דענקער און שריפֿטשטעלער, סענעקאַ, האָט אפֿילו געהאַלטן, אַז רייכע מענטשן באַזיצן נישט קיין געלט, נאָר פֿאַרקערט: דאָס געלט באַזיצט זיי. ער גיט אפֿילו אויף דעם אַ גלענצנדיקן פֿאַרגלייך:

ער ברענגט אַ ביישפּיל פֿון פֿיבער און זאָגט, אַז פּונקט ווי ביי דער היץ־קראַנקייט האָט אין דער אמתן דאָס פֿיבער דעם מענטש, אַזוי אויך

ביי רייכטום: נישט דער מענטש האָט עס, נאָר דאָס רייכטום האָט דעם מענטש.

דיאָגענעס האָט באַצייכנט די רייכע גריכישע עם־הארצים ווי שעפסן מיט גאָלדענע וואָל.

הייסט עס, אַז מאַטעריאַליסטישע טענדענץ איז נישט „מעיד אין אַמעריקע", בלויז די טענדענץ איז דאָ געוואָרן אַן אַלגעמיינע דערשיינונג. צוגעבנדיק נאָך אַנדערע סאָציאַלע און שטייגערישע נעגאַטיווע פאַקטאָרן, באַקומט זיך דאָס שאָטנדיקע בילד פון דעם מצב פון יידיש, פון דער יידישער ליטעראַטור און קולטור.

איך וואָלט געזאָגט, אַז דער דעפיציט איז סיי אַ קוואַליטאַטיווער, סיי אַ קוואַנטיטאַטיווער.

עס פעלן אונדז קאָנסומענטן, „קונים", סיי אין צאָל, סיי אין זין פון איכות. און אַ יידישער שרייבער האָט דאָס געפיל, אַז ער דאַוונט פאַרן עמוד אין אַ ליידיקער שול, אַ געפיל וואָס עס האָבן אַ סך ראַבאַיס אין די סינאַגאָגעס. די יידישע יוגנט ווערט אַריינגעצויגן אין דער ענגלישער שפּראַך און קולטור־ספערע. זיי ווערן פעלאָוס און אויס מעמבערס פון דער יידישער קולטור־סאָסייעטי.

ס׳איז באַקאַנט דער אַנעקדאָט מיט דעם מחבר, וואָס איז געקומען צו אַ באַרימטן רב, אַז ער זאָל אים געבן אַ הסכמה אויף אַ ספר מיטן נאָמען „יהגה חכמה". דער רב האָט אויפגעשריבן אַלס הסכמה די ווערטער: „צאָ חכמה טאָ ניע יעגאָ, אַ צאָ יעגאָ, טאָ ניע חכמה". עפּעס ענלעכס קאָן מען זאָגן וועגן דעם איצטיקן מצב. די נאַטירלעכסטע און צאָלרייכסטע לייענער און קויפער פון בוך, די קולטור־קאָנסומענטן אין אַלגעמיין האָט שטענדיק געגעבן די יוגנט, בפרט די שטודירנדיקע יוגנט. און איצט האָבן מיר אַ סיטואַציע, ווען די יידישע יוגנט, באַזונדערס די שטודירנדיקע, איז אָדער פאַרנומען מיט אַנדערע ענינים, אָדער זי לעבט זיך אויס אין דער ענגלישער קולטור. מיר רעדן דאָ נישט, פאַרשטייט זיך, פון דער באַגרע־נעצטער צאָל געטרייע לייענער און אָפּנעמער פון יידישן בוך, און אויך נישט פון די צייטונג־לייענער, ווייל די צייטונג קאָן, בכלל, נישט אָנגערופן ווערן קיין ליטעראַטור און קונסט.

די אַלע באַטראַכטונגען און אויספירן קאָנען זיכער קלינגען פּעסי־מיסטיש, און אפשר גאָר, רחמנא־לצלן, דעפּעטיסטיש. אָבער מאַכן אַ בילאַנס איז אַ נויטווענדיקייט נישט בלויז אין האַגדל; ס׳איז אויך אַ נויטווענדיקייט אויף יעדן געביט פון לעבן און טעטיקייט.

וואָס שייך פּעסימיזם און אָפּטימיזם, קאָן מען אפשר זאָגן, אַז אין אַ געוויסן זין זיינען די פּעסימיסטן די גרעסטע אָפּטימיסטן און די אָפּטימיסטן — די גרעסטע פּעסימיסטן. ווייל דער וואָס האַלט, אַז ס׳איז שלעכט, מוז דאָך זוכן עפּעס אַ גוטן אויסגאַנג־פּונקט. ער איז אַן אידעאַליסט, אַ זוכער פון העכסטן גוטס. פאַרקערט, דער אָפּטימיסט איז אַ טיפער פּעסימיסט, ווייל ער אַקצעפּטירט אַלע גורל־קרישקעלעך, גלויבנדיק, אַז ס׳האָט געקאָנט זיין נאָך ערגער.

*

ס׳איז כדאי צו באַרירן נאָך אַ דערשיינונג, וואָס זאָגט עדות וועגן דעם אומגינסטיקן מצב — דאָס פעלן פון אַ שרייבערישן נאָכוווקס. דאָס הייסט, אַז אויב די יידיש־לייענער צווישן יונגן דור זיינען פאַראַן גאָר ווייניק, זיינען כמעט אין גאַנצן נישטאָ קיין יונגע קינסטלער, יידיש שרייבערס. פאַרשטייט זיך, אַז מיר רעדן דאָ נישט פון אויסנאַמען, וואָס באַשטעטיקן בלויז דעם כלל.

אייגנטלעך איז נישטאָ וואָס צו חידושן זיך אויף דעם איבעררייסן די גאָלדענע קייט פון יידיש־שאַפן. אַ שעפערישער מענטש מוז האָבן דעם באַוווסטזיין, אַז זיין שאַפן האָט אַ שאַנס צו ווערן אויפגענומען און אָפּגענומען פון וועמען עס איז.

אויב מען וויל אָביעקטיוו אָפּשאַצן די לאַגע פון יידיש אין אַמעריקע און רוסלאַנד, קאָן מען, נישט געקוקט אויף די פאַרשידנאַרטיקע און אפילו קעגנזעצלעכע אַספּעקטן, קומען צום אויספיר, אַז ס׳איז פאַראַן אַ געוויסער בשותפותדיקער שטריך אין ביידע לענדער. דאָס איז די לאַגע פון מינאָריטעט־גרופּן און אַ מינאָריטעט־שפּראַך, וואָס ווערט אויפגעלייזט פון אַ מעכטיקן שטראָם פון אַ גרויס פאָלק און אַ גרויסער קולטור. אין די ביידע לענדער האָבן די יידן דערגרייכט צו אַן אינטעגראַציע אין אַלגעמיי־נעם עקאָנאָמישן און קולטורעלן לעבן. ס׳איז דאָ אַ גרויסער אונטערשייד,

וואָס אין אַמעריקע איז נישט מעגלעך קיין שום אָפּיציעלע דיסקרימינאַציע קעגן דער יידישער שפּראַך, קולטור און ליטעראַטור. אין סאָוועט־רוסלאַנד איז זינט דעם סוף פון דער 2טער וועלט־מלחמה יאָ פאַראַן אַזאַ דיסקרימי־נאַציע. מען דאַרף אָבער פרעגן די קשיה: „ביי אונדז, ווו ס'איז נישטאָ קיין אָפּיציעלע דיסקרימינאַציע און אונטערדריקונג — איז נישט די לאַגע פון יידיש קיין שפּלדיקע? לייענט מען אַ סך יידישע ביכער און זשורנאַלן? דאָ האָט יידיש די גרעסטע פרייהייטן, אָבער דאָך איז נישט קיין בלי־צייט אין דעם יידישן גאָרטן".

מדינת ישראל, מיט אירע איבער צוויי און אַ פערטל מיליאָן יידן, איז היינט צו טאָג דער דריט־גרעסטער יידישער ישוב נאָך די פאַראיי־ניקטע שטאַטן און רוסלאַנד. אויך דאָרט ווערט יידיש פאַרשלונגען אין דעם אַלגעמיינעם העברעאישן קולטור־שטראָם פון לאַנד.

אַ סך אָפּטימיסטישע יידישע קולטור־מענטשן דערמאָנען ווי אַ פּאָזי־טיווע דערשיינונג, וואָס די אָפּיציעלע קרייזן אין ישראל האָבן געענדערט זייער פייַנטלעכע שטעלונג צו יידיש. מען קאָן נישט לייקענען, אַז די באַציונג האָט זיך געענדערט צום גוטן. נאָך מער: די אָפּיציעלע קרייזן אין ישראל האָבן איצט גאָר וואַרעמע ווערטער פאַר דער יידישער שפּראַך. מען רעדט וועגן איר מיט אַן עלעגישן טאָן און מען לויבט זי אין הימל אַריין. אָבער דאָס איז פאַקטיש אַ באַווייז, אַז יידיש ווערט דאָרט מער נישט געהאַלטן ווי אַ קאָנקורענט. מען קאָן זיך שוין דערלויבן צו זיין ליבעראַל. מען גייט אַרום דער שפּראַך ווי אַרום אַ הולה מסוכן. און אַנדע־רע האַלטן נאָך ווייטער: זיי זינגען שבחים, הספדים ווי נאָך אַ טויטן... עס ווערט טרויעריק פון אַזעלכע שבחים, און וואָס שייך דעם לערנען די שפּראַך אין אַ הויך־שול, דערמאָנט עס אין כאַלדעאיש אָדער סאַנסקריט.

עס איז כדאי צו דערמאָנען וועגן אַ כאַראַקטעריסטישן פאַל: באַראַכאָווס מצבה מיט דעם יידישן טעקסט, וואָס איז געבראַנגט געוואָרן פון סאָוועט־רוסלאַנד אין קיבוץ גינוסר, ביים כנרת, האָט געפונען אַ מקום מנוחה אין אַ שפּייכלער פון קיבוץ. אויף דער נייער מצבה, וואָס געפינט זיך אויף דעם בית־עולם, איז דאָ בלויז אַ העברעאישער טעקסט. נאָר אין דער צווייטער זייט זיינען אין אַ ווינקל אויסגעקריצט עטלעכע יידישע ווערטער.

דאָס סימבאָליזירט די לאַגע: באָראָכאָוו, דער פילאָלאָג און חובב יידיש, האָט נישט זוכה געווען, אַז זיין מצבה מיט די אויסגעקריצטע יידישע ווערטער, זאָל שטיין אויף זיין קבר, נאָר מוז זיך וואַלגערן אין אַ דאָרף־שפייכלער.

מען וועט אפשר פרעגן: ווו זיינען די חובבי־יידיש אין ישראל? וואָס טוען זיי צו ענדערן דעם מצב? דער ענטפער איז, אַז ליידער האָט יידיש נישט קיין אליעזר בן יהודהס. אפילו די דאָרטיקע יידישע שרייבערס רעאַגירן נישט ווי געהעריק. מען קאָן אפילו זאָגן, אַז זיי רעאַגירן איבערהויפּט נישט. מען דאַרף אָבער נישט איילן זיך און טאַדלען די יידישע שרייבערס און אינטעלעקטואַלן אין ישראל. אל תדין את חברך עד שתגיע למקומו — איז אַן אַלטער כלל.

דאָס איז דער סך־הכל וועגן דער לאַגע פון יידיש אין די דריי גרעסטע יידישע ישובים — אין צפון־אַמעריקע, סאָוועט־רוסלאַנד און מדינת ישראל.

*

פעסטשטעלן, דעפינירן אַ געוויסן צושטאַנד הייסט נישט מאַכן שלום מיט דעם צושטאַנד.

ס'איז נאָך אַלץ מעגלעך אַ רעטונג. פאַרשטייט זיך, אַז צו אַזאַ קאָמפּליצירטער אויפגאַבע זיינען נישטאָ קיין פאַרטיקע רעצעפּטן. עס זיינען נויטיק מענטשן מיט וויזיע און מיט איניציאַטיוו, וואָס זאָלן שאַפן אַ קעגן־שטראָם צו די כוואַליעס, וואָס פאַרשלינגען יידיש. עס זיינען אוודאי פאַראַן פיל יחידים מיט אידעאַליזם פאַר יידיש און די קולטור־ווערטן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער שפּראַך. ס'איז נויטיק, אַז זיי אַלע זאָלן זיך פאַראייניקן און שאַפן אַ באַדן פאַר דער היימלאָזער שפּראַך און אַ מאָרגן, אַ צוקונפט פאַר אירע שעפערישע ווערטן. אַזאַ פאַראייניקונג פון וויזיאָנערן מיט פּראַקטישע מענטשן, איז מעגלעך. און אויב זי וועט צושטאַנדקומען, איז נאָך אַלץ מעגלעך אַ געוויסער המשך פון דעם נאַציאָנאַלן שטראָם וואָס איז אַ סינטעז פון סעקו־לאַריזם און יידישקייט.

אַ רענעסאַנס פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור איז ענג

פֿאַרבונדן מיט געבן סטאַטוס דעם יידישן שרייבער, מיט געבן אים אַן אַטמאָספֿערע, אַן עכאָ, אַן אוידיטאָריע.

אונדזער אַמעריקאַנער ציוויליזאַציע איז אַ טאַנץ אַרום דעם עגל הזהב, דאָס איז זיין מאַיעסטעט, דער רייכער עם־הארץ, וועמענס רעקלאַמע־וואָגן ווערט געשמירט פֿון די פּובליסיטי־סמאַראָוואָזניקעס. אָט דער סטיל גייט אונטערן באַקאַנטן פּזמון: „מר. אַזוי און אַזוי האָט געזאָגט״... אין דער אמתן זאָגט ער אַליין גאָרנישט, נאָר זיין געלט זאָגט, ווי דאָס ווערטל גייט: „מאָני טאָקס״... (געלט רעדט).

אין אַזאַ צייט ווערן די לוחות צעבראָכן, אַלס פּראָטעסט קעגן דער עבודה־זרהדיקער וואַקכאַנאַליע. פֿאַראַן אַ ווונדערלעכע שילדערונג אין חומש (פּרשת בשלח) וועגן דער מלחמה פֿון די עמלקים מיט די יוצאי מצרים: „והיה כאשר ירים משה ידו, וגבר ישראל, וכאשר יניח ידו, וגבר עמלק״.

ווען די גייסטיקע פֿירער פֿון אַ פֿאָלק לאָזן אַרונטער די הענט, ווען זיי ווערן אַנטמוטיקט, דאַן זענען גובר די נעגאַטיווע כוחות. דאַן קומט ציניזם, דעמאָראַליזאַציע און ניהיליזם. ווען די גייסטיקע פֿירער הייבן אויף די הענט, ווען זיי זיינען פֿול מיט מוט, מיט האָפֿענונג און גלויבן, דאַן איז גובר דאָס פֿאָלק. אין דער איצטיקער צייט לאָזן זיך אַרונטער די הענט פֿון דעם שעפֿערישן מענטש. ס׳איז אַ צייט פֿון צו־ריקגאַנג, פֿון ספֿקות. דאָס טויג נישט, דאָס איז שעדלעך. מ׳דאַרף צו־נויפֿנעמען דעם גלויבן, דעם ווילן און די באַגייסטערונג צו גיין קעגן שטראָם, צו בויען ווייטער, נישט געקוקט אויף די בייזע ווינטן.

ביכער פון זעלבן מחבר:

נאָקטורנס,	לאָדזש־וואַרשע	1938
ליטעראַרישע סילועטן,	מינכען	1949
לידער,	מינכען	1950
עפּיגראַמאַטיש,	מאָנטרעאַל	1954
פון וועלט־קוואַל,	תל־אביב	1963
לאָדזשער פּאָרטרעטן,	תל־אביב	1963